3)63

א׳ רעוואָוצקי

אין די שווערע טעג אויף אוקראַינע

זכרונות פון אַ יידישן מיניסטער

4A
24237

יידישער ליטעראַרישער פאַרלאַג
בערלין
1924

איבערזעצן און איבערדרוקן אָהן דער ערלויבעניש פונם אַוטאָר — פאַרבאָטן.

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941:9809

Buchdruckerei Lutze & Vogt G. m. b. H., Berlin SW 48

I. דער אויפשטאַנד קעגן העטמאַן און יידישע שטימונגען

די ערשטע ידיעה וועגן אוקראַינישן אויפשטאַנד. — דער איינדרוק אין אָדעס. — די באַציהונג צו דער העטמאַן־רעגירונג. — צווישן האָפנונגען און זאָרגן. — די אַנטאַנט און די אָדעסער קהלה. — דער אויסגאַנגס־פונקט פון די ווייטערדיגע אומגליקן.

ס'איז געווען אויף אַ זיצונג פונם סעניאָרן־קאָנווענט פון דער אָדעסער קהלה. אינדרויסן, אויף דעם קוים באַלויכטענער גאַס, האָט געקראַפּעט אַ קאַלטער, מיט נאַסן שניי פאַרמישטער, נאָוועמבער־רעגן. מיר זיינען געזעסן אין אַ קליינעם וואַרעמען צימער אויף דער באַזאַר־גאַס און האָבן געקנייטשט דעם שטערן וועגן אַ גוואַלטיגן פראָבלעם, — צי זאָל די קומענדיגע זיצונג פון דער דעמאָקראַטישער קהלה זיין אַ פייערליכע אָדער אַ פשוטע. אוסישקין, מיט זיין באַרימטער אייזערנער ענערגיע, האָט אין נאָמען פון דער ציוניסטישער פראַקציע קאַטעגאָריש פאַרלאַנגט, אַז די זיצונג זאָל זיין גראָד אַ פייערליכע, געווידמעט דער נאָר וואָס פאַרענדיגטער סעסיע פון דער צייטווייליגער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. פראָפ. קאַגאַן, דער באַקאַנטער מאַטעמאַטיקער, האָט אין נאָמען פון דער פאָלקס־פאַרטיי (אין אָדעס האָבן זיי זיך אָנגערופן „נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטן") געשטיצט דעם פאָרשלאָג, אָבער אָהן באַזונדערן ענטוזיאַזם. די סאָציאַליסטישע פראַקציעס, וואָס זיינען ניט שטאַרק מרוצה געווען פון די קיעווער באַראַטונגען, האָבן געוואָלט געבן דער קומענדיגער זיצונג אַ מער ניכטערן כאַראַקטער. בפרט האָט זיך געקאָכט מערעזשין, דעמאָלט דער פאָרשטייער פון דער בונדיסטישער קהלה־פראַקציע.

אינמיטן פונם דאָזיגן הייסן ווכוח רופט מען איינעם פון אונז צום טעלעפאָן. מען רעדט פון דער רעדאַקציע פון „אדעסקיאַ נאָוואָסטי“:

— נאָר=וואָס דערהאַלטן וויכטיגע נייעס. אוקראַינישע אינסורגענטן, אונטער דער אָנפירונג פון פעטלורא, האָבן היינט איינגענומען אַלס רעפובליקאַנישער חייל פאַרנומען פאַסטאָוו און אָפגעשניטן די באַן=פאַרבינדונג צווישן קיעוו און אָדעס. זיי פראָקלאַמירן אַ רעוואָלוציע אַקעגן דעם העטמאַן. טויזנטער פויערים שטייען צו זיי צו.

די ידיעה האָט אויף אַלע אָנוועזנדע געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. מען האָט פאַרגעסן אויף אַ מאָמענט וועגן דער קומענדיגער קהילה=זיצונג און אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינעם פריוואַטן שמועס וועגן די קאָנסעקווענצן פון די נייע געשעהענישן. אַז דאָס איז ניט סתם אַן עפּיזאָד, אַז דאָ הויבט זיך אָן אין לאַנד אַ צווייטע רעוואָלוציע — דאָס האָבן אַלע נע=פילט. די פאראויסזעצונגען דערצו זיינען רייף געווען: דער וואָפן=שטילשטאַנד אין פראַנקרייך איז נאָר=וואָס געשלאָסן געוואָרן; אין דער דייטש=עסטרייכישער אָקופאַציאָנס=אַרמעע אויף אוקראַינע האָבן זיך באַוויזן די ערשטע פרות פון דער מיליטערישער נידערלאַגע; מען האָט שוין אָנגעהויבן שמועסן וועגן סאָלדאַטן=ראַטן. דער סלוף, אויף וועלכן כ'האָט זיך געשטיצט די העטמאַנישע רעאַקציע, האָט אויף אַזאַ אופן געהאַלטן ביים צעפוילט ווערן...

נאָך דעם, ווי דער ערשטער איינדרוק פון דער סענסאַציאָנעלער ידיעה איז אַריבער, האָט זיך דער סעניאָרן=קאָנווענט אומגעקערט צו זיין אָפיציעלן סדר=היום. די קאַמף=שטימונג האָט זיך אויף ביידע זייטן מיטאַמאָל אויסגעזויפט... מען האָט ווי ניט איז, דורך אַ קאָמפּראָמיס, ערלעדיגט די פראַגע וועגן דער קומענדיגער קהלה=זיצונג און זיך פונאַנ=דערגעגאַנגען אַהיים.

* * *

פאַר מיר פערזענליך איז די ידיעה ניט געווען איבעראַשנד. נאָך מיט עטליכע טעג פריהער, בעת די זיצונגען פון דער יידישער נאַציאָ=נאַלער פאַרזאַמלונג אין קיעוו, האָב איך באַגעגנט אויף דער גאַס איינעם פון די אנגעזעהענסטע טוער פון דער אוקראַינישער צענטראַלער ראַדע. נאָך דער ערשטער באַגריסונג האָב איך אים גלייך געפרעגט:

— „דער וועלט־קריג איז דאָך שוין פאַרענדיגט. וואָס וועט ווערן דאָ, אויף דער אוקראַינע?“

מיין מיטשמועסער האָט זיך געהיימניספול אַ בויג געטאָן צו מיין אייער:

— „ס'וועט ווערן פריילעך; פריהער, ווי איר מיינט“.

— „נו, און פ ו ן צ פ ו ן וועט מען ניט שטערן? האָט מען זיך מיט ז י י צונויפגערעדט?“

אונטער „זיי“ זיינען נאַטירליך פאַרשטאַנען געוואָרן די באָלשעוויקעס.

— „איר קאָנט זיין רוהיג. דאָס מאָל זיינען מיר אין פולן קאָנטאַקט!“

— אַלוואַי!

און דערמיט האָט זיך דער שמועס פאַרענדיגט. רעדן צו פיל וועגן פאָליטיק און בפרט אויף דער גאַס איז אין יענער צייט געווען געפערליך.

* *
*

ביי דער ערשטער ידיעה וועגן דעם „רעספובליקאַנישן“ אויפשטאַנד איז דאָס הערשנדע געפיל געווען — אויפריכטיגע, טיפע צופרידנקייט. ניט נאָר יידישע סאָציאַליסטן, נאָר אפילו אויך באַדייטנדע קרייזן פון דער יידישער קליין־בורזשואַזיע האָבן זיך באַצויגן צו דער העטמאַנישער רעגירונג מיטן שאַרפסטן, פאַרביטערטן האַס. אויב פאַר אַ סאָציאַליסט איז דערביי געווען מאסגעבנד זיין קלאַסן־שטעלונג איז פאַרן יידישן קליינבירגער ווידער געוואָרן אַנטשיידנד, ווי אין צאַרישער צייט, דער נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר מאָמענט. די אַנטיסעמיטישע טענדענצן פון דער העטמאַנישער רעגירונג זיינען געווען צו אָפן, צו בולט, כדי זיי זאָלן ניט שטעכן יעדן אין די אויגן. ווידער אַראָפּפאַלן פון דער הויך, אויף וועלכע מען איז נאָר וואָס אויפגעהויבן געוואָרן דורך דער רוסישער רעוואָלוציע אין דעם שווינדעלדיקן תהום פון יידישע באַגרעניצונגען, באַגנוגענען זיך במקום דער נאָר־וואָס אָפּגעשאַפענער שטאָלצער נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע מיט דער מאַכטלאָזער אַלטפרענקישער גבאים־ווירטשאַפט, — דאָס איז געווען אויך פאַרן יידישן קליינבירגער

אַ צו שווערער נסיון, כּדי ניט אַרויסרופן בײַ אים אַן אָפּאָזיציאָנעלע שטימונג, ניט קוקנדיק אפילו אויפן שרעק פאַרן געשפּענסט פונם באָלשעוויזם.

און חוץ דעם האָט דער יידישער קליינבירגער שוין אין יענע טעג געפילט, אַז די טעג פון סקאָראָפּאַדסקיס רעגירונג זײַנען געציילט. אין איר אינעווייניגסטער קראַפט האָט קיינער אויף אוקראַינע ניט געגלויבט. מען האָט געזעהן באַשיינפּערליך, אַז דאָס איז אַ צאַצקע אין די הענט פונם דײַטשן מיליטאַריזם, וואָס מוז פאַלן צוזאַמען מיט אים. און אויב ניט רעכענען אויף דעם, אַז די אַנטאַנט וועט מיט איר מיליטער פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די דײַטשן, איז געווען קלאָר, אַז די מאַכט וועט איבערגיין אָדער צו די אוקראַינער אדער צו די באָלשעוויקעס — ד. ה. אָדער צו די פּויערים אָדער צום שטאָטישן אַרבעטער־קלאַס. קיין דריטע ערנסטע אינווייניגסטע קראַפט איז אין אוקראַינע צו יענער צייט שוין ניט געווען.

האָבנדיק די אויסוואַל צווישן די אוקראַינער — פונם פּרצוף פון דער צענטראַלער ראַדע — און צווישן די באָלשעוויקעס, האָט דער קליינבירגערליכער עולם צו יענער צייט געהאַט אויסגעשפּראָכענע סימפּאַטיען פאַר די ערשטע. אפילו די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען זײַנען דעמאָלט אין זייער איבערוויגנדן רוב געווען קעגן אַ ריינער אַרבעטער־מאַכט אויף אוקראַינע. אַנטשיידנד פאַר דער דאָזיגער שטעלונג איז געווען דאָס באַוואוסטזיין, אַז גראָד אין אוקראַינע וועט זיך די דיקטאַטור פונם שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט אנשטויסן אויף די גרעסטע שוועריגקייטן, און אַז אינם גוואַלטיגן סאָציאַלן סכסוך, וואָס וועט אַרום דעם אַנטשטיין, וועט די יידישע באַפעלקערונג זײַן אויף דער ליניע פונם קלענסטן ווידערשטאַנד. די באַפעסטיגונג פון דער אוקראַינישער סאָציאַליסטישער מאַכט האָט זיך בײַ אַזעלכע באַדינגונגען אויסגעוויזן אַלס דאָס בעסטע מיטל כּדי אויסצומײַדן די דראָהענדע שוואַרצע פּערספּעקטיוון.

בלויז אין פעברואַר 1919, ווען די אוקראַינישע באַוועגונג, פאַרלירנדיג איר סאָציאַלן אינהאַלט, איז געוואָרן דער שטיץ־פּונקט פאַר שאָוויניסטישן באַנדיטיזם און דער אויסגאַנגס־פּונקט פאַר שרעקליכע יידישע שחיטות, האָט די ברייטע יידישע באַפעלקערונג אָנגעהויבן קוקן אויף די באָלשעוויקעס, אַלס אויף דאָס קלענערע בייז. מיט אַ פּאָר

חדשים פריהער, אין נאָוועמבער-דעצעמבער 1918, זיינען אָבער אירע סימפּאַטיען פאַר דעם אוקראַינישן אויפשטאַנד געווען גאַנץ אויפריכטיגע און ערנסטע.

דעם אמת זאָגנדיג, האָט שוין אין נאָוועמבער 1918 אין אונזער פרייד איבערן רעפּובליקאַנישן אויפשטאַנד זיך אַריינגעמישט אַ היפּש ביסל ערנסטע זאָרגן. מיר האָבן געוואוסט גאַנץ גוט, אַז די אוקראַינישע באַוועגונג איז ניט קיין איינהייטליכע, אַז גלייכצייטיג מיט ערנסטע און אויפריכטיגע סאָציאַליסטן זיינען אין איר פאַראַן געווען אומבאַוואוסטזיניגע און צווייפלהאַפטע עלעמענטן. מיר האָבן ניט פאַרגעסן די אַנטיסעמי-טישע שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט אויף דער גאַלעריע פון דער צענטראַלער ראַדע בעת אירע לעצטע פאַר חדשים. מיר האָבן גע-וואוסט, אַז ס'איז נענוג , אַז די אוקראַינישע באַוועגונג זאָל זיך נאָר אַ ביסל אָפּקערן פון איר וועג, כדי זי זאָל באַהערשט ווערן דורך רעאַק-ציאָנערע און אַוואַנטוריסטישע עלעמענטן און אַריינקומען אין די הענט פון מענשן, וואָס זיינען אויף אַלץ פעהיק...

ס'איז אָבער פאַר אונז אויך געווען קלאָר, אַז קעמפן אַנטקעגן דער דאָזיגער סכנה דורך אַנטקעגנשטעלן זיך קעגן דער גאַנצער אוקראַי-נישער באַוועגונג וואָלט געווען ניט נאָר אומגערעכט, נאָר קודם-כל לייכטזיניג און פאַרברעכעריש-נאַריש. די אוקראַינישע סטיכיע איז פאָרט געווען די שטאַרקסטע אין לאַנד, און אויב יידן וואָלטן זיך אַנטקעגנ-געשטעלט איר אַלס אָרגאַניזירטער גוף, וואָלטן זיי פשוט אַראָפּגע-שווענקט געוואָרן פונם וועג... ס'איז דעריבער געווען איין-איינציגער לאָגישער אויסוועג: מיטקעמפן צוזאַמען מיט דער נייער אוקראַינישער רעוואָלוציע, פאַרשטאַרקן אין איר די השפעה פון די לינקערע, סאָציאַ-ליסטיש-דענקענדע עלעמענטן און שטרעבן מיט אַלע כוחות צו ברענגען זי אין הסכם אין אַ פרידליכן הסכם מיט די אינטערעסן פונם רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט, פון דער מאָסקווער ראַטן-רעפּובליק. דאָס איז אין סוף נאָוועמבער 1918 געווען די פּאָליטישע ליניע ניט נאָר פון מיינע ענגערע פּאַרטיי-פריינט, די פּועלי-ציון", נאָר אויך פון די „פאַראייניגטע" אין איבערוויגענדן טייל פונם „בונד". אפילו צווישן געוויסע דעמאָקראַטישערע עלעמענטן פונם יידישן קליינבירגערטום האָט די דאָזיקע פּאָליטיק דעמאָלט געפונען דאָס גרעסטע פאַרשטענדניש.

* *
*

אויף וויפיל דאָס אידישע בירגערטום איז אָבער געווען אָרגאַניזירט, צי אין אַלגעמיינע ווירטשאַפטליכע קלאַסן־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין דער צייט פונם העטמאַן („פּראָטאָפּיס“ וכדומה), צי אין זיינע גרעסערע פּאָליטישע פּאַרטייען, האָט עס זיך גאַנץ אָפן אָריענטירט אויפן אויסערליכן כח פון דער אַנטאַנט. צוטערנדיג פאַר זיינע קלאַסן־פּאָזיציעס, האָט דאָס אָרגאַניזירטע בירגערטום זיך געטרייסט מיט דער האָפענונג, אַז אָט־אָט וועלן קומען די זיגער פון דער וועלט, ברענגען מיט זיך קיין אוקראינא אַ האַלבע מיליאָן סאָלדאַטן און אַ היפּש ביסל טאַנקען, — און אין לאַנד וועט איינגעפלאַנצט ווערן אָרדענונג און דעמאָקראַטיע. ווילסאָנס 14 פּונקטן און בפרט די באַלפור־דעקלאַראַציע זיינען ענערגיש אויסגענוצט געוואָרן, כדי אַרומרינגלען די אַנטאַנט פאַר די אויגן פונם יידישן בירגער מיטן אָרעאָל פון פרייהייט און יושר. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ביים אָנקומען פון די ערשטע קריגס־שיפן פון דער אַנטאַנט (סוף נאָוועמבער 1918) האָט די אָדעסער יידישע קהילה באַשלאָסן צו שיקן אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע, וואָס זאָל באַגריסן די פאַרבינדעטע, אַלס טרעגער פון דער דעמאָקראַטיע און באַשיצער פונם יידישן פאָלק אין אוקראַינע. נאַטירליך, איז אַרום דעם דאַזיגן באַשלוס געקומען צו אַ שאַרפן צוזאַמענשטויס מיט די סאָציאַליסטישע פראַקציעס. די סאָציאַליסטן האָבן, חוץ דעם אָנווייז אויפן אַלגעמיינעם רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פון דער זיגרייכער קאָאַליציע, אָפּגערירט דאָס מאָל מיט אַרגומענטן, וואָס פלעגן בכלל געפינען גראַד ביי דער יידישער בורזשואַזיע אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג. זיי האָבן אָנגעוויזן, ווי געפערליך ס'איז פאַר די אַלגעמיין־יידישע אינטערעסן, ווען די גרעסטע קהילה אויף אוקראַינע שטעלט זיך אַנידער אַלס אַ גאַנצע אויף דער זייט פון דער רעאַקציע אין דעם גוואַלטיגן כאַציאַלן קאַמף, וואָס הויבט זיך אַז אין לאַנד. זיי האָבן געמאָנהט, אַז אַזאַ שטעלונג מצד אַ פאַראַנטוואָרטליכער יידישער קערפּערשאַפט קאָן ווירקן פּראָוואָצירנד און גיסן וואַסער אויף די מיל פון יענע אוקראַאינישע „סאָציאַל־שאָוויניסטן“, וועלכע האָבן סיי־ווי געפּרעדיגט, אַז יידנטום און בורזשואַזיע איז אויף דער אוקראַינע איינס און דאָס זעלבע.

די טענות האָבן ניט געהאָלפן. די בירגערליכע מערהייט פון דער קהילה האָט דורכגעפירט אירס. און ניט ווילנדיג אויסנוצן די שפּעטער־דיקע געשעהענישן צוליב אַ פּאַרטיי־פּאָלעמיק און ניט האָבנדיג דעם קלענסטן חשק צו פאַרדעכטיגן די מאָטיוון פון פּאָליטישע קעגנער, דאַרף מאָן איך זיך דאָך מיט ביטערקייט, אַז די גרעסטע יידישע קהילה אין אוקראַינע האָט ענטוזיאַסטיש באַגריסט ד י מאַכט, וועמענס אָנקומען און אנוועזנקייט איז געוואָרן דער שטײן־פונקט און דער סיגנאַל פאַרן בלוטיגן גיהנום, און וועלכן דאָס אוקראַינישע יידנטום האָט זיך געטרונקען אינם פינסטערן יאָר 1919..

* *
*

די גערעכטיגקייט פאַרלאַנגט אָבער צו קאָנסטאַטירן, אַז די יידישע בורזשואַזיע איז אין איר אָריענטאַציע אויף דער אַנטאַנט ניט געשטאַנען אַליין. מיר ריידן שוין ניט וועגן דעם גרויס רוסישן אָדער רוסיפיצירטן שטאָטישן בירגערטום, וואָס האָט ממש געלעכצט נאָך דער גליקליכער שעה, ווען די פאַרבינדעטע טאַנקען וועלן אויפפאָרן אויף קרעטשאַטיק און סומסקאַיאַ־גאַס און מאַכן אַ וויסטן סוף סיי צו די „מאַזעפּינצעס“, סיי צו די באָלשעוויקעס מכל המינים. ס׳איז אָבער אַ פאַקט, אַז אויך אין דער אוקראַינישער באַוועגונג גופא זיינען פון אָנהויב אָן געוועזן עלעמענטן, וואָס האָבן געטרוימט וועגן דעם מאָמענט, ווען דאָס אוקראַינישע פאָטערלאַנד וועט אָנערקענט ווערן דורך די קאַבינעטן פון פּאַריז און לאָנדאָן, און די געל־בלויע אוקראַינישע פאָן וועט ערלויבט ווערן, צוזאַמען מיט דער פראַנצויזישער טריקאָלאָרע און דעם בריטישן יוניאָן־דזשעק, צו פלאַטערן איבער די חילות פון דער „וועלט־דעמאָקראַטיע“, וואָס וועלן גיין מאַכן אָרדענונג אינם באָלשעוויסטישן רוסלאַנד. די דאָזיגע טענדענצן איז דערנאָך באַשערט געווען צו ווערן דער אויסגאַנגס־פונקט, פון וועלכן ס׳האָט זיך אָנגעהויבן סיי די פולע קאָמפּראָמעטאַציע פון דער אוקראַינישער אידעע, סיי אויך די בלוטיגע סדרה פון יידישע פּאָגראָמען..

II. מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער אוקראַי־ נישער פראַגע

א פאַראַנטוואָרטליכער אויפטראַג. — זיינע שוועריקייטן. — Ignoramus. — די שלאָפנדע כחות. — רעוואָלוציע, עוואָ־לוציע און די אוקראַינישע פראַגע. — נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע. — יידישע אַסימיליאַציע און אוקראַינישע באַ־וועגונג. — אַ געפערליכע טאַקטיק.

צום ערשטן מאָל איז מיר אויסגעקומען נאָענטער צוגיין צו דעם אוקראַינישן פּראָבלעם אינם יאָר 1914, אַ פּאָר חדשים פאַרן וועלטקריג. כ׳האָב דעמאָלט געוואוינט אין ווין און זיך געקליבן פאָרן אויף זומער קיין רוסלאַנד. זייענדיג אין ווין, פלעג איך פון צייט צו צייט ברענגען ידיעות פון די רוסישע בלעטער אין די רעדאַקציע פון דער ליבעראַלער „Zeit“: צוועלף העלער אַ שורה זיינען געווען אַ גרויסע מטבעה... בין איך ערב דער נסיעה אַריין צום שעף־רעדאַקטאָר, פּראָפ. קאַנער, דערציילט וואוהין כ׳פאָר און געבעטן, ער זאָל מיר געבן אַן ע ר נ ס ט ן זשורנאַליסטישן אויפטראַג. כ׳וויל זיך שאַפן אַ פּלאַץ אין דער ווינער פּרעסע און יאָג זיך ניט דעריבער נאָך גרינגער אַרבעט.

פּראָפ. קאַנער, מער געלערנטער, ווי זשורנאַליסט, האָט מיך אויפ־מערקזאַם באַטראַכט פון קאָפּ ביז פיס, אַ קנייטש געטאָן דעם הויכן שטערן, אַ גלעט געטאָן די שוין גרויע באָרד און האָט דערנאָך לאַנגזאַם, ווי אַ מענש, וואָס איז זיך מישב מיט זיך אַליין, געענטפערט:

— „גוט, כ׳האָב פאַר אייך אַ שווערע אויפגאַבע, זעהר אַ שווע־רע. שרייבט אונז וועגן דער אוקראַינישער פראַגע. אָבער, פאַר־שטייט איר מיך, ניט דאָס, וואָס מיר ווייסן שוין אַליין. מיר ווייסן

אויסגעצייכנט, אַז אוקראַינער האָבן זייער באַזונדערע געשיכטע און באַזונדער שפּראַך, און אַז זייערע העטמאַנען האָבן געשלאָסן מיט מאָסקווע מלוכה־פּאַרטראַגן, וועלכע זיינען דערנאָך ניט איינגעהאַלטן געוואָרן. מען האָט אונז געגעבן און איבערגעגעבן דערציילט וועגן רדיפות אויף די אוקראַינישע באַוועגונג, וועגן אַ פאַרבאָט פון עוואַנגעליומס אויף אוקראַינישער שפּראַך, וועגן פאַרבויגענעם יושר און מיט פּיס געטראָטענער גערעכטיגקייט. דאָס אַלץ אינטערעסירט אונז ווייניג.

„נעמט די אויפגאַבע אַזוי. ס׳וואוינט אין רוסלאַנד אַ פאָלק פון דרייסיק מיליאָנען. רופן מיר אים אָן אויף אַ מאָמענט „קליין־רוסן“. און ס׳אנשטייט פאַר אונז די פראַגע, וואָס ווערט פונם דאָזיגן פאָלק באמת: אוקראַינער אָדער אַל־רוסן? וואָס זיינען די אביעקטיווע טענדענצן פון זיין אַנטוויקלונג, אומאָפּהענגיג פון אונזערע סימפּאַטיען און וואונשן? גייט דאָס דאָזיגע פאָלק צו דער אָפּזונדערונג פונם רוסישן פאָלק אָדער צו דער פאַרשמעלצונג מיט אים?

„גיט אונז אויף דער דאָזיגער פראַגע אַן אָביעקטיווע, ניכטערע תשובה, פאַרשטאַרקט דורך שטודיום און אייגענע באַאָבאַכטונגען“.

כ׳האָב דעם אויפטראַג מיט חשק איבערגענומען: ער האָט פולשטענדיג אַנטשפּראָכן דעם ערגייץ פון אַ יונגען זשורנאַליסט. כ׳בין גלייך אָפּגעפאָרן קיין אוקראַינא, געווען אין קיעוו און אדעס, גערעדט מיט אַ רייע פון אוקראַינישע און אוקראַינאָפילע טוער, איינגעקויפט אַ פּאַק פון כלערליי ליטעראַטור — אָנהויבנדיג פון גרושעוויק׳ס געשיכטע און ענדיגנדיג מיטן אַנטיאוקראַינישן בוך פון שטשעגלאָוו וועגן דעם הויכפאַררעטערישן כאַראַקטער פונם אוקראַינישן סעפּאַראַטיזם. דאָס דאָזיגע בוך, אָנגעשריבן פון אַ רעאַקציאָנערן קיעווער צענזאָר צום גרעסטן טייל אויפן יסוד פון אָכראַנע־מאַטעריאַלן, איז אַ העכסט טענדעציעזער, אָבער זעהר אַ גרינדליכער שטודיום איבער דעם כאַראַקטער און באַשטרעבונגען פון דער אוקראַינישער באַוועגונג.

נאָך אַ פּאָר חדשים פון פלייסיגע באַאָבאַכטונגען און שטודיען האָב איך — שוין זייענדיג אין בולגאַריען — געענטפערט דעם פראָפ. קאַנער מיט אַ קורצן בריוועלע, אַז כ׳פיל זיך ניט בכח צו ענטפערן אויף דער פראַגע אַזוי, ווי ער האָט זי מיר געשטעלט.

היות ווי די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן ערנסט, וויל איך ניט אויף איר ענטפערן מיט אַ געוויינליכער זשורנאַליסטישער פּלוידעריי. מיין איינציגער ענטפער איז: כ'ווייס ניט.

און איך האָב אָנגעשריבן דער ציימונג אַ פּאָר אַרטיקלען וועגן אַנדערע ענינים.

*   *
*

אין אַ פּריוואַטן בריוו צו איינעם פון מיינע פריינט האָב איך דעם דאָזיגן „כ'ווייס ניט" פאָרמולירט דעמאָלט בערך אויפן פאָלגנדיגן אופן:

— „ס'זיינען דאָ כחות, וואָס שלאָפן, און קאָנען אינם דאָזיגן שלאָפנדען צושטאַנד לאַנגזאַם אָפּגעשוואַכט אָדער מיט דער צייט אינגאַנצן דערשטיקט ווערן. אויב אָבער ס'זאָל אין דער מיטן קומען אַן אויסערליכער שטופּ, וואָס זאָל זיי אַרויסברענגען פון זייער שלאָף, ווערן זיי אומפאַרמיידליך אַ געוואַלטיגע קראַפט מיט אייגענע צוועקן און באַדייטנדער אַנרעסיוויטעט.

„די אוקראַינישע שפּראַך אין דער פאָרם, אין וועלכער זי ווערט גערעדט צווישן דעם פּשוטן המון, געפינט זיך איצט אויף דער מדרגה, וואו ס'ענדיגט זיך אַ שפּראַך און ס'הויבט זיך אָן אַ דיאַלעקט. בכלל איז דער גאַנצער שטרייט איבער דעם, צי איז „קליינרוסיש" לויט איר פּילאָלאָגישן מהות אַ שפּראַך אָדער אַ דיאַלעקט לגמרי אַן אונזיניגער. אַזעלכע פראַגן ווערן אַנטשידן ניט דורך דער פילאָלאָגיע, נאָר דורך דער פּאָליטיק. האָלענדיש וואָלט קיינמאָל זיך ניט אַנטוויקלט צו אַ זעלבשטענדיגער קולטור־שפּראַך, ווען דער פּאָליטישער גורל פון נידערלאַנד וואָלט ניט אַהעקגעגאַנגען, שוין אָנהויבנדיג פון מיטלאַלטער, אויף זיין אייגענעם וועג. און אויב די פּלאַטדייטשן האָבן ניט אַנטוויקלט זייער דיאַלעקט צו אַ באַזונדערער ליטעראַרישער שפּראַך, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל צווישן זיי און דעם איבעריגן דייטשלאַנד האָבן די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו עקזיסטירן ענגע פּאָליטישע און קולטורעלע באַציהונגען.

„שטעלן מיר אונז פאָר, אַז די אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד וועט כסדר גיין אויפן וועג פון ליבעראַלער עוואָלוציע, — אָן שווערע אויסערליכע און אינערליכע אויפטרייסלונגען. די מלוכה־דומע וועט לאַנג־

זאַס פֿאַרגרעסערן איר השפּעה און פֿאַרברייטערן צוביסלאַך די ווײלער-
באַזע, אויף וועלכער זי איז באַגרינדעט. רוסלאַנד וועט לאַנגזאַם ווערן
אַ קאָנסטיטוציאָנעלע בירגערליכע מאָנאַרכיע, אויב ניט לויטן ענגלישן,
טאָ לויטן דייטשן מוסטער. בעת דער דאָזיגער עוואָלוציע וועט זיך
אין שטאָט און אין דאָרף אומגעהויער פֿאַרשפּרייטן די „גראַמאָטנאָסט“.
אוקראַינא וועט ווערן שטאַרק אינדוסטריאַליזירט, דורכגעדרונגען מיט
גרויס-רוסישן אָדער רוסיפֿיצירטן שטאָטישן פּראָלעטאַריער, און אירע
באַפֿעלקערונג וועט צוביסלאַך צוגעפּירט ווערן צו דער אַלגעמיין-רוסי-
שער עלעמענטאַרער בילדונג. אויב מען וועט דערביי ניט צו נאַריש
רייצן די אוקראַינישע געפֿילן, ניט פֿאַרווערן דאָס דרוקן פֿון אוקראַי-
נישע ביכער און עוואַנגעליען אָדער דאָס שטעלן פֿון „קליינרוסישע“
טעאַטער-פּיעסן, וועט צוביסלאַך אוסראַיניש פֿון זיך אַליין זיך אַראָפּלאָזן
צו דער מדרגה פֿון אַן אָרטיגן דיאַלעקט ווי למשל בייעריש אין דייטש-
לאַנד, און וועט על כּל פּנים אָפּגעשטופּט ווערן אין אַ קלענערן
שטח, איידער דאָס געביט פֿון דער היינטיגער אוקראַינע. כאַרקאָווער
און כערסאָנער גובערניע, ווי אויך דער גרעסטער טייל פֿון יעקאַטערינאָ-
סלאַווער און טשערניגאָווער קאַנט זיינען אַלנפֿאַלס ביי אַזאַ אַנט-
וויקלונג פֿאַראורטיילט אויף פֿולשטענדיגע רוסיפֿיקאַציע, און אָהן די
דאָזיגע טיילן פֿאַרלירט אוקראַינע דעם גרעסטן טייל פֿון איר איצטי-
קער פּאָליטישער באַטייטונג.

„ס'איז אָבער זייער אומוואַרשיינליך, אַז די אַנטוויקלונג
פֿון רוסלאַנד זאָל פֿאָרקומען אויף אַזאַ עוואָלוציאָניסטישן ליבעראַל-קאַ-
דעטישן שטייגער. ס'איז קלאָר, אַז ביי דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער
אויפֿטרייסלונג וועט די אוקראַינישע פֿאָלקס-סטיכיע באַקומען אַ גוואַל-
טיגע קראַפֿט, אָדער בעסער געזאָגט, זי וועט דערשפּירן די פּאַטענ-
ציעלע קראַפֿט, וועלכע זי פֿאַרמאָגט שוין אויך ביים היינטיגן טאָג. דע-
מאָלט וועט די אוקראַינישע פֿראַגע באַקומען אַן ערשט-קלאַסיגע פּאָלי-
טישע באַטייטונג, און ווער ווייסט, צו וועלן מיר, יידישע סאָציאַליסטן,
ניט געצוואונגען זיין צו באַשעפֿטיגן זיך מיט איר פֿיל ערנסטער, ווי איצט.

„דעריבער וואָלט די פֿאַרענטפֿערונג פֿון דער פֿראַגע, וואָס איז מיר
געשטעלט געוואָרן מצד דעם פּראָפֿ. קאַנער, געמוזט מיך ברענגען צו באַ-
האַנדלען אַן אַנדער פֿראַגע, צי איז די רוסישע רעוואָלוציע אָביעק-

טיוו אומפּאַרמיידליך אָדער ניט. אויפן דאָזיגן געביט וויל איך זיך אויף די שפּאַלטן פון דער דייטשער „Zeit“ ניט אַריינלאָזן.

* * *

אין אַ פּאָר וואָכן נאָכדעם, ווי די דאָזיגע שורות זיינען אָנגעשריבן געוואָרן, האָבן די עסטרייכישע האַרמאַטן אָנגעהויבן צו באָמבאַרדירן בעל־גראַד. דער וועלט־קריג איז אויסגעבראָכן. די פראַגע וועגן דעם, צי וועט רוסלאַנד גיין אויפן וועג פון עוואָלוציע אָדער רעוואָלוציע, איז דער־מיט אַנטשידן געוואָרן. צוזאַמען מיט דעם איז אויך אַנטשידן געוואָרן די פראַגע וועגן דער צוקונפט פון דער אוקראַינישער באַוועגונג.

ס'מוז אָפן געזאָגט ווערן, אַז ווען אין אָנהויב זומער 1917 האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אוקראַינישע באַוועגונג שטעלט מיט זיך פאָר אַן ערנסטע קראַפט, איז די איבערוויגנדע שטימונג צווישן יידן געווען צו איר ווייט ניט גינסטיג. דער יידישער קליינבירגער האָט געוואָלט האָבן אַן איינציגע גרויסע רוסלאַנד. וואָס גרעסער ס'וועט זיין רוסלאַנד, אַלץ פרייער וועט מען אין איר קאָנען האַנדלען און אַלץ אַ בעסערן לעבן וועט מען אין איר קאָנען מאַכן. דער נאַאיווער יידישער קליינשטעטלדיגער בעל־הבית האָט צו יענער צייט גע־מיינט, אַז די גאַנצע רוסלענדישע רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען צוליב אים, כדי ער זאָל האָבן פראַוועס און קאָנען אין אַ ברייטערן מאס־שטאַב פירן זיינע פריהערדיגע געשעפטן... אוקראַינער, פונקט ווי באָלשעוויקעס, האָבן געדראָט צו צושטערן די דאָזיגע שיינע אידיליע, און דעריבער האָט מען אויף זיי געקוקט מיט אַ קרומען אויג.

אויב אָבער די אַנטיפּאַטיע פונעם קליינשטעטלדיגן קרעמער האָט גע־טראָגן אַ גוטמוטיגן פּאַסיוון כאַראַקטער, האָט זי ביי דער גרויסשטאָטישער יידישער בורזשואַזיע אָפט אָנגענומען די צורה פון אַ טיפן האַס. צו־זאַמען מיט דער שפּראַכליך אַסימילירטער יידישער אינטעליגענץ האָבן די דאָזיגע קרייזן גלייך דערזעהן אין דער אוקראַינישער באַוועגונג אַן ערנ־סטע סכנה פאַר זייערע אינטערעסן און אַ שרייענדיגע סתירה מיט זייערע אַלע ביזאַהעריגע טראַדיציעס. דערביי איז די פּ אַ ק ט י ש ע אַ ס י מ י־ל אַ צ י ע געוואָרן אַנטשיידנדער, איידער וועלכע ס'איז פּ אָ ל י ט י ש ע

ויבערצייגונגען. מענשעוויקעס און ציוניסטן פונם באקאנטן „אדעסער“ זיפ האבן זיך באצויגן צו דעם גאנצן „אוקראינישן רומל“ כמעט מיט עמזועלבן האס און שפאט, ווי די קיעווער יידישע קאדעטן.

ווער ס׳איז געווען אין קיעוו אין זומער 1917 אדער אין דער העט־ מאן־צייט און ווען ס׳איז דערביי אויסגעקומען זיך געזעלשאפטליך צו־ ויפטרעפן מיט די יידישע איבערשטע צעהן טויזנט, דער האט גע־ ווזט נשתומם ווערן איבערן מאס פון נארישקייט און בלינדקייט, מיט ועלכער דער דאזיגער שטארבנדער קלאס האט זיך באצויגן צו פראגן, ועלכע האבן סוף־כל־סוף טיף באריירט זיין אייגענעם גורל. שטייענדיג ואר א געוואלטיגן ערגרייפנדן פענאמען, וועלכן ס׳האט מיט זיך דאך וארגעשטעלט די פלוצליכע אויפלעבונג פון א גרויסן ביז אהער נא־ יאנאל־דערשטיקטן פאלק און האבנדיג פאר זיך א געוואלטיגע סטי־ יע, וועלכע, ווי יעדע נאטירליכע קראפט, האט געקאנט ווערן פארן לאנד א קוועלע סיי פונם העכסטן גליק, סיי פונם שווערסטן אומגליק, – האבן זיי געהאט פארן דאזיגן פענאמען בלויז ביליגע „פילאלאגישע“ ויצן...

ס׳איז אומגערעכט, אבער ס׳איז שוין אן אלטער בייזער פאקט, וז די ארומיגע געזעלשאפטליכע מיינונג וועגן יידן ווערט געבילדעט ווויפן סמך פון ד י עלעמענטן פונם יידישן פאלק, וואס ווארפן זיך ום מערסטן אין די אויגן. פונקט ווי א דורכשניטליכער גוי, אפילו ווען ר איז ניט געווען קיין עקסטער אנטיסעמיט, האט זיך געמאכט א בא־ ריף וועגן דער באציהונג פון יידן צום וועלט־קריג לויט די סצענעס, וואס ר פלעגט באאבאכטן, פארבייגייענדיג פאנקאני אין אדעס און סעמא־ עני אין קיעוו *), אזוי האט אויך א דורכשניטליכער, ניט קיין שטארק ויבערגעשפיצטער אוקראינישער אינטעליגענט זיך אפט געמאלט די שטע־ ונג פון די יידן צום אוקראינישן פראבלעם לויט די גייסטרייכע וויצן ון דער קיעווער האלב־אסימילירטער בורזשואזיע און לויט די מלוכה׳דיג־ ויפע ארטיקלען פון „קיעווסקאיא מיסל“ און „אדעסקיא נאוואסטי“...

---

*) א נ מ. דאס זיינען די צענטרען פון דער „שווארצער בירזשע“, ואו ס׳פלעגן זיך אין די יארן 1915–1918 קאנצענטרירן אלע ספעקולא־ ניאנס־געשעפטן פון די דאזיגע שטעט. א. ר.

* *
*

כ׳דערמאָן זיך ווי איצט וועגן אַן אינצידענט, וואָס איז אין דעם פּרט זעהר כאַראַקטעריסטיש. ס׳איז געווען אין די ערשטע טעג פון דעצעמבער 1918 אויף אַ זיצונג פונם אָדעסער צענטראַל־ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. פאָרזיצער איז געווען אַסטראָוו, אַ באַקאַנטער מענשעוויק, מיטגליד פון צ. ק. — ניט קוקענדיג אויף זיין קלינגענדיגן רוסישן פּסעוודאָנים איז ער נאַטירליך געווען אַ טיפּישער ייד *); אגב האָבן שוין מענשעוויקעס דעם מזל, אַז וואָס מער זיי זיינען אַסימילירט אינערליך, אַלץ מער קוקן זיי אויסערליך אויס ווי קאַזיאָנע ראַבינער...

און אָט דעם דאָזיגן אַסטראָוו ברענגט מען עפּעס אַ געשעפטליך פּאַפּירל, אָנגעשריבן אויף אוקראַיניש. ער וואַרפט דאָס אַוועק פון זיך מיט כעס און שרייט אויס מיטן טאָן פון דער גרעסטער פאַראַכטונג:

„כ׳קאָן דאָס ניט לעזן! כ׳פאַרשטיי ניט די דאָזיגע פּ ע ט ל ו ר י ש ע שפּראַך“. —

ד ע מ אָ ל ט, אין די ערשטע טעג פון דעצעמבער 1918, איז דער נאָמען פּעטלוראַ נאָך ניט געווען אַזאַ שעלטוואָרט, ווי מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער. אָבער דער אויסדרוק „פּעטלורישע שפּראַך“ באַטייט יעדנפאַלס עטוואָס קינסטליכס, אויסגעטראַכטס, אַן אָנשיקעניש, וואָס וואָלט בכלל ניט געווען אויף דער ליכטיגער וועלט אויב ניט די פּאָר משוגענע „פּעטלורעס“...

אין זאַל איז געוואָרן אויף אַ מאָמענט אַ טויטע שטילקייט. די פּאָר אָנוועזנדע אוקראַינער זיינען בלייך געוואָרן. אָבער פריהער ווי זיי האָבן באַוויזן אויסרעדן אַ וואָרט, איז אַרויסגעשפּרונגען דער יידישער סאָציאַליסט לעווקאָווסקי („פאַראייניגטע“) מיט אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן אַזאַ חוצפּה׳דיגער באַליידיגונג פון אַ גאַנצער נאַציאָן גראד דורך אַ פאָרשטייער פון אַ פּאַרטיי, וואָס האָט להלכה אָנגעשריבן אויף איר פאָן דעם לאָזונג וועגן פולער נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג. דערמיט האָט זיך דער אינצידענט ערליידיגט.

---

*) א נ מ. זיין ריכטיגער נאָמען איז פּ א ו ו ע ס; ער איז פּאַר אַ געוויסער צייט געשטאָרבן אין סילקע, וואוהין ער איז פאַרשיקט געוואָרן דורך דער באָלשעוויסטישער מאַכט. א. ר.

און טאַפּנדיג זיך נאָך דער דאָזיגער פאַרזאַמלונג אַ היים — ס'איז געווען אַ פינסטערע נאַכט, און די עלעקטרישע סטאַנציע האָט צוליב קוילן־מאַנגל ניט געאַרבעט, — האָב איך געשמועסט אויפן וועג וועגן דעם דאָזיגן אינצידענט מיט איינעם פון די יידישע סאָציאַליסטן, מיט וועלכן מיר האָבן דעמאָלט געמיינזאַם, אַלס פאָרשטייער פון דער לינקער אָפּאָזיציע, דורכגעפירט אַ געוויסע פּאָליטישע קאַמפּאַניע אינם ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. ס'איז געווען, דוכט זיך, מערעזשין. מיר האָבן גערעדט מיט פאַרביטערונג וועגן דעם, ווי אַזוי יידישע אַסימילאַנטן האָבן ניט קיין ברעקל טאַקט אין די צווישן־פעלקערליכע באַציונגען. האָבן זיי זיך אָפּגעטרייסלט פונם אייגענעם פאָלק, ווילן זיי באַהאַנדלען יידיש אַלס אַ „זשאַרגאָן" און אַלע אונזערע אַווטאָנאָמיע־באַשטרעבונגען אַלס אַ רעאַקציאָנערע אוטאָפּיע, — טאָ זאָלן זיי דאָס געזונטערהייט טון. אָבער זאָלן זיי וועניגסטנס זיך ניט מישן אין נאַציאָנאַלע ענינים פון אַנדערע פעלקער, פאַר וועלכע זיי זיינען ניט קיין מענשעוויקעס, ניט קיין קאָסמאָפּאָליטן, נאָר קודם כּל — יידן...

מיין מיטשמועסער, מערעזשין, איז געווען איינער פון די בונדיסטן, צו וועלכע כ'האָב זיך באַצויגן מיט גרעסטער אַכטונג. מיר האָבן במשך דריי יאָר געאַרבעט צוזאַמען, אַלס מיטאַרבעטער פון איין אין דערזעלבער טאָג־צייטונג, און במשך דער דאָזיגער צייט, אין טאָג־טעגלעכע באַגעגענישן און שמועסן האָב איך זיך אויסגעלערנט אים שאַצן אַלס אַן אויפריכטיגן, גוטן יידישן אַווטאָנאָמיסט און ערנטליכן פּאָליטישן טוער. האָב איך מיר געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דערזעלביגער מענש, וואָס האָט מיט אַזאַ פאַרביטערונג גערעדט וועגן דער פאַרברעכערישער באַציונג פון די יידישע אַסימילאַנטן צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אַלס דער הויפּט־קאָמיסאַר פאַר יידישע ענינים אין רוס־לאַנד, פאַרנעמען בנוגע די פראַגן פון יידישער אַווטאָנאָמיע און יידישע קולטור־ווערטן כּמעט דיזעלבע שטעלונג, ווי אַסטראָוו צו דער „פּעטלורי־שער שפּראַך" ?

יאָ, די צייטן בייטן זיך, און מיר מיט זיי...

III. דער אָנהויב פון יידיש־אוקראַינישער דערנעהענטערונג

יידישע סאָציאַליסטן און אוקראַינישע באַוועגונג. — אונזער שטעלונג צו פעדעראַטיווער איבערבויאונג פון רוסלאַנד. — דער איבערברוך. — דער אָנהויב פון דער דערנעהענ־טערונג. — די שטעלונג פון יידישע פּאַרטייען: פּאַראייניגטע, פּועלי־ציון, בונד.

די שטעלונג פון די יידישע סאָציאַליסטן צו דער אוקראַינישער פראַגע איז פון אָנהויב אָן געווען ניט אַזוי באַשטימט און קלאָר ווי די פּאָזיציע פון דער יידישער גרויס־בורזשואַזיע. להלכה איז זי געווען פּריינטליך. דער פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג איז פאַר אונז געווען הייליג, און דעריבער האָבן מיר זיך צו דער נייער אוקראַינישער באַוועגונג אַנדערש, ווי מיט סימפּאַטיע, ניט געקאָנט באַציהען. און דאָך זיינען מיר דערביי ניט פריי געווען פון פאַרשיידענע פּאָראורטיילן. ווען אין אָנהויב אַפּריל 1917, אויף אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ פון די פּועלי־ציון אין מאָסקווע, האָט אַ קיעווער דעלעגאַט (ה׳ גאָלדעלמאַן) דערקלערט, אַז די אוקראַינישע באַוועגונג קאָן זיך ניט באַגנוגענען מיט קולטורעלער און שפּראַכליכער גלייכשטעלונג אין די ראַמען פון אַן איינהייטליכער רוסישער מלוכה און אַז זי מוז פאַרלאַנגען די מלוכהשע איבערבויאונג פון גאַנץ רוסלאַנד אויף ברייטע פעדעראַטיווע יסודות, און אַז מיר פּועלי־ציון זיינען לויט אונזער פּראָגראַם מחויב די דאָזיגע באַשטרעבונגען צו אונטערשטיצן, איז דאָס פאַר פילע חברים געווען אַ האַרטער ביסן. אַפילו דער מחבר פון די דאָזיגע שורות, וואָס האָט אַם וועניגסטן געהאַט שייכות צו דער אַזוי גערופענער „רוסישער אָריענטאַציע", האָט, ניט אַדורכזאָגנדיג זיך דירעקט אַקעגן דעם פאָרשלאָג, דאָך אָנגעוויזן אויף די

בעסערע ווירטשאַפטליכע מעגליכקייטן, העלכע דאָס יידישע פּראָלעטאַ־
ריאַט וועט האָבן אין אַן אייגהייטליכן רוסלאַנד. די קיעווער דעלעגאַטן
האָבן אויף מיינע באַמערקונגען געגעבן אַ שאַרפע און — כ'מוז מודה
זיין — אַ גערעכטע תשובה. כ'האָב זיך נאָך דער דאָזיגער דיסקוסיע,
וואָס איז געפירט געוואָרן אין די ראַמען פונם צ. ק., זיך עטוואָס פאַרשעמט,
וואָס כ'האָב אין אַזאַ גרויסער פראַגע אָפּערירט מיט אַזעלכע בערך קליינע
אַרגומענטן. אגב האָב איך זיך שפּעטער איבערצייגט, אַז אויך פון
ריין־ווירטשאַפטליכן שטאַנדפּונקט זיינען מיינע דעמאָלסטיגע אַרגומענטן
ניט געווען לחלוטין ריכטיג...

אַן אַקטיווערן און ענטשלאָסענערן כאַראַקטער האָבן אָנגענומען די
סימפּאַטיען פון די יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען ערשט אין אָנהויב
זומער 1917, ווען די יידישע פאַרטייען זיינען אַריין אין די „צענטראַלע
ראַדע". חוץ דער באַשטעבונג צו זיין קאָנסעקווענט און האַנדלען
אין אַלע פראַגן בהסכם מיט דער אייגענער פאַרטיי־פּראָגראַם האָבן דאָ
געווירקט אויך צוויי אַנדערע מאָמענטן. ערשטנס, האָט דער אויסגעשפּראָ־
כענער האָס פון אַלע אַסימילירטע און קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן
אינם יידענטום צו דער אוקראַאינישער באַוועגונג געשאַפן ביי אונז אַנטקעגנ־
געזעצטע שטימונגען. ווען אַ סאָציאַליסט וואַקלט אין זיין שטעלונג צו
דער אָדער אַנדערער לעבנס־ערשיינונג, ווערט פאַר אים מאָסגעבנד די
פּאָזיציע פון זיינע קלאַסן־קעגנער. פאַראורטיילן זיי אַ געוויסע גע־
זעלשאַפטליכע ערשיינונג, — איז זי מן הסתם אַ פּראָגרעסיווע, נוצליכע
פאַרן פּראָלעטאַריאַט... דער צווייטער מאָמענט, וואָס האָט געמאַכט
אַ סוף צו די אינעווייניגסטע וואַקלענישן, איז געווען די נאַציאָנאַל־פּער־
סאָנאַלע אַווטאָנאָמיע, וואָס האָט זיך שוין דעמאָלט דייטליך אָנגערוקט
אַריפן האָריזאָנט. די יידישע אַווטאָנאָמיע איז געווען ניט סתם אַ לאָ־
זונגס־מיטל מצד די „כיטרע כאָכלאַצקע פּאָליטיקער", ווי ס'מיינען איצט
געוויסע סקעפּטיקער. להפך, צוליב סיבות, וועגן וועלכע ס'וועט אונז
נאָך אויסקומען רעדן שפּעטער, איז זי אַן אינטעגרירנדער באַשטאַנד־
טייל פון דער אוקראַאינישער מלוכה־אידעע בכלל. ס'איז אָבער אַלנפאַלס
אַ פאַקט, אַז פאַר פאַרטייען, וואָס האָבן במשך לאַנגע יאָרן געמאַכט די
נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמיע פאַר זייער גרעסטן טרוים, האָט די קאָנקרעטע
פּערספּעקטיוו דעם דאָזיגן טרוים צו פאַרווירקליכן, געמוזט האָבן אַ

גרויסע השפעה אויף זייער אַלגעמיינער פּאָליטיק. ס'איז אַ פאַקט, אַז ניט נאָר סאָציאַליסטן, נאָר אַפילו אויך געוויסע יידישע קליינבירגערליכע עלעמענטן זיינען געשטאַנען אונטערן איינדרוק פון דער דאָזיגער גלענצנדער פּערספּעקטיוו: נאָך אַ שווערן איינעווייניגסטן קאַמף בתוך דער ציוני־סטישער אָרגאַניזאַציע האָבן אירע דעמאָקראַטישערע עלעמענטן — די צעירי־ציון און די אַזוי גערופענע „קיעווער ציוניסטן“ מיטן פאַרשטאָר־בענעם סירקין בראש — דורכגעפירט אַ פּאָליטיק, וואָס איז פריינד־ליך געווען צו די אוקראַינישע באַשטרעבונגען.

ס'וואָלט אָבער געווען פאַלש, ווען די דאָזיגע שורות וואָלטן ביי וועמען ס'איז געשאַפן דעם איינדרוק, אַז די יידישע דעמאָקראַטיע (כ'גע־ברויך די טערמינאָלאָגיע פונם 1917—1918 יאָר) איז געווען אין איר באַציהונג צו דער אוקראַינישער באַוועגונג ניט אויפריכטיג, אַז זי האָט זיך בלויז געלאָזט „אונטערקויפן“ דורך דעם צוזאָג פון נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע און אַנדערע גלענצנדע פּערספּעקטיוון. דער אמת איז לגמרי אַן אַנדערער. די שטעלונג פון די „פאַראייניגטע“, „פּועלי־ציון“ און פונם דעמאָקראַטישערן טייל פון די בירגערליכע ציוניסטן צו דער אוקראַינישער באַוועגונג וואָלט בלי שום ספק געווען פּאָזיטיוו, אַפילו ווען ס'וואָלט ניט געווען די אויסזיכט אויף נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמיע. די אַווטאָנאָמיע האָט בלויז צוגעגעבן די סיי ווי פאַראַנענע סימפּאַטיעס אַ פעסטערע און אַקטיווערע פאָרם.

* * *

די אָנפירונג אינם פּראָצעס פון דער ייִדיש־אוקראַינישער דער־נעהענטערונג איז אינם ערשטן יאָר פון דער רעוואָלוציע געלעגן אין די הענט פון די „פאַראייניגטע“, וואָס האָבן זיך דעמאָלט אָקאָרשט געביל־דעט פון די רעשטלאַך פון אַמאָליקע ס. ס. און י. ס. דער שידוך צווישן די דאָזיגע צוויי עלעמענטן איז ניט געווען קיין גלייכער. בעת די טערי־טאָריאַליסטישע אידעאָלאָגיע איז אין דער נאָר־וואָס געבילדעטער פּאַר־טיי לחלוטין פאַרשוואונדן געוואָרן, זיינען די סיימיסטישע שטימונגען אין איר געווען די אַבסאָלוט הערשנדע. דעריבער האָט די דאָזיגע פּאַרטיי, שטייענדיג פאַר דער פּערספּעקטיוו צו פאַרווירקליכן דעם אידעאַל, וואָס איז געווען דער אַנטשיידנדער אין איר יידישן פּראָגראַם, אַריבערגע־

וואַרפן אַלע אירע אינטעליגענטישע כחות אויף אוקראַינע און אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין קיעוו אַ גרויסע טאָג־צייטונג „נייע צייט". שוין דער איבערגעוויכט פון כחות אין פאַרגלייך מיט די „פּועלי־ציון", וואָס זיינען געווען באַדייטנד אָרימער סיי אין אינטעליגענץ און סיי אין מיטלען, — האָט געזיכערט די „פאַראייניגטע" דעם פירנדען אָרט אין דער יידיש־אוקראַינישער פּאָליטיק. אויסער דעם איז דער סאָציאַליזם גופא פון די „פאַראייניגטע", אַדאַנק דעם סיימיסטיש־ס׳סישער געמישעכץ, געווען „עלאַסטישער" און מער צונעפּאַסט צו דעם מערקווירדיגן טיפּ פון „אוקראַינישן סאָציאַליזם", וואָס האָט געהערשט אין דער „צענטראַלער ראַדע". בעת, למשל, פּועלי־ציון, אַלס מאַרקסיסטן, האָבן ניט שטענדיג געקאָנט האַרמאָנירן מיט דער הערשנדער שטימונג, ספּעציעל אין דער אַגראַר־פראַגע, האָבן די „פאַראייניגטע" אויך אין דעם פונקט קיין אָפּהאַלט ניט געהאַט.

אין יענער צייט — בעת דער „צענטראַלער ראַדע" — זיינען די פאַר־אייניגטע געגאַנגען אַ ס וו י י ט ע ס ט ע ן אין זייער שטעלן זיך אויפן אוקראַינישן מלוכה־שטאַנדפּונקט. אויב מאָמענטנווייז האָט זיך גע־דוכט, אַז פּועלי־ציון האַלטן ביים איבעריאָגן זיי אין דער דאָזיגער פּאָזיציע, איז דאָס מער צו ערקלערן אַדאַנק דעם פּערזענליכן טעמפּעראַמענט פון זייערע פאָרשטייער. די פּאַרטיי, אַלס אַ גאַנצע, האָט ביי איר גאַנצער סימפּאַטיע צו די אוקראַינישע באַשטרעבונגען אָפּטמאָל אַרויסגעצייגט אַ שטאַרקן קריטישן חוש. דאָס האָט זיך באַזונדערס אַרויסגעוויזן אין דער מעשה מיט דער ראַטיפיקאַציע פונם סעפּאַראַטן ברעסט־ליטאָווסקען שלום, פאַר וועלכן ס׳האָבן געשטימט סיי די „פּועלי־ציון" און סיי די „פאַראייניגטע". אָבער בעת די פאָרשטייער פון פּועלי־ציון איז אויסגע־קומען פאַרן דאָזיגן שריט, — וואָס איז באמת געווען אַ פעלער, כאָטש ער איז נעטאָן געוואָרן אונטערן דרוק פון ערנסטע צווינגענדע מאָטיוון, — אויסצוהערן אויף דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ פון מאַי 1918 אַן אומגעהויער־שאַרפע קריטיק, איז די פּאָזיציע פון די פאָרשטייער פון די „פאַראייניגטע" געווען אַ פיל גרינגערע. כ׳דערמאָן זיך אפילו ווי מיר, די פאָרשטייער פון פּועלי־ציון אין דער קליינער ראַדע, האָבן דעמאָלט מקנא געווען אונזערע קאָלעגן פון די „פאַראייניגטע", וועמענס ראַדע־חטאים באַקומען ניט אַזאַ האַרטע שטראָף...

* * *

אַ באַזונדערע פּאָזיציע בנוגע דער אוקראַינישער באַוועגונג האָט פאַרנומען דער „בונד“. צום אונטערשיד פון די „פאַראייניגטע“ און „פּועלי ציון“ איז דער בונד געווען ניט קיין זעלבשטענדיגע פּאַרטיי, נאָר אַ טייל פון דער רוסלענדישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. פאַרבונדן דורך אַלטע פעדים מיט די מענשעוויקעס, האָט דער בונד געמוזט זיין אוקראַינישע פּאָליטיק צופּאַסן צו זייערע. די מענשעוויקעס זיינען אָבער אין עצם געווען „קאָסמאָפּאָליטן“, ד. ה. גרויס-רוסישע אַסימילאַטאָרן און האָבן אויף די אוקראַינישע באַוועגונג געקוקט מיט אַ קוים באַהאַלטענעם האַס און מורא. די בונדיסטן האָבן פון איין זייט געווירקט אויף זייערע מענשעוויסטישע חברים אין אַ פּאָזיטיוון זין, צווינגענדיג זיי אָפּטער צו רעדן וועגן דער זעלבסטבאַשטימונג פון פעלקער און טיפער צו באַהאַלטן זייערע גרויס-רוסישע תשוקות. פון דער אַנדערער זייט האָבן זיי זיך אָפט אונטערגעוואָרפן זייער ווירקונג, נאָך מער, ווייל זיי אַליין זיינען בעצם געווען דורכגעדרונגען מיט דערזעלבער אידעאָלאָגיע.

דער כאַראַקטעריסטישער שטריך אין דער בונדיסטישער פּאָליטיק אויף אוקראַינע איז געווען די שטרעבונג אויסצונוצן די צענטראַלע ראַדע צוליב אַל-רוסישער פּאָליטיק, בעיקר קעגן די באָלשעוויקעס. ס׳פלעג זעלטן דורכגיין אַ זיצונג פון דער ראַדע, ווען ראַפּעס, דער דעמאָלסטיגער פירער פונם בונד, זאָל ניט אַריינטראָגן אַ רעזאָלוציע קעגן די פּעטראָגראַדער „פאַרכאַפּער פון דער מאַכט“ אָדער סתם אַ זידל טון די ראַטן-מאַכט. און ווען פון רוסלאַנד איז אָנגעקומען דער אַנטלאָפענער פון די באָלשעוויקעס ליבער-גאָלדמאַן, האָט ער באַלד פאַרנומען דעם אויבן-אָן אין דער בונדיסטישער פראַקציע און געפירט זי צוזאַמען מיט די מענשעוויקעס צום וואָרט-שטורעם קעגן די סאָוועטן. אַזעלכע אַרויסטרעטונגען פלעגן אויף די פּאָליטיש ווייניג אַנטוויקלטע מערהייט פון דער צענטראַלער ראַדע מאַכן אַ באַשטימטן איינדרוק. „אויב אַזעלכע פאַטענטירטע סאָציאַליסטן, ווי ראַפּעס, רעדן מיט שוים אויף די ליפּן קעגן דער ראַטן-מאַכט, טאָ וואָס זאָלן מיר, פּשוטע פּוערים, זאָגן“. אויף אַזאַ אופן האָבן די איצטיגע פּראָקוראָרן און צענזאָרן פון ריינער קאָמוניסטישער געזינונג געשפּילט דעמאָלט אַזאַ ראָלע, פאַר וועלכע זיי וואָלטן

איצט נעמענט זיך אַליין באַשטראָפן מיט דערזועלבער שטראָף, וועלכע זיי האָבן פאַרלאַנגט אויף די שפּאַלטן פון „עמעס“ פאַר זייערע דעמאָלסטינע קאַמפּס־חברים, פאַר די אָנגעקלאָגטע ס־ר׳ען...

פון דער אַנדערער זייט זיינען די בונדיסטן, פּונקט ווי די מענשע־וויקעס, געווען שטאַרקע רוסישע פּאַטריאָטן און פאַרביסענע קעגנער פון אוקראַינישער זעלבשטענדיגקייט. דאָס פלעג זיי ברענגען אין אַ שווערע סתירה מיט זייערע אַלגעמיינע אַנטי־באָלשעוויסטישע אנשויאונגען. פון איין זייט האָט מען געוואָלט האָבן אַ פעדעראַציע מיט רוסלאַנד; פון דער אַנדערער האָט מען מיט דעם קאָנקרעטן רוסלאַנד, וואָס האָט צו יענער צייט עקזיסטירט, ד. ה. מיט די באָלשעוויקעס, ניט געטאָרט האָבן קיין מגע ומשא! פּראָקלאַמירן אַן אַלרוסישע פעדעראַציע, ניט נייענדיג אויף קיין פּשרה מיט די באָלשעוויקעס, האָט געהייסן נעמען אויף זיך די פאַרפּליכטונג צו פירן קעגן די באָלשעוויקעס אַ באַוואָפנטן קאַמף, כּדי אַריינצוזעצן אין מאָסקווע אַזאַ רעגירונג, מיט וועלכער, לויט דער דעמאָלסטיגער איבערצייגונג פון ראַפּעסן, וועט מען זיך יאָ קאָנען פעדערירן. אויף אַזאַ אופן איז דער קאָנקרעטער אינהאַלט פון דער בונדישער פעדעראַציע געווען צו יענער צייט (ד. ה. סוף 1917 און אָנהויב 1918) פיל רעאַקציאָנערער און קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער, איידער די אוקראַינישע „סאַמאָסטינאָסט“.

דער אויסוועג פון דער דאָזיגער סתירה איז פאַר די בונדיסטן גע־ווען — אָדער אויס באָלשעוויסטן־האַס דערגיין צו סאַמאָסטינאָכט, ווי ס׳האָבן דאָס געטאָן די גרוזינישע מענשעוויקעס, אָדער אויס מורא פאַר סאַמאָסטינאָסט איבערגיין צום קאָמוניזם, ווי ס׳האָבן טאַקע שפּעטער געטאָן ראַפּעס מיט זייגע פריינט. כּל זמן איינער פון די דאָזיגע אויס־ווענג איז ניט אויסגעקליבן געוואָרן, איז די סתירה געווען קלאָר און שאַרף און יעדער פּרוב אויסצומיידן די קאָנסעקווענצן, וואָס זיינען פון איר נעדרונגען, האָט ניט געקאָנט זיין אין הסכם מיט דער עלעמענטאַ־רער פּאָליטישער לאָגיק.

IV. וועגן דער אידעאָלאָגיע פון דער אוקראַינישער באַוועגונג

די סאָציאַלע סטרוקטור פון דער אוקראַינישער נאַציע. — דאָס „פאָלק אָהן אַ בורזשואַזיע". — די איינגנאַרטיגקייט פונם אוקראַינישן סאָציאַליזם. — קליין-בורזשואַזיע אונטער סאָציאַליסטישן מאַנטל. — דער פעטיש פון „נאַציאָנאַלער איינינגקייט. — די באַהאַלטענע סכנה.

די פּאָליטישע פיזיאָנאָמיע פון דער אוקראַינישער מערהייט פון דער צענטראַלער ראַדע קאָן כאַראַקטעריזירט ווערן אַלס אַ מאָדנער געמיש פון סאָציאַליזם מיט נאַציאָנאַלע שטימונגען. ביי די אוקראַינער איז די אַנטוויקלונג סיי פונם סאָציאַליזם, סיי פונם נאַציאָנאַלן געדאַנק פאָרגעקומען מיט אַ פּלוצלינגן שפּרונג, וואָס האָט זיי ניט איבערגעלאָזט קיין צייט קומען צווישן זיך אין אַן אינעווייניגסטע האַרמאָניע. בעת מיר, יידישע סאָציאַליסטן, האָבן געהאַט גענוג צייט, כדי איבערצוקאָכן אין אונז אינעווייניג די פאַרשיידענע עלעמענטן פון אונזער פּראָגראַם און שאַפן פון זיי לכל הפחות אַ כעמישע פאַרבינדונג, איז די מערהייט פון דער צענטראַלער ראַדע געווען יונג סיי אין איר כאָציאַליזם, סיי אָפּטמאָל אויך אין אירע נאַציאָנאַלע באַשטרעבונגען. דעריבער האָט מען זיך ביי איר געקאָנט ריכטן אויף די ס אַ מ ע אונערוואַרטעטע טאַקטישע שפּרונגען...

חוץ דעם איז געווען נאָך אַ מאָמענט, וואָס האָט אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל אויף דער פיזיאָנאָמיע פון דער צענטראַלער ראַדע. דאָס אוקראַינישע פאָלק האָט ניט קיין א ו י ס ג ע ש פּ ר אָ כ ע נ ע ם בור-זשואַ-קלאַס, ניט אין דאָרף און ניט אין שטאָט. ס'זיינען געווען, נאַ-טירליך, אַ גאַנץ היפּשע צאָל פון איינצעלנע אוקראַינער, וואָס האָבן

דערגרייכט צו אַ באַדייטנדן וואוילשטאַנד, געוואָרן ערד-פּריצים, גרויסע סוחרים, העכערע באַאַמטע. אָבער באַלד, ווי זיי פּלעגן אַרויפקלעטערן אויף די אייבערשטע טרעפּלאַך פון דער געזעלשאַפטליכער לייטער, האָט זיך זייער אוקראַיניזם פאַרענדיגט און זיי פלעגן זיך בדרך כלל אָנהויבן פילן אַלס רוסן. אויב די אַסימילאַציע ביי יידן האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ רייע פון אינערליכע שוועריגקייטן און אונעוועניגסטע מניעות און פלעגן על פּי רוב ניט פאַרלאָזן די ראַמען פון שפּראַך-אַסימילאַציע, — איז זי אָבער ביי די אוקראַינער פאָרגעקומען פיל גרינגער און נאַטירליכער. אַן אוקראַינער, וועמענס געברויכס-שפּראַך איז געוואָרן רוסיש, האָט דערמיט זיך אויפגעהערט צו פילן אַלס אוקראַינער; אַזוי איז לכל הפחות געווען די לאַגע ביים אַלטן רעזשים. דער אויפשטייג פונם איינצעלנעם אוקראַינער צום „העכערן“ קלאַס איז געווען גלייכבאַדייטנד מיט זיין איבערגאַנג צו דער „העכערער“ נאַציע. ס'זיינען געווען נאַטירליך אויסנאַמען, אָבער אויסנאַמען באַקאַנטליך באַשטעטיגן דעם אַלגעמיינעם כלל...

אויף אַזאַ אופן איז ביים אָנהויב פון דער רעוואָלוציע קיין אויסגעשפּראָכענע קלאַסן-באַוואוסטע אוקראַינישע בורזשואַזיע לחלוטין ניט געווען. די גרויסבאַזיצער אין דאָרף זיינען געווען רוסן און פּוילן, די בירגער אין שטאָט — רוסן און יידן. דאָס האָט, גאַנץ נאַטירליך, געמוזט ברענגען די אוקראַינישע אידעאָלאָגן צום געדאַנק, אַז סאָציאַליזם און אוקראַינערטום איז איינס און דאָסזעלבע, אַז מען קאָן ניט זיין קיין אוקראַינער, ניט זייענדיג קיין סאָציאַליסט. „אויב די עקספּראָפּריאַציע פון דער בורזשואַזיע קאָן מיין פאָלק בלויז נוצן ברענגען, טאָ וואָלט געווען פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט אַ פאַרברעכן, אויב כ'וואָלט ניט געווען קיין סאָציאַליסט“, — אַזוי פלעגט דענקען דער דורכשניטליכער אוקראַינישער טוער אין דער צייט פון צענטראַלער ראַדע. פון דעם דאָזיגן גרונד-געדאַנק זיינען ניט געווען פריי אַפילו די אָנגעזעהענסטע צווישן די אוקראַינישע סאָציאַליסטן, ווי למשל ווינישענקאָ, וועלכער פאַרטיידיגט אים מיט דער גרעסטער עקשנות אין אַלע זיינע פּאָליטישע ווערק.

דער דאָזיגער געדאַנק איז אָבער גאָרניט אַזוי ריכטיג, ניט קוקנדיג אויף די אויסערליכע פאַקטן, וואָס רעדן פאַר אים. די אוקראַינער האָבן

טאַקע ניט קיין גרויס=בורזשואַזיע, אָבער זייער פּוערטום איז אין זיין
גרעסטן טייל מער בּידנערליך און אינדיווידואַליסטיש, איידער אין גרויס=
רוסלאַנד. אין איינינע גובערניעס, ווי, למשל, אין פּאָלטאַווער, כאַרקאָ=
ווער, פּאַרמאָגן די אוקראַינער אַ שטאַרקע דאָרפישע מ י ט ל = בורזשואַזיע,
וואָס האָט אפילו במשך אַ געוויסע צייט זיך גוט אָרגאַניזירט און גע=
שפּילט אַ באַדייטנדע פּאָליטישע ראָלע. פון איר איז אַרויס בּיים
אָנהויב פון דער העטמאַנישער הערשאַפט די רעאַקציאָנערע באַוועגונג
פון די „כליבאָראָבן“, וועלכע, חוץ איינינע גרויס=רוסישע עלעמענטן,
איז באַשטאַנען על פּי רוב טאַקע באמת פון א ו ק ר אַ י נ י ש ע פּוערים,
וואָס זיינען אפילו טיילווייז געשטאַנען אויף אַן אויסגעשפּראָכענעם אוקראַי=
נישן מלוכה=שטאַנדפּונקט. איינינע פון זייערע אידעאָלאָגן, ווי למשל,
שעמעט און קאָוואַלענקאָ, האָבן מיט פולער אינעווייניגסטער אויפריכ=
טינקייט זיך געהאַלטן פאַר פונקט אַזעלכע גוטע אוקראַינער, ווי די
סאָציאַליסטן פון דער צענטראַלער ראַדע... אויסער דעם האָט די פאַר=
שטאַרקונג פון דער אוקראַינישער באַוועגונג אָפּגעשטעלט מיט אַ מערק=
ווירדיגער שנעלקייט די אַסימילאַציע אין שטאָט און געשאַפן אַפילו
צווישן נאָך ניט גאַנץ רוסיפיצירטע שטאָטישע איינוואוינער פון אוקראַי=
נישן אורשפּרונג אַ געוויסן קענן=פּראָצעס. אַ באַשטימטע באַדייטונג האָט
דערביי געהאַט דער פאַקט, וואָס גראד אין די קריגס= און רעוואָלוציאָנס=
יאָרן האָט זיך דער פ ע ר ז ע נ ל י כ ע ר ב אַ ש ט אַ נ ד פון דער שטאָ=
טישער בורזשואַזיע מער און גיכער געביטן איידער דאָס וואָלט פאָרגע=
קומען אין דעם זעלבן משך צייט ביי אַ נאָרמאַלער קאַפּיטאַליסטישער
אַנטוויקלונג; די צאָלרייכע נ יי ע בורזשואַזיע האָט זיך נאָך ניט באַ=
וויזן צו אַסימילירן כדבעי און זי איז דעריבער גלייך אונטערגעפאַלן אונ=
טער דער ווירקונג פון דער אוקראַינישער באַוועגונג.

* * *

אויף אַזאַ אופן האָט די אוקראַינישע באַוועגונג שוין אויפן צווייטן
יאָר נאָך דער רעוואָלוציע אַריינגעצויגן אינם קרייז פון איר השפעה,
אויסער פּראָלעטאַרישע און האַלב=פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, אויך גאַנץ
באַדייטנדע שיכטן פון קליין=בירגער, סיי אין שטאָט און סיי אין דאָרף.
די דאָזיגע שיכט איז באַלד פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך טויזנטער באַ=

אַמטע, לערער, גלחים, וואָס האָבן איצט, ביי דער נייער פּאָליטישער קאָניונקטור, פּלוצים אַנטדעקט זייער אוקראַינישע האַרץ, און אויף אַזאַ אופן האָט זיך געשאַפן אַ קראַפט, וואָס האָט געמוזט האָבן איר ווירקונג אויפן גאַנצן פּרצוף פון דער אוקראַינישער באַוועגונג. שוין אין די לעצטע פּאָר חדשים פון דער „צענטראַלער ראַדע" האָט זיך די דאָזיגע ווירקונג אויסגעדריקט אין דער פאַרשטאַרקונג פון די פּאַרטייען פון „סאָציאַליסטן פעדעראַליסטן" און „סאָציאַליסטן־סאַמאָסטייניקעס", וועלכע מע האָט אין דער ערשטער תקופה נאָך דער רעוואָלוציע כּמעט גאָרניט געהערט. ניט קוקנדיג אויף זייער סאָציאַליסטישן נאָמען האָבן די דאָזיגע צוויי פּאַרטייען אַרויסגעוויזן קלאָרע קליינבירגערליכע טענדענצן.

די ווירקונג פון דער ניי־אויפגעוואַקסענער אוקראַינישער קליינבור־זשואַזיע איז געווען, נאַטירליך, אַ רעאַקציאָנערע. מען מוז ניט גראד זיין אַ צוקערפאַבריקאַנט, כדי צו באַקעמפן מיט בלינדן האַס אַלע פּראָ־לעטאַרישע באַשטרעבונגען. אַדאַנק דער דורות־לאַנגער הערשאַפט איבער די מחות איז די פּאָליטישע מחנה פון דער בורזשואַזיע פיל גרעסער, איידער דער קרייז פון די, וועלכע זיינען אונמיטלבאַר־עקאָנאָ־מיש בלוטיג פאַראינטערעסירט אין דער דערהאַלטונג פונם קאַפּיטאַליזם.

ס'איז געווען אַ קללה פאַר די אויפריכטיגערע אוקראַינישע סאָציאַ־ליסטן, וואָס בעת די בירגערליכע ווירקונג אין דער אוקראַינישער באַוועגונג האָבן זיך אַרויסגעוויזן מיט אַן אַלץ שטאַרקערער קראַפט, האָבן זיי נאָך אַלץ זיך דאָקטרינער געהאַלטן אָן דער טעאָריע, אַז קיין אוקראַינישע בורזשואַזיע איז ניטאָ און דעריבער קאָנען אויך ניט געמאָלט זיין קיין אוקראַינישע בירגערליכע פּאַרטייען. דעריבער, במקום דורכ־צופירן אַ שאַרפע גרעניץ־ליניע צווישן זיך און דעם קלאַסן־באַוואוסטן קליינבירגערטום פונם אייגענעם פאָלק און באַקעמפן זיינע באַשטרעבונגען מיט דערזעלבער ענערגיע, מיט וועלכער ס'טוען דאָס סאָציאַליסטן פון אַנדערע פעלקער, האָבן זיי זיך עקשנותדיג געקלאַמערט אָן דער פיקציע וועגן דער לחלוטין־אייניגער סאָציאַליסטישער נאַציע, וואָס האָט ניט קיין קלאַסן־קאַמף אין זיך אינעווייניג. דער ערשטער פועל־יוצא פונם דאָזיגן שטאַנדפּונקט איז דער, אַז דער קאַמף קעגן דער בור־זשואַזיע האָט אין די אויגן פון אַזעלכע סאָציאַליסטן געמוזט אָנגעמען אַ

נאַציאָנאַלן, ד. ה. בּ ע י ק ר אַ נ ט י ס ע מ י ט י ש ן כאַראַקטער. דער צווייטער פּועל־יוצא איז געווען וואָס די אוקראַינישע ס. ד. און ס. ר. האָבּן אָנגעהויבּן קוקן אויף די אַלץ שטאַרקער אויפטרעטנדע אוקראַינישע בּירגערליכע עלעמענטן, אַלס אויף אַ מאַסקאַראַד, וואָס קאָן אַמאָל צונויץ קומען צוליב נאַציאָנאַלע אינטערעסן. היות ווי מען האָט צו טון מיט דייטשן, וואָס האַלטן ניט פון פּראָלעטאַרישע אתה־בחרתנו־נאַציעס, מוז מען זיי ווייזן אַז מען איז גלייך צו לייט, אַז מען האָט אַן איינענע בּורזשואַזיע און מען קאָן ליפערן מיניסטאָרן אַפילו נאָכ׳ן שטורץ פון דער סאָציאַליסטישער צענטראַלער ראַדע. די סאָציאַליסטישע אינספּיראַטאָרן פונם „אוקראַינישן נאַציאָנאַלן פאַרבּאַנד“ האָבּן אין דער העטמאַן־צייט ערנסט געמיינט, אַז זיי נאַרן אָפּ די דייטשן, אַריינרוקנדיג זיי א ו נ ט ע ר־ג ע פ אַ ל ש ט ע בּורזשואַזע מיניסטאָרן; בּאמת זיינען די ס. פ. (סאָציאַליסטן־פעדעראַליסטן) גאָר קיין בּורזשואַ ניט, ווייל דאָס אוקראַינישע פאָלק האָט דאָך בּאַקאַנטליך ניט קיין בּורזשואַזיע *) . . .

די ווייכקייט און טאָלעראַנץ פון די אוקראַינישע סאָציאַליסטן צו די בּירגערליכע עלעמענטן, וואָס האָבּן זיך אַרויסגעוויזן צווישן זיי, האָט פון דער אַנדערער זייט געבּראַכט דערצו, אַז די דאָזיגע עלעמענטן האָבּן זיך ניט אַנטפּלעקט אין זייער גאַנצער נאַקעטקייט. בּאַנוצנדיג די פריינטליכקייט פון לינקס האָבּן די אידעאָלאָגן פון דער וואַקסנדער אוקראַינישער בּורזשואַזיע געקאָנט זיך צופּאַסן צו די דעמאָלט הערשנדיגע שטימונגען און פאַרדעקן זייער אמתן פּרצוף אונטער אַ קלאַנגפולן סאָציאַליסטישן נאָמען. אויבּ שוין אין רוסלאַנד ווערט דער נאָמען „סאָציאַליסט“ שטאַרק מיסגעבּרויכט, האָט דער דאָזיגער מיסבּרויך דערגרייכט

*) ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז דער הויפּט־אינספּיראַטאָר פון דער דאָזיגער כיטרער פּאָליטיק, וולאַד. ווינישענקאָ, האָט נאָך עד היום ניט איינגעזעהן איר גאַנצע לעבּערליכקייט. אין זיין העכסט־אינטערעסאַנטען בּוך „די אויפלעבּונג פון דער נאַציע" („Відродження нації") וואָס איז אָנגעשריבּן אינם יאָר 1920, ד. ה. אין דער צייט ווען ווינישענקאָ האָט זיך דערקלערט פאַר אַ קאָמוניסט, און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ ליידנשאַפטליכן „על חטא שחטאנו" — בּנוגע די חטאים פונם אוקראַינישן סאָציאַליזם פאַר דער ראַטן־מאַכט, — ווערט פונדעסטוועגן די פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלן אחדות בּעת דער העטמאַן־צייט פאַרטיידיקט מיט אַן עקשנות, וואָס וואָלט געמעגט האָבּן אַ בּעסערע אַנווענדונג. א. ר.

ביים „פּאָלק אָהן אַ בורזשואַזיע“, בײַ די אוקראַינער, זײַן העכסטע פּאָרם. אין די ראָמאַנטישע יאָרן פון דער אוקראַינישער באַוועגונג זײַנען אַלע געווען סאָציאַליסטן. ווער עס גלויבט אין גאָט און רעדט אוקראַיניש — איז אַ סאָציאַליסט, — אַזוי איז בערך געווען דער קריטעריִ פון סאָציאַליזם בײַ די כּל־ערלײַ סאָציאַליסטן־סאַמאָסטייניקעס און סאָציאַליסטן־פעדעראַליסטן . . .

דאָס פעלן פון אַ באַשטימטער גרעניץ־ליניע צווישן פאַרשיידענע טײלן פון דער אוקראַינישער באַוועגונג האָט געבראַכט דערצו, אַז דער דאָזיגער מאַרגאַרינע־סאָציאַליזם האָט זיך ניט נאָר קריסטאַליזירט און די ספעציפישע „סאָציאַליסטישע“ פאַרטייען, — סאָצ.־סאַמאָסטייניקעס און סאָצ.־פעדעראַליסטן, — נאָר אויך זיך ברייט פונאַנדערגעלייגט אין די ראַמען פון די צוויי פאַרטייען, — ס. ר. און ס. ד., — פאַר וועלכע דער סאָציאַליזם איז געווען עטוואָס מער, ווי אַ שיינער פוץ־מיטל. אַזאַ צושטאַנד איז געווען פאַרבונדן מיט ערנסטע סכּנות. בײַ דער ענדערונג פון דער אויסערליכער לאַגע האָט דער ערב־רב, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אונטערן סאָציאַליסטישן נאָמען, געקאָנט אָפּשטופּן אָן אַ זייט די ווייניגע באמת סאָציאַליסטישע עלעמענטן און אָנפירן אונטערן אַלטן רעוואָלוציאָנערן נאָמען די סאַמע רעאַקציאָנערע און שאָוויניסטישע פּאָליטיק.

די קערנדלאַך פון דער דאָזיגער סכּנה זײַנען בלי שום ספק שוין געווען פאַראַן אין דער צענטראַלער ראַדע. זייערע שרעקליכע פּרות זײַנען אָבער אָנגערייפט געוואָרן בלויז שפּעטער, אינם בלוטיגן יאָר 1919.

V. די איינלאַדונג קיין ווינניצע

דער ערפאָלג פונם אויפשטאַנד. — דער אויפלעזונגס-פראָ-
צעס אין דער דייטשער אַרמיי. — אַן אויפרוף קעגן אַנטי-
סעמיטישער אַגיטאַציע. — אומבאַקאַנטע חתימות. — אוקראַי-
נישער חייל קומט אַריין קיין אַדעס. — אוקראַאינער און
אַנטאַנט. — די טעלעגראַם פון ווינניצע. — מיין אָפּפאָר.

אין אַ פּאָר וואָכן נאָכן אָנהויב פונם אויפשטאַנד קעגן דער העט=
מאַן האָט זיך דער אויפשטאַנד פאַרשפרייט איבערן גאַנצן שטח פון אוק=
ראינא. ווי פון אונטער דער ערד זיינען אומעטום אויסגעוואַקסן גוט באַ=
וואָפנטע פויערשע באַטאַליאָנען מיט אַגאַנץ נישט-קשהדיגער דיסציפלין
און אַבאַדייטנדן רעוואָלוציאָנערן ענטוזיאַזם. די עסטרייכישע אַרמעע, וואָס
האָט אָקופּירט דעם דרומדיגן טייל פון אוקראַינע, איז צו יענער צייט
שוין געווען לגמרי דעמאָראַליזירט און אינגאַנצן פאַרנומען מיט דער עוואַ=
קואַציע אַהיים. דאָס אַוועקגייענדע מיליטער פלעגט כמעט אָהן שום ווי=
דערשטאַנד אָפּגעגעבן די רעפּובליקאַנער זייער גאַנצע באַוואָפנונג, אַבי
מען זאָל זיי געבן די מעגליכקייט צו דערגרייכן די גרעניץ. עטוואָס
פעסטער זיינען נאָך געווען די דייטשן, וואָס האָבן פאַרנומען דעם גרע=
סערן צפונדיגן טייל פונם לאַנד. אין איינציגע ערטער האָבן זיי אונטער
דער אָנפירונג פון זייערע רעאַקציאָנערע אָפיציערן געפּרובט אפילו מיט
געווער אין דער האַנט צו פאַרטיידיגן די מאַכט פונם העטמאַן. קעמ=
פענדיג אָבער אָהן אינערלעכסטער איבערצייגונג, האָבן זיי געליטן אין
אַזעלכע פאַלן מצד די אויפגעשטאַנענע פויערים גאַנץ עמפפינדליכע
מפּלות. דערזעהענדיג, אַז די קראַפט פונם אויפשטאַנד איז פיל גרע=
סער איידער זיי האָבן אין אָנהויב געמיינט, און קומענדיג צו דער אי=
בערצייגונג, אַז זיין אונטערדריקונג וועט פאַרלאַנגען — אויב זי וועט

זיך בכלל איינגעבן — צו פיל בלוט, האָבן זיי אין פילע ערטער אָנ=
געהויבן אָפּצושליסן מיטן רעפּובליקאַנישן חייל נייטראַליטעטס = אָפּ=
מאַכן, וואָס האָבן אים געלאָזט פרייע הענט אינם קאַמף קעגן דעם העט=
מאַן. די איינגענע קראַפט פונם העטמאַן איז אָבער, נאַטיר=
ליך, געווען צו קליין, כדי צו קאָנען אַרויסווייזן דעם סטיכיש וואַקסנדן
אויפשטאַנד אַוועלכן ניט איז ערנסטן ווידערשטאַנד. אויף אַזאַ אופן איז
צום אָנהויב דעצעמבער, ד. ה. פונקט צוויי וואָכן נאָכן אויפשטאַנד, שוין
גאַנץ אוקראַינע געווען אין די הענט פון דער דירעקטאָריע, אויסער
אדעס, וואו ס'זיינען געשטאַנען די קריגס=שיפן פון דער אַנטאַנט, און
קיעוו, וואו ס'זיינען געווען קאָנצענטרירט די בעסטע דייטשע כחות, וועלכע
האָבן אונטערן דורק פון דער אַנטאַנט ניט צוגעלאָזט דאָס רעפּובליקאַ=
נישע מיליטער צו דער הויפט=שטאָט פון אוקראַינע.

אין אַ וואָך נאָכן אנהויב פונם אופשטאַנד האָבן מיר באַקומען אין
אַדעס — נאַטירליך אויף אַ אומלעגאַלן וועג, — דעם ערשטן אויפרוף
פון דער דירעקטאָריע. צווישן אַנדערן איז אין אים געשטאַנען, אַז „יידן
זיינען אונזערע פריינט; זיי גייען מיט אונז צוזאַמען; מען דאַרף דעריבער
ניט ערלויבן קיין שום אַגיטאַציע קעגן זיי, און יעדן, וואָס וועט זיך
מאַכן שולדיג אין אַזאַ מין אַגיטאַציע, זאָל מען באַטראַכטן אַלס אַ
קאָנטר=רעוואָלוציאָנער, וואָס וויל מאַכן אַ טומל אין די מחות, כדי אויפ=
צושטעלן די מאַכט פון די ערד=פּריצים און קאַפּיטאַליסטן" (כ'ציטיר
לויטן זכרון; דעם אָריגינאַל טעקסט פון אויפרוף האָב איך ניט ביי מיר).

דאָס מערקווירדיגסטע אינם גאַנצן אויפרוף, וואָס האָט בכלל גע=
מאַכט אַ באַפרידיגנדען איינדרוק, זיינען געווען די חתימות. אויסער ווי=
ניטשענקאָ און פּעטלורא, וועלכע זיינען אַלגעמיין באַקאַנט געווען נאָך
פון די צייטן פון דער צענטראַלער ראַדע, זיינען געשטאַנען נאָך דריי נע=
מען, וועלכע מיר האָבן פריהער קיינמאָל ניט געהערט: שוועץ, מאַ=
קאַרענקאָ, אַנדריעווסקי. די פאַרוואונדערונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז
אין אַ קרייז פון יידישע סאָציאַליסטישע טוער איז אפילו אַרויסגעזאָגט
געוואָרן די השערה, אַז דאָס זיינען פּסעוודאָנימען, אונטער וועלכע ס'באַ=
האַלטן זיך אָנגעזעהענע אוקראַינישע טוער, וואָס ווילן ניט ריזיקירן מיטן קאָפּ
אינם פאַל, ווען דער אויפשטאַנד וועט ניט מצליח זיין. און ווען מען
האָט דעם אַוטאָר פון דער דאָזיגער השערה אָנגעוויזן, אַז אָט פּעטלורא

און ווינטשענקאָ האָבן יע אַנטדעקט זייערע נעמען, האָט ער שפּיצפינדיג געענטפערט, אַז כּדי דער אויפרוף זאָל באַגעגענען אַ צוטרוי מצד די מאַסן, האָט מען געמוזט אַנטפּלעקן אַ פּאָר פּסעוודאָנימען, און גראָד אויף ז. און פּ. איז געפאַלן דער גורל. די דערקלערונג האָט געקלונגען זעהר אמתדיג און האָט געמאַכט אַן איינדרוק...

אין די ערשטע טעג פון דעצעמבער האָבן די פרייווילליגע אָנגעהויבן צו עוואַקואירן אדעס. אינם פּאָרט האָבן זיך פיבערהאַפט געלאַדן שיפן, וואָס האָבן זיך געגרייט אַוועקגיין קיין נאָוואָראָסייסק. איינזעלנע צוריקגעבליבענע אָפיצערן האָבן אויף גיך אַראָפּגענומען די עפּאָלעטן און זיך געסטאַרעט אויף וועלכן ניט איז אופן צו ענדערן זייער אויסערליכע צורה...

בערך דעם 5 דעצעמבער איז דאָס רעפּובליקאַנישע מיליטער אַריין אין אדעס. כ'האָב דעמאָלט געאַרבעט אויף פּושקינסקאַיאַ 57, אין דער פּאַרטיי-דרוקעריי און פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן", וואוהין איך בין דעלעגירט געוועזן מצד דעם הויפּט-קאָמיטעט פון פּועלי-ציון אויף אַ פּאָר חדשים, כּדי צו ברענגען די בערך גרויסע אונטערנעמונג אין אַ גרעסערע געשעפטליכע אָרדענונג. פּלוצים קומט צו מיר אַריין דער מעטראַנפּאַזש וו. און זאָגט, אַז דאָס מיליטער פון דער דירעקטאָריע גייט שוין פון דער באַן. כ'האָב אַ וואָרף געטאָן אָן אַ זייט די רעכענונג פאַר פאַרב, אין וועלכע כ'בין גראָד געווען פאַרטיפט, און אַרויס אויף די גאַס. ס'איז געווען אַ ליכטיגער, וואַרימער טאָג און אויף די טראָטואַרן האָבן זיך אָנגעקליבן טויזנטער מענשן, וואָס זיינען געקומען, כּדי צו באַקוקן און טיילוויז צו באַגריסן דאָס אַריינציהענדע מיליטער. בכלל איז די שטימונג פונם עולם געווען אַ צופרידענע, אַן אָפּטימיסטישע. ס'איז אפילו אויסגעקומען צו הערן צווישן דעם עולם שטימען, וואָס האָבן פאַרגלייכט די איצטיגע שטימונג מיט די אומפאַרגעסליכע ערשטע טעג פון דער רוסישער רעוואָלוציע (מערץ 1917), ווען אַלץ האָט זיך געדוכט אין לייכטנדע ראָזא פאַרבן. ס'איז דערביי אינטערעסאַנט, אַז די פרייד פון די יידן איז געווען פולער און עכטער, איידער פון די קריסטן. די קריסטליכע באַפעלקערונג אין אדעס איז מער גרויס-רוסיש, איידער אין יעדער אַנדערער שטאָט אויף אוקראינא. זי האָט דעריבער געהאַט אַ גאַנץ פאַרשטענדליכע אַנטיפּאַטיע צו דער אוקראינישער באַוועגונג; די דאָזיגע אַנטיפּאַטיע האָט זי ניט געקאָנט איבערווינדן אפילו

ביי דעם אויפריכטיגן האַס, וועלכן דאָס רוב פון דער באַפעלקערונג האָט געפילט צום רעזשים פונם העטמאַן.

דאָס אַריינגעקומענע אוקראַאינישע מיליטער האָט געטראָגן דייטליכע שפורן פון זיין רעוואָלוציאָנערן אורשפרונג. ס'זיינען געווען על-פי-רוב פויערים פון 20 ביז 40 יאָרן אין ווייסע באַראַשקאָווע היטלאַך, אין „שינעלן“, וואָס זיינען באַהאַלטן געוואָרן ביי דער פאַראַאיאָריגער דעמאָביליזאַציע און טיילווייז אויך אין געוויינליכע פויערשע „פאָלושובקעס“. אויסער די אָפיצערן, וואָס האָבן צוגענייט לענטעס אַרום די אַרבלען, האָט דאָס דאָזיגע חייל ניט געטראָגן קיין שום מיליטערישע אָפצייכנס *).

די אויפפירונג פונם מיליטער איז געווען אַ רוהיקע און פריינטליכע. קיין קלאָגן אויף זיי זיינען פון ערגעץ ניט געהערט געוואָרן.

די אַלגעמיינע צאָל פון די אויפשטאַנד-סאָלדאַטן, וואָס זיינען דעם ערשטן טאָג אַריין קיין אדעס, האָט מן הסתם ניט איבערגעשטיגן קיין צוויי טויזנט.

גלייכצייטיג מיטן אַריינגיין פונם אוקראַאינישן מיליטער מצד דער יבשה, האָבן די פראַנצויזישע קריגס-שיפן, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן אדעסער רייד, געמאַכט אַ דעסאַנט, פאַרנומען דעם פאָרט און די גאַנצע אַרומיגע טעריטאָריע. מיט אַ טאָג שפעטער איז צווישן דער קאָמאַנדירונג פון דער אַנטאַנט און די אָנפירער פון די אָנגעקומענע אוקראַאינער אָפגערעדט געוואָרן אַ דעמאַרקאַציאָנס-ליניע, וואָס האָט זיך געצויגן איבער דער לאַנזשעראָן-גאַס, ניט ווייט פונם פאָרט. אין דער זאָנע פון

---

*) א. נ. מ. די ספעציפישע „נאַציאָנאַלע“ אוקראַאינישע היטלאַך, מיט די אַרויסהייגענדע שטיקלאַך פון פאַרביקן געוואַנד (שליק), זיינען אין יענער תקופה ניט געווען אין דער מאָדע. די דאָזיגע נאַציאָנאַליסטישע היטלאַך זיינען געוואָרן כאַראַקטעריסטיש פאַר די אוקראַאינישע סאָלדאַטן ערשט שפעטער, אין דער תקופה פון זייער אַטאַמאַנישער דעגענעראַציע... בכלל איז דאָס אויסערליכע אויסזעהן פונם אוקראַאינישן מיליטער געווען אַ געטרייער שפיגל פון זיין אינערליכן תוך: וואָס פאַנטאַסטישער, פאַרבענרייער, נאַציאָנאַליסטישער אַ מיליטער-טייל איז געווען אָנגעטאָן, אַלץ רעאַקציאָנערער, באַנדיטישער, פאָגראָם-נרייטער איז ער געווען לויט זיין „אידעאָלאָגישן“ מהות. נאַטירליך, זיינען געווען אויך אויסנאַמען. אָבער אויסנאַמען באַשטעטיגן בלויז דעם אַלגעמיינעם כלל. א. ר.

די פאַרבינדעטע איז נאָך באַהאַלטן געווען אַ געוויסע צאָל פון פריי־וויליגע, וואָס האָבן נאָך ניט באַוויזן זיך אַרויסצוווּעצן אויף די שיפן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז די שטימונג אין דער שטאָט געוואָרן ווייניקער יום־טובדיק. מען האָט מורא געהאַט, ס'זאָל ניט קומען אין מיטן פון דער שטאָט צו אַ באַוואָפנטן צוזאַמענשטויס צווישן די אַנטאַנט־סאָלדאַטן און די רעספּובליקאַנער. די פאַרבליבענע פרייוויליקע, פילנדיק זיך אין דער פראַנצויזישער זאָנע אין פולער זיכערקייט, פלעגן אָפּט פּראָוואָצירן די אוקראַיִנישע גרעניץ־פּאָסטענס. די שטימונג צווישן די אוקראַיִנער אין שטאָט איז געוואָרן אַ פאַרביטערטערע און פעסטערע, נאָכמער, וואָס אויפן אַנדערן טאָג זיינען צו זיי צוגעקומען באַדייטנדע פאַרשטאַרקונגען. חוץ דעם, האָבן זיי באַקומען פון פאַרשידענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, בפרט פון די באָלשעוויקעס צוזאָגן וועגן אַקטיווער הילף אין פאַל מיט אַ צוזאַמענשטויס מיטן דעסאַנט פון דער אַנטאַנט. אָבער גלייכצייטיק דערמיט האָבן זיי באַקומען פון ווינניצע, וואו ס'איז דעמאָלט געווען די רעזידענץ פון דער דירעקטאָריע, טעלעגראַפישע אינסטרוקציעס אויסמיידן יעדן באַוואָפנטן קאָנפליקט מיט דער אַנטאַנט. און אין יענע גליקליכע טעג פלעגט מען זיך מיט אינסטרוקציעס נאָך ערנסט רעכענען...

אינם זעלבן טאָג, שפּעט אין אָוונט, ווען כ'האָב זיך אומגעקערט אַהיים, האָט מען מיר אָנגעקלונגען פון דער דרוקעריי און מיטגעטיילט אַז ס'איז אָנגעקומען אַ דרינגנדע טעלעגראַם פון ווינניצע, וואָס לאַדט מיך איין גלייך אַרויסצופאָרן אַהין. אונטערגעשריבן איז זי געווען: גאָלדעלמאַן, פאַרוואַלטער פון דער אַרבעטס־אָפּטיילונג.

*   *
*

כ'האָב אויפגענומען די טעלעגראַם מיט געמישטע געפילן. פון איין זייט האָב איך גלייך פאַרשטאַנען, אַז ס'האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ וויכטיקן ענין, און ס'איז כדאי צו פאָרן. פון דער אַנדערער זייט בין איך אָבער גראָד אין יענע טעג געווען פאַרנומען מיט אַן אַרבעט, וואָס איז מיר געלעגן נאָהענט צום האַרצן. מיר האָבן אינם פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן" געהאַלטן ביי פאַרענדיקן די אויסגאַבע פון אַ פּאָר פונדאַמענטאַלע ביכער. ספּעציעל האָבן מיר געלייגט געוויכט אויף דעם, אַז

באָראָכאָוו׳ס „אונזער פּלאַטפאָרם“, פאַר וועלכער ס׳איז געבליבן בלויז אָנצושרייבן די הקדמה און קאָנטראָלירן די קאָרעקטור פון די לעצטע בויגנס, זאָל אַרויסגיין פּינקטליך צום טאָג פון זיין ערשטער יאָרצייט, וואָס האָט באַדאַרפט זיין אין צעהן טעג שפּעטער (17 דעצ.) — ס׳איז דעריבער מיין ערשטער געדאַנק געווען צו טעלעגראַפירן, אַז כ׳וועל קאָנען אַרויספאָרן ערשט אין עטליכע טעג שפּעטער, און דערוויל זיך נעמען אויף גיך צו פאַרענדיגן די אויסגאַבע פון די ביכער.

קיין אַנדערע מניעות פאַר דער באַלדיגער נסיעה זיינען ביי מיר ניט געווען. — קיין פּ אָ ל י ט י ש ע ספקות וועגן דער נויטיגקייט פון דער רייזע, וואָס האָט געווים באַטייט אַ מיטאַרבעטערשאַפט ביי דער דירעקטאָריע, האָב איך אין יענעם מאָמענט לחלוטין ניט געהאַט.

אויפן אַנדערן טאָג, ווען כ׳בין געקומען אין דרוקעריי, האָט זיך די ידיעה וועגן דער טעלעגראַם שוין פאַרשפּרייט מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ צווישן אַלע פאַרטיי־חברים. ניט קוקנדיג אויף איר לאַקאָנישן אינהאַלט, — און אפשר אַדאַנק דעם, האָט מען אַרום איר אויפגעבויט פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס. די זעצערס און באַאַמטע פונם דרוק האָבן מיך אָנגעהויבן צו גראַטולירן. אין אַ שעה אַרום איז אפילו אָנגעקומען פאַרסאַפּעט אַ רעפּאָרטער פון „אָדעסקיא נאָוואָסטי“ און געפרעגט, צי ס׳איז אמת, אַז כ׳ווער באַשטימט אויפן פּאָסט פון יידישן מיניסטר. ווען כ׳האָב אים געוויזן מיין טעלעגראַם, אין וועלכער וועגן קיין שום באַשטימונג איז קיין רייד ניט געווען, האָט דער רעפּאָרטער זי אויפמערקזאַם דורכגעלייענט, אָבער געבליבן פעסט ביי זיינס. „איר זייט דאָך געווען דער דירעקטאָר פונם קהלות־דעפּאַרטאַמענט ביי זילבערפאַרבן, און ס׳איז גאַנץ נאַטירליך, אַז איר זייט איצט איינער פון די נאָהענסטע קאַנדידאַטן אויפן פּאָסטן פונם יידישן מיניסטר“. אויפן אַנדערן טאָג איז טאַקע די דאָזיגע השערה ערשינען אין בלאַט, אַלס „ אַ ידיעה פון אַ באַזונדערס אינפאָרמירטער קוועלע“.

זעהענדיג מיינע ספקות, צו זאָל איך אָפּפאָרן, ניט האָבנדיג פאַרענדיגט די אַרויסגאַבע פון די פּאָר ביכער, האָט דער פאַרוואַלטער פונם פאַרלאַג ח׳ איזראַילעוו, אַ פאַרברענטער באָלשעוויק און איינער פון די בעסטע מענשן, מיט וועלכע ס׳איז מיר אויסגעקומען ווען ניט איז אַרבעטן צוזאַמען, אָנגעהויבן אין נאָמען פון די אדעסער חברים שטאַרק

פֿאַרלאַנגען, אַז כ׳זאָל תּיכּף אָפּפֿאָרן: „און פֿאַר די ביכער זאָלט איר ניט זאָרגן. ח׳ כאַשין האָט געבעטן איבערגעבן, אַז איר דאַרפֿט אומבאַדינגט פֿאָרן און איבערנעמען דעם פּאָסטן, וואָס מען וועט אײַך דאָרט פֿאָרשלאָגן. ער וועט שוין אַליין, ניט קוקנדיק אויף זײַן שוואַכן געזונט־צושטאַנד זיך באַמיִען, אַז די ביכער — באָראָכאָווס „אונזער פּלאַטפֿאָרם“ און דאָס בוך וועגן ארץ־ישׂראל (פֿון בן־צבֿי און בן־גוריון) — זאָלן אַרויסגיין אין דער צײַט און אין בעסטער אָרדענונג“.

האָבנדיק די דאָזיקע צוזאָג (וואָס איז אגב טאַקע געהאַלטן געוואָרן), האָב איך זיך גענומען ענערגיש צו אַראַנזשירן מײַן נסיעה. זי איז ניט געווען אַזוי פּשוט, ווי ס׳האָט זיך געדוכט אויפֿן ערשטן קוק. קיין פּאַסאַזשיר־צוגן זײַנען דעמאָלט פֿון אָדעס אין ערגעץ ניט געגאַנגען. פֿאָרן האָט מען געקאָנט בלויז מיט אַ מיליטערישן צוג און מיט אַ באַזונדערער ערלויבעניש פֿון דער אוקראַיִנישער מיליטער־פֿאַרוואַלטונג.

די טעלעגראַם פֿון ווינניצע און די וויזיט־קאַרטע אַלס מיטגליד פֿון דער קליינער ראַדע האָבן אָבער געעפֿנט אַלע טירן. אין אַ שעה אַרום האָב איך שוין געהאַט אַ פּאַפּירל פֿונם שטאַב, אַז כ׳פֿאָר צוליב דרינגענדע ענינים קיין ווינניצע און מעג באַנוצן אַלע צוגן, וואָס גייען אַהין.

VI. ביים פאָרזיצער פון דער דירעקטאָריע

די שטימונג אין ווינניצע. — גאָלדעלמאַנס אינפאָרמאַציעס. — די אויפשטעלונג פון דער נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע און דאָס יידישע מיניסטעריום. — די פראַגע וועגן נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט. — מיין באַזוך ביי ווינניטשענקאָ. — זיין כאַראַקטעריסטיק. — דער העלד פון אייגענער דראַמע. — ווינניטשענקאָ און די יידן־פראַגע. — זיין שטעלונג צום באָל־שעוויזם. — פועלי־ציון און די ראַטן־מאַכט. — די דירעק־טאָריע און די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

אויפן אַנדערן טאָג צו מיטאָג־צייט בין איך שוין צוגעפאָרן צו ווינניצע. די שטימונג אין דער שטאָט איז געווען אַ געהויבענע. די אויפגעשטאַנענע פויערים האָבן זיך געפירט רוהיג און דיסציפלינירט, און ס'האָט זיך גערוכט, אַז דאָס מאָל וועלן די ענינים אין אוקראינע אַוועקגיין אויפן בעסטן אופן.

נאָך אין דעם זעלבן אָוונט האָב איך געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיט גאָלדעלמאַנען. אָנוועזנד ביים געשפּרעך איז געווען ח' גר., אַ פאָטאָ־גראַף, ביי וועמען איך בין דעמאָלט איינגעשטאַנען. אונטער דער השפּעה פון דער אַרומיגער אַטמאָספער איז גאָלדעלמאַן געווען פול מיט אָפּטימיזם און ענטוזיאַזם. ער האָט דערציילט, ווי די דירעק־טאָריע האָט במשך פון דריי וואָכן געקראָגן, ווי פון אונטער דער ערד אַ פערטל מיליאָן גוט באַוואָפנטע און דיסציפלינירטע סאָלדאַטן. מיר האָבן פאַר אונז אן אמתע רעוואָלוציע, וועלכע קומט ניט פון אויבן, פון איינער אָדער פון צוויי גרויסע שטעט, נאָר שפּאַרט אַרויס פון די טיפענישן פונם פאָלק. ער האָט איבערגעגעבן, וואָס פאַר אַ גרויסן איינדרוק האָט אויף די יידישע באַפעלקערונג אין ווינניצע און אין דער סביבה געמאַכט די אויפשטעלונג פון דער נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע, וועל־

כע מען האָט זיך אויסגעלערנט באַזונדערס שאַצן נאָך איר אָפשאַפונג פונם העטמאַן, און מיט וואָס פאַר אָוואַציעס מען האָט באַגעגנט אים פערזענליך, ווען ער איז געקומען אויף אַ זיצונג פון דער אָרטיגער קהלה.

נאָך דעם ווי מיר האָבן אויסגעשעפט אונזערע אַלגעמיינע איינדרוקן, זיינען מיר אַריבער צו אַן ערנסטערער באַשפּרעכונג פון דער לאַגע. גאָלדעלמאַן האָט איבערגעגעבן, אַז די אויפשטעלונג פונם יידישן מיניסטעריום איז אַ באַשלאָסענע זאַך און אַז מען האָט אים שוין אפילו אין אַ פריוואַטן געשפרעך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מען וואָלט גערן אַנידערגעשטעלט אויפן פאָסטן פון מיניסטער פאַר יידישע ענינים זיין פערזענליכע קאַנדידאַטור. ער האָט אָבער אויסגעמידן אַ דייטליכע תשובה. ערשטנס, האָט ער ניט געוואָלט מאַכן קיין שום בינדענדן שריט אָהן דעם פועלי-ציוניסטישן הויפט-קאָמיטעט. צווייטנס, האָט ער זיך פערזענליך געפילט ווייניג באַהאַוועט אין יידישע ענינים, און וואָלט באַפאָרצוגט צו אַרבעטן מיט דער דירעקטאָריע אויף אַ געביט, אויף וועלכן ער איז מער פאַכמאַן — אין אַרבעטס-מיניסטעריום, אָדער אויפן געביט פון פאָלקס-ווירטשאַפט. ער האָט מיר טעלעגראַפירט צו קומען, ווייל ער האָט געוואָלט האָבן די מעגליכקייט זיך דורכצובעראַטן אין וויכטיגע ענינים מיט נאָך אַ מיטגליד פונם הויפט-קאָמיטעט און ניט נעמען אויף זיך אַליין די גאַנצע אחריות. און היות, ווי מיט קיעוו זיינען נאָך ניטאָ קיין פאַרבינדונגען (דאָס אַריינטרעטן פונם באַלאַגערונגס-קאָרפוס קיין קיעוו איז פאָרגעקומען ערשט מיט אַ פאָר טעג נאָך מיין אָנקומען קיין וויניצע), האָט ער זיך געווענדעט צו מיר קיין אַדעס; חוץ דעם איז די דאָזיגע איינלאַדונג געווען באַרעכטיגט צוליב דעם, ווייל איך בין דאָך געווען דער פאָרשטייער פון דער פאַרטיי אינם פריהערדיגן יידישן מיניסטעריום.

בעת דעם דאָזיגן שמועס האָט גאָלדעלמאַן גאַנץ אָפן מודה געווען, אַז ס׳איז דאָ נאָך אַ סיבה, וואָס שטעלט אים פערזענליך אָפּ פון אָננעמען וועלכן ס׳איז פאָרטפעל פון דער דירעקטאָריע.

— „כ׳בין, ניט קוקנדיק אויף אַלץ (ד. ה. אויף די דייטשע רעוואָלוציע), געבליבן אַן אויסגעהאַלטענער מענשעוויק און קאָן ניט מיטמאַכן דעם באָלשעוויסטישן גאַלאָפּ פון ווינישענקאָ. ציטווייליג, אינם מאָמענט פונם אויפשטאַנד האָב איך זיך געשטעלט אָהן שום תנאים

אין רשות פון דער דירעקטאָריע און געטאָן אַליק, וואָס מען האָט מיר איבערגעבן. אָבער שפּעטער, ווען מיר וועלן קומען קיין קיעוו, וועל איך מוזן זיך שטאַרק מישב זיין, צו קאָן איך איבערנעמען פּאָליטיש-פאַראַנטוואָרטליכע פּאָסטנס ביי אַזאַ באָלשעוויסטישן קורס. כ׳וויים אָבער, אַז כ׳בין אין דעם פּרט אי דער פּאַרטיי אין דער מינדערהייט. וואָלט איך ניט געוואָלט דורך מיין פּערזענליכער שטעלונג שטערן דער פּאַרטיי צו באַטייליגן זיך אינם פּאָליטישן לעבן אין דעם מאָס, אין וועלכן זי וועט דאָס געפינען פאַר נויטיק“.

אינם ווייטערדיגן שמועס האָב איך דערציילט וועגן דער שטימונג פון די חברים אין אַדעס און אַ פּאָר אַנדערע שטעט. אויפן סמך פון דעם זיינען מיר געקומען צו דער זיכערקייט, אַז די אייגענע פּאָליטישע ליניע פון דער פּאַרטיי וועט ניט זיין קיין מניעה ניט קענן דער באַטייליגונג אין דער רעגירונג בכלל, ניט קעגן דעם פאַרנעמען פון יידישן מיניסטעריום בפרט. די הויפּט מניעה, וועלכע מיר וועלן מוזן גובר זיין, וועט זיין די שטעלונג פונם „נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט“, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן — אמת אָהן דעם אנטייל פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — מצד דער צייטווייליגער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. פאַר אונז ביידע, — סיי פאַר גאָלדעלמאַנען, סיי פאַר מיר, — איז געווען קלאָר, אַז אין דער רעגירונג, וואָס וועט איצט צונויפגעשטעלט ווערן אין קיעוו, וועט די באַטייליגונג פון אַ בירגערליכן מיניסטער זיין לחלוטין אויסגעשלאָסן. פון דער אַנדערער זייט, איז די אנפירונג פונם קומענדיגן יידישן מיניסטעריום דורך אַ נאַציאָנאַלן „שטאַטס סעקרעטאַר“, וואָס וועט ניט זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער אַלגעמיינער פּאָליטיק, ניט נאָר אומלאָגיש, בפרט ביי דער היינטיגער סיטואַציע, נאָר אויך לגמרי אוממעגליך. די אוקראַינער וועלן קיינמאָל אויף דעם ניט איינגיין, און מען קאָן אפילו צוליב דעם ניט האָבן צו זיי קיין ערנסטע טענות.

אגב האָט גאָלדעלמאַן דערציילט, אַז, זייענדיג באַם ראש פון דער דירעקטאָריע, האָט ער שוין געפּרובט אַ טאַפּ טון דעם דופק וועגן דעם, ווי וואָלט מען זיך דאָרט באַצויגן צום פּאָרשלאַג וועגן אַן יידישן שטאַטס-סעקרעטאַר במקום אַ מיניסטער. ער האָט גלייך באַקומען אַ שאַרפע נעגאַטיווע תשובה. „די נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמיע איז אַ מלוכהשע איינריכ-

טונג און קאָן דעריבער ניט לחלוטין אָפּגעטיילט ווערן פון אַנדערע מלוכה=
דיגע פונקציעס. די באַשטימונג פון אַ שטאַטס=סעקרעטאַר וואָלט באַ
דער איצטיגער פּאָליטישער סיטואַציע באַדייט, אַז מען קאָן זיך ניט אידענ=
טיפיצירן מיט אונזער אַלגעמיינער מלוכה=פּאָליטיק, אַז מען וויל זיך ניט
באַטייליגן אינם אַלגעמיינעם קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע. איז דען אָבער
מעגליך, אַז מיר, אַ רעגירונג, וואָס דערקלערט דעם שאַרפסטן קאַמף קעגן
די באַזיצנדע קלאַסן, וועט איבערגעבן איינעם פון די וויכטיגסטע פּאַרוואַל=
טונגס=געביטן אין די הענט פון די קלאַסן, וועלכע זי באַקעמפט ?".

פונדעסטוועגן איז פאַר אונז ביידע קיין ספק ניט געווען, אַז דאָס
איבערנעמען פונם יידישן מיניסטעריום ק ע ג ן דעם ווילן פונם נאַציאָ=
נאַלן סעקרעטאַריאַט וואָלט זעהר פאַרשווערט אונזער אויפגאַבע, און
אַז אַזאַ שריט קאָן געטאָן ווערן בלויז אין דעם פאַל, ווען ס'וועט ניט בלייבן
קיין שום אַ נ ד ע ר ע ברירה. אונזער פּאָליטיק נאָכן אָנקומען קיין
קיעוו דאַרף שטרעבן צו איבערציינגן דעם נאַצ. סעקרעטאַריאַט, אַז אויב
ער וויל באמת, אַז די נאַציאָנאַלע אַוטאָנאָמיע זאָל אויפגעשטעלט ווערן,
מוז ער אָפן אָדער שטילשווייגנד געבן זיין הסכם צו דער שאַפונג פונם
יידישן מיניסטעריום דורך פועלי=ציון, פונקט אַזוי ווי מיר זיינען בשעתו,
בעת דער צייט פונם העטמאַן, נעווען גרייט אונטער געוויסע תנאים צו
דערלאָזן, אַז אין דער שפּיץ פונם יידישן מיניסטעריום זאָל שטיין אַ
בירגערליכער פּאָליטיקער, אבי נאָר דער דאָזיגער וויכטיגער אינסטיטוט
זאָל ניט אָפּגעשאַפט ווערן בכלל.

נאָך דער באַטראַכטונג פון אַלע „פאַר" און „קעגן" זיינען מיר
געקומען צום הסכם לאָזן די פראַגע וועגן יידישן מיניסטעריום הענגען אין
דער לופטן און ניט אונטערנעמען פון אונזער זייט קיין שום שריט, כדי
זי צו באַאיינפלוסן צו אונזער גונסטן. דערפאַר האָבן מיר באַשלאָסן,
אַז איך זאָל, זיך שטיצנדיג אויף די ידיעות וועגן דער פּאָזיטיווער באַ=
ציהונג פון די חברים צום אוקראַאינישן אויפשטאַנד בכלל, באַזוכן אין
איינעם פון די נאָהענסטע פאָר טעג דעם פאָרזיצנדן פון דער דירעק=
טאָריע ווינטשענקאָ און מאַכן אין נאָמען פונם הויפּט=קאָמיטעט אַן ער=
קלערונג וועגן אונזער אַלגעמיינער פּאָליטישער שטעלונג; דערביי אָבער
זאָל איך אויסמיידן יעדע בינדענדע הבטחות בנוגע דער פראַגע פונם
יידישן מיניסטעריום.

אין צוויי טעג אַרום איז דער דאָזיגער באַזוך פאָרגעקומען. נאָך אַ דריי־פאַכן קאָנטראָל דורך פאַרשיידענע פאָסטנס און סעקרעטאַרן בין איך אַרויפגעגאַנגען אויפן פערטן עטאַזש פונם האָטעל „פראַנסוא“, וואו ס׳האָט זיך דעמאָלט געפונען די דירעקטאָריע, און אַריינגעפירט געוואָרן אינם קאַבינעט פון וו. ווינטשענקאָ.

* * *

מיט וואָלאָדימער קירילאָוויטש ווינטשענקאָ איז מיר דאָס מאָל אויסגעקומען צו שמועסן אויג צו אויג דאָס ערשטע מאָל. פריהער האָב איך אים נאָר אַ פּאָר מאָל געהערט רעדנדיג אין דער צענטראַלער ראַדע. היות אָבער, ווי כ׳האָב אין דער צייט, ווען ער איז געווען פאָרזיצענדער פונם גענעראַל־סעקרעטאַריאַט, ניט גענומען קיין אַקטיווער אָנטייל אין דער ראַדע־פּאָליטיק, איז מיר קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו באַאָבאַכטן אים אין אַ קלענערן קרייז פון מענשן און נאָך ווייניגער צו רעדן מיט אים באַזונדער. כ׳האָב אים מער געקענט פון דער ליטעראַטור, אַלס אַן ערפאָלגרייכן דראַמאַטורג, וועמענס דראַמען — אין רוסישער איבערזעצונג — פלעגן אָפט געשטעלט ווערן און אַרויסרופן אַ שטאַרקן אינטערעס.

ווינטשענקאָ איז בלי שום ספק איינער פון די מענשן, וואָס מאַכן ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט אַ שטאַרקן איינדרוק. אַ טיפער ברונעט, מיט אַ טונקעלן, כמעט ציגיינערישן פנים, שטעכנדיג־פאָרשנדיגע אויגן, מיט אַן אויסדרוק פון געזיכט, וואָס רעדט סיי פון דורכגעלעבטע שווערע זעלישע יסורים, סיי אויך פון אונגעהייערן ווילן און גרויסן אינעווענינסטן קראַפט־באַוואוסטזיין, — מאַכט ער אויפן מיטשמועסער, וועלכער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט זיינע דראַמאַטישע ווערק, דעם איינדרוק, אַז דאָ שטייט פאַר אים אין אָריגינאַל איינער פון די הויפּט־העלדן פון ווינטשענקאָס דראַמען, — אַ מענש, וואָס איז פול מיט קראַפט און געדאַנק און גייט אין דערזעלבער צייט צוגרונד צוליב זיינע אייגענע אינעווייניגסטע ספקות און נשמה־יסורים. רעדנדיג מיט ווינטשענקאָ, ווערט מען אָפט ניט פטור פונם איינדרוק, אַז דער דאָזיגער מענש שפּילט זיינע אייגענע פּאָליטישע טראַגעדיע, שפּילט זי מיט

קראַפט און ערנסט, ניט אַרומקוקנדיג זיך אויפן פּאַרקעט; אָבער דאָך גיט ער מאָמענטנווייז אַ קוק אויף זיך אַליין, אין זיין אייגענעם אינעווייניגסטן שפּיגל, און דעמאָלט ווערט ער דערניכטערט און פול מיט ספקות. וויניטשענקאָ איז צו קלוג, כּדי צו זיין אַ בּלינדער ענטוזיאַסט, צו טראַגיקער, כּדי נאַאיוו צו גלויבן אין זיינע אייגענע פּאָליטישע לעבנס־מיסיע, צו פּילזייטיג, כּדי צו זיין אַ מאַניאַק, וואָס גייט דירעקט צו זיין ציל אָהן דעם קלענסטן אָפּהאַלט, אָן דעם מינדעסטן ספק. מען האָט אפילו אַ מאָל דעם רושם, אַז אין די חדרי־חדרים פון זיין נשמה שפּאָטעט מאָמענטנווייז וויניטשענקא דער דיכטער איבער וויניטשענקאָ דעם פּאָליטיקער...

אַלס פּאָליטישער טוער האָט וויניטשענקא אַסך מעלות. שטאַרקער מאַכט־באַוואוסטזיין, גרויסע ענערגיע, קלאָרער פּאָליטישער בּליק אין בערך באַדייטנדע בילדונג, — זיכערן אים אַ גאַנץ גרויסע ווירקונג אויף זיין סביבה. ער פאַרשטייט, ווי צו ווירקן אויף מענשן, ווי צו האַלטן זיי אונטערן היפּנאָז פון זיין גייסטיגער השפּעה. די דאָזיגע אַלע מעלות וואָלטן אים געמאַכט פאַר אַ געבוירענעם פירער. אָבער זיינע שטענדיגע ספקות און אינעווייניגסטע אומזיכערקייט פאַרדאַרבען אַלע גוטע אייגנשאַפטן פון זיין כאַראַקטער און מאַכן אים אין אַנטשיידנדע מאָמענטן פאַר אַ ווערקצייג פון מענשן, וואָס זיינען פיל נידעריגער פון אים אין אַלע פּרטים.

אַ זון פון אַ פּשוטן אָרימען פּויער, האָט וויניטשענקאָ בלי שום ספק ניט געקאָנט ניט אַריינזאַפּן אין זיך בעת זיינע קינדער־יאָרן דעם יידן־האַס, וואָס טראָגט זיך אין דער אַטמאָספער פונם מזרח־אייראָפּעאישן דאָרף. שפּעטער איז אים, אַלס פּאַרטיי־טוער (ער איז געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט שוין בעת דער ערשטער רעוואָלוציע פון 1905) און באַזונדערס אַלס פּאָליטישן עמיגראַנט אויסגעקומען פיל צו באַגעגענען זיך מיט יידן, און זיין באַציהונג צו זיי איז געוואָרן בערך דיזעלבע, ווי ביים רוב פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ פון יענער צייט. די געזעלשאַפטליכע נאָהענטקייט צו יידישע קרייזן האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אין זיין פּערזענליכן לעבן: זיין פרוי איז אַ יידישע, אַ מעדיצינערין לויט פּראָפעסיע, וואָס האָט בעתן וועלט־קריג געאַרבעט אין איינעם פון די קיעווער שפּיטאָלן. מיט וויניטשענקאָס פרוי איז מיר אויס־

געקומען אַ פּאָר מאָל זיך פליכטיג צו באַגעגענען. זי רעדט אויסגעצייכנט אוקראַיניש, און האָט, דוכט זיך, קיין שום חשק ניט צו באַנוצן וועלכע ס'איז אַנדערע שפּראַך. מן הסתם איז זי, ווי דער שטייגער איז, אַ נאָך גרעסערע אוקראַאינישע פּאַטריאָטין, ווי איר מאַן זעלבסט.. מענשן, וואָס קאָנען זי נאָהענטער, באַהויפּטן, אַז זי האָט אַגאַנץ באַדייטנדע השפּעה אויף ווינטשענקאָן; כ'האָב געהערט וועגן איר פון פאַרשיידענע זייטן זעהר גוטע מיינונגען; מען לויבט איר שכל און פעסטע סאָציאַליסטישע איבערצייגונג. כ'קען זי אָבער צו ווייניג, כדי צו זיין אימשטאַנד צו באַשטעטיגן אָדער אָפּלייקענען די דאָזיגע מיינונגען אויפן סמך פון מיין אייגענער באַאָבאַכטונג.

ברייטערע בילדונג און יאָרן פון פּאַרטייאישן און עמיגראַנטן=לעבן האָבן אָפּגעווישט פון ווינטשענקאָס פּסיכיק דעם אויבנאויפיגן, כמעט אינסטינקטיוון אַנטיסעמיטיזם פון אַ אוקראַיניש פּויער=קינד. כ'צווייפל ניט אין דעם, אַז אָ ב י ע ק ט י ו ו האָט ער צו יידן אַ גאַנץ פריינטליכע באַציהונג, און אַז יעדער יידישער פּאָגראָם פלעג אים דערפילן מיט מיטגעפיל און עקל. מאָמענטנווייז פלעג אָבער אין זיינע רייד זיך דורכרייסן — אפשר קעגן זיין אייגענעם ווילן אַ נאָטקע, וואָס האָט געקלונגען ווי אַן אטאַוויסטישע אָפּשפּיגלונג פון די באַוואוסטזיניג אונטערדריקטע אַמאָליגע שטימונגען. כ'מיין, אַז ווינטשענקאָ, דער ניט=אַנטיסעמיט, וואָלט פונדעסטוועגן שטאַרק צופרידן געווען, ווען יידן וואָלטן אין אוקראַינע בכלל ניט געווען און ווען זיין פאָלק וואָלט ניט געהאַט צו טון, חוץ זיינע אייגענע צרות, נאָך מיטן פאַרשאָלטענעם און פאַרפלאָנטערטן יידישן פּראָבלעם. געוויס איז ווינטשענקאָ צו פיל קולטור=מענש און צו פיל סאָציאַליסט, כדי צו בילינן אָדער אפילו גלייכגילטיג זיין צו אַזעלכע באַרבאַרישע ערשיינונגען, ווי יידישע פּאָגראָמען. אָבער פונדעסטוועגן האָט ער זיך צו זיי באַצויגן פיל=פיל רוהיגער, איידער מיר יידישע אינטעליגענטן, און האָט געוויס צוליב זיי ניט פאַרבראַכט קיין שלאָפלאָזע נעכט. ס'איז קלאָר, אַז די פּאָגראָמען האָבן אויף אים ניט געמאַכט אַזאַ ערשיטערנדיגן איינדרוק, ווי אויף זיין קאָלעגע אין דער ליטעראַטור קיזראָלענקאָ אָדער זיין חבר אין פּאָליטיק טשעכאָווסקי. אָבער אַזעלכע מענשן, ווי קאָראָלענקאָ און טשעכאָווסקי, זיינען ווייסע ראַבן אין זייער סביבה, און ס'וואָלט געווען אַ פּאָלאָטישע נאַאיוויטעט פון אונזער זייט, ווען מיר

וואָלטן ערוואַרט, אַז יעדער פּראָגרעסיווער ניט־יידישער אינטעליגענט מוז אַזוי אויפנעמען די שרעקליכע זייטן פונם יידישן לעבן, ווי די דאָזיגע ווייסע ראַבן...

* * *

כ׳האָב זיך פאָרגעשטעלט ווינישעווסקען און אים מודיע געווען אינם נאָמען פונם הויפּט־קאָמיטעט, אַז די פּועלי־ציוניסטישע פּאַרטיי סאָלידאַריזירט זיך מיטן אויפשטאַנד קעגן דעם העטמאַן און איז גרייט שטיצן די דירעקטאָריע אין איר ווייטערדיגער אַרבעט. זי ערוואַרט, אַז די דירעקטאָריע וועט אַנטשידן גיין אויפן וועג פון סאָציאַליסטישע רעפאָרמען און וועט אַרבעטן אין פולן הסכּם מיט אַלע סאָציאַליסטישע כּחות אין לאַנד.

דער פּאָרזיצער פון דער דירעקטאָריע האָט אויסגעהערט די דאָזיגע קורצע באַגריסונג מיט דייטליכער צופרידנקייט און האָט גלייך, ווי טרעפנדיג מיינע געדאַנקען, פאַרפירט דעם שמועס אין דער ריכטונג, וואָס האָט מיך אַם מערסטן אינטערעסירט:

— „ווי באַציהט זיך די פּועלי־ציוניסטישע פּאַרטיי צום באָלשעוויזם?“

כ׳האָב געענטפערט:

— „אין דער פּאַרטיי זיינען אין דעם פּרט דאָ פאַרשיידענע מיינונגען. ס׳איז דאָ אַ באַדייטנדער פליגל פון אויסגעשפּראָכענע באָלשעוויקעס; ס׳זיינען דאָ אויך איינצלנע פּערזאָנען, וואָס האַלטן זיך פאַר קאָנסעקווענטע מענשעוויקעס. דער איבעריגער טייל פון דער פּאַרטיי באַציהט זיך צום באָלשעוויזם ניט פיינטליך. ער איז פון אָנהויב אָן געווען קעגן יעדן באַוואָפנטן קאַמף מיט אים און אויך קעגן יעדן מין פון סאַבאָטאַזש. אַלגעמאַלס שטייט ער איצט אויפן שטאַנדפונקט, אַז מען מוז שטרעבן קומען מיט די באָלשעוויקעס צו אַ פּאָליטישן הסכּם און באַמיהען זיך דורכצופירן אויך אויף אוקראַינע דעם גרעסטן טייל פון זייער פּראָגראַם. ביי היינטיגן טאָג איז דאָס ביי אונז די הערשנדע מיינונג“.

ווינישעווסקע האָט מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט און געענטפערט:

— „און מיר האָבן אונז געשטעלט די אויפגאַבע דורכפירן אויך אויף אוקראַינע דעם באָלשעוויזם, אָבער אויף אַ מער אייראָפּעאישן שטייגער“.

— „מיינט דאָס אויך די ראַטן־מאַכט?".

— „יאָ! מיר מוזן אָבער אַריינפירן אַזאַ פאָרם פון ראַטן־מאַכט, בײַ וועלכער דער דאָרפישער פּראָלעטאַריאַט זאָל ניט אַנידערגעשטעלט ווערן אין אַן ערגערע לאַגע, איידער דער שטאָטישער".

דער מיין פון וויניטשענקאָס רייד איז געווען אַ גאַנץ קלאָרער. ראַטן־מאַכט לויטן גרויס־רוסישן מוסטער וואָלט איבערגעגעבן אוקראַינע אין די הענט פונם שטאָטישן, ד. ה. בעיקר רוסיפיצירטן פּראָלעטאַריאַט, און אין דעם איז געווען באַהאַלטן אַ גרויסע סכנה פאַר דער אוקראַינישער באַוועגונג.

— „און ווי וואָלט זיך צו דער אַריינפירונג פון ראַטן־מאַכט באַצויגן אייער פּאַרטיי?", האָט פאָרטגעזעצט וויניטשענקאָ.

כ'האָב אויף דעם געענטפערט, אַז אַ גרויסער טייל פון דער פּאַרטיי וועט דאָס זיכער באַגריסן. צי וועט ער זיין דער רוב, ווייס איך ניט. אַלנפאַלס שיינט מיר, אַז בהסכם מיט דער שטעלונג פון דער פּועלי־ציוניסטישער פּאַרטיי אין ראַטן־רוסלאַנד וועט זי אויך דאָ אויף אוקראַינע קיין אויסגעשפּראָכן נעגאַטיווע שטעלונג דערצו ניט נעמען.

— „און וואָס איז אייער פּערזענליכע שטעלונג דערצו?".

— „פּערזענליך האָב איך געוויסע ספקות, צי איז בײַ די אוקראַינישע באַדינגונגען די ראַטן־מאַכט אַן אומבאַדינגטע פאָראויסזעצונג פאַר דער דורכפירונג פון סאָציאַליסטישערווירטשאַפט. ס'דוכט זיך, אַז אפילו מיט דעמאָקראַטישע מעטאָדן וואָלט מען איצט געקאָנט, בפרט ווען מען זאָל זיין פאַרבונדן מיט ראַטן־רוסלאַנד, קריגן אַ מערהייט וואָס זאָל שטיצן אַ רעגירונג, וועלכע וועט פאַרוואַלטן מיט דיקטאַטאָרישע מיטלען קעגן דער בורזשואַזיע. אַלנפאַלס שיינט מיר, אַז ס'וואָלט כדאי געווען מאַכן דעם דאָזיגן פּרוב פריהער, ווי מען פירט אַריין די ראַטן־מאַכט.

„אויב אָבער צוליב טאַקטישע מאָטיוון וועט ניט מעגליך זיין דורכפירן דעם דאָזיגן פּרוב, וואָלט אַלנפאַלס געווען געוואונשן, אַז ס'זאָל באַוואָרנט ווערן ניט נאָר דאָס וואַלרעכט פונם דאָרפישן פּראָלעטאַריער כלפּי דעם שטאָטישן, נאָר אויך דאָס וואַלרעכט פונם אַרבעטער אין די קליינע ווערקשטאַטן כלפּי דעם אַרבעטער פון דער גרויסער אינדוסטריע. צוליב דער אייגנאַרטיגער עקאָנאָמישער סטרוקטור פונם יידישן פּראָלעטאַריאַט באַקומט ער אָפּט בײַם באַשטייענדיגן מאָדוס פון די ראַטן־

וואָלן אַ קלענערע פּאַרטרעטונג, איידער די, וואָס עס קומט אים לויט זיין צאָל".

דערנאָך האָב איך פון מיין זיין געפרעגט ווינישענקאָן וועגן דער שטעלונג פון דער דירעקטאָריע צו דער אַנטאַנט. כ'האָב באַקומען די תשובה, אַז די דירעקטאָריע האָט ניט בדעה צו קעמפן קעגן דער אַנטאַנט, ווייל אויסער אַלע אַנדערע סיבות פילט זי זיך צו שוואַך דערצו. זי וועט אָבער זיך אַנטשידן אַנטקעגנשטעלן קעגן יעדן פּרוב צו פאַרוואַנדלען אוקראַינע אין אַ באַזע פאַר אַ מיליטערישן אָנגריף פון דער אַנטאַנט אויף ראַטן-רוסלאַנד.

נאָכדעם איז דער שמועס אַריבער צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע. ווינישענקאָ האָט ערקלערט מיט אַ געוויסער פייערליכקייט, אַז די דירעקטאָריע וועט זיך ניט באַשרענקן מיט דער אויפשטעלונג פון דער נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע, נאָר זי וועט צודיק אויפשטעלן אויך די נאַציאָנאַלע מיניסטעריומס. דאָס יידישע מיניסטעריום וועט מען אויפשטעלן גלייך נאָכן קומען קיין קיעוו; מיטן פוילישן און גרויס-רוסישן מיניסטעריום וועט מען אָבער עטוואס צוּוואַרטן.

אויף מיין פראַגע, פאַרוואָס ווערט איצט געמאַכט אַ חלוק אין דער באַציהונג צו יידן פון איין זייט און צו די פוילן און גרויס-רוסן פון דער אַנדערער, האָב איך באַקומען אַ תשובה, אַז די פוילן זיינען מיליטעריש אָנגעפאַלן אויף מזרח-גאַליציע און מען קאָן דאָך ניט אויפשטעלן דאָס נאַציאָנאַלע מיניסטעריום פון אַ פאָלק, מיט וועלכן מען געפינט זיך אין קריג. ס'איז נאָך אַ ספק, צי וועט זיך ביי אַזוינע באַדינגונגען געפינען אַ וועלכע ס'איז פוילישע פאַרטיי, וואָס וועט שיקן אירן אַ פאָרשטייער אין די אוקראַינישע רעגירונג. „און אויסער דעם אַלעמען, דאַרף די אויפשטעלונג פונם פוילישן מיניסטעריום אָפּגעלייגט ווערן ביז צו דעם מאָמענט, ווען מיר וועלן עס קאָנען אויסנוצן אַלס קאָמפּענסאַציע פאַר דער זיכערונג פון די נאַציאָנאַלע רעכט פון די אוקראַינישע מינדערהייטן, וואָס וועלן בלייבן נאָך דער באַשטימונג פון דער ענטגילטיגער גרענעץ צווישן צווישן פוילישע מערהייטן".

— „וואָס איז נוגע דעם גרויס-רוסישן מיניסטעריום", האָט פאָרגעזעצט ווינישענקאָ, האָבן מיר אין פּרינציפּ גאָרניט אַקעגן זיין אויפשטעלונג. מיר מיינען אָבער, אַז גראָד דער איצטיגער מאָמענט, נאָך

דעם, ווי דער העטמאַן האָט פּראָקלאַמירט אַ פֿעדעראַציע מיט רוסלאַנד און נאָכדעם, ווי די רוסן האָבן זיך אין דער העטמאַן־צייט באַצויגן אַזוי אומטאָלעראַנט צו אַלץ אוקראַאיניש, וואָלט געווען דערצו זעהר ניט קיין פּאַסנדער".

אויף די ווערטער וועגן די פּוילן האָב איך, ניט אַריינגייענדיג אין תּוך פֿונם ענין (דער ערשטער אַרגומענט פֿון ווינישענקאָ האָט אויף מיך געמאַכט אַן ערנסטן איינדרוק) זיך באַגנוגנט מיט דער אַלגעמיינער באַמערקונג, אַז אונז יידן וואָלט געווען פֿיל אָנגענעמער, ווען די אַנדערע נאַציאָנאַלע מיניסטעריומס ווערן אויפֿגעשטעלט גלייכצייטיג מיט אונזערן; וואָס איז נוגע ספּעציעל דאָס גרויס־רוסישע מיניסטעריום, וואָלט זיין אויפֿשטעלונג ערשט געווען די בעסטע דעמאָנסטראַציע פֿאַר דער הענעמאָניע פֿון דער אוקראַאינישער קולטור.

ווינישענקאָ, וועלכן ס'איז, זעהט אויס, שוין ניט איינמאָל אויסגעקומען צו הערן דעם דאָזיגן אַרגומענט, האָט ניט געגעבן אויף דעם קיין קלאָרע תּשובה. איך, פֿון מיין זייט, האָב ניט געהאַלטן פֿאַר געוואונשן פֿאָרצוזעצן דעם שמועס אין דערזעלבער ריכטונג, כּדי ניט זיין געצוואונגען צו וועלכע ס'איז בּינדענדע דערקלערונגען בּנוגע דעם יידישן מיניסטעריום.

אויף דעם האָט זיך דער געשפּרעך פֿאַרענדיגט. ער האָט אינגאַנצן געדויערט פֿון 15 בּיז 20 מינוטן.

VII. דער טריאומף־צוג קיין קיעוו

די אויפבוי־אילוזיעס. – מיינע פּראָעקטן. – די פּראַגע וועגן וואַלרעכט. – אויפן וועג קיין קיעוו. – דער ערשטער נוסח פון דער דעקלעראַציע. – אויפן קיעווער וואָקזאַל. – די באַגעגנונגס־צערעמאָניעס. – די רעוואָלוציע אין קיעוו און די פּועלי־ציון. – די פּאָליטיק פון די קיעווער חברים.

די פאָלגנדיגע עטליכע טעג זיינען אַריבער זעהר איינטאָניג. די אוקראַינער האָבן שוין געהאַט פאַרנומען קיעוו און די דירעקטאָריע האָט זיך געקליבן אַהין אַריבערצופאָרן. איך אַריבערפאָרן איז אָבער — כ׳הייס ניט צוליב וועלכער סיבה — אָפּגעלייגט געוואָרן פון איין טאָג אויפן אַנדערן.

במשך פון די דאָזיגע עטליכע טעג בין איך כמעט ניט אַרויסגעגאַנגען פון מיין צימער, אַרבעטנדיג איבער אַ פּאָר פּראָעקטן, וואָס האָבן מיך דעמאָלט אינטערעסירט. איינער פון זיי איז נוגע געווען דעם וואוינונגס־פּראָבלעם אין די שטעט, וועלכע האָט אָנגענומען גראָד צו יענער צייט זעהר אַ שאַרפן כאַראַקטער. כ׳האָב געגלויבט בתמימות, אַז איצט, נאָך דער פאַרענדיגונג פונם וועלט־קריג, וועט די מלוכה, אויסער אַדמיני־סטראַטיווע מיטלען אויף צו דערגרינגערן דעם וואוינונגס־עלנד, זיין אויך בכח דורכצופירן אויף די יסודות פונם מלוכה־קאַפּיטאַליזם אַ גרויסע בוי־פּראָגראַם. כ׳האָב אפילו אָנגעמערקט אין מיינע געדאַנקן אַ פּערזאָן, וואָס וואָלט געווען פעהיג דורכצופירן אַזאַ פּראָגראַם אין לעבן: דאָס איז געווען דערזעלבער אינזשענער ר., וואָס האָט זיך דערנאָך באַרימט געמאַכט מיט עלעקטריפיצירונגס־פּראָיעקטן פון ארץ־ישראל. כ׳האָב גערעכנט, אַז אומאָפּהענגיג פון זיין פּאָליטישער שטעלונג (אַלס רוסישער ס. ר. איז ער נאַטירליך קעגן אוקראַינישער זעלבשטענדיקייט) וועט אים

אָבער אַזאַ געוואַלטיגע ווירטשאַפֿטליכע אויפֿגאַבע אימפּאָנירן אַלס טעכניקער און אָרגאַניזאַטאָר.

פֿונם דאָזיגן גאַנץ גענוי־אויסגעאַרבעטן פּראָיעקט איז, נאַטירליך, קיינמאָל גאָרניט אַרויסגעקומען. כ׳דערמאָן אים אָבער, אַלס אַ כאַראַקטעריסטישן ביישפּיל פֿאַר אונזער דעמאָלסטיגער שטימונג. ווען כ׳שלעפּ אַמאָל אַרויס פֿון מיינע אַלטע פּאַפּירן דעם דאָזיגן שוין געל געוואָרענעם פּראָיעקט, לאַך איך זיך ביטער אויס איבער מיינע און אונזערע אַלעמענס נאַאיוויטעט, איבערן אָפּטימיסטישן גלויבן, אַז איצט — נאָך דער פֿאַרענדיגונג פֿונם וועלט־קריג און מיטן בונד פֿון אוקראַינע מיט ראַטן־רוסלאַנד — הויבט זיך אָן פֿאַר ביידע לענדער אַ תּקופֿה פֿון אויפֿבוי און ווירטשאַפֿטליכער דערהויבונג. האָבן מיר דען געקאָנט דעמאָלט וויסן, אַז אַלע געשעהענישן, וואָס זיינען געווען, זיינען בלויז בלימעלאַך, און די פֿרוכטן קומען ערשט שפּעטער? האָבן מיר זיך געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז דאָס יאָר 1918 מיט אַלע זיינע ליידן און יסורים וועט נאָך באַטראַכט ווערן במשך די קומנדיגע יאָרן אַלס דער פֿאַרלוירענער גן־עדן אין פֿאַרגלייך מיט די פֿאַר יאָרן, וואָס קומען נאָך אים?

דער צווייטער פּראָיעקט, איבער וועלכן כ׳האָב דעמאָלט געאַרבעט איז נוגע געווען דעם וואַל־רעכט צו די צענטראַלע מלוכה־אָרגאַנען. כ׳האָב געפּרובט אויסצואַרבעטן אַזאַ מאָדוס פֿון וואַל־רעכט, וואָס זאָל פֿון פֿאָרנט אָן פֿאַראייניגן דעם פּרינציפּ פֿון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור מיט די וואַל־גאַראַנטיען פֿון דער פֿאָרמעלער דעמאָקראַטיע. דאָס דאָזיגע גאַנץ אינטערעסאַנטע פּראָבלעם וועט אונז נאָך אויסקומען צו באַרירן אין איינעם פֿון די קומענדיגע קאַפּיטלען.

* * *

ענדליך אין דער נאַכט אויפֿן 19 דעצעמבער, איז דער עקסטראַ־צוג פֿון דער דירעקטאָריע אָפּגעפֿאָרן אין דער ריכטונג צום פֿאַרנומענעם קיעוו. כ׳האָב געקראָגן אַ פּלאַץ אין איינעם פֿון די וואַגאָנען, וואָס אי׳ז פֿאַרנומען געוואָרן דורך העכערע באַאַמטע פֿון פֿאַרשיידענע מיניסטעריומס.

געפֿאָרן זיינען מיר לאַנגזאַם. אויף יעדער גרעסערער סטאַנציע

Ex bibl. univ. Tart.

איז דער צוג באַגעגנט געוואָרן מיט מוזיק, און די דירעקטאָריע איז באַגריסט געוואָרן דורך פאַרשיידענע דעפּוטאַציעס.

אינם צוג, ניט ווייט פון פאַסטאָוו, האָב איך זיך באַקאַנט און פונאַנדערגעשמועסט מיט איינעם פון מיינע מיטפּאַרנדע, דעם אוקראַינישן ס. ד. אַבראַמאָוויטש, וואָס איז מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער באַשטימט געוואָרן פאַרן געהילף פון אינערן-מיניסטער *). בעת דעם דאָזיגן שמועס האָב איך צום ערשטן מאָל געלעזן, — אַלס אַ פּאַרטרויליכן דאָקומענט, — דעם פּראָיעקט פון דער דעקלאַראַציע, וועלכע די דירעקטאָריע האָט געהאַט בדעה אַרויסצולאָזן גלייך נאָך איר אָנקומען קיין קיעוו. דער דאָזיגער פּראָיעקט איז אין אַ פּאָר וויכטיגע פּרטים געווען ראַדיקאַלער און אויסגעהאַלטענער, איידער דער טעקסט וואָס איז דערנאָך פאַרעפנטליכט געוואָרן אין קיעוו. און אים איז, למשל, ניט געווען קיין וואָרט וועגן דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, וואָס דאַרף קומען נאָך דער פאַרענדיגונג פון דער דיקטאַטור פונם אַרבעטס-קאָנגרעס. ס׳האָבן אין אים געפעלט אויך איינינע אַנדערע פּראַזן, וואָס האָבן דערנאָך פאַרוואַסערט די דעקלאַראַציע און איר צוגעגעבן צום טייל אַ שוואַנקענדיגן כאַראַקטער. ווי ס׳זעהט אויס, איז זי אין קיעוו געווען אַן ענין פון אַ פּאָליטישן מגע ומשא מיט די רעכטערע אוקראַינישע עלעמענטן, וועלכע האָבן אריינגעטראָגן אין איר אַ ריי פון פאַרענדערונגען.

*   *
*

אַרום עלף אינדערפריה זיינען מיר אָנגעקומען קיין קיעוו. דער וואָקזאַל, איינער פון די שמוציגסטע און פאַרלאָזנסטע, וועלכע כ׳האָב ווען ס׳איז באַגעגנט, איז דאָס מאָל געווען צוגעפּוצט און דעקאָרירט מיט גירלאַנדן, מיט רויטע און נאַציאָנאַלע פאָנען. פאַרן וואַגאָן פון דער דירעקטאָריע האָט זיך אויפגעשטעלט אַ גאַנצע ריי פון דעפּוטאַציעס, וועלכע זיינען געקומען זי צו באַגריסן מיטן נצחון איבערן העטמאַן. צווישן די דעלעגאַציעס האָט מען באַמערקט אויך אַ פאָרשטייערשאַפט

*) ניט קוקנדיג אויפן דאָזיגן יידיש-קלינגדן נאָמען איז ער אַן עכטער אוקראַינער. גראָד זיין נאָמען איז דער בעסטער באַווייז, אַז ער איז באמת ניט קיין ייד: וואָלט אין זיינע אָדערן געפלאָסן יידיש בלוט, וואָלט ער, אַלס אוקראַינער ס. ד., געוויס שוין פון לאַנג אויסגעזוכט פאַר זיך אַן עכט אוקראַינישן נאָמען . . .

פונם יידישן נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט מיט ו. טיאָמקין בראש, פון דער קיעווער קהלה מיט מ. סירקינען, פון יידישן פאָלקס-אוניווערסיטעט מיט מ. זילבערפאַרבן אָן דער שפּיץ. יעדע דעפּוטאַציע האָט געהאַלטן אַ לענגערע אָדער קירצערע רעדע; פאַר יעדע רעדע האָט מען געדאַנקט; אינמיטן האָט מוזיק געשפּילט — אַלץ איינס און דאָס זעלבע (די ערשטע שטראָפע פון „זאַפּאָרויט") און אַזוי אַרום האָט די דאָזיגע צערעמאָניע פאַרנומען אַ היפּש ביסל צייט.

ס'איז געווען אַ גאַנץ שטאַרקער פּרעסטיזש, און די גאַנצע צייט איז געפאַלן אַ קאַלטער, טרוקענער שניי. פונם וואַגאָן, מיט וועלכן כ'בין געפאָרן — דריי-פיר וואַגאָנען פונם סאַלאָן-וואָגען פון דער דירעקטאָריע — האָט מען שלעכט געהערט די רעדעס, און ס'איז אפילו ניט געווען קיין קלענסטער אינטערעס צו הערן די באַנאַלע, אויפגעבלאָזענע פראַזן, וואָס ווערן ביי אַזעלכע געלעגנהייטן גערעדט. געזעהן האָט מען עטוואָס בעסער — די שאַרפע, עטוואָס פאַרכמורעטע און באַזאָרגטע געזיכטס-ליניען פון ווינישעווקאָ און די לייכטנדע גלאַט-געגאָלטע פיזיאָגנאָמיע פון פּעטלורע, וואָס האָט געגלאַנצט אין איינער פון זיינע פאַנטאַסטישע אַטאַמאַנישע אוניפאָרמען: ביי אַזעלכע פאַראַדן פלעגט זיך פּעטלורע שטענדיג פילן, ווי אַ פיש אין וואַסער. די איבעריגע מיטגלידער פון דער דירעקטאָריע, פאַרבלאָזע און אומבאַדייטנדע פּאַרשוינען, האָט ניט געצויגן צו זיך קיין שום אויפמערקזאַמקייט.

כ'מוז מודה זיין, אַז די לאַנגע באַגריסונגס-צערעמאָניע איז מיר גענוג נמאס געוואָרן און שוין נאָך די ערשטע צעהן מינוטן האָב איך אָנגעהויבן צו זוכן אַ מעגליכקייט זיך אַרויסצורוקן אומבאַמערקט פונם טומל. דאָס איז אָבער געווען אוממעגליך, און כּדי צו פאַרטרייבן די צייט האָב איך זיך פאַרנומען מיט פיזיאָגנאָמיע-שטודיען, אויסקלייבנדיג אַלס אָביעקט די נאָהענטסטע סאָלדאַטן פון די, וואָס זיינען אויסגעשטעלט געווען אַלס אַן ערן-וואַך לויט דער גאַנצער לענג פונם צוג. ביזן היינטיגן טאָג האָבן זיך אַריינגעקריצט אין זכרון די צורות פון צוויי סאָלדאַטן, וואָס זיינען געשטאַנען אַם נאָהענטסטן צו מיין פענסטער. יונגע פויערים און באַראַשקאָווע היטלאַך זיינען זיי געשטאַנען מיטן פנים צום פאַלנדיגן שניי, און זייערע געזיכטער — גאָרניט קיין שלעכטע — האָבן אויסגעדריקט אַ פאַרדרוס, צונויפגעמישט מיט אַ שטומפּיקער,

פּרענגדיגער אומבּאַרשטענדעניש. ווען מען האָט זיי גערופן צו קעמפן קעגן דעם העטמאַן, קעגן די פּריצים, פאַר ערד, פאַרן טייערן שטיקל באָדן, וואָס מען האָט בּיי זיי צוריקגענומען בּעת דער וויסטער דייטש⸗העטמאַנישער רעאַקציע, — האָבּן זיי דאָס אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען. ווען זיי, שוואַך באַוואָפנטע פּויערים, העבּן געמוזט צוליבּ דעם אויסהאַלטן ערטערווייז שלאַכטן מיט גוט⸗אָרגאַניזירטע און דיסציפּלינירטע דייטשע מיליטער⸗טיילן און לאָזן דערבּיי אַ היבּש בּיסל קרבּנות, — האָבּן זיי דאָס אויך פאַרשטאַנען און אהן קלאָגן די קרבּנות געלייגט.

אָבּער דאָס, וואָס מען האָט זיי אַרויסגעשטעלט אויפן פאַראַד, וואָס איז דומה אין אַלע פּרטים צו די אַלטע גענעראַלסקע צייטן, און וואָס זייער פירער, דער לעגענדאַרער פּויערים⸗באַפרייער פּעטליורע, האָט אָנגעטשעפּעט אויף זיך די זעלבּיגע פינטיפלושקעס, וועלכע זיי אַליין האָבּן ערשט פאַראַיאָרן, אַלס סאָלדאַטן אויף דער פראָנט, אומבּרחמנותדיק געריסן פון זייערע אָפּיצערן, זעהענדיג אין זיי דעם סימבּאָל פון דורות⸗לאַנגער פּריצישער און אָפּיצערישער אונטערדריקונג, — דאָס האָט זיך ניט געלעגט אין זייער מח. דאָס שעה'ן⸗לאַנגע שטיין אויפן פראָסט אנטקעגן די אַלע אויסגעפּוצטע דעפּוטאַציעס איז פאַר זיי קענטיק געווען אַ גרעסערער קרבּן, איידער די טונקעלע ווינטער⸗נעכט, וואָס זיי זיינען געלעגן אין די קאַלטע טראַנשעען. און כ'האָבּ דייטליך געזעהן: מיינע פאָר סאָלדאַטן וועלן דאָס ניט אויסהאַלטן. בּיי דער ערשטער בּעסטער געלעגנהייט וועלן זיי זיך אומקערן אין זייערע דערפער, צו זייערע פרויען און צום צוריק⸗ערשאָבּערטן לאַנד. דער גרעסטער און בּעסטער טייל פון דער אויפשטענדישער אַרמעע וועט זיך צעשיטן. און ווער וועט בּלייבּן אויף זייער פּלאַץ? וואָס פאַר אידעאַלן און באַשטרעבּונגען וועלן באַגייסטערן דאָס בּיסל באַרופס⸗סאָלדאַטן, וואָס האָבּן בּעתן לאַנגן וועלט⸗קריג פאַרלוירן יעדן אַנדערן אָפּהאַלט אין לעבּן?

שווערע ספקות און טונקעלע פאָרנעפּילן האָבּן זיך אַריינגעריסן אין האַרצן. און אונטער די פייערליכע קלאַנגען פונם „זאַפּאָוויט” האָט באַהערשט די געדאַנקען אַ שווערע מרה⸗שחורה.

ענדליך, שוין כמעט צום סוף פון דער לאַנגער באַגריסונגס⸗צערעמאָניע, האָבּ איך זיך אַנטשידן, גענומען דעם טשעמאָדאַן אין די

האַט און, דורכנייענדיק אין באַגלייטונג פון אַן אוקראַאינער, וואָס האָט געפאָלגט מיין בייספּיל, אַפאַר וואַגאָנען, אַרויס פונם וואָקזאַל מיט אַ זייטיגן גאַנג. דאָ האָב איך געקראָגן אַ דראָזשקע און אַוועקגעפאָרן אַהיים.

די דירעקטאָריע אָבער, ניט באַגנוגנדיק זיך מיטן פּאַראַד אויפן וואָקזאַל, איז נאָך אַוועקגעפאָרן — צוזאַמען מיט די דעפּוטאַציעס און צאָלרייכע באַאַמטע אין אַ פייערליכער פּראָצעסיע צום סאָפיעווסקי פּלאַץ. דאָ האָט מען נאָך אַראַנזשירט דעם גרויסן גאָטעס־דינסט, און דער־נאָך דורכגעצויגן דעם גאַנצן קרעשטשאַטיק...

* * *

אין קיעוו האָבן אויף מיך געוואַרט אַ סך נייס. ס'האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז נאָך פאַרן אַריינקומען פונם רעספּובליקאַנישן מיליטער אין שטאָט איז דאָרט פאָרגעקומען אַן אויפשטאַנד אונטער דער אָנפי־רונג פון די אוקראַאינישע ס. ד. און מיטן אנטייל פון די דריי יידישע סאָציאַל. פּאַרטייען — בונד, פּועלי־ציון, פאַראייניגטע. אין דער נאַכט פאַרן אַריינקומען פון קאָנאָוואַלעצעס באַלאַגערונגס־קאָרפּוס האָבן די אויפשטענדישע פאַרכאַפּט די וויכטיגסטע רעגירונגס־געביידן און אָרגאַ־ניזירט אַ צייטווייליגן „ראַט פון קאָמיסאַרן״ ביי די באַשטייענדע העט־מאַנישע מיניסטעריומס. די פרייוויליגע, וויסנדיג, אַז די דייטשן האָבן זיי „פאַרקויפט״, האָבן זיך פאַרטיידיגט זעהר שוואַך; בעיקר האָט יעדער פון זיי געטראַכט וועגן זיין פערזענליכער זיכערקייט.

בעת דעם דאָזיגן נאַכט־אויפשטאַנד האָט די פּועלי־ציוניסטישע קאַמפּס־אָפּטיילונג פאַרכאַפּט אַ דירה אויף פּראָרעזנאַיאַ גאַס נומ. 3, וואו ס'איז געוועזן איינער פון די דאָבראָוואָלטשעסקע שטאַבן, — „די דרומדיגע אַרמעע פונם פרייוויליגן חייל״. די דירה, וואָס געפינט זיך אין צענטרום פון שטאָט, איז די חברים אזוי גוט געפעלן, אַז זיי האָבן באַשלאָסן ניט אַרויסצולאָזן זי פון די הענט און מאַכן אין איר דעם פּאַרטיי־קלוב. דער דאָזיגער באַשלוס איז באַזונדערס באַרעכטיגט געווען דורך דעם, וואָס פונקט מיט אַ חודש פריהער האָט די העטמאַנישע מאַכט פאַרמאַכט דעם באָראָכאָוו־קלוב און רעקווירירט די דירה, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען.

פאַר אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס פלעג זיך ביז אַהער מחן שטענדיג באַנוגענען מיט אַ פּאָר נאַסע, פינסטערע צימערלאַך ערגעץ־וואו אין אַ זייטיגן געסל, איז די דערוועַרבונג פון אַזאַ גוטער דירה געווען אַ גרויסער יום־טוב. מען האָט מיך דעריבער גלייך נאָך מיין אָנקומען קיין קיעוו איינגעלאַדן א קוק צו טון דעם נייעם קלוב. די דירה האָט נאָך געטראָגן אַלע שפורן פון די, וועלכע האָבן נאָר־וואָס אין איר בעלי־בתע־ווערט. ס׳איז געווען אַ סימבאָליש בילד צו זעהן אויף די ווענט גרויסע רעקרוטירונגס־פּלאַקאַטן פון דער פרייוויליגער אַרמעע, איבער־געקלעפּט מיט קליינטשקע יידישע צעטעלאַך, פּאַרטיי־מעלדונגען פון די פּועלי־ציון.

אין איינעם פון די צימערן איז ביי אַ גרויסן ברענענדיגן קאַמין גע־זעסן ח׳ אספּאַרקאַן, אַ מיטגליד פון צ. ק., און האָט מיט פילאָזאָפישער רוהיגקייט איינגעהאַנדיג געוואָרפן גוואַלטיגע שטיקער האָלץ אינם מעכ־טיגן פייער, כאָטש אין צימער איז סיי ווי געווען גענוג וואַרעם. באַ־מערקנדיג אויף מיין פּנים דעם אויסדרוק פון שטומער פאַרוואונדע־רונג איבער אַזאַ אויסערגעוויינליכן לוקסוס — כ׳בין שוין מימים קדמונים געוואוינט געווען דערצו, אַז אין פּאַרטיי־לאָקאַל מוז מען פרירן, אַז דאָס איז אַ נאַטור־געזעץ, אַז אַנדערש קאָן גאָר ניט זיין, — האָט ער כיטרע אַ וואונק געטאָן מיט די אויגן, אַ גלעט געטאָן די ברייטע באָרד און לאַנגזאַם, אַ ביסל איראָניש, אויסגעצויגן צווישן די ציין:

— „נישט־קשה! ס׳איז פּרייוויליגע האָלץ! זיי האָבן דאָס אונז געשענקט״...

נאָכן דאָזיגן קאָמישן אַריינפאָר האָבן מיר אָנגעהויבן שמועסן מכח ערנסטערע ענינים. די חברים אין קיעוו האָבן שוין אנטייל גענומען אין אַ פּאָר באַראַטונגען וועגן די יסודות פון דער קומענדיגער מאַכט. ס׳האָט זיך דערביי אַויסגעוויזן, אַז זייער שטעלונג צו די וויכטיגסטע פּאָליטישע פּראָבלעמען, בפרט צו דער פראַגע וועגן אויפשטעלן די נאַציאָנאַלע אַוטאָנאָמיע, איז בערך די זעלבע, וועלכע מיר האָבן פאַר־גומען אין וויניציע. דאָס האָט מיך, נאַטירליך, שטאַרק באַפרידיגט. כ׳בין געווען צופרידן צו קאָנסטאַטירן, אַז אָפּגעריסן איינער פונם אַנ־דערן האָבן פאַרשיידענע טיילן פון דער פאַרטיי דאָך געהאַנדלט אין איין און דער זעלבער ריכטונג.

VIII. אונטערן דרוק פון באַלאַגערונגס־צושטאַנד

דער קבלת־פּנים פון דער דירעקטאָריע. — די ביטערע טראָפּנס אינם זיסן בעכער. — סטרילעצקאַיאַ ראַדאַ מאַכט איינענע פּאָליטיק. — סאָציאַלע טענדענצן און זייערע נאַציאָנאַליסטישע טרעגער. — דער באַלאַגערונגס־צושטאַנד. — די נזרה וועגן די שילדן און איר באַגרינדונג. — אַ פאָרשלאַג וועגן אַ געפערליכער פּריווילעגיע. — די דורכזוכונגען אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. — אַן אַנעקדאָטישער פאַקט. — די רעזולטאַטן.

גלייך ביים אַריינקומען פון דער דירעקטאָריע איז די שטימונג אין די קיעווער יידישע קרייזן געווען אַ געהויבענע, אַן אָפּטימיסטישע. פון אַלע זייטן האָט מען געלייגט אויף איר גרויסע האָפענונגען. אפילו דער „בונד“ און די „פאַראייניגטע“, וואָס האָבן מיט צוויי וואָכן שפּעטער געשפּילט די שאַרפסטע אָפּאָזיציע, האָבן געשיקט דער דירעקטאָריע ענטוזיאַסטישע באַגריסונגס־טעלעגראַמען. *)

*) אָט איז, למשל, דער טעקסט פון דער באַגריסונג פון די „פאַראייניגטע“, אָפּגעדרוקט אין „נייער צייט“ פון 19 דעצעמבער.

„דער הויפּט־קאָמיטעט פון דער פ. א. ס. א. פ. אויף אוקראינע שיקט זיין סאָציאַליסטישן גרוס דער דירעקטאָריע פון דער אוקר. פאָלקס־רעפּובליק אין טאָג פון איר טריאומף אַריינקומען קיין קיעוו בראש פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמעע. אונטער דער אָנפירונג פון דער דירעקטאָריע האָט דאָס רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַריאַט באַזיגט די העטמאַנישע רעאַקציע פון די עקספּלואַטירנדע קלאַסן. מיר זיינען זיכער, אַז אויך ביים אויסבילדן די מאַכט פון דער אוקראינישער פאָלקס־רעפּובליק און ביים אויסאַרבעטן די יסודות פון דער וויטערדיגער פירונג פון דער מלוכה וועט זיך די דירעקטאָריע שטיצן נאָך אויפן רעוואָלוציאָנערן פויערטום אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטערשאַפט, באַפרידיגנדיג אויף אַזאַ אופן

אָבער אינם בעכער פון האָנ׳ן האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן אַריינ־גיסן ביטערע טראָפּנס. שוין אין אַ פּאָר טעג נאָכן אָנקומען פון דער דירעקטאָריע קיין קיעוו האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אמתע מאַכט גע־פינט זיך אין די הענט פונם „באַלאַגערונגס־קאָרפּוס", וואָס איז באַשטאַ־נען כמעט בלויז פון גאַליצישע סאָלדאַטן און איז אָנגעפירט געוועזן פון אַן איינגאַרטיגן ראַט פון אָפיצערן — „סטרילעצקאַיאַ ראַדאַ".

אָט די דאָזיגע „סטרילאַצקאַיאַ ראַדאַ" האָט עקשנות׳דיג און סי־סטעמאַטיש געפירט איר באַזונדערע פּאָליטיק. צו יענער צייט האָבן די פּויערים, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען קעגן דעם העטמאַן, שוין אָנ־געהויבן זיך פונאַנדערצוגיין איבער זייערע דערפער, און דאָס גאַלי־צישע חייל איז געוואָרן די מיליטערישע הויפּט־שטיצע פון דער די־רעקטאָריע. דער דאָזיגער פאַקט, ווי אויך דער שטאַרקער אנטייל פון די גאַליצישע „סיסטשעוויקעס" אינם ערפאָלג פונם אויפשטאַנד, האָבן פאַרדרייט די מיטגלידער פון דער „סטרילעצקאַיאַ ראַדאַ" די קעפּ. געווען זיינען דאָס יונגע אָפיצערן, אויסערליך — פון טיפּישן עסטריי־כישן שניט, על פי רוב מיט העכערער בילדונג און גוטער מיליטערישער צוגרייטונג, אָבער אָהן וועלכן ס׳איז באַגריף וועגן די סאָציאַלע שטי־מונגען, וואָס האָבן געהערשט אין די מאַסן נאָך דער גרויסער רו־סישער רעוואָלוציע. אָנגעקומען פון יענער זייט גרעניץ, וואו קיין רע־וואָלוציע, אפילו קיין בירגערליכע, איז אייגנטליך בכלל ניט פאָרגע־קומען — עסטרייך אַלס מיליטער־מאַכט האָט זיך פשוט צעפאַלן, און אירע באַזונדערע טיילן האָבן געמוזט אַליין אויסזוכן זייער וועג, — האָבן זיי געקוקט אויף אַלץ, וואָס זיי האָבן געזעהן אויף דער „גרוי־סער אוקראינע" *), אַלס אויף אַ שעדליכן כאַאָס אָדער, נאָך ערגער,

די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון דער אַרבעטנדיגער דעמאָקראַ־טיע אויף אוקראינע. ברוך הבה דער דירעקטאָריע און איר רעוואָלו־ציאָנערן חייל: לעבן זאָל דער סאָציאַליזם!

ליטוואַקאָוו, כורגין".

בערך דעמזעלבן נוסח האָט אויך געהאַט די באַגריסונגס־טעלע־גראַם פונם „בונד".

*) אין גאַליצישער טערמינאָלאָגיע ווערט דער גרעסערער רוסישער טייל פון אוקראינע אָנגערופן „גרויס־אוקראינע", צום אונטערשיד פון מזרח־גאַליציען, וואָס ווערט אָנגערופן „קליין־אוקראינע", „וועסט־אוקראינע" אָדער סתם האַליטשינאַ". א. ר.

באָלשעוויזם. די רעוואָלוציע קעגן דעם העטמאַן האָבן זיי מיטגעמאַכט בעיקר צוליב נאַציאָנאַלע און ניט צוליב סאָציאַלע מאָטיוון. וואָלט דער העטמאַן ניט פּראָקלאַמירט דעם 14 נאָוועמבער קיין פעדעראַציע מיט רוסלאַנד, איז נאָך אַ ספק, צי וואָלטן זיי זיך אין דעם אויפשטאַנד בכלל אַקטיוו באַטייליגט.

דער אויפשטאַנד איז אָבער, א ב י ע ק ט י ו ו גענומען, געווען בעיקר אַ סאָציאַלער. אויף אַזאַ אופן האָט זיך געשאַפן אַ טיפע סתירה צווישן די אָ ב י ע ק ט י ו ו ע ט ע נ ד ע נ צ ן פון דער רעוואָלוציע און די ס ו ב י ע ק ט י ו ו ע ש ט י מ ו נ ג ע ן פון די פירער, וואָס זיינען געווען איר מיליטערישער צענטר. די דאָזיגע סתירה איז טאַקע געווען, ווי ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, די עיקרדיגע סיבה פונם גיכן סוף פון דער דירעקטאָריע.

די סוביעקטיווע שטימונגען פון דער „סטרילעצקאַיאַ ראַדאַ" האָבן זיך באַלד געלאָזט פילן. גלייך נאָך דער פאַרנעמונג פון קיעוו האָבן די סיטשעוויקעס פּראָקלאַמירט אַ באַלאַגערונגס־צושטאַנד און פאַרווערט דאָס גיין איבער די גאַסן שפּעטער פון אַ באַשטימטער שעה (דוכט זיך, נאָך עלף). דאָס וואָלט נאָך געווען צו דערליידן, אויף וויפיל דער באַ־לאַגערונגס־צושטאַנד וואָלט געווען אויסגענוצט בלויז אויף אויסצורייניגן די שטאָט פון די צאָלרייכע העטמאַנישע און רעאַקציאָנערע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך אין איר באַהאַלטן. ס'האָט זיך אָבער גיך אַרויסגע־וויזן, אַז די אָנפירער פונם באַלאַגערונגס־צושטאַנד האָבן דערמיט אויך אַנדערע כוונות... שוין אין אַ טאָג אָדער צוויי נאָכן אָנקומען פון דער דירעקטאָריע האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ שטרענגן באַפעל וועגן איבערמאָלן אַלע שילדן אויף אוקראַיניש. די דירעקטאָריע, וואָס האָט נאָך צו יענער צייט פאַרמאָגט אַ געוויסע זעלבשטענדיגע מאַכט, האָט ניט פּראָטעסטירט קעגן דעם דאָזיגן באַפעל און האָט אים אַפילו צום טייל געדעקט מיט איר אייגענעם אויטאָריטעט. שוין בײַ דער דאָזיגער פראַגע האָט זיך דייטליך אַרויסגעוויזן, אַז די דירעקטאָריע איז ניט קיין איינהייטליכער קערפּער, אַז זי איז צונויפגעשטעלט פון צוויי פאַר־שיידענע עלעמענטן, וואָס פירן צווישן זיך אינעווייניג אַ ביטערן קאַמף.

וועגן דער פראַגע פון די שילדן איז מיר אויסגעקומען צו רעדן מיט ווינטשענקאָ באַזונדער. ס'איז געווען דעם 6 אָדער דעם 7 יאַנואַר.

כאָטש מיין באַשטימונג אויפן פּאָסטן פון יידישן מיניסטער איז נאָך דעמאָלט ניט געווען באַשטעטיגט, פונדעסטוועגן האָבן מיר געהאַלטן פאַרנויטיג, אַז כ׳זאָל באַזוכן, צו ערשטן מאָל זייט וויניצע, דעם פאָרזיצער פון דער דירעקטאָריע אין נאָמען פון דער פּאַרטיי און מודיע זיין אים וועגן דעם שווערן איינדרוק, וועלכן דער באַפעל וועגן די שילדן מאַכט אויף די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג. כ׳האָב געזאָגט, אַז כאָטש פאַקטיש איז דער באַפעל געריכטעט ניט אַקעגן יידישע שילדן, נאָר אַקעגן רוסישע (יידישע שילדן זיינען אין קיעוו ניט געווען בנמצא, און ניט זיי האָט מען אַלנפאַלס מיטן באַפעל געמיינט), אָבער פאָרמעל איז ער אין זיין איצטיגער פאָרם אַ סתירה צום געזעץ וועגן נאַציאָנאַל-פערסאָנאַלער אַווטאָנאָמיע. צווייטנס, אומאָפּהענגיג פונם דאָזיגן פאָרמעלן מאָמענט, האַלט איך דעם דאָזיגן באַפעל פאַר אַן אומגעהויערער פאַרגוואַלטיגונג און פאַר אַ גרויסער פּאָליטישער נאַרישקייט. בכלל דאַרף מען אַזעלכע ענינים איבערלאָזן דעם לויפנדן לעבן. די שילדן וועלן במילא אוקראַיניזירט ווערן אין דעם מאָס, אין וועלכן די שטאָט וועט באַאיינפלוסט ווערן דורך די נייע כּוחות-באַציהונגען אינם גאַנצן לאַנד. אַלנפאַלס, אויב מען האַלט שוין יע פאַר נויטיג אַזאַ באַפעל, מוז ער אומבאַדינגט פאַרריכט ווערן אין דעם זין, אַז די פאַרפליכטונג אויפצוהענגען אוקראַינישע שילדן זאָלן ניט באַרירן דאָס רעכט פונם סוחר אַרויסצוהענגען שילדן אויך אין יעדער אַנדערער שפּראַך, רוסיש גם בתוכם.

וויניטשענקאָ האָט אויף דעם געענטפערט, אַז דער באַפעל וועגן די שילדן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אָהן דעם וויסן פון דער דירעקטאָריע, און אַז דער באַלאַגערונגס-קאָרפּוס האָט בכלל גענומען אויף זיך אַ צו גרויסע זעלבשטענדיגע קאָמפּעטענץ. פּערזענליך איז ער מסכּים דערמיט, אַז דער באַפעל אין זיין ביזאַהעריגער פאָרם איז באַרבאַריש. ער פאַרזיכערט מיך אין נאָמען פון דער דירעקטאָריע, אַז זי וועט ווירקן אויף די סיטשעוויקעס, אַז זיי זאָלן אַרויסגעבן אַ דערגענצנדן באַפעל, לויט וועלכן מען מעג פּאַראַלעל מיט אוקראַינישע אַרויסהענגען אויך שילדן אין יעדער אַנדערער שפּראַך. ער האָט אפילו געפּרובט נאָך אין מיין אנוועזנהייט אָנרופן דעם שטאַב

פונם באַלאַגערונגס־קאָרפּוס, אָבער דער טעלעפאָן איז גראָד אין דעם מאָמענט געווען פאַרנומען.

צי איז ווינישענקאָ דערנאָך אָפּגעקילט געוואָרן אין זיין אנט־שלוס אָדער האָבן די סיטשעוויקעס, וואָס איז פיל וואַרשיינליכער, ווייניג גערעכנט מיט זיינע פאָרשלאָגן, — אָבער דער פאַקט איז, אַז דער באַפעל וועגן די שילדן איז ניט אָפּגעשאַפט און אפילו ניט איבערגעאַנדערשט געוואָרן... כ'האָב אַ פּאָר מאָל דערמאָנט וועגן דעם אין געשפּרעכן מיט טשעכאָווסקי און ווינישענקאָ און יעדן מאָל פלעג איך באַקומען די תשובה, אַז פּרינציפּיעל איז די פראַגע באַשלאָסן, און אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט אַרויסגיין דער באַטרעפנדער באַפעל...

ס'איז אַלגעמאַלס א פאַקט, אַז במשך די זעקס וואָכן, ווען קיעוו איז געווען אונטער דער מאַכט פון דער דירעקטאָריע, האָבן שילדן־מאַלער פון אַרבעטסלאָזיגקייט ניט געליטן... פּראַקטישע סוחרים האָבן אפילו, במקום איבערצומאָלן זייערע אַלטע רוסישע שילדן, גלייך באַשטעלט נייע אוקראַינישע שילד און אַוועקגעשטעלט די אַלטע אין רעזערוו־קאַמער, כדי צו קאָנען אין יעדן מאָמענט מאַכן דעם אומגעקערטן בייט...

די השערה, אַז די דירעקטאָריע אדער לכל הפחות איר יושב־ראש האָט דאָך גערעדט מיט די סיטשעוויקעס מכח די שילדן וערט באַ־שטעטיגט דורך אַ פאַקט, וואָס איז פאָרגעקומען מיט אַ פּאָר וואָכן שפּע־טער. בעת אַ הפסקה פון דער געמיינזאַמער זיצונג פונם מיניסטער־ראַט מיט דער „סטרילעצקאַיאַ ראַדאַ" (געגנויער וערט די דאָזיגע העכסט־אינטערעסאַנטע זיצונג באַשריבן אין איינעם פון די קומענדיגע קאַפּיטלען) איז צו מיר צוגעגאַנגען איינער פון די אָנפירער פונם באַלאַגערונגס־קאָרפּוס און אָנגעהויבן צו פאַרטיידיגן זייער שטעלונג אין דער שילדן־פראַגע, כאָטש כ'האָב זי גאָרניט באַרירט אויף יענער זיצונג. „מען האָט אַזוי פיל יאָרן אונטערדריקט דאָ אונזער שפּראַך, אַז כדי צו פאַרשאַפן איר דעם פּלאַץ, וואָס עס קומט איר, מוזן מיר אויך פון אונזער זייט, לכל הפחות צייטווייליג אָנווענדן צוואַנגס־מיטלען. דאָס אַלץ איז אָבער נוגע בלויז רוסיש. קעגן יידיש האָבן מיר לחלוטין גאָרניט, און מיר זיינען אפילו גרייט אַרויסצוגעבן אַ דערגענצנדן באַפעל, לויט וועלכן די פאַראָרדנונג וועגן די שילדן איז לחלוטין ניט נוגע דער יידישער שפּראַך".

ניט אַרייננייענדיג אין תּוך פונם ענין — ס'איז שוין געווען נאָך צוויי ביינאַכט, — האָב איך אָבער אַנטשידן אָפּגעזאָגט זיך פון אַזאַ פרי-ווילעקיע און קאַטעגאָריש פאַרלאַנגט פון מיין מיטשמועסער, אַז אַזאַ באַפעל זאָל בשום אופן ניט אַרויסגעגעבן ווערן. דאָס האָט מען מיר, נאַטירלעך, צוליב געטאָן...

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז אַפילו צווישן אונז אַליין איז געווען אַ מיינונג, וואָס האָט זיך באַצויגן צום ענין פון די שילדן פיל קאַלטבלוטיקער, ווי איך. אין איינעם פון די ערשטע האָניג-טעג פון דער דירעקטאָריע גלייך נאָך איר אָנקומען קיין קיעוו איז מיר אויסגעקומען צו רעדן פאַר אַ זיצונג פון פועלי-ציוניסטישן הויפּט-קאָמיטעט וועגן נאָר-וואָס ערשינענעם שילדן-באַפעל מיט ש. גאָלדעלמאַנען. צו מיין פאַרוואונדערונג האָט גאָלדעלמאַן דערקלערט אַז ער האַלט דעם שריט פון די סיטשעוויקעס פאַר ריכטיג. מען קאָן דאָך ניט צולאָזן, אַז די אוקראַינישע הויפּט-שטאָט זאָל שטיין אויסערליך אין אַ פולער סתירה צום גאַנצן כאַראַקטער פונם לאַנד. חוץ דעם וואָלטן יידן אין אַזאַ לאַגע געהאַנדלט ניט בעסער.

כ'בין שטאַרק מסופק, צי איז גאָלדעלמאַן געבליבן ביי זיין דעמאָלסדיגער מיינונג. איך פערזענליך גלויב ווי פריהער, אַז דער באַפעל וועגן די שילדן איז געווען אַ גרויסע עולה און אַ פּאָליטישע נאַרישקייט.

* * *

נאָך מער עגמת-נפש האָבן מיר אַלע געהאַט פון די צוויי דורכזוכונגען, וועלכע סיטשעוויקעס האָבן געמאַכט אינם הויפּט-ביוראָ פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. געמאַכט האָט מען זיי זיכער אָהן דעם וויסן און אפילו קעגן דעם בפירושן ווילן פון דער דירעקטאָריע, אַלס גאַנצער, און די אויפרעגונג פון ווינטשענקאָ נאָכן טרויעריגן פאַל איז געווען עכט און נאַטירלעך. בעת די דירעקטאָריע האָט פּראָקלאַמירט אויף אוקראַינע די מאַכט פון די אַרבעטנדע מאַסן און דערקלערט איר גרייטקייט צו געבן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי די פולע מעגליכקייט פון לעגאַלער עקזיסטענץ, מאַכן אירע סאָלדאַטן דורכזוכונגען, זוכנדיג באָלשעוויסטישע ליטעראַטור!..

די דירעקטאָריע האָט דעריבער צונויפגעזאָגט שטרענג צו באַשטראָפן די שולדיגע און ערזעצן דעם שאָדן, וועלכן די פּראָפּעסיאָנעלע פּאַר־איינען האָבן געהאַט צוליב פאַרניכטעטע און צעריסענע רעגיסטראַציאָנס־ביכער. דאָס לעצטע צוזאָג האָט זי אויסגעפירט, אָבער די ערשטע — וועגן באַשטראָפן די שולדיגע, איז זי ניט געווען בכח מקיים צו זיין. וואַר־שיינליך, אַז אין דעם פאַל האָבן די פירער פון די סיטשעוויקעס גע־האַנדלט אין אַ שטילן הסכם מיט די מיטגלידער פון דער דירעקטאָריע, ווענעמס פּאַקטישע שטעלונג האָט ניט געשטימט מיט איר אָפּי־ציעלער פּאָזיציע...

נאַטירליך, איז אויף אַזאַ אופן געשאַפן געוואָרן אַ גלענצענדער באָדן פאַר קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער דירעקטאָריע, אַלס אַ פיינט פונם אַרבעטער־קלאַס. די רעזולטאַטן פון די דאָזיגע טאַטן האָבן זיך באַלד נאָכדעם בולט באַוויזן: אין איר קאַמף אַקעגן דעם אָנגריף פון די באָלשעוויקעס האָט די דירעקטאָריע ניט באַקומען קיין קלענסטע שטיצע מצד דעם שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט. להפּוך, דער שטאָטי־שער אַרבעטער, פאַרביטערט דורך די טאַטן פון די מיליטערישע מאַכט־האָבער, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט פאַר אים די דירעקטאָריע, איז אָפּט מיט געווער אין דער האַנט אַרויסגעטרעטן קעגן איר און געהאָלפן דערמיט צו פאַרניכערן איר קומענדיגע מפּלה.

* * *

אויף וויפיל מאַכטלאָז די רעגירונג איז געווען אַקעגן דער זעלב־שטענדיגער פּאָליטיק פון דער „סטרילעצקאַיאַ ראַדאַ“ באַווייזט פאָלגנדער פאַקט, וועגן וועלכן כ'האָב זיך דערוואוסט ערשט שפּעטער, שוין אין די לעצטע טעג פון מיין מיניסטעריום. פאָרגעקומען איז ער אָבער גלייך נאָכן אָנקומען פון דער דירעקטאָריע קיין קיעוו.

אין איינעם פון די צימערן פון אַרבעטס־מיניסטעריום (אויף ביביקאָוום בולוואַר) איז דעמאָלט פאָרגעקומען אַ זיצונג פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס האָט זיך באַשעפטיגט מיטן פּראָגראַם און דער צוזאַמענ־שטעלונג פונם קומענדיגן קאַבינעט. די זיצונג האָט זיך, ווי דער שטייגער איז, פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. ס'האָט זיך דער־

נעהענטערט די שעה ווען לויטן באַפעל וועגן באַלאַגערונגס־צושטאַנד, האָט מען מער ניט געטאָרט גיין אויף דער גאַס. האָט איינער פון די טיילנעמער אויף דער באַראַטונג זיך געווענדעט צום אוקראַינישן ס. ד. טשעכאָווסקי, וואָס איז געווען דער יושב ראש אויף יענער זיצונג, מיטן פאָרשלאַג, אַז היות ווי די זיצונג נעמט אָן אַ וויכטיגן כאַראַקטער און ס׳איז אַ שאָד זי אָפּצוברעכן, זאָל ער, טשעכאָווסקי, אָנקלינגען אינם שטאַב פונם באַלאַגערונגס־קאָרפּוס און בעטן צושיקן פאַר די טיילנעמער אין דער באַראַטונג ספּעציעלע דורכלאָז־קאַרטן (פּראָפּוסק), לויט וועלכע זיי קאָנען קומען אַהיים אויך נאָך עלף. אויף דעם האָט טשעכאָווסקי, וועגן וועלכן אַלע האָבן שוין געוואוסט, אַז ער ווערט באַשטימט ניט היינט־מאָרגן אַלס פּרעמיער־מיניסטער, געענטפערט, אַז ער קאָן דאָס בשום אופן ניט מאַכן. די זיצונג קומט פאָר אָהן דעם וויסן פונם באַלאַגע־רונגס־ קאָרפּוס, און, וואָלט ער וועגן איר געוואוסט, איז נאָך אַ ספק, צי ער וואָלט זי בכלל ניט אַרעסטירט...

ס׳קלינגט, ווי אַן אַנעקדאָט, אָבער ס׳איז אַן אמתער טרויעריגער פאַקט...

IX. די בילדונג פון טשעכאָווסקיס קאַבינעט

איבערטריבענער אָפּטימיזם. — אונזער אָפּשאַצונגס־פעלער. — דער אינעווייניגסטער קאַמף אין דער דירעקטאָריע. — די שטעלונג פון די „מינדערהייטס־סאָציאַליסטן". —פאַרהאַנדלונגען וועגן דער נייער רעגירונג. — דאָס פּראָבלעם וועגן יידישן מיניסטעריום. — די פראַגן צו פּועלי־ציון און אונזער ענטפער. — פעדעראַליזם און „סאַמאָסטינאָסט".

די גאַנצע געוואַלטיגע ווירקונג פון אַזעלכע פאַקטן האָבן מיר אין זייער פולן פאַרנעם פאַרשטאַנען ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער. צום סוף פון דעצעמבער האָבן מיר אַ טייל פון זיי אפילו נאָך ניט געוואוסט. ווי ערנסט מיר האָבן ניט אָפּגעשאַצט אַזעלכע טאַטן, ווי דעם ענין מיט די שילדן און די הויז־אונטערזוכונגען אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, פונדעסטוועגן האָבן מיר נאָך איינגעהאַלטן ביי זיך אַ געוויסן חלק פון אָפּטימיזם. ס'איז פאַרט געווען שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז די דירעקטאָריע, וואָס האָט נאָר־וואָס אַרויסגערופן און אָנגעפירט אַזאַ געוואַלטיגן רעוואָלוציאָנערן פאָלקס־אויפשטאַנד, זאָל אַזוי גרינג ווערן אַ שפּילצייג אין די הענט פון אַ פּאָר טויזנט גאַליצישע סאָלדאַטן. ס'האָט זיך אונז געדוכט, אַז ווי נאָר די דירעקטאָריע וועט אויפשטעלן אַן ענגן קאָנטאַקט מיט די סאָציאַליסטישע כחות אין לאַנד, וועט זי קאָנען אין יעדן מאָמענט צערייסן אירע קייטן, פונקט ווי שמשון הגבור, בעת ער האָט נאָך געטראָגן אויף זיך זיינע קראַפטגעבנדע האָר.

קוקנדיג אויף די געשעענישן צוריק, בלייב איך ביי דער מיינונג, אַז די דאָזיגע האָפענונג איז ניט געווען אינגאַנצן אומבאַגרינדעט. וואָלט די דירעקטאָריע אין יענע טעג באמת אונטערגענומען אַן ענער־

גישן פרוב ווידער צו דערגרייכן אירע סאָציאַליסטישע באַוועגונגס־פרייהייט, וואָלט זי מן הסתם זי דערגרייכט. אפילו די סיטשעוויקעס, ביי אַלע זייערע רעאַקציאָנערע טענדענצן, וואָלטן דאָך ניט געוואַגט דעמאָלט אָפּן אַרויסטרעטן קעגן איר. אונזער אָפּשאַצונגס־פעלער איז אָבער באַשטאַנען בעיקר אין דעם, וואָס מיר האָבן באַטראַכט די דירעקטאָריע אַלס אַ גאַנצן קערפּער און געאורטיילט וועגן איר פּאָליטישער צורה אויפן סמך פון איר דעקלאַראַציע און לויט די אויסערונגען און ערקלערונגען פון איר פּאָרזיצנדן וו. ק. ווינישענקאָ, (וועלכער איז דאָך געווען, ביי אַלע זיינע דראַמאַטישע שוואַנקונגען, אַן אויפריכטיגער סאָציאַליסט). דער אמת איז אָבער געווען, אַז אין דער דירעקטאָריע גופא איז די גאַנצע צייט אָנגעגאַנגען אַ ביטערער אינווייניגסטער קאַמף. פּלעגט, למשל, פּעטלורע בלייבן אויף וועלכער ס'איז פון אירע באַראַטונגען אין אַ געוויסער פראַגע אין אַ מינדערהייט, פלעגט ער אַליין אויסנוצן זיינע באַציהונגען צו דער „סטרילעצקאַיאַ ראַדאַ“, כדי מיט איר הילף צו סאַבאָטירן דעם אונאַנגענעמען באַשלוס. כ'האָב דעם יסוד חושד צו זיין נאָך ערגערס: אויף די זיצונגען פון דער דירעקטאָריע פלעגט פּעטלורע למען השלום מסכים זיין אין אַ געוויסער פראַגע מיט ווינישענקאָ, דערנאָך אָבער דורכפירן הינטער זיין רוקן מיט דער הילף פון די סיטשעוויקעס אַ להפוכדיגן טריט... ווינישענקאָ האָט דאָס געמוזט שוין דעמאָלט וויסן. דער אומגליק איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט זיך געלאָזט מיסברויכן אַלס אַ שירמע מצד זיינע שוויינגדיגע, אָבער שטיל אַרבעטנדע קאָלעגן, און האָט דערמיט ניט נאָר אָפּגענאַרט זיך אַליין, נאָר אויך געבראַכט אונז, יידישע סאָציאַליסטן, צו אַ פאַלשער אָפּשאַצונג פון דער פאַקטישער סיטואַציע. וואָלט ער געהאַט דעם מוט צו דערציילן די אינערליכע לאַגע פון דער דירעקטאָריע אַזוי, ווי זי איז, און וואָלט ער געפונען אין זיך די קראַפט כדי, אָנשפּאַרנדיג זיך אויף די אוקראַינישע און ניט־אוקראַינישע באמת־סאָציאַליסטישע עלעמענטן, באַצייטנס, ד. ה. נאָך מיטן דעצעמבער, אָנצוהייבן אַן אָפענעם קאַמף קעגן זיינע צופעליגע חברים אין דער דירעקטאָריע, וואָלט מען אפשר נאָך געקאָנט די לאַגע ראַטעווען.

אַ געוויסע דערקלערונג, אויב ניט אַנטשולדיגונג פאַר דער פּאַסיווער

טאַקטיק פון ווינישענקאָ און אַנדערע אוקראַינישע סאָציאַליסטן ביל־דעט די דעמאָלסטיגע שטעלונג פונם אבערוויגנדן רוב פון די ניט־אוקראַינישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. ניט נאָר די באָלשעוויקעס, וועמענס טאַקטיק וועט נאָך מוזן באַזונדערס באַלויכטעט ווערן, נאָר אויך די רוסישע מענשעוויקעס און דער „בונד" האָבן ביטער באַקעמפט די דירעקטאָריע. דערביי האָבן זיי זיך געלאָזט פירן דורך מאָטיוון, וואָס האָבן ווייניג געמיינזאַמעס מיט אַ וועלכן ס'איז ס אָ צ י אַ ל ן שטאַנד־פונקט. אין דער צייט, ווען די דירעקטאָריע איז נאָך באמת געווען די טרעגערין פונם רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד, אין דער צייט, ווען די אויפגעשטאַנענע פויערישע מאַסן (חוץ פאַרשיידענע אויסנאַמען, פאַר וועלכע זיי אַלס קאָלעקטיוו קאָנען ניט טראָגן די אחריות) האָבן איינ־געהאַלטן אַן אינעווייניגסטע דיסציפּלין און ניט באַשמוצט נאָך זייער אויפשטאַנד דורך גזלה און רציחה, — ש ו י ן ד ע מ אָ ל ט האָבן די רוסישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — צוזאַמען מיטן „בונד", וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך זיי — שוין געבילדעט אַ שאַרפע אָפּאָ־זיציע, וואָס האָט געשטופּט די אוקראַינישע סאָציאַליסטן אַלץ מער און מער אין די אָרעמס פון שאָוויניסטישע און רעאַקציאָנערע עלע־מענטן. הינטער די אַלע ע פ נ ט ל י כ ע תּרוצים, איז די אמת'ע שטע־לונג פון די דאָזיגע פּאַרטייען געווען בעיקר באַשטימט דורכן געדאַנק וועגן דעם איינהייטליכן און אומטיילבאַרן רוסלאַנד. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ טיילונג ניט אויף רעכטע און לינקע, נאָר אויף צענטראַ־ליסטן און אוקראַינער... „ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז עס האַנדלט זיך דאָ ניט וועגן דער אָדער יענער ריכטיגער רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק, נאָר וועגן נאַציאָנאַלע שטימונגען און ניט מער. פאַר די רעכטע ס. ר. און מענ־שעוויקעס איז די דירעקטאָריע געווען צו לינק, פאַר די לינקע — צו רעכט, פאַר די באָלשעוויקעס צו דעמאָקראַטיש, פאַר די דעמאָקראַטן צו פּראָלעטאַריש, — און דער צד השוה שבהם איז דאָס, וואָס די דירעקטאָריע איז געווען צו אוקראַיניש" *).

*) די דאָזיגע שורות ציטיר איך ווערטליך פון די זכרונות פון ח' וואָלף אַהערבוך, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ מיטגליד פון פועלי־ציוניסטישן הויפּט־קאָמיטעט. אַצונד איז ער אַ קאָמוניסט (יעווסעקאָוועץ). די דאָזיגע זכרונות זיינען אָנגעשריבן געווען אין זומער 1919, ד. ה. עטליכע חדשים נאָך דער מפּלה פון דער דירעקטאָריע. א. ר.

כאָטש דער שפּעטערדיגער גאַנג פון די געשעהענישן האָט, דוכט זיך, געגעבן רעכט דעם דאָזיגן אַלגעמיינעם מיסטרוי בנוגע דער די־רעקטאָריע, פונדעסטוועגן קאָן דאָס ניט באַרעכטיגן די דעמאָלסטיגע טאַקטיק פון די רוסישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. די ריכטיגקייט פון אַ געוויסער פּאָליטיק ווערט קודם־כּל באַשטימט דורך דעם, אויף וויפיל זי האָט אין געגעבענעם מאָמענט אַנטשפּראָכן די כּחות־באַציהונגען אין לאַנד און די אינטערעסן פונם פּראָלעטאַריאַט. מאַכן דעם שפּעטערדיגן ערפאָלג פאַרן איינציג אַנטשיידנדן מאָס־שטאַב פון דער פריהערדיגער ריכטיגקייט וואָלט געווען אונמאָראַליש און ניט־סאָציאַליסטיש. אַזאַ באַאורטיילונג פון היסטאָרישע געשעהענישן וואָלט געווען ריכטיג בלויז דעמאָלט, ווען מיר וואָלטן גע־מיינט, אַז אַלץ, וואָס עס קומט פאָר, איז אומפאַרמיידליך. אַזאַ קוק וואָלט אָבער געווען אַ בייזע קאַריקאַטור אויפן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. אָפּטמאָל וואָלט זיך דער גאַנצער גאַנג פון געוויסע גע־שעהענישן זיך אַנדערש אַנטוויקלט, ווען די מענשן, וואָס זיינען אין זיי געווען באַטייליגט, וואָלטן אָנגעפירט דערביי אַן אַנדערע פּאָלי־טיק. אין דער פּאָליטיק זיינען דאָ פעלערן, פּונקט ווי אין אַנדערע געביטן פונם לעבן; און די, וואָס זיינען זיך אָפּט מודה אין אייגענע פעלערן, האָבן דאָס רעכט אויך קריטיקירן די אַנדערע...

* * *

באַלד נאָכן אָנקומען פון דער דירעקטאָריע קיין קיעוו האָבן זיך צווישן די אוקראַאינישע פּאַרטייען אָנגעהויבן פאַרהאַנדלונגען וועגן דער צוזאַמענשטעלונג פון דער רעגירונג. שוין לויט דער דעקלאַראַציע איז געווען קלאָר, אַז די רעגירונג קאָן צונויפגעשטעלט ווערן בלויז פון סאָ־ציאַליסטן. מען האָט אָבער, לויטן אוקראַאינישן שטייגער, דעם באַ־גריף „סאָציאַליזם“ אַזוי ברייט אויסגעטייטשט, אַז אינם קאָן זיינען אויך אַריינגענומען געוואָרן די ס. ס. („סאָציאַליסטן־סאַמאָסטיניקעס“), וואָס האָבן מיטן אמתן סאָציאַליזם געהאַט ווייניג געמיינזאַמעס. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן שפּעטער, איז דאָס געווען אַ קאָנצעסיע מצד דעם פאָרזיצער פון דער דירעקטאָריע לגבי זיינע רעכטערע חברים. אַלנפאַלס

האָבן די פאַר „סאָציאַליסטן־סאַמאָסטיניקעס“ וואָס זיינען אַריין אין דער רעגירונג, ניט געשפּילט דאָרט קיין אָנגעזעהענע ראָלע, סיי צוליב זייער צאָל, סיי אויך צוליב זייער שוואַכן פּערזענליכן באַשטאַנד. דער איבערוויגנדער רוב פון טשעכאָווסקיס קאַבינעט זיינען געווען אוקראַינישע ס. ד. און ס. ר., וועלכע האָבן אים אַרויפגעלייגט זייער אנטשיידענדן שטעמפּל.

גלייכצייטיג האָט מען זיך געווענדעט מיט פאַרשלאָגן וועגן אריינטרעטן אין די רעגירונג צו אייניגע ניט אוקראַינישע פּאַרטייען. באַזונדערס עקשנותדיג זיינען געווען די פּרובן אַריינצוציהען אין די רעגירונג די רוסישע מענשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטן. מען האָט אַפילו במשך פון עטליכע טעג נ אָ ך דער צוזאַמענשטעלונג פונם קאַבינעט ניט באַזעצט דעם פּאָרטפעל פונם אַרבעטס־מיניסטעריום, כדי ס'זאָל אים קאָנען פאַרנעמען דער באַקאַנטער רוסישער ס. ד. מארטינאָוו (אַ ייד), וועלכער האָט דעמאָלט געוואוינט אין כאַרקאָוו. די פּרטים פון די דאָזיגע פאַרהאַנדלונגען זיינען מיר אומבאַקאַנט. זיי האָבן אָבער סוף־כל סוף געפּלאַצט, ווייל די מענשעוויקעס האָבן פּרינציפּיעל ניט געקאָנט זיך אַנטשליסן אַריינצוגיין אין אַ רעגירונג, וואָס איז ניט געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון אַ פעדעראַציע מיט רוסלאַנד.

וועגן דעם יידישן מיניסטעריום האָט ווינטשענקאָ גלייך נאָך זיין אָנקומען קיין קיעוו דערקלערט, אַז זיין באַזעצונג ווערט איבערגעגעבן דעם הסכם פון די דריי יידישע ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע פּאַרטייען. די דירעקטאָריע פון איר זייט איז זיך מתחייב צו אַסיגנירן באַדייטנדע געלד־מיטלען פאַר די באַדערפענישן פון זיין קולטורעלער און אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט. אויב אַזאַ אַלגעמיינע פאַרשטענדיגונג וועט ניט צושטאַנד קומען, וועט אויפן דאָזיגן פּאָסטן באַשטימט ווערן דער פאָרשטייער פון דער יידישער סאָצ. פּאַרטיי, וואָס וועט אָננעמען די אַלגעמיינע דעקלאַראַציע פון דער דירעקטאָריע.

* * *

אומאָפּהענגיג פון דער דאָזיגער דערקלערונג, איז דעם הויפּט־קאָמיטעט פון פּועלי־ציון, אַלס איינער פון די פּאַרטייען, וואָס האָבן בעת די לעצטע וואָכן פון דער העטמאַנישער הערשאַפט זיך באַטייליגט

אינם „סאָציאַליסטישן צענטער“ *), איבערגעגעבן געוואָרן מצד דעם פאַרזיצנדן פונם דאָזיגן צענטער, וו. טשעכאָווסקי, וואָס איז שוין צו יענעם מאָמענט באַשטימט געוואָרן אַלס פּרעמיער=מיניסטער, אַ צעטל פון פראַגן, וואָס זאָל באַשטימען די שטעלונג פון דער פּאַרטיי צו די פּאָליטישע פּראָבלעמען, וואָס זיינען געשטאַנען דעמאָלט אויפן סדר=היום. ס'זיינען געווען בכלל 6=7 פראַגן — וועגן אויסערליכער פּאָליטיק, פאָרם פון מאַכט, נאַציאָנאַליזאַציע און סאָציאַליזאַציע, אַרבעטס=קאָנטראָל, נאַציאָנאַלע פּאָליטיק. מיר האָבן וועגן דעם נעהאַט אַ פּאָר זיצונגען און אויסגעאַרבעט קורצע, אָבער דייטליכע תשובות אויף אַלע געשטעלטע פראַגן. צווישן מיינע פּאַפּירן האָט זיך עד=היום פּאַרוואַלגערט דער ערשטער „שוואַרצער“ עקזעמפּלאַר פון די דאָזיגע תשובות, און כ'מיין, אַז ס'איז כדאי זיי צו פּאַרעפנטליכן (זעה ביילאַגע נומ. 1 צום סוף פונם דאָזיגן בוך). זיי געבן אַ באַגריף וועגן דעם, ווי אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אונזער טיפּ האָט זיך צו יענער צייט פּאָרגעשטעלט די פּאָליטישע לאַגע.

ביי דער פּאָרמולירונג פון איינציגע פּונקטן פון די תשובות זיינען ביי אונז אינם הויפּט=קאָמיטעט אַנטשטאַנען גאַנץ הייסע וויכוחים. רעדנדיג אינם פּונקט I („זעלבשטענדיגקייט“) וועגן אַ פעדעראַציע, וואָס דאַרף געשאַפן ווערן ביי געענדערטע פּאָליטישע באַדינגונגען, האָבן מיר מיט כוונה נעגעבן דעם דאָזינן געדאַנק אַ מעגליכסט ברייטערע פאָרמולירונג. ס'האָט ביי אונז געהערשט די מיינונג, אַז די פעדעראַטיווע מלוכה=בילדונגען אין דער צוקונפט מוזן זיך ניט אומבאַדינגט האַלטן אָן די פריהערדיגע מלוכה=גרעניצן. ס'איז, למשל, מעגליך און נעוואונשן, אַז במקום דער „רוסישער“ אָדער „עסטרייכישער“ פעדעראַציע, וואָס וואָלט שטענדיג געווען פאַרבונדן מיט אומאַנגענעמע ערינערונגען וועגן פריהערדיגער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, זאָל ווען ס'איז געשאַפן נעוואָרן אַ מזרח=אייראָפּעאישע פעדעראַציע, וואָס זאָל אנטהאַלטן אין זיך סיי רוסלאַנד, סיי אוקראַינע, סיי אויך די באַל=

*) אינם „סאָציאַליסטישן צענטער“, וואָס האָט געהאַט זיין זיץ אין קיעוו, האָבן זיך חוץ די פּועלי=ציון באַטיילינט: אוקראַאינישע ס. ד., אוקראַאינישע ס. ר. (צענטער און לינקע), מענשעוויקעס, רוסישע ס. ר., בונד און „פּאַראייניגטע“.

קאַן־לענדער. אַלנפֿאַלס ווינען מיר פּרינציפּיעל געווען קאָנפֿעדעראַ־ליסטן; מיר האָבן געהאַלטן, אַז סיי די אַלגעמיין סאָציאַליסטישע אינ־טערעסן, סיי אויך באַזונדערס די באַדערפֿענישן פֿון די ייִדישע אַר־בעטנדיגע מאַסן פֿאַרלאַנגען וואָס ברייטערעווירטשאַפֿטס־געביטן און וואָס ווייניגער צאָל־מויערן. ס׳איז אָבער קלאָר, אַז די דאָזיגע אויפֿ־פּאַסונג פֿונם פֿעדעראַליזם האָט גאָרניט צו טון מיט דער אידעע וועגן גרויסן רוסלאַנד, און מיר האָבן געקאָנט, ניט אַריינקומענדיג אין סתירה צו אונזערע פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט, אונטערשטיצן אינם געגעבענעם מאָמענט די אוקראַינישע זעלבשטענדיגקייט אַלס אַן איבערגאַנגס־פֿאָרם צו גרעסערע מלוכה־בילדונגען, וואָס וועלן געשאַפֿן ווערן אויפֿן יסוד פֿון אמתער נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיגונג.

אונטער די „געענדערטע אויסערליכע באַדינגונגען", ביי וועלכע ס׳קאָן מעגליך ווערן אַזאַ פֿעדעראַציע, האָבן מיר פֿאַרשטאַנען די באַפֿרייאונג פֿון די שכנותדיגע לענדער (פּוילן, רומעניען, דאָן) פֿון דער מאַכט פֿון רעאַקציאָנערע כּחות. ס׳איז קלאָר, אַז אַ לעבנספֿעהיגע קאָנ־פֿעדעראַציע קאָן געשלאָסן ווערן בלויז צווישן מלוכות, וואָס האָבן דעמזעלבן אָדער, לכל הפּחות, אַ נאָהענטן מלוכה־רעזשים.

ביי דער פֿאָרמולירונג פֿון די באַציהונגען צו סאָוועט־רוסלאַנד איז אינם הויפּט־קאָמיטעט אַרויסגעשוואומען אַ פֿאָרשלאַג, אַז מען זאָל אין אונזער ענטפֿער דירעקט אָנשרייבן וועגן דער נויטיגקייט פֿון אַ מי־ליטערישן בונד צווישן דיביידע לענדער. אָנגעמענדיג דעם פֿאָרשלאַג אינם פּרינציפּ, האָבן מיר אָבער דערביי געטראַכט, אַז זאַכליך באַדייט די פֿאָרמולע „וועגן ניט באַנוצן די טעריטאָריע אַלס באַזע" איינס און דאָס דאסזעלבע, ווייל אין דעם מאָמענט, ווען אין אדעס ווערט גע־שאַפֿן אַ מיליטערישע באַזע פֿון דער אַנטאַנט קעגן רוסלאַנד, פֿאַרנעמט אוקראַינע בנוגע איר, לויט דער איבערדערמאָנטער פֿאָרמעל, די זעלבע פּאָזיציע, ווי בשעתו בעלגיען בנוגע דייטשלאַנד. מיר האָבן אָבער אויסגעקליבן דעם „בעלגישן" נוסח, ווייל מיר האָבן געמיינט, אַז אין אַזאַ פֿאָרם וועלן אונזערע פֿאָרשלאָגן אַרויסרופֿן אַ קלענערן ווידערשטאַנד אין געוויסע אוקראַינישע קרייַזן.

די שאַרפֿסטע דיסקוסיע איז ביי אונז אַנטשטאַנען ביי דער פֿראַגע וועגן דער קוועלע פֿון דער מאַכט. אַ פּאָר חברים (כ׳געדענק ניט

ווער) האָבן פּאַרלאַנגט, אַז דער ערשטער פּונקט וועגן „פּאַרלאַמענט, אַלס גאָרמאַלע קוועלע פון מאַכט" זאָל אינגאַנצן אויסגעשטראָכן ווערן פון אונזער ענטפער. פון דער אַנדערער זייט איז מצד דעם מיטגליד פון הויפּט קאָמיטעט נ. ב. געקומען די פאָדערונג, אַז שוין אינם אַרבעטס צוזאַמענפאָר זאָלן זיך באַטייליגן חוץ דעלעגאַטן פון אַרבעטער און פויערים אויך פאָרשטייער פון די שטאָטישע און זעמסקע זעלבסטפאַרוואַלטונגען. סוף־כל־סוף האָבן מיר אַלס קאָמפּראָמיס ביידע פאָדערונגען אָפּגעוואָרפן.

די איבעריגע פונקטן פון דער תשובה האָבן קיין חלוקי דעות כמעט ניט אַרויסגערופן.

די דאָזיגע ריכטליניען האָבן געבילדעט דעם יסוד, אויף וועלכן מיר זיינען זיינען דערנאָך אַריין אין די רעגירונג. זיי זיינען געווען אויך מאָסגעבנד פאַר מיין שפּעטערדיגער האַלטונג אינם קאַבינעט גופא.

X. די פאַרהאַנדלונגען וועגן יידישן מיניסטעריום

די ירידה פון די יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען. — די פּאָזיציע פון „בונד" און „פאַראייניגטע". — די שטעלונג פון פועלי־ציון. — די באַגרינדונג פון איר. — די באַראַטונגען ווערן אָפּגעבראָכן. — די „פאַראייניגטע" וואַקלען. — אַן אַרטיקל אין „נײע צײט".

באַלד נאָך דער דערקלערונג פון ווינישענקאָ, לויט וועלכער דער מיניסטער פאַר יידישע ענינים וועט באַשטימט ווערן נאָכן פאָרשלאַג פון די יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען, איז צושטאַנד געקומען אַ זיצונג פון אַלע דריי הויפּט־קאָמיטעטן (בונד, פועלי־ציון, פאַר־אייניגטע), כּדי געמיינזאַם צו באַטראַכטן די געשאַפענע לאַגע.

צו יענער צייט האָבן די יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען שוין ניט פאָרגעשטעלט מיט זיך איינהייטליכע, פעסט־צוזאַמענגעשמאָלצענע אָר־גאַניזמען, ווי פריהער: דער פראַקציאָנס־קאַמף צווישן באָלשעוויקעס און אַנדערע שאַטירונגען האָט אָנגענומען אין זיי שאַרפע פאָרמען און פלעג אָפטמאָל אַרויסגיין פון די ווענט פון די פאַרטייאישע קלובן אין די ברייטערע עפנטליכקייט. באַזונדערס צעריסן איז געווען דער בונד. די מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס אין אים האָבן שוין געהאַלטן ביי בילדן צוויי באַזונדערע פאַרטייען. ביי די אונטערהאַנדלונגען כּלפּי חוץ פלעג מען נאָך פאָרמעל קומען, אַלס פאָרשטייער פון איין פאַרטיי; אָבער אויך דאָ פלעג מען שאַרף קוקן איינער דעם אַנדערן אויף די פינגער און אָפט אָפּגעבן צוויי ווידערשפּרעכנדע דערקלערונגען אין נאָמען פון יעדער פראַקציע באַזונדער. די פירער פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי זיינען געווען חפץ און ראַפּעס: דער לעצטער האָט מיט עטליכע טעג פריהער אונטערן איינפלוס פון דער דייטשער רעוואָלוציע באַשלאָסן ראַדיקאַל צו בייטן

זיינע פריהערדיגע מיינונגען. די מענשעוויסטישע פראַקטיק פלעג פאַרטראָטן זיין בעיקר דורך ליטוואַקן. ביי די „פאַראייניגטע" איז די שפּאַלטונג נאך דרויסן ווענינער בולט געווען. דאָס איז בכלל געווען אַ פאַרטיי, וואָס האָט זיך ניט צו פיל באַשעפטיגט מיט פרינציפּן, און דעריבער האָט באַ איר דער באָלשעוויזם גלייך דערגרייכט אַ גיכן און גרינגען נצחון. שוין צו יענער צייט האָט זיך אין איר הויפט-קאָמיטעט געבילדעט אַ פעסטע באָלשעוויסטישע מערהייט, און זיינע פאָר מענשעוויסטישע מיטגלידער (זילבערפאַרב, נערגל) האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין שום אַקטיוויטעט כלפי חוץ. אַם ווענינסטן האָט זיך די אינערליכע שפּאַלטונג געפילט ביי פועלי-ציון. די סיבה איז בעיקר געווען די, וואָס דער מענשעוויסטישער טייל פון דער האָזיגער פאַרטיי איז פון שטענדיג אָן געשטאַנען אויפן אויסגעשפּראָכן „אינטערנאַציאָנאַליסטישן" פליגל. די שפּאַלטונגס-צייט ביי פועלי ציון האָט זיך דעריבער אָנגעהויבן ערשט מיט אַ פאָר חדשים שפּעטער.

אויף דער ערשטער זיצונג פון די יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען ווענן דער מיניסטעריום-פראַגע האָט מען קודם-כל פעסטגעשטעלט די פּאָזיציע פון יעדער פאַרטיי באַזונדער צו דער רעגירונג בכלל. די שטעלונג פונם בונד איז געווען אַ נעגאַטיווע, פון די פאַראייניגטע — אַ וואַקלדיגע און אָפּוואַרטנדע, פון די פועלי-ציון — אַ פּאָזיטיווע. בנוגע דעם יידישן מיניסטעריום האָט דער בונד, אָדער ריכטיגער געזאָגט, ראַפּעס, אין נאָמען פון זיין באָלשעוויסטישער מערהייט דערקלערט, אַז צווישן זיינע מיטגלידער זיינען בכלל פאַראַן ספקות, צי האָט די נאַציאָנאַלע אַוטאָנאָמיע אין דער פאָרם, אין וועלכער מען האָט עד היום פאַר איר געקעמפט, אַ וועלכע ס'איז עקזיסטענץ-באַרעכטיגונג ביי די נייע געענדערטע באַדינגונגען פון דער רעוואָלוציע. וואָס איז שייך דעם יידישן מיניסטעריום דאַרף אָן זיין שפּיץ שטיין אַ קאָלעגיע פון פיר פּערזאָנען — צוויי בונדאָווצעס, איין פאַראייניגטער און איין פועלי-ציון. די נויטיגקייט פון אַ שטאַרקערער פּאָזיציע פאַרן בונד איז געווען מאָטיווירט סיי דורך זיין גרעסערן פּאַקטישן כח, סיי אויך דערמיט, וואָס זיין אויפפאַסונג וועגן נאַציאָנאַלער אַוטאָנאָמיע איז אַ באַזונדערע, אַ פאַרשיידענע פון דער, וועלכע ס'האָבן די אַנדערע צוויי סאָציאַליסטישע פאַרטייען, און ער וויל ניט, אַז ער זאָל אין דער פראַגע בלייבן אין אַ מינדערהייט כלפי די פועלי-ציון און די פאַראייניגטע.

מצד די פועלי־ציון איז דערבײַ געשטעלט געוואָרן אַ אינפאָרמאַציאָנס־פראַגע, צי דעקט זיך ניט דער פאָרשלאַג פונם „בונד" לויט זײַן אינ־האַלט מיטן פאָרשלאַג פונם „נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט" וועגן אַ שטאַטס־סעקרעטאַר, וואָס איז ניט פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער אַלגעמיינער פּאָליטיק.

אויף דעם האָט ראַפעס געענטפערט, אַז דער בונדישער פאָרשלאַג באַדײַט עפּעס גאַנץ אַנדערס, אַז דאָס מיניסטעריום, לויט זײַן אויפ־פאַסונג, בלײַבט אַ מיניסטעריום פונקט ווי די איבעריקע צענטראַלע אָר־גאַנען פון דער רעגירונג, אָבער אין זײַן שפּיץ ווערט געשטעלט ניט איין פּערזאָן, נאָר אַ קאָלעגיע.

דער פאָרשטייער פון די „פאַראייניגטע" (דוכט זיך — ברעגמאַן), וואָס האָט גענומען דאָס וואָרט גלײַך נאָך ראַפעסן, האָט זיך מיט דער גרעסטער ענערגיע געווענדעט קעגן בונדישן פאָרשלאַג. דער פּלאַן פון אַ קאָלעגיע איז לחלוטין אין סתירה צו אונזער ביזאַהעריגער אויפפאַסונג פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און אויסער דעם האָט ער קיין שום שאַנסן ניט צו פאַרווירקליכט ווערן. אגב, אויף וויפיל דער פּאָליטישער אינ־האַלט פון דער בונדישער קאָלעגיע פאַלט ניט צוזאַמען מיטן ציוניסטישן שטאַטס־סעקרעטאַר, ווערט דורך אים די פראַגע פון פּאָליטישער אחריות ניט אַראָפּגענומען, נאָר העכסטנס געטיילט... צוליב די דאָזיקע סבות זאָגן זיך די פאַראייניגטע אַרויס פאַרן יידישן מיניסטעריום מיט אַ פאַר־אַנטוואָרטליכן מיניסטער בראש. זיי, די פאַראייניגטע, קאָנען איצט אַזאַ מיניסטער ניט געבן; זיי וועלן אָבער שטיצן די פּועלי־ציון, אויב זיי וועלן איבערנעמען דעם פּאָרטפעל.

אַ לענגערע רעדע האָט געהאַלטן אויף דער דאָזיגער באַראַטונג דער פאָרשטייער פון פּועלי־ציון. ער האָט דערקלערט, אַז זײַן פּאַרטיי זעהט אויך גאַנץ גוט די שוואַכקייט און וואַקלדיגע פּאָזיציע פון דער דירעק־טאָריע און האָט ניט קיין פולן צוטרוי צו די כחות, אויף וועלכע זי שטיצט זיך. זי זעהט אָבער ניט איין דעם פּאָזיטיוון כח, וואָס זאָל זי קאָנען פאַרבײַטן. די ראַטן־מאַכט, וואָס וועט אַנטשטיין ניט פון די אינערליכע כחות פונם לאַנד, נאָר קומען אויפן שפּיץ פונם באַגנעט פון דרויסן, וועט ניט האָבן קיין פעסטע פּאָזיציע אין לאַנד און וועט ניט זײַן בכּח אויפצושטעלן די אָרדענונג, וואָס איז נויטיג כּדי דורכצופירן אַ

פּראָכטבאַרע סאָציאַליסטישע אויפבוי־אַרבעט. זי האָט געבראַכט צו אַ שרעקליכן בּיטער־קריג און טרייבן די אוקראַאינישע באַוועגונג אין די אָרעמס פון שאָוויניזם און רעאַקציע, וואָס איז גלייכבאַדייטנד מיט אַנטי־סעמיטיזם און פּאָגראָמען. דער איינציגער אויסוועג איז — שטיצן די לינקערע עלעמענטן פון דער דירעקטאָריע און געבן זיי דערמיט די מעג־ליכקייט גובר צו זיין די רעאַקציאָנערע השפּעה און זיך צונויפרעדן מיט ראַטן־רוסלאַנד וועגן פריינטליכע קעגנזייטיגע באַציהונגען. דאָס קאָן מען אָבער דערגרייכן ניט דורך דעם קאַמף קעגן דער רעגירונג, וואָס וועט איצט צוזאַמענגעשטעלט אונטערן איינפלוס פון די דאָזיגע לינקערע עלעמענטן, נאָר דורך אַריינגיין אין איר אינעווייניג און פאַרשטאַרקן דאָרט זייער פּאָזיציע. ס׳איז דעריבער ניט אַנטשיידנד דער אָדער אַנדערער אויסדרוק אין דער דעקלעראַציע און אפילו ניט דער אָדער אַנדערער גע־וואַלט־אַקט פון די סיטשעוויקעס. אַנטשיידנד איז, צי ווילן מיר דעם סאָציאַליסטישן אויפבוי פונם לאַנד דורכפירן אין קאָנטאַקט מיט דער אוקראַאינישער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, אָדער אָהן איר. דער עיקר איז, צי אָריענטירן מיר זיך אויף אויסערליכע אָדער אינערליכע כּחות. אין לעצטן פאַל האָבן מיר ניט קיין אַנדער ברירה, אויסער דעם אַריינ־טריט אין די רעגירונג.

צום סוף פון זיין רעדע האָט דער פאָרשטייער פון די פּועלי־ציון זיך אָפּגעשטעלט אויף דער באַזונדערער נויטיקייט אויסצונוצן די געלעגנהייט, כּדי אַריינצולייגן אינם געדאַנק וועגן נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע אַ לעבע־דיגן ממשותדיגן אינהאַלט.

* * *

נאָך דער דאָזיגער אינפאָרמאַציע איז קלאָר געוואָרן, אַז די איינציגע קאַנדידאַטור אויפן פּאָסטן פון יידישן מיניסטער ווערט אַרויסגעשטעלט מצד די פּועלי־ציון. די ווייטערדיגע פאַרהאַנדלונגען האָבן דעריבער בלויז געהאַט דעם צוועק פעסטצושטעלן, צי וועלן די אַנדערע יידישע פּאַרטייען שטיצן די קאַנדידאַטור פון פּועלי־ציון פּונקט אַזוי, ווי די פּועלי־ציון האָבן בשעתו געשטיצט דעם יידישן מיניסטער פון די פּאַר־אייניגטע, ד״ר זילבערפאַרב. דער פאָרשלאַג וועגן דער קאָלעגיע איז שוין מער ניט באַהאַנדלט געוואָרן, ווייל ניט די פּועלי־ציון און ניט די פאַר־אייניגטע האָבן אים געהאַלטן פאַר מעגליך. לויט דעם ווייטערדיגן פאַר־

האַלטן פון די בונדיסטן שיינט עס, אַז אויך זיי האָבן ניט גענומען דעם פאָרשלאַג גאַנץ ערנסט, אַז דאָס איז געווען בלויז איינער פון די אונצייליקע טאַקטישע גיינג פון ראַפּעסעס שפּיצפינדיקן קאָפּ.

מיט די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער ערשטער באַראַטונג זיינען מיר געווען גאַנץ צופרידן. די אונטערשטיצונג פון די „פּאַראייניקטע" (לכל הפחות כלפי פנים) האָבן מיר אויף איר סמך געהאַלטן פאַר זיכער, און אין דער הילף פונם בונד איז אונז, אָפן גערעדט, גאָרניט געווען אַזוי שטאַרק געלעגן. אין דער לעצטער צייט האָט זיך בולטער, ווי שטענדיק, אַרויסגעוויזן די געבעכדיקע צורה פון זיין האַלב־געצוואונגענעם אַוטאָנאָמיזם, און מיר האָבן אין די טיפענישן פון אונזער נשמה מורא געהאַט, אַז די אונטערשטיצונג פונם בונד וועט פאַר אונז זיין אַ מניעה דורכצופירן אין די ענינים פון נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע די פּאָליטיק, וואָס מיר האָבן געהאַלטן פאַר נויטיק. חוץ דעם זיינען מיר געווען צופרידן, וואָס צום ערשטן מאָל נאָך אַ לאַנגער צייט האָט זיך אונז איינגעגעבן צו צע־ברעכן דעם ביז־אַ־הער איינהייטליכן פראָנט פון די אַנטי־פּאַלעסטינישע עלעמענטן אינם יידישן סאָציאַליזם.

* * *

די צווייטע באַראַטונג פון די דריי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז פאָרגעקומען מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער. אויף איר האָט זיך די באַ־ציהונג פונם בונד און פּאַראייניקטע כלפי דער קאַנדידאַטור פון די פּועלי־ציון אַרויסגעוויזן פאַר ווייניקער פריינטליך. דער בונד, וואָס האָט אויף דער ערשטער זיצונג, באַ זיין גאַנצער נעגאַטיווער באַציהונג, דאָך גע־מאַכט רמזים וועגן אַ מעגליכקייט פון אַן אָפּוואַרטנדיקער האַלטונג, האָט דאָס מאָל דערקלערט, אַז ער וועט קעגן אַ מיניסטעריום פון פּועלי־ציון אָנפירן אַ „שאַרפן קאַמף". דער פאָרשטייער פון די „פּאַראייניקטע", וועלכע זיינען, זעהט אויס, אין דער צווישן־צייט באַאיינפלוסט געוואָרן דורך דער שטעלונג פונם בונד, האָט פאַרנומען אַ מער וואַקלדיקע פּאָ־זיציע, איידער דאָס פאָריקע מאָל. זיי וועלן ניט באַקעמפן, קאָנען אָבער ניט איינהאַלטן דעם צוזאָג וועגן אונטערשטיצונג. אין דערזעלביקער צייט האָבן זיך אָבער ביידע פּאַרטייען געוואָלט זיכערן אַ געוויסע השפּעה אויף דער אינעוועניקסטער פּאָליטיק פון דעם מיניסטעריום און געשטעלט דעריבער פאַרשיידענע קשיות וועגן זיין קומענדיקער פּאָליטיק.

די דריטע באַראַטונג האָט געגעבן נאָך ווייניקער רעזולטאַטן. דער בונד איז געבליבן ביי זיין נעגאַטיווער שטעלונג, ניט פּרובנדיק זי אפילו דאָסמאָל צו מאָטיווירן און ניט דערמאָנענדיק מיט קיין וואָרט וועגן דעם פאָרשלאַג פון דער קאָלעגיע. די פאַראייניקטע האָבן אָפּגעגעבן די דער־קלערונג, אַז זיי „וועלן זיך באַציִען צום יידישן מיניסטעריום אַזוי, ווי צו דער גאַנצער רעגירונג". ווי וועלן זיי זיך אָבער באַציִען צו דער גאַנצער רעגירונג, האָט מען דעמאָלט בשום אופן ניט געקאָנט דערגיין...

אויף דעם האָבן זיך די פאַרהאַנדלונגען צווישן די יידישע סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען אָפּגעבראָכן. ס'איז געקומען פאַר פּועלי־ציון דער מאָמענט פון אַנטשיידונג, צי וועלן זיי *אַליין* מאַכן די אויספירן פון דער פּאָליטיק, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן פאַר ריכטיק אָדער צי וועלן זיי, כדי זיך ניט אַנידערשטעלן אין ווידערשפּרוך צו די איבעריקע צוויי סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען, זיך אָפּזאָגן פון יעדן זעלבשטענדיקן שריט.

* * *

גראָד אינם טאָג, ווען ס'איז פאָרגעקומען אונזער לעצטע באַראַטונג מיטן „בונד" און די „פאַראייניקטע", זיינען צו אונז דערגאַנגען קלאַנגען, אַז די פאַראייניקטע האָבן אויף אייגענע אחריות אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען מיט טשעכאָווסקי וועגן דער באַזעצונג פונם יידישן מיניסטעריום. די קלאַנגען זיינען אין אַ פּאָר טעג אַרום באַשטעטיקט געוואָרן דורך אַן אינ־טערעסאַנטן לייט־אַרטיקל, וואָס איז ערשינען אין זייער אָרגאַן — דער „נייער צייט" (28 דעצ.). דער דאָזיקער לייט־אַרטיקל, אונטער וועלכן ס'איז ניט געווען קיין שום באַמערקונג פון דער רעדאַקציע און וועלכער האָט געמוזט דעריבער באַטראַכט ווערן אַלס דער אָפיציעלער אויסדרוק פון דער פּאַרטיי־מיינונג, האָט מיט גרויסער ענערגיע *פּאַרטייִדיגט די באַטייליקונג אין דער רעגירונג.* דער אַרטיקל פאַדערט, אַז מען זאָל ציטירן זיינע וויכטיקסטע שטעלן.

קאָנסטאַטירנדיק די טענדענץ פון די ניט־אוקראַינישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אָפּצוהאַלטן זיך פון באַטייליקן זיך אין דער רעגירונג, שטעלט דער אָרגאַן פון די „פאַראייניקטע" די פראַגע:

„צי האָט אָבער די ניט־אוקראַינישע דעמאָקראַטיע גענוג גרונד דערצו?.. קיינעם פאַלט דאָך ניט איין צו באַשולדיקן די רעגירונג אין די עקסצעסן, וואָס זיינען פאָרגעקומען! אויב מען קאָן זי באַשולדיקן, איז בלויז

אין דעם, וואָס זי איז דערווייל צו שוואַך, אום די עקסצעסן איינגאַנצן צו באַזייטיגן. אַנשטאַט אָבער צו פאַראורטיילן פאַר שוואַכקייט און בלייבן שטיין אָן אַ זייט, וואָלט אפשר די ניט-אוקראַינישע דעמאָקראַטיע באַדאַרפט מיט איר שטיצע און הילף שטאַרקן די פּאָזיציעס פון דער רעגירונג, געבן איר אַלע נויטיגע מאָראַלישע און מאַטעריעלע כחות צום קאַמף, וואָס זי האָט אויסצושטיין אינם אוקראַינישן פאָלק גופא.. די דעקלאַראַציע פון דער דירעקטאָריע רופט אין אַלגעמיינעם ניט אַרויס כמעט קיין שום דערווידערונגען מצד דער גאַנצער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע. די פּראָגראַם פון דער רעגירונג – הייסט עס – באַפרידיגט. זי קאָן ווערן בלי ספק די פּראָגראַם, וואָס זאָל פאַראייניגן די גאַנצע סאָציאַליסטישע דעמאָקראַטיע. אויב אָבער דאָס איז אַזוי, טאָ ניט זשע צוליב חשדים, צוליב דעם אָדער יענעם באַגאַנגענעם פעלער האָט די סאָציאַליסט. דעמאָקראַטיע דאָס מאָראַלישע רעכט זיך שטעלן אָן אַ זייט און קאָן נעמען אויף זיך די אחריות דערפאַר, וואָס דערמיט, וואָס זי לאָזט איזאָלירט די אוקראַינישע דעמאָקראַטיע, ווערט די לעצטע אפשר געשטויסן אויף רעכטס אין יענע אָרעמס, וואו דער מיגליכער צוזאַמענהאַנג מיט זיי איז דער מקור פון אַלע חשדים?..

..."אויב אפילו ס'איז ביי עמיצן פון אונז א ספק, אַז די רעגירונג וועט אפשר ניט קאָנען אָדער ניט וועלן אויפריכטיג דורכפירן איר אייגענעם פּראָגראַם, טאָר מען דאָך פאָראויס ניט אָפּזאָגן איר אין צוטרוי, טאָר מען דאָך זיך ניט אָפּזאָגן לעת עתה צו גיין מיט איר, – סוועט קיינמאָל ניט זיין שפּעט אַוועקצוגיין, אויב אונזער פּרינציפּיעלע וועגן וועלן זיך באמת פונאַנדערגיין. גייענדיג אָבער האַנט ביי האַנט מיט דער רעגירונג ביז וואַנען ס'וועט נאָר זיין מיגליך, קאָנען מיר דאָך ווירקן, אַז אונזער וועג זאָל בלייבן אַ געמיינזאַמער, אַז די וואַקלדיגע זאָלן ניט אָפּווייכן אָן אַ זייט, מיר קאָנען געבן אַן איבערוואָג אין אונזער זין, אין אונזער ריכטונג".

אָנווייזנדיג דערנאָך אויף דער "קאָלאָסאַלער באַדייטונג, וועלכע דער גאַנג פון די געשעהענישן אויף אוקראַינע קאָן איצט האָבן אין אַלוועלטליכן מאַסשטאַב, אינם טריומף-מאַרש פון דער אַלוועלטליכער רעוואָלוציע *) שליסט דער מחבר פונם אַרטיקל (יוסף בערגמאַן) מיט פאָלגנדע שורות:

*) ווי ריכטיג דאָס איז, האָט זיך אַרויסגעוויזן שפּעטער אינם ביישפּיל פון דער אונגאַרישער ראַטן-מאַכט, וואָס איז געפאַלן בעיקר צוליב דעם, ווייל צווישן איר און ראַטן-רוסלאַנד איז ניט געווען קיין טעריטאָריאַלער צוזאַמענהאַנג. וואָלט צווישן אונגאַרן און רוסלאַנד געווען אַ פאַרבינדעטע אוקראַינע, ד. ה. וואָלט די פּעטלורע-פּאָליטיק ניט געזיגט איבער די באַשטרעבונגען פון ווינטשענקאָ-טשעכאָווסקי, איז נאָך אַ ספק, צי וואָלט דאָס רומענישע מיליטער געקאָנט אַזוי גרינג אַריינמאַרשירן קיין בודאַפּעשט.
א. ר.

...„ניט שוין זשע קאָן אין אַזאַ מאָמענט די סאָציאַל. דעמאָקראַטיע, וואָס פילט די אחריות פון דער לאַגע און פונם מאָמענט, צוליב צופעליגע פעלערן, צוליב ספקות און חשדים, בלייבן אַ פּאַפּירענע צושוויערין פון די געשעהענישן, וואָס קומען אָן און לאָזן אפשר אונטערגיין אין בלוט אַ ברײ־דערליכע דעמאָקראַטיע, וואָס קעמפט פאַר געמיינזאַמע אידעאַלן און צילן?

„דאָס טאָר ניט געשעהן! דאָס וועט ניט געשעהן! מען קאָן שטעלן באַדינגונגען, מען דאַרף פאָדערן גאַראַנטיען און די אָפּשאַפונג פונם באַלאַ־גערונגס-צושטאַנד אין דער ערשטער ריי, – אָבער נ י י ן א י ן ד ע ר ר ע ג י ר ו נ ג מ ו ז מ ע ן".

דאָס האָט נאַטירליך ניט געשטערט דערצו, אַז אין עטליכע טעג אַרום, ווען ס'האָט זיך געפונען אַ פּאַרטיי, וואָס האָט זיך אַנטשלאָסן צו האַנדלען בהסכם מיט די געדאַנקען פונם דאָזיגן אַרטיקל, האָט זי דיזעלבע „נייע צייט" באַגאָסן מיט איימערן פון שמוץ. ווייל די דאָזיגע פּאַרטיי איז נישט געווען די „פּאַראייניגטע"...

XI. די שווערע אַנטשיידונג

די אַנטשיידענדע זיצונג פונם הויפּט־קאָמיטעט. — ספקות און האָפנונגען. — די השפּעה פונם אוקראַיניש־באָלשעוויסטישער אָפּמאַך. — פּערזענליכער צוטרוי צו טשעכאָווסקין. — זיין כאַראַקטעריסטיק, אַלס מענש און אַלס פּאָליטיקער. — דער אַנטגילטיגער באַשלוס. — אונזער באַזוך ביים פּרעמיער־מיניסטער. — די אומערוואַרטעטע באַגעגנונג. — דער שריט פון די „פאַראייניגטע". — „נאָלגאָפּא".

גלייך נאָכן אָפּברעכן פון די פאַרהאַנדלונגען מיטן בונד און די „פאַראייניגטע" איז פאָרגעקומען די אנטשיידנדע זיצונג פונם פּועלי־ציוניסטישן הויפּט קאָמיטעט. אנוועזנד זיינען געווען — אַווערבוך, אסארקאַן, באַרו, גאָלדעלמאַן, גאַנאַפּאָלסקי, גאַרבער און דער מחבר פון די האָזיגע שורות. די לאַגע איז שוין צו יענעם מאָמענט געווען קלאָר. ס'איז געווען קלאָר, אַז קיין אַלגעמיינער הסכם צווישן די דריי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען וועגן דעם יידישן מיניסטעריום וועט שוין ניט צושטאַנד קומען, און אַז די פּועלי־ציוניסטישע פּאַרטיי שטייט פאַר דער ברירה — אָדער אָפּזאָגן זיך פונם מיניסטעריום צוליב דער שטעלונג פון די „פאַראייניגטע" און „בונד" אָדער מאַכן אַליין דעם שריט, וועלכן זי איז געווען גרייט צו טון מיט זייער הסכם. די פראַגע איז סוף־כל־סוף אַנטשידן געוואָרן אין צווייטן זין: מיט פינף שטימען קעגן איינער ביי איין אָפּהאַלטונג האָט דער הויפּט־קאָמיטעט באַשלאָסן אַריינגיין אין מיניסטעריום.

אין דער דיסקוסיע, וואָס איז אַנטשטאַנען פאַרן דאָזיגן באַשלוס, איז די פראַגע וועגן דער באַציהונג צו די צוויי אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען כמעט ניט באַרירט געוואָרן. אין דער פּועלי־ציוניסטישער

פּאַרטיי האָט זיך שוין צו יענער צייט דורכגעבראָכן די פון לאַנג אָנ־געקליבענע פאַרביטערונג קעגן דעם „בונד“ און די „פאַראייניגטע“, וואָס פלעגן די גאַנצע צייט מאַכן אויף אונזער רוקן זייער פּאַרטיי־פּאָליטיק און אין דערזועלבער צייט ניט דורכלאָזן קיין איין געלעגנ־הייט, כדי צו באַשמוצן אונז אין זייער פרעסע און צו באַהאַנדלען אונז צוליב אונזער פּאַלעסטיניזם אַלס סאָציאַליסטן פון דריטער אָרדענונג. די נויטיגקייט צו מאַכן פּאָליטיק אָהן אונזערע ביזאַהעריגע פאַרבינדעטע האָט אונז דעריבער גיכער צונעצויגן איידער אָפּגעשרעקט.

די דעבאַטן אין הויפּט־קאָמיטעט האָבן זיך געדרעהט בלויז אַרום דער פראַגע, אויף וויפיל אונזער באַטייליגונג אין דער רעגירונג איז באמת געוואונשן פון אַלגעמיין־סאָציאַליסטישן און פון יידישן שטאַנדפּונקט.

כ׳מוז מודה זיין, אַז ספקות זיינען דעמאָלט געווען ביי אונז אַלע־מען. דער וויכטיגסטער פון זיי איז געווען: צי וועט דער רעגירונג זיך איינגעבן דורכפירן איר סאָציאַליסטישע פּאָליטיק ביי דעם באַשטאַנד פון די באוואפנטע כוחות, אויף וועלכע זי שפּאַרט זיך אָן. פון דער אַנדערער זייט זיינען מיר אָבער געווען זיכער, אַז אונזער אָפּזאָגן זיך פון באַטייליגן אין מיניסטעריום קאָן האָבן פיל ערגערע רעזולטאַטן. מיר האָבן ניט געוואָלט, אַז אין דער געשיכטע זאָל זיין פאַרשריבן, אַז אין דעם מאָמענט, ווען דאָס אוקראַינישע פּאָלק האָט אָפּגעטרייסלט פון זיך די מאַכט פונם העטמאַן און דורכגעפירט זיין איינענע נאַציאָנאַל־סאָ־ציאַלע רעוואָלוציע, האָט זיך ניט געפונען קיין איין יידישע פּאַרטיי, וואָס האָט געוואָלט גיין צוזאַמען מיט דער רעגירונג, וועלכע האָט זיך אַני־דערגעשטעלט אין זיין שפּיץ. דער אבסענטעאיזם פון אַ ל ע יידישע קרייזן כלפּי דער אוקראַינישער מאַכט וואָלט ניט געקאָנט דערקלערט ווערן דורך וועלכע ס׳איז ס אָ צ י אַ ל ע מאָמענטן. ער וואָלט אויסגעטייטשט געווען אין דעם זינען, אַז יידן, אַ ל ס פּ אָ ל ק, זיינען לויט זייער מהות, לויט זייערע ממשותדיגע אינטערעסן פיינטליך דעם עצם געדאַנק פון אוקראַינישער מלוכהשאַפט. בעת אין דער אמתן זיינען גראָד יידן, לויט אונזער פעסטער איבערצייגונג, דער איינציגער ניט־אוק־ראַינישער עלעמענט אין לאַנד, וואָס האָט קיין שום גרונד ניט זיך אַנטקעגנשטעלן דער מלוכהשער אויפלעבונג פונם אוקראַינישן פּאָלק. כ׳האָט זיך אונז געדאַכט, אַז דער טעות אין חשבון, וועלכן מיר קאָנען

מאַכן אַלס פּאַרטיי, איז פיל וועניקער וויכטיג, איידער דער גוואַלטיגער פעלער, וועלכן מיר קאָנען באַגיין, אַלס אַ פאַראַנטוואָרטליכער טייל פונם יידישן פאָלק. דער פאַקט, וואָס גראָד מיר, אַלס סאָציאַליסטן, זיינען פּרינציפּיעל מסכים געווען מיט דער דעקלאַראַציע פון דער דירעקטאָריע, האָט אַרויפגעלעגט אויף אונז, לויט אונזער מיינונג, די דאָזיגע באַזונדערע אחריות.

נאָך אַ גרעסערע השפעה האָט אויף אונזער באַשלוס געהאַט די ידיעה, וואָס איז צו אונז דערגאַנגען וועגן אַ געהיימען אָפּמאַך, וועלכער איז געשלאָסן געוואָרן אין אַווגוסט 1918 (ד. ה. מיט דריי חדשים פאַרן אוקראַינישן אויפשטאַנד) צווישן וויניטשענקאָ, אַלס פאָרשטייער פון די אוקראַינישע סאָציאַליסטן, און מאַנואילסקי, אַלס פאַרטרעטער פון דער רוסישער ראַטן-מאַכט. לויטן דאָזיגן אָפּמאַך האָט זיך די ראַטן-מאַכט מתחייב געווען ניט אַריינצודרינגען מיט איר מיליטער קיין אוקראַינע בעת דאָרט וועט פאָרקומען אַן אויפשטאַנד קעגן דעם העטמאַן. במקום דעם דאַרף דאָס ראַטן-מיליטער קאָנצענטרירט ווערן אויף דער גרעניץ פון דאָן, כדי ניט לאָזן קראַסנאָווס קאַזאַקן אויסניצן דעם אוקראַינישן אויפשטאַנד אום צו באַזעצן בשעת מעשה דעם קוילן-באַסיין פון דאָנעץ. פון זייער זייט האָבן זיך די אוקראַינישע סאָציאַליסטן פאַרפליכטעט איינצוהאַלטן נאָך דער מפלה פונם העטמאַן פריינטליכע באַציהונגען מיט דער ראַטן-מאַכט און געבן איר, דער עיקר אויפן וועג פון אויסטויש, די סחורות, אין וועלכע זי נויטיגט זיך, — ברויט און קוילן פאַר האָלץ און מאַנופאַקטור.

ביים באַטראַכטן אונזער שטעלונג צו דער רעגירונג האָט די ידיעה וועגן אַזאַ אָפּמאַך געשפּילט די אנטשיידענדע ראָלע. מיר האָבן געמיינט, אַז אוקראַינע צוליב איר פויערישער באַפעלקערונג, וואָס בילדעט די גרעסטע מערהייט, איז ניט רייף פאַר ראַטן-מאַכט אין איר מאָסקווער פאָרם; מיר האָבן אָבער אין דער זעלבער צייט געגלויבט, אַז זי קאָן אַלס פאַרבינדעטע פון מאָסקווע דורכפירן אַ רייהע ערנסטע סאָציאַלע רעפאָרמען. ועל כולם זיינען מיר געווען איבערגעצייגט, אַז בלויז דער באַציייטיגער פרידליכער הסכם צווישן דער ראַטן-מאַכט און די אוקראַינישע סאָציאַליסטן קאָן צוימען די אינעווייניגסטע כוחות פון דער רעאַקציע און אָפּרוקן די סכנה פון אַ דויערנדן בירגער-קריג. מיר האָבן כמעט

אינסטיקטיוו געפיהלט, אַז אַזאַ בירגער־קריג וועט ברענגען צו יידישע שחיטות, הגם מיר האָבן דעמאָלט זיך בשום אופן ניט געקאָנט פאָר־שטעלן, אַז זיי קאָנען אָנגעמען אַזאַ שרעקליכן מאַסשטאַב. אָט דער דאָזיגער אינסטינקט האָט אונז געצוואונגען זיך פיבערהאַפט צו האַלטן אָן דעם אוקראַיניש־סאָוועטישן הסכם, ווי איינער, וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך אָן אָן אַ שטרויעלע.

פונדעסטוועגן איז אַ ספק צי וואָלט דער באַשלוס וועגן אַריינ־טרעטן אין דער רעגירונג אָנגענומען געוואָרן מיט אַזאַ גרויסער מער־הייט*), ווען ניט דער באַזונדערער פערזענליכער צוטרוי, וועלכן פילע פון אונז האָבן געהאַט צום נאָר וואָס באַשטימטן ראש פון דער רעגירונג — צו דעם פרעמיער־מיניסטער טשעכאָווסקי.

* * *

וואָלאָדימער מאַקסימאָוויטש טשעכאָווסקי איז באמת איינער פון די ריינסטע מענשן, וועלכע ס'איז מיר ווען ניט איז אויסגעקומען צו באַ־געגענען אויפן שמוציגן פעלד פון פּאָליטיק. שטאַמענדיג פון אַ גלחים־פאַמיליע און זייענדיג דערצויגן אין גייסטליכער סעמינאַריע, האָט ער אַריינגעזאַפּט אין זיך אַלע מענשליך שיינע זייטן פון אַלטן קריסטענטום, וואָס געפינען זיך אין אַזאַ שרייענדיגער סתירה צו דעם, וואָס ווערט גע־שטעמפּעלט אונטערן דאָזיגן נאָמען אין דער היינטיגער קריסטליכער וועלט. די דאָזיגע סתירה האָט אים אויך ניט געלאָזט ווערן אַ גלח. אנגעעקלט פון דער אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אַרום אים, האָט ער פאַרלאָזן די גייסטליכע אַקאַדעמיע און אָנגעהויבן צו שטודירן גע־שיכטע און פילאָלאָגיע. נאָך דער פאַרענדיגונג פונם אוניווערסיטעט איז ער געוואָרן אַ גימנאַזיאַל־לערער, אַ לאַנגע צייט אין טשערקאַס און דערנאָך בעתן קריג אין אדעס. מיר איז אויסגעקומען צו באַ־געגענען זיך מיט פילע פון זיינע פריהערדיגע שילער (ער איז אַלט אַרום

---

*) דער איינציגער מיטגליד פון הויפּטקאָמיטעט, וואָס האָט געשטימט קעגן, האָט דאָס מאָטיווירט מיט אַ ל ג ע מ י י נ ע פּאָליטישע טעמים – בעיקר מיט דער קעגנערשאַפט צו די באָלשעוויסטישע מאָמענטן פון דער רעגירונגס־דעקלעראַציע. א. ר.

50 יאָר) און פון אַלע האָב איך געהערט וועגן אים, ספּעציעל וועגן זיין באַציהונג צו יידן די בעסטע מיינונג. ער האָט ניט נאָר אַרויסגעוויזן אַ גלייכע באַציהונג צו יידישע און ניט־יידישע שילער: אַזאַ טרוקן־גלייכע, „גערעכטע" באַציהונג איז אין דער בעסטער תקופה פון דער רוסישער אינטעליגענץ גאָרניט געווען סוף־כל־סוף אַזאַ זעלטנהייט. ביי טשעכאָווסקי פלעגן מען אָבער ביי גוטער באַקאַנטשאַפט מיט אים באַמערקן אין זיין באַציהונג צו יידן אַ גאַנץ אַנדערן שטריך: אַ גלויבעדיגער קריסט אויף זיין שטייגער, האָט ער שטענדיג געפילט אויף זיך די גרויסע שולד פון דער קריסטליכער וועלט — און ניט צולעצט פון זיין אייגענעם פאָלק — כלפּי דער נאַציע, וואָס האָט איר געגעבן אַזוי פיל פון אירע בעסטע אידעאַלן. ער האָט זיך געפילט פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער סביבה און פאַר דעם עבר, און דעריבער פלעגן רדיפות אויף יידן אָנרירן גאַנץ באַזונדערע טיפע סטרונעס פון זיין אייגענעם „איך". ניט קוקנדיג אויף זיין פאַרשלאָסענעם כאַראַקטער, פלעג איך דערנאָך, ווען ס'זיינען פאָרגעקומען די ערשטע יידישע פּאָגראָמען, באַמערקן, רעדנדיג מיט אים וועגן זיי, אַז זיי ווירקן אויף אים ניט נאָר סתם, אַלס שווערע, אומאָנגענעמע פּאָליטישע פּאַסירונגען (ווי דאָס איז למשל געווען צו באַמערקן ביי וויניטשענקאָ) נאָר ווי טיפע, טראַגישע, פּערזענליכע איבערלעבונגען.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש פאַר טשעכאָווסקין, אַז, אַלס היסטאָריקער, פלעגט ער זיך בעיקר אָפּגעבן מיט דער געשיכטע פון פאַרפאָלגטע ראַציאָנאַליסטישע סעקטן. אַ בוך וועגן דער הוסיטן־באַוועגונג, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן דורך אים נאָך פאַרן קריג, האָט אין פאַך־קרייזן אַ גאַנץ גוטן נאָמען.

נאָך בעת דער ערשטער רעוואָלוציע פון 1905 איז טשעכאָווסקי צוגעשטאַנען צו די אוקראַינישע סאָציאַלדעמאָקראַטן. בעת די וואַלן צו דער ערשטער דומע איז ער געווען דער ערשטער קאַנדידאַט פון קיעווער גובערניע און וואָלט זיכער אויך דורכגעגאַנגען, ווען די אַדמיניסטראַציע וואָלט ניט „דערקלערט" זיין וואַלרעכט.

בעת איך האָב זיך מיט אים באַקענט, איז ער לויט זיין באַציהונג צו כאָציאַלע פראַגן געשטאַנען גאַנץ נאָהענט צו די באָלשעוויקעס, פלעג אָבער שטענדיג צוריקשרעקן פאַר זייערע מעטאָדן. על־

כל־פּנים איז בײַ אונז ניט געװען קײן ספק, אַז ער װעט אַלס אױסערן־מיניסטער טון אַלץ מיגליכע כּדי קומען צו אַ הסכּם און פרײַנטליכער פאַרבינדונג מיט די באָלשעװיקעס. מיר האָבן געהאַט צו אים ניט נאָר אַ צוטרױ, נאָר אױך אַ טיפע מענשליכע סימפּאַטיע.

ארױסגעלאָזט האָבער האָט זיך, אַז די מעלות פון טשעכאָװסקי אַלס פּריװאַט־מענש זײַנען ניט שטענדיג קײן מעלות אין דער פּאָליטיק, בפרט אין דער גרױזאַמער צײַט, װאָס מיר לעבן איצט איבער. װײכ־קײט און איבערקלײַבן פון מ׳מלען זײַנען ניט קײן מעטאָדן, מיט װעל־כע מען קאָן עפּעס דערגרײכן אין אַ לאַנד, װאָס קאָכט פון לײדנ־שאַפטן. אין ערנסטע מאָמענטן האָט טשעכאָװסקי ניט אַרױסגעװיזן קײן גענוג פעסטן װילן, און מענשן, װאָס זײַנען גײַסטיג געשטאַנען נדעריגער פאַר אים, האָבן אים ריקזיכטלאָז מיסברױכט אַלס אַ דעקאָראַציע פאַר זײערע פּלענער. דאָס מיניסטעריום אונטער דער אָנפירונג פון טשעכאָװ־סקי און טײַלװײז צוליב זײַן שולד האָט ניט געהאַט קײן פּאַקטישע מאַכט, און די אַנטשײדונג איבער אַלע װיכטיגע ענינים איז געלעגן אין די הענט פון דער דירעקטאָריע אָדער בעסער געזאָגט פון דעם טײל אירן, װאָס האָט געהאַט אױף זײַן זײַט די מיליטערישע מאַכט. ס׳איז דערגאַנגען אַזױ װײַט, אַז טשעכאָװסקי דער אױסערן־מיניסטער, האָט ערשט פון די בלעטער זיך דערװאוסט, אַז די דירעקטאָריע האָט דערקלערט אַ קריג ראַטן־רוסלאַנד, און האָט, ניט קוקנדיג אױף דעם, ניט געהאַט קײן ענערגיע, כּדי תּיכּף ומיד אַװעקגײן אין דימיסיע.

האָבן מיר דאָס אַלץ געקאָנט פאָראױסזעהן?

* * *

נאָך דעם, װי דער הױפּט־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן אַרײַנצו־טרעטן אין מיניסטעריום און באַשטימט אַלס קאַנדידאַט דעם מחבר פון די דאָזיגע שורות, האָט ער, כּדי צו געבן דעם דאָזיגן באַשלוס אַ מער אַװטאָריטעטן כאַראַקטער, פאָרגעלעגט דעם באַשלוס אױף צו באַשטע־טיגן אַ פאַרזאַמלונג פון די מער פאַראַנטװאָרטליכע קיעװער חברים. דער זינען פון דער דאָזיגער פאַרזאַמלונג איז געװען, אַז די קיעװער אָרגאַני־זאַציע, װאָס איז נאָך זינט דער פעברואַר־רעװאָלוציע געװען אין איר

גרעסטן רוב באָלשעוויסטיש געשטימט, זאָל נעמען אַ שטעלונג צום באַשלוס פונם הויפּט־קאָמיטעט, אין וועלכן דער באָלשעוויסטישער פליגל איז כמעט ניט געווען פאַרטראָטן. שטייענדיג פאַר דער דרינגענדער נויטיגקייט אָנצונעמען אַ גיכן באַשלוס — אַהער אָדער אַהין — און ניט האָבנדיג דעריבער קיין מעגליכקייט צונויפצורופן וועגן דער דאָזיגער פראַגע קיין פּאַרטיי־קאָנפערענץ, האָבן מיר געוואָלט אויסניצן די שטעלונג פון דער קיעווער אָרגאַניזאַציע, אַלס אַ באַראָמעטער פון די שטימונגען אויף דער פּראָווינץ. וואָלט די קיעווער אָרגאַניזאַציע ניט צוגעשטאַנען צום באַשלוס פונם הויפּט־קאָמיטעט, וואָלט מען אים, מסתמא, ניט דורכגעפירט אין לעבן.

די פאַרזאַמלונג פון אונזערע קיעווער פּאַרטרויאונגס־מענער האָט אָבער פ א ר ש ט א ר ק ט דעם באַשלוס פונם הויפּט־קאָמיטעט: זי האָט מיט 17 שטימען קעגן איינער ביי דריי אָפּגעהאַלטענע באַשלאָסן באַוויליגן דאָס אַריינטרעטן אין דער אוקראַינישער רעגירונג. איינינע באָלשעוויסטיש־געשטימטע חברים האָבן מאָטיווירט זייער אָפּשטימונג אזוי: זיי ווילן טאַקע, אַז אויף אוקראַינא זאָל איינגעשטעלט ווערן די ראַטן־מאַכט, אָבער זי דאַרף קומען אַלס רעזולטאַט פון א י נ ע ו ו ע נ י ג ס ט ן קאַמף און ניט פון אויסערליכן אָנפאַל. דעריבער זיינען זיי פאַר אַריינטריט.

איצט איז נעבליבן נאר דורכפירן דעם אָנגענומענעם באַשלוס אין דער ווירקליכקייט.

* *
*

אויפן אַנדערן טאָג האָבן ש. גאָלדעלמאַן און איך, לויטן אויפטראָג פונם הויפּט־קאָמיטעט, באַזוכט דאָס מיניסטעריום פאַר אויסערליכע ענינים, כדי מיטצוטיילן דעם פּרעמיער טשעכאָווסקי וועגן אונזער באַשלוס.

נאָך פאַר אונז זיינען געווען אָנגעמעלדעט עטליכע באַזוכער, דער עיקר אויסלענדערשע דיפּלאָמאַטן, און ס'איז דעריבער אויסגעקומען צו וואַרטן. פּלוצים, אין עטליכע מינוט נאָך אונז, ערשיינען אין וואַרט־צימער די פאָרשטייער פון די „פּאַראייניגטע“ — י. כורגין און י. ברענמאַן — און פאַרשרייבן זיך אין דער ליסטע פון די באַזוכער. דער־זעהענדיג אונז, ווערן זיי אויף אַ מאָמענט מבולבל, ווי מענשן מיט אַ

ביזן געוויסן. זיי האָבן דאָך אונז ערשט אָפיציעל דערקלערט, אַז זיי זיינען קעגן דעם איינטריט אין דער רעגירונג, אויב אַזוי, טאָ ווי קומען זיי עפּעס צו פאַרהאַנדלען מיט טשעכאָווסקין? מסתמא, ווענן אַנ־דערע ענינים...

ווען ס'איז געקומען אונזער רייה, זיינען צוערשט אריינגערופן געוואָרן די „פּאַראייניגטע". מיר — ש. גאָלדעלמאַן און איך — האָבן אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן און אָנגעהויבן גלייכצייטיג צו שמייכלען: רעדן איז געווען נאַניץ איבעריק. אין גרונד גענומען איז דאָס געווען אַ טרויעריגע אילוסטראַציע פון אתזערע פּאָליטישע זיטן, אָבער בעת מעשה איז אונז אויפגעפאַלן די קאָמישע זייט פון דער זאַך...

אין צעהן מינוט שפּעטער, ווען מיר זיינען אריין אין טשעכאָוו־סקיס קאַבינעט, האָט ער אונז באַגעגנט מיט אַן אַנטשולדיגונג פאַרוואָס ער האָט אויפגענומען די „פאַראייניגטע" פאַר אונז, הגם זיי האָבן זיך געמאָלדן שפּעטער.

— איך האָב דאָס געטאָן מיט אַ כיוון, כדי מיר זאָלן קאָנען שמועסן פרייער, — האָט ער מוסיף געווען שמייכלענדיג, — ווייסט איר, אגב, מיט וואָס זיי זיינען געקומען?

— ניין, מיר ווייסן עס ניט.

— זיי האָבן מיר מודיע געווען, אַז זיי זיינען גרייט צו נעמען דעם פּאָרטפעל פון מיניסטער פאַר יידישע ענינים. דערביי שטעלן זיי אַרויס דריי אַלגעמיין־פּאָליטישע וואונשן.

— אין וואָס באַשטייען זיי?

טשעכאָווסקי האָט גענומען זייך נאָטיץ־ביכל און געענטפערט:

— דער ערשטער וואונש איז, אַז מיר זאָלן זיך סטאַרען אַראָפּנעמען דעם באַלאַגערונגס־צושטאַנד; דער צווייטער — מיר זאָלן ניט מאַכן קיין אָפּמאַכן מיט דער אַנטאַנט קעגן ראַטן־רוסלאַנד; דער דריטער — מיר זאָלן באַלד צענויפרופן דעם סאָציאַליסטישן צענטער פון או־קראינישע און ניט אוקראינישע פּאַרטייען און צוציהען די ניט אוק־ראינישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין דער רעגירונג.

די אונטערגעשטראכענע פאָר ווערטער („מיר זאָלן זיך סטאַרען") האָט טשעכאָווסקי דורכגעלייענט לאַנגזאַמער מיט אַן איראָנישן שמייכל,

וועלנדיג, זעהט אויס, אונז אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף זייער וויכער קאַאוטשוקענער פאָרמולירונג.

— און דאָס איז אַלץ? — האָבן מיר נעפרעגט מיט אַ ניט־באַהאַלטענער אנטוישונג.

לויט די באָלשעוויסטיש־קלינגענדיגע רייד פון די פאָרשטייער פון די „פאַראייניגטע“ אויף די געמיינזאַמע באַראַטונגען, האָבן מיר גע־וואַרט, אַז זיי וועלן לכל הפחות פאַרלאַנגען די באַלדיגע איינפירונג פון ראַטן־סיסטעם...

— דאָס איז אַלץ, — האָט געענטפערט טשעכאָווסקי.

— און וואָס איז געווען אייער תשובה?

—איך האָב געענטפערט, אַז די רעגירונג איז אינגאַנצן מסכים מיט די דאָזיגע פאָדערונגען און איז גרייט זיי אויפצונעמען אין איר פראָגראַם.

אויף אַ מאָמענט האָט זיך דער געשפרעך אָפּגעהאַקט. דערנאָך האָט גאָלדעלמאַן אים אָנגעקניפּט ווייטער מיט אַן אנפראַגע:

— ענדערט ניט דער פאָרשלאַג פון די „פאַראייניגטע“ די מיי־נונגען פון דער רעגירונג אין דער פראַגע פון יידישן מיניסטעריום?

טשעכאָווסקיס פּנים איז געוואָרן לעבעדיגער.

— ניין, איר דאַרפט פון אונז ניט וואַרטן, אַז מיר וועלן לאָזן זיך באַאיינפלוסן דורך אַזעלכע וואַקלענישן. וואָלטן נאָך די „פאַר־אייניגטע“ געמאַכט זייער פאָרשלאָג ניט בלויז אין אייגענעם נאָמען, נאָר בהסכם מיט די אַנדערע יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען, וואָלטן מיר אים, לויט אונזער פריהערדיגער דערקלערונג, געמוזט אָננעמען. ביי דער איצטיגער לאַגע זעהען מיר אָבער קיין שום יסוד ניט צו בייטן אונזער פּלאַן. מיר וואַרטן, ווי פריהער, אויף אייער תשובה.

זיינען מיר צוגעטראָטן צום עצם ענין. גאָלדעלמאַן האָט אין קורצע ווערטער מודיע געווען טשעכאָווסקין, אַז דער פועלי־ציוניסטישער הויפּט־קאָמיטעט האָט באַטראַכט די איינלאַדונג אנטייל צו נעמען אין דער רעגירונג און באַשלאָסן צו ענטפערן אויף איר פּאָזיטיוו. דער־ביי וואַרטן מיר, אַז די אוקראַינישע סאָציאַליסטן וועלן געמיינזאַם מיט אונז שטרעבן דורכצופירן דעם מינימום פון פּאָליטישע און סאָ־ציאַלע פאָדערונגען, וועלכע ס'איז נויטיג, כּדי צו דערגרייכן דעם גע־

מיינזאַמען צוועק. וואָס איז נוגע אונזערע באַלדיגע פאָדערונגען, דעקן זיי זיך בערך מיט די וואונשן פון די „פּאַראייניגטע", און די דערקלערונג פונם פרעמיער, אַז ער נעמט אַריין די דאָזיגע וואונשן אין דער רעגירונגס־פּראָגראַם, פאַרגרינגערט אונזער אויפגאַבע.

טשעכאָווסקי האָט נאָך אַמאָל אונז פאַרזיכערט, אַז אונזערע פאָדערונגען שטימען אינגאַנצן מיט זיין רעגירונגס־פּראָגראַם. ער האָט אונז דערציילט וועגן די אָנשטרענגונגען, וואָס ווערן געמאַכט מצד דער רעגירונג, כדי אַראָפּצונעמען דעם באַלאַגערונגס־צושטאַנד, און וועגן די שוועריקייטן, וועלכע ס׳קומט איר אויס דערביי צו באַגעגענען. דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— און ווער איז אייער קאָנקרעטער קאַנדידאַט פאַר אַ מיניסטער פון יידישע ענינים?

נאָלדעלמאַן האָט אָנגעוויזן אויף מיר.

דאָס איז, קענטיג, געווען פאַר טשעכאָווסקין אַן איבערראַשונג. אין די אוקראַינישע קרייזן האָט מען זיך גערעכנט אויף דער קאַנדידאַטור פון גאָלדעלמאַן, וועלכער איז צווישן זיי געווען מער באַקאַנט און אויך מער באַליבט.

טשעכאָווסקי האָט זיך גלייך באַהערשט און, ווענדענדיג זיך צו מיר, אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט, וואָס אונז וועט אויסקומען אַרבעטן צוזאַמען. ער האָט מיר דערמאָנט וועגן אונזערע פאַראיאָריגע באַגעגענישן און געמיינזאַמע ארויסטרעטונגען אינם אָדעסער אַרבעטער־ראַט.

איך האָב אויף דעם געענטפערט, אַז איך גלויב ניט שטאַרק אינם באַלדיגן ערפאָלג פון אונזערע באַמיהונגען. ס׳וועט אונז אויסקומען צו זיין אַ שווערן וועג, פול ליידן און יסורים, אַרומגערינגלט מיט האַס און אומפאַרשטעהעניש פון אַלע צדדים. ס׳וועט זיין אַן אמתע „נאָל־נאָפּע". פונדעסטוועגן זעהען מיר פאַר אונז ניט קיין אַנדער ברירה*).

דערנאָך איז דער געשפּרעך אריבער נאָך אַמאָל אויפן באַלאַגערונגס־צושטאַנד איך קיעוו און אויף די מיטלען, וועלכע די רעגירונג וויל אָננעמען, כדי אים אַראָפּצונעמען.

דערמיט האָט זיך אונזער שמועס פאַרענדיגט.

*) א נ מ. מיט פינף וואָכן שפּעטער, שוין אין וויניצע, האָט מיר טשעכאָווסקי דערמאָנט דאָס דאָזיגע וואָרט...

XII. די פועלי־ציון און דער „נאַציאַנאַלער סעקרעטאַריאַט״

פּריוואַטע שמועסן מיט ציוניסטישע פירער. — זייער צוועק. — וואָס האָבן מיר ערוואַרטעט פונם נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט? — סירקינס טויט און די בירגערליך־ציוניסטישע פּאָליטיק. — דאָס יידישע מיניסטעריום און די שפּראַכן־פראַגע. — למוד אָדער לער־שפּראַך?

גלייכצייטיג מיט די פּאַרהאַנדלונגען צווישן די דריי יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זיינען פּאָרגעקומען ווענן דער פראַגע פונם יידישן מיניסטעריום אויך אַ פּאָר באַשפּרעכונגען צווישן איינצלנע פאָרשטייער פון די פּועלי־ציון און אָנגעזעהענע פּאַרטרעטער פון די בירגערליכע ציוניסטן, וועלכע זיינען געווען דער אַנטשיידנדער עלעמענט אינם „נאַציאָנאַלן־סעקרעטאַריאַט״. בעת אָבער די פּאַרהאַנדלונגען מיטן „בונד״ און די „פּאַראייניגטע״ זיינען געווען אפיציעלע און כמעט עפענטליכע — מען האָט ווענן זיי געגעבן גענויע ידיעות אין דער פּרעסע, — האָבן די באַשפּרעכונגען מיט די „דראָט־ציהער״ פונם נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט געטראָגן אַ פּריוואַטן אומפּאַרבינדליכן כאַראַקטער. צום אונטערשייד פון די פּאַרהאַנדלונגען צווישן די סאָציאַל. פּאַרטייען האָט זיך אין זיי געהאַנדלט ניט ווענן אַ קאָאָרדינירטער אַרבעט, וועלכע איז ביים תהום, וואָס איז שוין צו יענער צייט געווען צווישן פּועלי־ציון און די בירגערליכע ציוניסטן, געווען לחלוטין אוממיגליך, נאָר ווענן אַ מאָדוס, וואָס זאָל אונז ערלויבן אין פּאַל פון באַזעצן דעם מיניסטעריום דורכפירן אונזער אויפגאַבע — די אויפשטעלונג פון דער אַווטאָנאָמיע, — מיטן קלענסטן סכום פון אינערליך־יידישע רייבונגען. צוליב דעם צוועק זיינען מיר געהען גרייט צו גיין אויף פּראַקטישע הנחות,

אויף וויפיל זיי וועלן ניט זיין אין סתירה צו אונזער אַלגעמיינעם פּראָגראַם.

דער אויסגאַנגס-פּונקט, פון וועלכן די פּועלי-ציון זיינען אַרויס ביי די דאָזיגע באַשפּרעכונגען, איז געווען, אַז דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַריאַט וועט ביי זיין איצטיגן פּאַרטייאישן באַשטאַנד סיי ווי ניט זיין אימשטאַנד אַרויסצורוקן וועמען ניט איז פון זיינע מיטגלידער אויפן פּאָסטן פון יידישן מיניסטער. ביי דער באַשטייענדער דעקלאַראַציע פון דער דירעקטאָריע וועט דער מיניסטער פאַר יידישע ענינים אָדער זיין אַ סאָציאַליסט אָדער ער וועט בכלל ניט זיין. וויפיל פאַרשיידענע רעכטליכע טעאָריען זאָלן ניט קאָנסטרואירן אַרום דעם ענין די יוריסטן פונם נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט, וועט דער פאַקטישער מצב דורך דעם ניט געענדערט ווערן. דעריבער אויב דער נאַצ. סעקר. וויל באמת, אַז דער אַפּאַראַט פון נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע זאָל אויפגעשטעלט ווערן אין לעבן, און אַז די שטאַרבנדע יידישע קהלות זאָלן באַקומען פרישע בלוט אין די אָדערן, — מוז ער משלים זיין מיט דער באַשטייענדער לאַגע און סטאַרן זיך אַרויסנעמען פון איר דעם גרעסט-מיגליכן נוצן. דער רעאַלער פּאָליטישער חוש דאַרף דעם נאַצ. סעקרעטאַריאַט אונטערזאָגן, אַז אַ מיניסטעריום פון פּועלי-ציון איז פאַר אים אַ קלענערער בייז; איידער אַ מיניסטעריום פון „בונד" אָדער „פאַראייניגטע". די פּועלי-ציון האָבן שוין צוליב זייער פּאַלעסטינאַ-פּראָגראַם קיינמאָל ניט געטיילט די פאַנאַטישע העברעאיש-פּרעסעריי פון די איבעריגע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. זיי וואָלטן, נאַטירליך, געבויט די שולן אויף יידיש, אויף דער אומגאַנגס-שפּראַך פון די יידישע מאַסן; זיי וואָלטן אָבער ניט געשטעלט קיין שום שוועריגקייטן — ניט יורידישע און בשום אופן ניט פּאָליציייאישע — די העברעאישע שולן, אויף וויפיל זיי וואָלטן געשאַפן און אויסגעהאַלטן געוואָרן אויף פּריוואַטע מיטלען. וואָס איז נוגע דעם נאַצ. סעקרעטאַריאַט גופא, וואָלטן זיי זיין אנשפּרוך צו זיין די אנטשיידנדע אַנשטאַלט פון דער נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע ניט געקאָנט אנערקענען פאַר באַרעכטיגט. זיין פּרעטענזיע, אַז דאָס יידישע מיניסטעריום זאָל זיין פאַר אים פאַראַנטוואָרטליך, האָבן די פּועלי-ציון געהאַלטן פאַר לחלוטין אוממיגליך. אָבער זיי — אָדער ווענינגסטנס ד ע ם הויפּט-קאָמיטעט, וואָס האָט דעמאָלט אָנגעפירט די פּועלי-ציוניסטישע

פּאָליטיק אויף אוקראַינע, איז קיינמאָל ניט איינגעפאַלן דער געדאַנק וועגן וועלכע ס׳איז רעפּרעסיווע מיטלען קעגן דער באַשטייענדיגן נאַצ. סעקרעטאַריאַט, ווי דאָס האָבן שוין צו יענער צייט געפּלאַנט דער „בונד“ און די „פאַראייניגטע“. זיי זיינען אַפילו גרייט געווען אנערקענען אים, אַלס די צענטראַלע פאָרשטייערשאַפט פון די יידישע קהלות און אַרבעטן מיט אים בנוגע זייערע באַדערפענישן אין אַ געוויסן קאנטאקט.

אַלס קעגן־לייסטונג האָבן די פּועלי־ציון ניט פאַרלאַנגט פונם נאַצ. סעקרעטאַריאַט דעם אָפּזאָג פון זיין פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט. ס׳איז אָבער דאָ אָפּאָזיציע און אָפּאָזיציע. די פּועלי־ציון האָבן געוואַרטעט פונם נאַצ. סעקרעטאַריאַט אַזאַ מין אָפּאָזיציע, וואָס זאָל דאָך מיגליך מאַכן אַ געוויסן קאנטאַקט אין דעם אויסבויען פון די קהלות און אינם זיכערן פאַר זיי נויטיגע יורידישע רעכט און באַשטייערונגס־מיגליכקייטן.

זייענדיג אין וויניציע, האָבן מיר די שאַנסן פאַר אַזאַ מין פאַרשטענדיגונג אָפּגעשאַצט גאַנץ הויך. אין קיעוו אָבער האָט זיך די לאַגע אין דעם פּרט געביטן. בעיקר האָט זי זיך געענדערט דורכן פּלוצליכן טויט פון מ. נ. סירקין, אויף וועלכן מיר האָבן בעת אונזערע וויניצער באַשפּרעכונגען געלייגט ערנסטע האָפענונגען. מ. נ. סירקין איז פון אַלע ציוניסטישע פירער אויף אוקראַינע פאָרט געווען דער איינציגער, וואָס וואָלט אימשטאַנד געווען זיך אויפצוהייבן איבער די ענגע פּאַרטיי־אינטערעסן און באַטראַכטן די לאַגע פון אַ ברייטערן צוקונפטס־שטאַנדפּונקט. ער איז געווען צווישן זיי דער איינציגער, וואָס האָט געהאַט אַ טיפערן קוק אויף דאָס פּראָבלעם פון יידיש־אוקראַינישע באַציהונגען און וואָס וואָלט אפשר געווען בכח אָפּהיטן זיינע פּאַרטיי־פריינט פון אַ פאַלשער פּאָליטיק.

כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין אחריותדיגער באַציהונג צו די פּראָבלעמען און נויטן פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע זיינען געווען די פּאָר פּריוואַט־געשפּרעכן, וועלכע ס׳איז מיר אויסגעקומען צו פירן מיט אים אין אָנהויב פון דער העטמאַנישער תקופה, בעת פון ציוניסטישער זייט איז לויט זיין איניציאַטיוו אַרויסגערוקט געוואָרן אויפן פּאָסטן פונם פאַרוואַלטער מיטן יידישן מיניסטעריום דער געוועזענער

יעליסאוועטגראדער ראַבינער ה. טשאָמקין. נ. סירקין האָט דערביי גאַנץ
אָפן דערקלערט, אַז ער האַלט ניט אַסך פון די פּערזענליכע מעלות
פונם קאַנדידאַט, וועלכער האָט ביי אַ פּאָר געלעגנהייטן ארויסגעוויזן
אַ גאָר קנאַפּע פאַרשטענדעניש פאַר די פּראָבלעמען פון דער היינ=
וועלטיגער נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע. ער רעכנט אָבער, אַז צוליב די
פּערזענליכע סימפּאַטיען צו ט. מצד געוויסע מיטגלידער פונם העט=
מאַנס קאַבינעט וועט זיך איינגעבן אַדאַנק דער דאָזיגער קאַדעטיש
כשרער קאַנדידאַטור איינהאַלטן דאָס יידישע מיניסטעריום איבער דאָס
שווער שטיקל צייט און אפשר אפילו דורכפירן די שטייער=רעכט פון די
קהלות, וואָס זיינען ליידער ניט גאַראַנטירט געוואָרן ביי דער שאַפונג
פונם ערשטן קהילה=געזעץ (2 דעצ. 1917). כ׳מוז מודה זיין, אַז איך
פּערזענליך בין געווען גרייט סירקינס פּלאַן צו דערלייכטערן, ניט קוקנ=
דיג אויף דעם, וואָס גראָד פון אַ געוויסער ציוניסטישער זייט האָט מען
געפּרובט משפיע זיין אויף מיר אינם להפּוכדיגן זין, אַרויסרוקנדיג בעיקר
פּערזענליכע מאָמענטן קעגן דער קאַנדידאַטור. איך בין אַפילו אויף
אַזוי ווייט געגאַנגען, אַז ווען פון דער דאָזיגער זייט האָט מען געוואָלט
אָפּדרוקן אין פּועלי=ציוניסטישן „נייעם לעבן" אַן אַרטיקל, וואָס האָט,
אויפן גרונד פון אַ פּאָר העברעאישע ביכער, באַשריבן ט׳—ס יונגט=טע=
טיגקייט אין א״י, האָב איך זיין פאַרעפנטליכונג ניט צוגעלאָזט. אָפּ=
רוקנדיג די דאָזיגע מאָמענטן אין אַ זייט, האָב איך געפּרובט איבער=
צייגן די פּועלי=ציוניסטישע פראַקציע פונם נאַציאָנאַל=ראַט (אין וועלכן
ס׳זיינען דעמאָלט געווען 30 ציוניסטיש=קלעריקאַלע שטימען קעגן 30
סאָציאַליסטיש=פאָלקיסטישע), אַז ס׳איז כדאי זיך אָפּצוהאַלטן ביי דער
אנטשיידנדער אָפּשטימונג און דערמיט לאָזן דורכפירן דעם ציוניסטישן
פּלאַן. מיר וואָלטן געקאָנט אַזאַ אָפּהאַלטונג רוהיג מאָטיווירן דערמיט, אַז
„איצט איז אייער צייט", און מיר ווילן זיך אין דעם ניט מישן...
אויב אויף אַזאַ יסוד וואָלט זיך די ציוניסטן איינגעגעבן דורכפירן ביים
העטמאַן ט.׳ס קאַנדידאַטור, וואָלט ערשטנס דערמיט דאָס מיניסטעריום
געבליבן עקזיסטירן און, צווייטנס, וואָלטן די ציוניסטן באַקומען די מעג=
ליכקייט צו באַווייזן, אויף וויפיל זייער אויפפאַסונג וועגן נאַציאָנאַלער
אַווטאָנאָמיע לאָזט זיך דורכפירן אין לעבן. כ׳האָב געהאַלטן, אַז די
דאָזיגע עקספּערימענטאַלע לעקציע וואָלט געווען דאָס בעסטע מיטל,

כדי איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו געווינען די מערהייט פונם פאָלק פאַר דער סאָציאַליסטישער און יידישער לייזונג פונם אַוטאָנאָמיע־פּראָבלעם. אַלנפאַלס איז די פראַגע וועגן איינהאַלטן די יידישע אַוטאָנאָמיע־אינ־סטיטוציעס געווען פון אונז אַלע באַטראַכט אַלס זעהר אַן ערנסטע אפילו אין דער העטמאַנישער צייט.

ס׳האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אַז כ׳קאָן מיין אויפפאַסונג אין דער פּראַקציע ניט דורכזעצן, און איך בין געצוואונגען געווען צוליב פּאַרטיי־דיסציפּלין צוזאַמען מיט איר מיטמאַכן דאָס טראַגיקאָמישע שפּיל פון „דרייסיג קעגן דרייסיג״. בשעת מעשה האָט דאָס מיר שטאַרק פאַרדראָסן, אָבער צוריקקוקנדיג אויפן זומער 1918, בין איך שטאַרק מסופק צו בין איך דעמאָלט טאַקע באמת געווען גערעכט.

אַלנפאַלס האָט מיר דער דאָזיגער עפּיזאָד געגעבן די מעגליכקייט זיך געגויער צו באַקענען מיט סירקינס אויפפאַסונגען אויף נאַציאָנאַלער אַוטאָנאָמיע, און איך בין דעריבער געווען איבערצייגט, אַז אין קאַמף צווישן אונז און דעם נאַצ. סעקרעטאַריאַט, וועט ער זיין אויף אונזער זייט אָדער ער וועט לכל־הפחות אויסנוצן זיין שטאַרקע השפּעה אין פאַרמיטלענדן זין.

אַדאַנק דעם פּלוצליכן טויט פון סירקין זיינען די קיעווער ציוניסטן אין אַזאַ ערנסטן מאָמענט געבליבן אָהן אַ פירער. זיין פּלאַץ האָבן פאַר־נומען אָדער גייסטיג־אומבאַדייטנדע מענשן, וואָס האָבן זיך ניט פונאַנ־דערגעקליבן כדבעי אין דער לאַגע, אָדער נאַר־וואָס אָנגעקומענע פון דרויסן, פאַרשטייער פון דער „אדעסער ריכטונג״, ביי וועלכער דער העב־רעאיסטישער נאַציאָנאַליזם האָט זיך האַרמאָניש געפּאָרט מיט טיף־דורכ־געדרונגענער רוסישער אַסימילאַציע. זיי האָבן דעריבער געקוקט אויף די גאַנצע מעשה אוקראַינע, ווי אויף אַ קאָמישע שפּילעריי פון סע־פּאַראַטיסטישע טשודאַקעס...

כאָטש דורך דער דאָזיגער ענדערונג האָבן זיך די שאַנסן אויף דער אָפּשוואַכונג פון דעם קעגנזאַץ מיטן נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט שטאַרק פאַרערגערט, פונדעסטוועגן האָבן מיר ניט געהאַלטן פאַר מיגליך זיך אין פאָראויס אָפּזאָגן פון יעדן פּרוב אין דער דאָזיגער ריכטונג. דוכט זיך, אַז נאָך פאַרן טויט פונם שווער־קראַנקן סירקין איז מיר אויסגעקומען צו רעדן וועגן דעם דאָזיגן ענין מיטן באַקאַנטן ציוניסטישן טוער הלל ז.—

אין די סאָציאַליסטישע קרייזן איז ז. געווען איינער פון די אַם מערסטן פּאַרהאַסטע ציוניסטישע פירער. מען האָט אים באַקעמפט ניט נאָר אַלס בירגערליכן ציוניסט און אָרגאַניזאַטאָר פון „תרבות“, נאָר אויך אַלס איינעם פון די גרעסטע יידישע קאַפּיטאַליסטן אין קיעוו, וועגן וועמענס געשעפטס-טעטיקייט פלעגן אַרומגיין — ריכטיג אָדער אומריכטיג, — פאַרשיידענע קלאַנגען און לעגענדן. ער האָט אָבער איין געוואַלטיגע מעלה: קיין נאַר איז ער ניט. און לויטן יידישן ווערטל איז בע- סער מיט אַ קלוגן צו פאַרלירן...

דער געשפּרעך וועגן יידישן מיניסטעריום איז פאָרגעקומען גאַנץ צו- פעליג ביי דער ערלעדיגונג פון אַ גאַנץ אַנדערן ענין, וואָס האָט ניט גע- האַט קיין שייכות צו די גרויסע געזעלשאַפטליכע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אונז דעמאָלט באַשעפטיגט. אויסער מיר איז ביי דעם דאָזיגן שמועס געווען אָנוועזנד ח׳ סטאַניסלאַוו קארנגאלד, דער פאָרשטייער פון „פועלי- ציון“ אין דער קיעווער שטאָט-דומע.

צו יענער צייט האָט מען אין שטאָט שוין געוואוסט וועגן דעם, אַז פועלי-ציון האָט מען פאָרגעשלאָגן איבערנעמען דאָס יידישע מי- ניסטעריום און אַז זיי פירן וועגן דעם פאַרהאַנדלונגען מיטן בונד און די פאַראייניגטע. ס׳איז דעריבער געווען גאַנץ נאַטירליך, אַז נאָך דער ערלעדיגונג פון אונזער דירעקטן ענין, האָט ז. אַליין איבערגעטראָגן דעם שמועס אויף די פראַגע פון יידישן מיניסטעריום. ער האָט אונז געפרעגט, ווי האַלט עס מיט אונזערע פאַרהאַנדלונגען און ווי שטעלן מיר זיך פאַר אונזערע קומענדיגע באַציהונגען מיטן נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט. ענטפערנדיג אויף די דאָזיגע פראַגע האָבן מיר דערציילט אונזער מיט- שמועסער וועגן דער שטעלונג פון די אַנדערע סאָציאַל. פאַרטייען און געגעבן דערביי צו פאַרשטיין, אַז מיר וואָלטן גאָר ניט געהאַט אַקעגן דעם, אַז דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַריאַט זאָל שטילשווייגנד אַקצעפּטירן די קאַנדידאַטור פון אונזער פאַרטיי.

— „וועגן דעם לאָזט זיך רעדן, האָט געענטפערט ז. אָבער איר מוזט אונז געבן באַשטימטע צוזאָגן וועגן אייער שטעלונג צו די העב- רעאישע שולן“.

אויף דעם האָבן מיר געענטפערט, אַז אומאָבהענגיג פון דער שטע- לונג פונם נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט צו אונז, וועלן מיר די העברעאישע

שולן נים שטעלן קיין שום יורידישע שוועריגקייטן. זיי וועלן ניט נאָר קאָנען פריי עקזיסטירן, נאָר אויף וויפיל זייער אַלגעמיינע לער־פּראָגראַם אַנטשפּרעכט געוויסע מינימאַלע פאָדערונגען, וועלן זיי, אומאָפּהענגיג פון דער לערשפּראַך — געבן אַפילו זייערע שילער די זעלבע רעכט פון ווייטערדיגער בילדונג, ווי די מלוכה־שולן. חוץ דעם האַלטן מיר, אַז די ה ע ב ר ע א י ש ע ש פּ ר אַ ך, אַ ל ס ל מ ו ד, דאַרף פאַרנעמען אין אַ ל ע יידישע שולן אַן אָנגעזועהענעם פּלאַץ. אויב די אַנטוויקלונג פון די ענינים וועט גיין נאָרמאַל און דאָס מיניסטעריום וועט מאריך ימים זיין, וועט דער דאָזיגער כּלל ניט בלייבן אויפן פּאַפּיר.

ז. האָט אונז אויפמערקזאַם אויסגעהערט און געענטפערט:

— כ׳וועל אייך זאָגן גאַנץ אָפן. די שולן פון „תרבות״ פאַרשלינגען געוואַלטיגע סומען, און כ׳בין בספק, צי וועלן מיר, אַלס אָרגאַניזאַציע, אָדער איך אַלס פּערזאָן בכח זיין זיי אין דער נאָהענטסטער צייט אויסצוהאַלטן. איז ניט מיגליך, אַז אַן אַנטשיידנדן טייל פון זייערע הוצאות זאָל איבערנעמען דאָס יידישע מיניסטעריום?

— ניין, דאָס קאָנען מיר בשום אופן ניט צוזאָגן. מיר זיינען איבערצייגט, אַז די אידעע פון נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע פאַרלירט יעדן באָדן אונטער די פיס, אויב זי ווערט ניט געבויט אויפן יסוד פון אַ באַשטימטער שפּראַך. אַ צווייישפּראַכיגע אַווטאָנאָמיע פון א י י ן פאָלק איז לחלוטין אוממיגליך. די איינציגע שפּראַך, מיט וועלכער די יידישע אַווטאָנאָמיע אין אוקראַינע קאָן געבונדן זיין, איז יידיש. — שולן, וועמענס לער־שפּראַך וועט זיין אַן אַנדערע, ניט יידיש, וועלן דעריבער דורך א ו נ ז קיין רעגירונגס־שטיצע ניט קאָנען באַקומען. דאָס זעלבע איז נוגע אויך יידישע שולן, אין וועלכע דער העברעאישער למוד וועט ניט פאַרנעמען דעם געהעריגן אָרט. מיר חזרן אָבער איבער נאָך אַמאָל, אַז מיר זיינען גרייט צו זיכערן פאַר העברעאישע שולן, אויף וויפיל זיי וועלן אויסגעהאַלטן ווערן פון פּריוואַטע פּערזאָנען, עלטערן אָדער געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס,—פולע פרייהייט און אַלע יורידישע רעכט.

— און וואָלט איר, למשל, געשטיצט אַ העברעאישן לערער־סעמינאַר?

— אַ סעמינאַר, וואָס זאָל צוגרייטן לערער פון העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור, וואָלטן מיר געהאַלטן פאַר נעוואונשן, און אויב ס׳וואָלט

פון פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט נויטיג געווען, אַז אין אַזאַ אינסטיטוט זאָל אפילו דער אונטעריכט גופא זיין אויף העברעאיש, וואָלטן מיר גאָרניט געהאַט קעגן דעם; געוויס וואָלט אַזאַ אינסטיטוט געקאָנט רעכע־נען אויף מלוכהדיגע אונטערשטיצונג.

ז. האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— ניין, אייער ענטפער באַפרידיגט אונז ניט. לאָמיר זיין נאָך קלאָרער: אַן אינסטיטוט, וואָס זאָל צוגרייטן לערער פון פיזיק אויף העברעאיש, וואָלט איר געשטיצט?

— ניין, אַזאַ אינסטיטוט וואָלטן מיר אָדער לחלוטין ניט גע־שטיצט, אָדער, אויב דאָס וואָלט זיך געלאָזט אָפּטיילן, געשטיצט בלויז די אָפּטיילונג זיינע, וואָס וואָלט צוגעגרייט לערער פון העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור פאַר די יידישע שולן.

דערמיט האָט זיך דער שמועס געענדיגט.

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז סיי בשעתן שמועס מיט ז. און סיי ביי אַנדערע ענליכע געלעגנהייטן איז די רייד געווען בלויז וועגן דער פאַר־וועגדונג פון מלוכה־מיטלען און ניט וועגן די מיטלען, וואָס וואָלטן גע־קאָנט געשאַפן ווערן דורך די קהילות. די דעמאָקראַטישע קהילות זיינען צו יענער צייט געווען אין אַזאַ שווערן צושטאַנד, אַז זיי וואָלטן זיך מיט דער צייט צעפאַלן אפילו אָהן דעם זיג פון באָלשעוויזם אויף אוקראַינע. דאָס איינציגע מיטל, וואָס איז געווען מסוגל זיי אויפ־צוהאַלטן, וואָלט געווען די דורכפירונג פון אַ קהילה־סטאַטוט מיט צוואַנגס־שטייערן. אָבער אויך אין דעם פאַל וואָלטן זיך די ממשותדיגע רעזול־טאַטן פונם דאָזיגן געזעץ געוויזן ערשט מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער. דערווייל האָט מען פון אַלע זייטן געזעהן די לייזונג פונם שווערן קרי־זיס, אונטער וועלכן ס'האָבן געליטן די יידישע בילדונגס־אַנשטאַלטן און אַנדערע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוטן, בלויז אין ברייטער רעגי־רונגס־הילף.

ביים געזעגענען זיך האָט ז. דערקלערט, אַז ער פּערזענליך וואָלט אויף אונזער פאָרשלאַג ניט איינגעגאַנגען. ס'קאָן אָבער זיין, אַז זיינע פּאַרטיי־פריינט וועלן באמת מורא האָבן פאַר אַ גרעסערן בייז און וועלן זוכן צו דערגרייכן א וועלכן ניט איז קאָמפּראָמיס. אַלנפאַלס וועט ער זיי דאָס אַלץ איבערגעבן.

XIII. מיניסטר אָדער שטאַט־סעקרעטאַר?

די טעאָריע וועגן שטאַטס-סעקרעטאַר. — אירע מעלות און חסרונות. — דאָס גרונט-פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע. — אַווטאָנאָמיע און זעלבשטענדיגקייט. — די נאַציאָנאַלע גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. — אונזערע האָפנונגען אויף איר. — אַ שפּעטערדיגער ביישפּיל. — אחר המעשה...

אַ פּיל בּרייטערן געשפּרעך וועגן דעמזעלבּן ענין — וועגן אונזער שטעלונג צום נאַצ. סעקרעטאַריאַט, איז מיר אויסגעקומען צו האָבּן אין דער געגנוואַרט פון ח' ג. בּארו מיטן בּאַקאַנטן ציוניסט ג. (איצט מיטגליד פון דער לאָנדאָנער ציוניסטישער עקזעקוטיווע) און ד"ר ש., דעמאָלט פאָרזיצענדער פון דער אַדעסער קהלה-פאַרוואַלטונג. — דער דאָזיגער שמועס, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער וואוינונג פון ג., האָט זיך דאָס מאָל געדרייט ניט אַרום דער שפּראַכן-פראַגע, נאָר אַרום אַלגעמיין-פּאָליטישע מאָמענטן און רעכטליכע שטאַנדפּונקטן. — דער אומפאַרבינדליכער אינפאָרמאַטיווער כאַראַקטער פונם דאָזיגן שמועס האָט זיך בּאַזונדערס אַרויסגעוויזן אין דעם, וואָס פאַקטיש איז אונז אויסגעקומען צו דיסקוטירן ניט מיט בּיידע פון אונזערע מיטשמועסער, נאָר מיט איינעם פון זיי, ד"ר ש. — להיפּוך צו אים, האָט זיך ג. פון אָנהויבּ אָן געשטעלט אין פילע פּרטים אויף אונזער שטאַנדפּונקט און ענערגיש געשטיצט די אַלגעמיין-פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע אַרגומענטן, מיט וועלכע מיר האָבּן פאַרטיידיגט אונזער בּאַשלוס אַריינצוטרעטן אין מיניסטעריום אַפילו אינם פאַל, ווען אַנדערע פאַרטייען וועלן אונז אין דעם ניט שטיצן. צוזאַמען מיט אונז האָט ער געפּרובּט איבּערצייגן אונזער צווייטן מיטשמועסער, ד"ר ש., אַז די פּועלי-ציוניסטישע קאַנדידאַטור איז איצט דער איינציגער רעאַלער אויסוועג פון דער לאַגע, און אַז אויבּ

דער נאַצ. סעקרעטאַריאַט וועט אַרויסגיין פון ריין־נאַציאָנאַלע אינטע־רעסן, וועט ער מאַכן אַ פעלער, זיך שטעלנדיג אויף אַן אַבסאָלוט־נעגאַטיווער פּאָזיציע. אינם שפּעטערדיגן געשפּרעך, וואָס האָט זיך גע־דרייט אַרום דער פראַגע וועגן „מיניסטער“ אָדער „שטאַטס־סעקרעטאַר“ האָט ער גענומען אַ וויינציגער אַקטיוון אָנטייל.

היות, ווי אונזערע אַלגעמיין־פּאָליטישע מאָטיוון זיינען שוין פּאַרי־בערגייענדיג באַהאַנדלט געוואָרן אין אַנדערע שטעלן פונם דאָזיגן בוך, וועל איך פונם לאַנגן געשפּרעך מיט נ. און ש. איבערגעבן בלויז דעם טייל, וואָס איז נוגע דער פראַגע וועגן „שטאַטס־סעקרעטאַר“.

די אידעע וועגן דעם, אַז די ענינים פונם יידישן מיניסטעריום דאַרף פאַרוואַלטעט ווערן ניט דורך אַ מיניסטער, וואָס איז פאַראַנטוואָרטליכער מיטגליד פונם אַלגעמיינעם מיניסטאָרן־קאַבינעט, נאָר דורך אַ „שטאַטס־סעקרעטאַר“, וואָס איז ניט פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער אַלגעמיינער רע־גירונגס־פּאָליטיק און קאָן אַפילו שטיין צו איר אינם שאַרפסטן געגנזאַץ, איז געווען אין ציוניסטישע קרייזן פּאָפּולער נאָך צו דער צייט פונם ערשטן יידישן מיניסטער אויף אוקראַינע — ד״ר מ. זילבערפאַרב. די דאָזיגע פּאָזיציע איז מאָטיווירט געווען דורך דעם, אַז נאָר אַ שטאַטס־סעקרעטאַר, וואָס איז אויסגעקליבן פון אַן יידישער פאַרטרעטונגס־קער־פּערשאַפט אָהן וועלכער ס'איז שייכות צו דער אַלגעמיין־פּאָליטישער לאַגע אין לאַנד, וועט קאָנען געטריי אָפּשפּיגלען די מיינונגען און שטי־מונגען, וואָס הערשן אינם יידישן פאָלק. דער קאָנקרעטער פּאָליטי־שער יסוד פון דער דאָזיגער פּאָזיציע איז געלעגן אין דעם, וואָס ציוניסטן אַלס בירגערליכע פאַרטיי האָבן ניט געהאַט קיין שום מעגליכקייט אַריינ־טרעטן אין די רעגירונג ניט בעת דער צענטראַלער ראַדע און ניט בעת דער ערשטער תקופה פון דער דירעקטאָריע.

אינם געשפּרעך מיט ד״ר ש. ווי אויך באַ אַנדערע געלעגנהייטן, ווען ס'איז אויסגעקומען צו באַהאַנדלען דיזעלבע פראַגע, — האָבן מיר אָנגעוויזן, אַז די אידעע וועגן שטאַטס־סעקרעטאַר, וואָס ווייזט זיך אויס אַזוי לאָגיש אויפן ערשטן קוק, נעמט אָן אַ לעכערליכן כאַראַקטער, ווען מען וויל זי מאַכן פאַרן אינהאַלט פון אַ קאָנקרעטן פּאָליטישן פאָרשלאַג. לויט דער אויספּאַסונג פונם „נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט“ דאַרף דער שטאַטס־סעקרעטאַר, וואָס איז ניט פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער אַלגעמיי־

נער פּאָליטיק, זיך דאָך באַטייליגן מיט באַראַטונגס־רעכט אינם מיני־סטאָרן־קאַבינעט און ווענדן זיך צו די אָרטיגע אָרגאַנען פון דער אַלגע־מיינער מלוכה־מאַכט ניט נאָר מיט אָנפראַגן, נאָר אויך מיט פאַראָרדנונ־גען *). דאָס איז אָבער לחלוטין אוממיגליך. קיין איין רעגירונג אין דער וועלט וועט ניט וועלן און ניט קאָנען אויף דעם איינגיין. שטעלן מיר אונז באמת פאָר, אַז די יידן אויף אוקראַינע געניסן די אַווטאָנאָמיע לויטן נוסח פונם נאַצ. סעקרעטאַריאַט; זיי קלייבן אויס אַלס זייער פאָר־שטייער אַ באָלשעוויסטיש געשטימטן בונדיסט, בעת די רעגירונג איז אינ־גאַנצן אַ קאַדעטישע (כ׳נעם גראַד אַ פאַל, וואָס איז אין הפוך צו דער לאַגע, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָנגעצייכנט אויף אוקראַינע). וועלכער בר־דעת וועט גלייבן, אַז די רעגירונג וועט צולאָזן צו אירע באַראַטונגען איר שאַרפסטן פּאָליטישן קעגנער, בפרט בעת אירע זיצונגען וועלן צום גרעסטן טייל זיין געווידמעט דער צוגרייטונג פון אַ רעפרעסיזון „סאָציאַליסטן־געזעץ״ אָדער די הכנות צו אַ מלחמה מיט ראַטן־רוסלאַנד? ס׳איז דאָך קלאָר, אַז אַ מענש, וואָס שטייט אין שאַרפסטער אָפּאָ־זיציע צו אַ געוויסן מיניסטעריום, וועט צו זיינע זיצונגען, אַפילו מיט באַראַטונגס־שטימע, ניט קאָנען צוגעלאָזט ווערן. זיינען דען זיצונגען פון אַ מיניסטעריום טעאַטער־פאָרשטעלונגען אָדער געריכטס־פאַרהאַנד־לונגען!? נאָך אוממיגליכער איז, אַז אַ פּערזאָן, וואָס נעמט ניט קיין אחריות פאַר דער אַלגעמיינער רעגירונגס־פּאָליטיק און איז אַפילו שטאַרק אָפּאָזיציאָנעל קעגן איר, זאָל קאָנען געבן פאַראָרדענונגען צו וועלכן ניט איז רעגירונגס־אָרגאַן אָדער אַפילו שטעלן פראַגן, אויף וועלכע מען איז מחויב צו ענטפערן. אין בעסטן פאַל וועלן אַזעלכע פאַר־אָרדנונגען צוגעלאָזט ווערן און באַקומען אַ רעכטליך־בינדנדן כאַראַקטער, אויב זיי וועלן קאָנטר־אסיגנירט ווערן דורכן מיניסטעריום פאַר אינער־ליכע ענינים. אויב אַזוי, וועט דאָך שוין זיין פיל לאָגישער, ווען דער מיניסטער פאַר אינערליכע ענינים וועט אַליין אונטערשרייבן די באַ־טרעפנדע פאַראָרדענונג און איבערלאָזן ביי זיך דעם בריוו פונם יידישן שטאַטס־סעקרעטאַר, אַלס אַ יסוד פאַר **זיינע** האַנדלונגען.

*) דעם אָפּיציעלן באַגריף פונם נאַצ. סעקרעטאַריאַט וועגן שטאַטס־סעקרעטאַר ציטיר איך, לויטן פאַרטראַג פון מ. פאָסטאַן („צו דער שטאַטס־סעקרעטאַר־פראַגע״), וואָס איז פאַרעפנטליכט אינם בוך „די יידישע אווטאָ־נאָמיע און דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַריאַט אויף אוקראַינע״, קיעוו 1920.

„פון דער אַנדערער זייט איז אָבער קלאָר, אַז אַ שטאַטס־סעקרעטאַר, וואָס וועט ניט אָנטייל נעמען אין די זיצונגען פונם קאַבינעט און וועט ניט קאָנען אַרויסגעבן פאַראָרדענונגען צו דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע, הערט בכלל אויף צו זיין אַן אָרגאַן פון מלוכה־מאַכט. אונטערן שטאָלצן טיטל פון שטאַטס־סעקרעטאַר, וועלכער איז אין אַזאַ פאַל אין פולער סתירה צו די אמתע באַשיידנע פונקציעס פון זיין טרעגער, ווערט אויף אַזאַ אופן באַהאַלטן דער אַלט־באַקאַנטער יידישער אויבער־שתדלן. פון אַ מיניסטער ווערט אַ פרנס, פון אַוטאָנאָמיע ווערט אַ געטאָ. אַ מאָדערנע נאַציאָנאַלע אַוטאָנאָמיע אָהן אַ פאַראַנטוואָרטליכן יידישן מיניסטער איז אַ לחלוטין אַ אוממעגליכע זאַך“.

כ׳געדענק שוין ניט, וואָס האָט ד״ר ש. געענטפערט אויף די דאָזיגע אַרגומענטאַציע. דוכט זיך, אַז ניט אַריינגייענדיג אינם תוך פון אונזערע קאָנקרעטע אַרגומענטן (כ׳בין אגב מסופק, צי מען קאָן זיי בכלל ערנסט באַשטרייטן), האָט ער במקום דעם אונטערגעשטראָכן די אַנדערע זייט פונם מעדאַל — די אוממעגליכקייט פאַרן יידישן פאָלק צו זיין רעפרעזענטירט דורך אַ פאַרטיי, וועלכע פאַרמאָגט ניט אין אים איבער דער מערהייט.

— אָבער מיר פרעדענטירן גאָרניט אויף די רעפרעזענטאַנץ פונם יידישן פאָלק אין דער פאָרם, ווי איר פאַרשטייט דאָס. איר קאָנט זיכער זיין, אַז כ׳וועל קיינמאָל ניט באַהויפטן אינם מיניסטאָרן־קאַבינעט, אַז כ׳בין געשיקט אַהין דורכן ווילן פונם גאַנצן יידישן פאָלק... אָבער דאָס איז גאָרניט נייטיג, כדי אויסצופילן די פונקציעס, וואָס פאַלן אויס אויפן גורל פון אַ „מיניסטער פאַר יידישע אָנגעלעגנהייטן“. ווען מען זאָל זיך אויסדריקן גאַנץ קלאָר, מוז מען מודה זיין, אַז באַ היינטיגער צייט איז דער יידישער מיניסטער ניט מער, ווי דער קאָמיסאַר פון דער אוקראַינישער רעגירונג, וואָס איז באַפאָלמעכטיגט דורכצופירן די נאַציאָנאַלע אַוטאָנאָמיע. מיינט איר דען, אַז דערמיט, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער געזעץ וועגן אַוטאָנאָמיע, וואָס טראָגט בעיקר אַ דעקלאַראַטיווען כאַראַקטער, אָדער דערמיט, וואָס די עקזיסטירנדע נעבאַכדיגע, אָרימע קהלות האָבן אויסגעקליבן דורך דריי־פאַכע וואַלן אַ נאַצ. סעקרעטאַריאַט,

— איז שוין די אויטאָנאָמיע אַ רעאַלער פאַקט? ניין, רבותי, דאָס זיינען בלויז די ראַמען פאַר דער אויטאָנאָמיע; אַריינלעגן אין זיי אַ ממשותדיגן אינהאַלט קאָן בלויז די רעגירונגס־מאַכט. — ערשט נאָך דעם, ווען זי וועט געבן די קהלות דאָס רעכט פון אָבליגאַטאָרישע שטייערן און ערשט נאָך דעם, ווען זי וועט אויפבויען אַ פעסטע שול־סיסטעם, דורכפירן די וואַלן אין קרייז־קהלות און פאַרווירקלעכן אין לעבן דעם נאַציאָנאַלן קאַדאַסטער, וועט די אויטאָנאָמיע באמת ווערן אַ דבר העומד ברשות עצמו. אָבער אויך דעמאָלט וועט די ראָלע פונם יידישן מיניסטער ניט זיין לגמרי פאַרענדיגט. נאַטירליך, וועט ער דעמאָלט איבערגעבן דעם גרעסטן טייל פון זיין מאַכט דעם ריכטיג אויסגעקליבענעם נאַציאָנאַלן פאַרטרעטונגס־אָרגאַן און זיך באַגנוגענען מיט דער ראָלע פון אַ שטאַטס־סעקרעטאַר —, ניט אין דעם פאַנטאַסטישן זין פונם וואָרט, ווי ס'האָבן אים קאָנסטרואירט ad hoc אייערע יונגע יוריסטישע מומחים, נאָר אין דעם רעאַלן זין פונם וואָרט, ווי דאָס ווערט ביי היינטיגן טאָג געברויכט אין אייניגע אייראָפּעאישע לענדער, בפרט אין ענגלאַנד. איז דאָך דער שטאַטס־סעקרעטאַר פאַר אינדיען אַ מיטגליד פונם ענגלישן קאַבינעט; זיין אַמט וועט ניט בטל ווערן אַפילו אין דעם פאַל, ווען די אָרטיגע זעלבסט־פאַרוואַלטונג וועט ווערן באַדייטנד ברייטער. גראַד אין די לענדער, וואו ס'איז דורכגעפירט די ברייטעסטע אויטאָנאָמיע פון די אָרטיגע צענטראַלע זעלבסטפאַרוואַלטונגען, עקזיסטירן גלייכצייטיג ביי דער רעגירונג צענטראַלע אַמטן פאַר לאָקאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג, און קיין איין בר־דעת זעהט ניט אין דעם קיין באַרירונג פון די רעכט פון די מוניציפּאַליטעטן. פאַרגעסט ניט, אגב, רבותי, אַז אויטאָנאָמיע איז ניט קיין זעלבשטענדיגקייט. אויטאָנאָמיע באַדייט אַן אינערליכע פרייהייט געבונדן מיט אַ געוויסער אויסערליכער אָפּהענגיגקייט. גראַד איר, אַלס ציוניסטן, וואָלט באַדאַרפט שטענדיג געדענקען דעם חלוק און ניט פאַרבייטן די אוצרות...

דערנאָך זיינען מיר אַריבער צו דער שילדערונג פון די באַציהונגען, וועלכע וואָלטן באַדאַרפט עקזיסטירן צווישן דעם יידישן מיניסטעריום או דעם נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט, אַלס צענטראַל־אָרגאַן פון די קהלות, אין פאַל ווען דער לעצטער וועט זיך אָפּזאָגן פון פאָדערן אַן אומפּאַר־

אַנטוואָרטליכן שטאַטס־סעקרעטאַר אין קעגנזאַץ צו אַ פאַראַנטוואָרטליכן
באַשטימטן מיניסטער. מיר האָבן דערביי אויך גאַנץ אָפן אונטערגע־
שטראָכן, אַז מיר צווייפלען בכלל, אויף וויפיל דער נאַציאָנאַלער סעקרע־
טאַריאַט, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן דורך דריי־גראַדיגן וואַלרעכט
אויפן יסוד פון קהלה־וואַלן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין פאַרשיידענע
צייטן און בײַ אַ גאַנץ אַנדערער פּאָליטישער סיטואַציע, קאָן מיט זיכער־
קייט פּרעטענדירן אויף צו זיין די ריכטיגע אָפּשפּיגלונג פון די איצטיגע
פאָלקס־שטימונגען. דערביי האָבן מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיר
זאָגן זיך ניט אָפּ פונם דעמאָקראַטישן פּרינציפּ אין דעם בוי פון דער
אַווטאָנאָמיע און מיר זיינען גרייט נאָך דער אויפשטעלונג פונם נאַציאָ־
נאַלן קאַדאַסטער, ד. ה. נאָך עטליכע חדשים צוגרייטונגס־אַרבעט דורכ־
פירן דירעקטע וואַלן צו דער נאַציאָנאַלער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, בהסכם
מיטן געזעץ פון 9 יאַנואַר 1918. — אגב, האָבן מיר די דאָזיגע דער־
קלערונג, אומאָפּהענגיג פון די רעזולטאַטן פון די פאַרהאַנדלונגען מיטן
נאַצ. סעקרעטאַריאַט, אַריינגענומען אינם פּראָגראַם פון יידישן מיניסטע־
ריום, וואָס איז פאַרעפנטליכט געוואָרן מיט אַ צעהן טעג שפּעטער (זעה
ביילאַגע „2“).

אָנגעמענדיג דעם דאָזיגן באַשלוס האָבן מיר אין דער טיפעניש פון
אונזער האַרצן געהאַט אַ גאַנץ שטאַרקע האָפענונג, אַז ביי ד ע ר פּאָ־
ליטישער סיטואַציע, ווי זי האָט זיך אונז דעמאָלט אויסגעמאָלט, זיינען
די שאַנסן פון די סאָציאַליסטיש־דעמאָקראַטישע פאַרטייען צו באַקומען
אַ מערהייט אין דער נאַציאָנאַלער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג זעהר באַדייטנדע.
סוף־כל־סוף איז אַפילו אין דער צייטווייליגער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג,
וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט מיט זיך קהלות, וועלכע זיינען אויסגעקליבן גע־
וואָרן אין פאַרשיידענע צייטן און ביי פאַרשיידענע פּאָליטישע סיטואַ־
ציעס, געווען אַן אָפּאָזיציע, וואָס האָט פאַרמאָגט 50 שטימען אַקעגן 75
פונם רעכטן בלאָק (ציוניסטן, צעירי־ציון, אחדות־ישראל). אַן אָפּאָ־
זיציע פון צוויי צו דריי האָט אַפילו אין לענדער, וואָס לעבן ניט
איבער קיין רעוואָלוציאָנערע תקופה, דאָס רעכט צו ספּקענען, אויף
וויפיל די מערהייט פאַרטרעט אין אַ געוויסן מאָמענט דיווירקליכע פאָלקס־
שטימונג. חוץ דעם, איז דער וואַל־קאַמף אין די קהלות פאָרגעקומען
טיילווייז אונטער דעם צייכן פון אָרטיגע, לאָקאַלע אינטערעסן, וואָס

האָבן געזיכערט אַ גרעסערן פּראָצענט פון בירגערליכע שטימען, טיילוויז אונטער אַן אומגעהויערן מיסברויך פון דער באַגייסטערונג, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן אינם יידישן עולם דורך דער אַזוי גערופענער באַל־פור־דעקלאַראַציע. פאַרן יאָר, וואָס איז פון יענער צייט אַריבער, האָבן די מאַסן געקאָנט איינזעהן, אַז מיט פּאַפּירענע דעקלעראַציעס ווערן ניט געלייזט פּראָבלעמען אַפילו אין פּאַלעסטינע; אַ פּשיטה נאָך אין אוק־ראַינע, צו וועלכער די באַלפור־דעקלעראַציע האָט בכלל גאָר אַ קנאַפּע שייכות... *) מיר האָבן דעריבער געהאַט פולע שאַנסן אַריבערצופירן דעם וואַל־קאַמף אויפן געביט פון אַל־אוקראַינישער יידישער פּאָליטיק, און אויף דעם געביט, באַזונדערס נאָך דעם ווי דאָס מיניסטעריום וואָלט אויפגעטאָן עטוואָס ממשותדיגעס פאַר דער פאַרנאַכלעסיגטער פאָלקס־בילדונג און פאַר די גוססדיגע יידישע אַנשטאַלטן, וואָלט אונזער פּאָזיציע געווען פיל, פיל שטאַרקער, איידער פאַראַיאָרן.

* * *

נאַטירליך, האָבן מיר אינם געשפּרעך מיט נ. און ש. בלויז אינפאָר־מירט אונזערע מיטשמועסער וועגן אונזערע קאָנקרעטע אַבזיכטן, ניט אַריינ־גייענדיג אינם תוך פון אונזערע מאָטיוון. בכלל האָט די גאַנצע פראַגע וועגן דער באַציהונג צום נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט און די קהלות פאַרנומען אינם דאָזיגן געשפּרעך אַן אונטערגעאָרדנעטן פּלאַץ: דער עיקרדיגער וויכוח מיט ד"ר ש. האָט זיך געדרייט אַרום דער פראַגע פון מיניסטער אָדער שטאַטס־סעקרעטאַר. אין דער דאָזיגער פראַגע איז ד"ר ש. (וועלכער איז אגב באַטראַכט געווען אַלס דער אַם מערסטן ערנסטער קאַנדידאַט אויפן פּאָסטן פון שטאַטס־סעקרעטאַר אינם פאַל, ווען ס'זאָל זיך איינגעבן דעם דאָזיגן פּרינציפּ צו פאַרווירקליכן) געבליבן ביי זיינס. ער האָט אָבער דערקלערט, אַז ער וועט דעם ענין צוזאַמען מיט נ. איבער־געבן זיינע פּאַרטיי־פריינט און געבן אין גיכע תשובה.

בערך אין דערזעלבער צייט רעדנדיג וועגן דערזעלבער פראַגע אויף

*) גראָד איך, אַלס געוועזענער דירעקטאָר פונם קהלות־דעפּאַר־טאַמענט אין זילבערפאַרבס מיניסטעריום האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז די שפּעטערדיגע קהלה־וואַלן, וואָס זיינען פאָרגעקומען נאָך מערץ 1918, האָבן געגעבן אַ גרעסערן פּראָצענט פון סאָציאַליסטישע שטימען, איידער די וואַלן פון ווינטער 1917–1918.

אַ פּועלי־ציוניסטישער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג, האָב איך אויסגעדריקט די פּעסטע איבערצייגונג, אַז ווען די יידישע בירגערליכע פּאַרטייען וועט אויס־קומען אַמאָל ביי גינסטיגע פּאַר זיי אַלגעמיין־פּאָליטישע תּנאים פאַרווירקליכן ערגעץ וואו די אידעע פון יידישער נאַציאָנאַלער אַווטאָ־נאָמיע, וועלן זיי די טיפּזיניגע טעאָריע וועגן שטאַטס־סעקרעטאַר אַוועק־וואַרפן צום אַלטן אייזן און אַנידערשטעלן אָן דער שפּיץ פון דער אַווטאָ־נאָמיע אַן יידישן מיניסטער מיט אַלגעמיינער פּאָליטישער אחריות. די דאָזיגע נבואה איז מקוים געוואָרן פריהער, ווי כ׳האָב געמיינט—אין ליטע. אין קאָוונע איז דורך די ציוניסטן ניט נאָר געשאַפן געוואָרן אַן יידיש מיניסטעריום, נאָר זייער יידישער מיניסטער האָט גענומען אַ פּיל אַק־טיווערן אָנטייל אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק פונם לאַנד, איידער מיר יידישע סאָציאַליסטן האָבן דאָס געטאָן בעת דער צענטראַלער ראַדע...

אין עטליכע טעג אַרום האָט אונז נ. מודיע געווען, אַז ניט קוקנדיג אויף זיינע באַמיהונגען זיינע פּאַרטיי־פריינט ניט מסכּים געווען אָפּ־צושוואַכן זייער אָפּאָזיציע קעגן דער פּועלי־ציוניסטישער קאַנדידאַטור און ניין אויף קאָמפּראָמיסן. דערביי האָט ער ווידער אַמאָל אונטערגעשטראָכן, אַז לויט זיין פּערזענליכער איבערצייגונג האַנדלען זיינע פּאַרטיי־פריינט אומריכטיג און אומגעבעכט. ער באַדויערט די דאָזיגע האַלטונג און ווינשט אונז ערפאָלג.

ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז נ. איז געבליבן ביי דער דאָזיגער מיינונג אויך נאָך דעם, ווען דער ניט־ערפאָלג פונם פּועלי־ציוניסטישן פּאַרזוך איז שוין געווען קלאָר פאַר יעדן. סוף פעברואַר 1919, שוין אין אַ פּאָר וואָכן נאָך מיין דעמיסיע, האָב איך אים צופעליג באַגעגנט אין אַדעס אויף דער פּושקינסקע גאַס. ער האָט מיך אָפּגעשטעלט, באַגריסט און ווערטליך געזאָגט:

— „כ׳האַלט פאַר מיין חוב אייך צו זאָגן, אַז איר זייט פּאָרט געווען אין קיעוו די איינציגע, וואָס האָבן געפירט אַ באמת־נאַציאָנאַלע פּאָליטיק“.

כ׳מוז מודה זיין, אַז אויסהערן אַזעלכע ווערטער מצד אַ פּערזענליך נעאַכטעטן פּאָליטישן קעגנער גראָד אין דער צייט, ווען פון פאַרשיידענע זייטן האָט מען וועגן דער פּועלי־ציוניסטישער פּאַרטיי און וועגן מיר פּער־זענליך פאַרשפּרייט כּל־ערלי לייכטזיניגע אָדער באַוואוסט־פאַלשע בלבולים און לעגענדן, איז געווען פאַר מיר אַ שטיקל טרייסט.

XIV. דער לעצטער פּרוב פון אַן איינהייטס־פראָנט

דער מיניסטאָרן־ראַט וועגן אונזער קאַנדידאַטור. — די גרויסע באַראַטונג פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. — מענשעוויקעס און רוסישע ס. ר. — בונד און פּאַראייניגטע. — ווינישעשענקאָס רעדע און איר צוועק. — די קאָמוניסטן שווייגן. — אונזער שטעלונג. — די רעטנדע רעזאָלוציע. — דאָס כּשוף־וואָרט קעגן דעם שטן...

אין דעמזעלבן טאָג, ווען מיר האָבן מיטגעטיילט דעם פּרעמיער־מיניסטער וועגן אונזער אַנטגילטיגן באַשלוס, האָט טשעכאָווסקי אויף דער אָוונט־זיצונג פונם נייעם מיניסטעריום אַנידערגעשטעלט די פראַגע אויפן סדר־היום. שוין אויפן אַנדערן טאָג האָט אונז גאָלדעלמאַן מיטגעטיילט, אַז די קאַנדידאַטור איז איינשטימיג אָנגענומען און איבערגעבן געוואָרן דער דירעקטאָריע צו אָפיציעלער באַשטימונג.

אין דערזעלבער צייט האָט דער פּועלי־ציוניסטישער הויפּט־קאָמיטעט באַקומען אַן איינלאַדונג אָנטייל צו נעמען אויף אַ באַראַטונג פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — אוקראַינישע און ניט־אוקראַינישע, — וואָס האָט די אויפגאַבע זיך צונויפצורעדן וועגן דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג און שאַפן אַ יסוד, אויף וועלכן ס׳זאָלן זיך קאָנען באַטייליגן אין דער מאַכט די ניט־אוקראַינישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. די דאָזיגע איינלאַדונג איז געווען טשעכאָווסקיס ענטפער אויף דער פאָדערונג פון אונז (און פון די „פּאַראייניגטע“) צו מאַכן אַן אַנטשיידענעם פּרוב צוציהען צו דער רעגירונג די ניט־אוקראַינישע סאָצ. פּאַרטייען.

אויף דער זיצונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין מיניסטעריום פאַר אויסערליכע ענינים אויף טערעשטשענקאָס בולוואַר נומ. 9, האָבן אָנטייל גענומען די אוקראַינישע ס. ד., אוקראַינישע ס. ר., מענשעוויקעס, רוסישע

ס. ר., בונד, פועלי־ציון, פאראייניגטע, ס׳זיינען געקומען אויך פאָרשטייער פון די קאָמוניסטן און לינקע ס. ר. די רעגירונג איז געווען פארטראָטן דורך טשעכאָווסקי, שאַפּאָוואַל און במשך אַ פּאָר שעה אויך דורך ווינישענקאָ. מצד די פועלי־ציון זיינען אָנוועזנד געווען אסארקאן, גאָלדעלמאַן, אַווערבוך און דער מחבר פון די דאָזיגע שורות.

די זיצונג, וואָס האָט מיט אַ שעהדיגער הפסקה געדויערט פון 9 אַזייגער פאַרנאַכט ביז 4 אינדערפריה, איז געעפנט געוואָרן מיט אַ רעדע פון טשעכאָווסקי, אַלס איר איינרופער. ער האָט גערעדט וועגן די גרויסע שוועריגקייטן, אויף וועלכע עס שטויסט זיך אָן די רעגירונג ביי דער דורכפירונג פון איר סאָציאַליסטישן פּראָגראַם. ער האָט גאַנץ אָפן אָנגעוויזן אויפן סאַבּאָטאַזש, וועלכן זי באַגעגנט מצד די מיליטערישע אָרגאַנען, און גערופן אַלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען פון אוקראַינע זיך צו פאַראייניגן ארום דער רעגירונג און העלפן איר אַרויספירן דאָס לאַנד פון דער געפערליכער לאַגע, אין וועלכע זי איז אַריינגעקומען. „דער עיקר איז ניט, אַז איר זאָלט אונז שטעלן פאָדערונגען. באַטראַכט אונז ניט אַלס די אַנטשיידענדע מאַכט, פון וועלכער ס׳איז אָפּהענגיג אַלץ. דער עיקר איז, מיר זאָלן געמיינזאַם אַנידערשטעלן פאַר אונז די נאָהעטסטע מינימאַלע צילן און מיט געמיינזאַמע כחות פאַר זיי קעמפן“.

נאָך דער רעדע פון טשעכאָווסקי האָבן גענומען דאָס וואָרט די פאָרשטייער פון די איינגעלאַדענע פאַרטייען.

אין נאָמען פון די מענישעוויקעס האָט גערעדט — דוכט זיך — גוואָזדעוו, אַ באַקאַנטער פעטראָגראַדער טוער, וועלכער האָט צו יענער צייט עמיגרירט פונם באָלשעוויסטישן רוסלאַנד. ער האָט הויפּטזעכליך זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ווירטשאַפטליכער פּראָגראַם פון דער דירעקטאָריע און אָנגעוויזן אויף דער אוממיגליכקייט פון וועלכע ס׳איז סאָציאַליזירונגען ביי דעם איצטיגן צושטאַנד פון דער פאָלקסווירטשאַפט. ער האָט אויך גערעדט וועגן דער נויטווענדיגקייט איינצוהאַלטן דאָס דעמאָקראַטישע סיסטעם פונם וואַלרעכט, אָהן וועלכער די מענשעוויקעס וועלן די רעגירונג ניט שטיצן.

נאָך אים האָט אין נאָמען פון די רוסישע ס. ר. גענומען דאָס וואָרט טימאָפעיעוו (דערזעלבער טימאָפעיעוו, וואָס האָט ערשט ניט לאַנג פיגורירט פאַר דער וועלט אַלס איינער פון די הויפּט־אָנגע־

קלאַנטע אינם מאָסקווער פּראָצעס פון די ס. ר.). ער איז געווען פיל דייטליכער און אָפענער, איידער דער פריהערדיגער רעדנער. ער האָט, חוץ די אַלגעמיינע מענשעוויסטישע טענות קעגן דער דעקלאַראַציע פון דער דירעקטאָריע, שאַרף אונטערגעשטראָכן דעם ספּעציעלן נאַציאָנאַלן מאָמענט, וואָס צווינגט זיין פּאַרטיי צו באַקעמפן די אוקראַאינישע רעגירונג. די ס. ר. קאָנען ניט שטיצן די רעגירונג, כל־זמן זי האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון מלוכהדיגער זעלבשטענדיגקייט און ניט פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ פון פעדעראַציע מיט רוסלאַנד.

גערעדט האָט אויך ראַפּעס אויף זיין געוויינליכן שטייגער — קלוג, קריטיש, פאַרשיידנזייטיג, — אָבער אָהן וועלכער ס'איז צענטראַלער אידעע, וואָס זאָל מיר ערלויבן ביים בעסטן ווילן צו געדענקען עטוואָס פון זיינע רייד. מצד די „פּאַראייניגטע" איז אַרויסגעטראָטן ליטוואַקאָוו, ניט אַריינטראָגנדיג אין די דעבאַטע גאָרנישט ממשותדיגס.

אינמיטן פון דער דיסקוסיע איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע ווינישענקאָ, וועלכער האָט זיך בעיקר אָפּגעשטעלט אויף דער אויסערליך פּאָליטישער סיטואַציע. ער האָט זיך ביטער געקלאָגט אויף די באָלשעוויקעס, וועלכע ניט קוקנדיג אויף זייערע פריהערדיגע באַשפּרעכונגען זיינען אין איינציגע ערטער אַריבער די גרעניץ און פאַלן אָן אויף אוקראַינע, בעת די דירעקטאָריע האָט געוואָלט לעבן מיט זיי בשלום. ער האָט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן די סכנה, וואָס דראָהט אַלעמען, — סיי די אוקראַאינישע סאָציאַליסטן סיי די באָלשעוויקעס, מצד דער אַנטאַנט. ער, ווינישענקאָ, האָט ידיעות וועגן אַ גרויסער און מעכטיגער אַרמעע, וועלכע די אַנטאַנט האָט צוגעגרייט אין רומעניען מיטן צוועק אָנצופאַלן אויף אוקראַינע. ווען זיך אין אַזאַ מאָמענט די סאָציאַליסטן צווישן זיך ניט פּאַראייניגן, וועט זיי אַלעמען טרעפן אַ שווערער גורל.

דערנאָך האָט דער פּאָרזיצער פון דער דירעקטאָריע, זיך דערמאָנענדיג, אַז ער פּאַרטרעט פּאָרט די מאַכט, אָנגעהויבן אויב ניט צו פּאַרטיידיגן, איז „פּסיכאָלאָגיש צו דערקלערן" דעם אָנפאַל פון די סיטשעוויקעס אויפן ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פּאַראייניגן און בכלל אַנטוויקלען פּאַרשיידענע אייננאַרטיגע טעאָריען וועגן דעם מהות פון דער אוקראַאינישער רעוואָלוציע. דער דאָזיגער טייל פון זיין רעדע, וואָס איז

קענטיג געזאָגט געוואָרן ניט צוליב אינעווייניגסטער איבערצייגונג, נאָר כדי איינצוהאַלטן דעם „פּרעסטיזש" (אָך, דער דאָזיגער פּאַרשאָלטע־נער פּרעסטיזש! וויפיל צרות מאַכט ער אָן אויף דער וועלט...), האָט געמאַכט אויף די אָנוועזנדע אַ שוואַכן און טיילווייז אַפילו אַ נעגאַטיוון איינדרוק. בכלל איז ווינישענקאָס רעדע דאָס מאָל געווען אַ בלייכע און ניט־אויסגעהאַלטענע, פול מיט סתירות און שווערן חשבון־הנפש. ס'איז אָבער קלאָר געווען, אַז אַפילו די בעסטע רעדע וואָלט די פּאַראויס־באַשטימטע שטעלונג פון די פּאַרטייען אויף קיין האָר ניט געביטן.

בעת זיין רעדע האָט ווינישענקאָ די גאַנצע צייט געריכט זיין אויפמערקזאַמקייט און מאָמענטנווייז זיך אַפילו דירעקט געווענדעט צו דעם אָנוועזנדן פּאָרשטייער פון די קאָמוניסטן. אַלס רעאַלער פּאָליטי־קער האָט ער געפילט, אַז דער דאָזיגער שווייגנדיגער, זעהר יונגער, בלאָנדער שייגעץ האָט פּאַר אים מער ווערט, איידער אַלע איבעריגע באַ־ברילטע, טאָלערנטע, טיפזיניגע פּאַרטיי־פירער און פּאַרטיי־טעאָרעטי־קער... ווייל דער דאָזיגער יונגער מענש האָט פּאַר אים אין דעם דאָזיגן מאָמענט רעפּרעזענטירט די טויזנטער, וואָס זיינען געגאַנגען אין דערזעלבער פּראָסטיגער ווינטער־נאַכט מיט באַגנעטן אין די הענט איבער די שניי־פעלדער פון כאַרקאָווער קאַנט אין דער ריכטונג פון צפון־מזרח צו דרום־מערב... דער יונגער קאָמוניסט — טאַרנאָגראָדסקי איז געווען זיין נאָמען, — האָט אָבער עקשנותדיג געשוויגן. אַזוי איז, זעהט אויס, געווען די דירעקטיוו פון זיין פּאַרטיי־לייטונג, וועלכע האָט צו יענעם מאָמענט שוין געוואוסט, אַז זי האָט אין אירע הענט בעסערע קאַמפּס־מיטלען און אַגיטאַציאָנס־לאָזונגען, איידער די הילפלאָזע טראַ־גיקער, וואָס פילאָזאָפירן איבערן מהות פון דער אוקראַינישער רעוואָ־לוציע, און אַז זי קאָן דעריבער רוהיג מותר זיין אויף לאָגישע אַרגומענטן און פּאָליטישע דיסקוסיעס. ערשט נאָך דעם, ווען איינינע פון די אָנוועזנדע פּאַרטיי־פּאָרשטייער האָבן אָנגעהויבן שטאַרק פּאַרלאַנגען פון טאַרנאָגראָדסקין אַן ענטפער אויף די דערקלערונגען פונם ראש פון דער דירעקטאָריע, האָט ער געענטפערט מיטן האַלב־איראָנישן פּאָרשלאַג, אַז מען זאָל אָפּדרוקן די רעדע פון ווינישענקאָ און פונאַנדערקלעפּן זי אויף אַלע פּלויטן פון אוקראַינע.

אין נאָמען פון פּועלי־ציון האָט גערעדט דער מחבר פון די דאָזיגע

שורות. ער האָט אויך פֿאַרנומען אַ קריטישע שטעלונג צו פֿאַרשיידענע זייטן פֿון דער ביז־אַהעריגער רעגירונגס־טעטיגקייט און אָנגעוויזן אויף דער נויטווענדיגקייט אַראָפּנעמען דעם בּאַלאַגערונגס־צושטאַנד, אָפּשאַפֿן די מיליטערישע צענזור, ניט אָנפֿירן קיין ווייטערדיגע פֿאַרהאַנדלונגען מיט דער אַנטאַנט און אַריינטרעטן להפך אין פֿריינטליכע בּאַציהונגען מיט דעם ראַט פֿון די פֿאָלקס־קאָמיסאַרן אין מאָסקווע. אין דערזעלבער צייט האָט ער אָבער זיך שאַרף אָפּגעצוימט פֿון דער פּאָזיציע, וואָס האָבן פֿאַרנומען בּנוגע דער אוקראַינישער רעגירונג די ס. ר., מענשעוויקעס און „בּונד“. ער האָט געפּרובט אַפּעלירן צו די דאָזיגע פּאַרטייען, וואָרנענדיג זיי, אַז זיי זאָלן ניט מאַכן בּנוגע דעם אוקראַינישן פֿאָלק דעמזעלבן קאַרדינאַלן פֿעלער, ווי ס'האָט בּשעתו געמאַכט קאַרל מאַרקס בּנוגע די טשעכן (און בּכלל די סלאַוון). מאַרקס, וואָס איז געווים ניט געווען קיין דייטשער שאָוויניסט האָט דאָך געגלויבט, אַז די טשעכן האָבן קיין שום צוקונפֿט ניט, אַז זיי איז בּאַשערט די ראָלע פֿון דער מיסט פֿאַרן אויפֿבּליהען פֿון דער דייטשער קולטור. בּיי היינטיגן טאָג זיינען אָבער די טשעכן איינע פֿון די אַם־מערסטן קולטורעלע נאַציעס אין דער וועלט. „חזרט ניט איבער דעמזעלבן פֿעלער, ווייל ער קאָן בּרענגען צו שווערע רעזולטאַטן“.

אַריבערגייענדיג צו דער פֿראַגע וועגן „סאַמאָסטינאָסט“, האָב איך דערקלערט, אַז די פּאַרטיי, וועלכע איך פֿאַרטרעט, וואָלט אַם בּעסטן געוואָלט זעהן אוקראַינע אַלס אַ טייל פֿון אַ גרויסער קאָנפֿעדעראַציע, וואָס נעמט אַרום ניט נאָר דאָס געוועזענע רוסלאַנד, נאָר אויך אַ רייע פֿון שכנותדיגע לענדער אין דרום און מערב. דאָס שטערט אונז אָבער ניט צו אָנערקענען די זעלבּשטענדיגקייט, אַלס אַן איבערגאַנגס־פֿאָרם פֿון דער אוקראַינישער פּאָליטיק. „מען דאַרף בּכלל לאָזן דאָס אוקראַינישע פֿאָלק אַליין צו בּאַשטימען די פֿאָרם פֿון זיין מלוכה־לעבן. מיט פּאַראַגראַפֿן און גזרות וועט מען פֿון די אוקראַינער קיין פֿעדעראַליסטן ניט מאַכן. די בּעסטע שול פֿאַר אויפֿריכטיגן פֿעדעראַליזם וועט זיין אַ געוויסער פּעריאָד פֿון פֿולשטענדיגער מלוכהדיגער זעלבּשטענדיגקייט. ווען אונזער וואָלאָדימער מאָיסעיעוויטש (טשעכאָווסקי) וועט בּמשך אַ פּאָר יאָרן, אַלס מיניסטער פֿאַר אויסערליכע ענינים, גוט דערפֿילן דעם בּיטערן טעם, וועלכן עס האָט די זעלבּשטענדיגקייט פֿון אַ שטאַט, וואָס פֿאַר=

מאָנט ניט זיינע אייגענע פּאָר צעהנדליגע דרעדנאָוטן, וועט ער אַליין, און מיט אים דאָס גאַנצע אוקראַינישע פאָלק, אָנהויבן צו זוכן אַ וואָס ענגערן אַנשלוס מיט די נאָהענסטע שכנים אין צפון און דרום, אין מזרח און מערב, כדי מיט געמיינזאַמע כחות שאַפן אַ מלוכהדיגע קאָנפעדעראַציע, וואָס וועט ניט זיין אונטער דער העגעמאָניע פון איין⸗איינצלנעם פאָלק און וועט אויך ניט ווערן קיין שפּילעכל אין די הענט פונם אַלוועלטליכן אימפּעריאַליזם".

דוכט זיך, אַז גלייך נאָך מיר האָט גענומען דאָס וואָרט דער פאָרשטייער פון די לינקע אוקראַינישע ס.ר. (גרופּע באָראָטבאַ), אַ בלאָנדער יונגערמאַן — לויטן אויסזעהן 20—21 יאָרן, וועמענס נאָמען איז מיר ליידער אַרויסגעפאַלן פונם זכרון. ער האָט געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע, אין וועלכער ער האָט זיך געקלאָגט אויף די מעשים פון פאַרשיידענע אַטאַמאַנען און קאָמיסאַרן פון דער דירעקטאָריע, בפרט אויפן לינקן ברעג פונם דניעפּר, וואו ס'האָט דעמאָלט געבעל⸗הבתעוועט דער פאָלקאָווניק באָלבאַטשאַן. ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם, אַז ביי אַזאַ אויפפירונג פון דער מאַכט ווערן די פּויערים איבערצייגטע אָנהענגער פון די סאָוועטן און שטייען אויף צום קאַמף קעגן דער דירעקטאָריע; אינם דאָזיגן קאַמף באַטייליגט זיך אויך די פּאַרטיי פון די לינקע ס. ר.

אין זייערע תשובות האָבן טשעכאָווסקי און ווינישענקאָ צוגעגעבן די ריכטיגקייט פון אַ גרויסן טייל פון די קלאָגן, וואָס זיינען אַנטהאַלטן געווען אין דער רעדע פונם לינקן ס. ר. — זיי האָבן ווידער אַרויסגערוקט אַלס אנטשולדיגונגס⸗גרונד די דערהייליגע שוואַכקייט פון דער מאַכט, וואָס קאָן שטאַרק ווערן בלויז אין דעם פאַל, ווען זי וועט זיך שטיצן אויף דער אַקטיווער הילף פון אַלע סאָציאַליסטישע עלעמענטן אינם לאַנד.

אינם וויטערדיגן פאַרלויף פון דער זיצונג האָט גענומען דאָס וואָרט דער מיניסטער פאַר לאַנדווירטשאַפט שאַפּאָוואַל (אוקראַינישער ס. ר.), וועמענס רעדע איז געווען אַ לויב⸗געזאַנג אויף די אוקראַינישע רעוואָלוציע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן ניט דורך אַ פּאָר הויפּטשטעט, נאָר מיטן אַקטיוון אָנטייל פונם גאַנצן לאַנד, פון יעדן איינצעלנעם קרייז. דער אוקראַינישער ס. ד. סאַדאָווסקי האָט אין אַ בלייכער פאָרם איבערגעחזרט די אַרגומענטן פון טשעכאָווסקי. דערנאָך האָט מען כמנהג

של עולם געמאַכט אַ הפסקה, כדי די פּאַרטייען (אויסער די קאָמו־ניסטן און לינקע ס. ר. וועמענס פאָרשטייער זיינען אין דער צווישן־צייט אַוועק) זאָלן קאָנען אויסאַרבעטן אַ געמיינזאַמע רעזאָלוציע. ס'איז קלאָר געווען, אַז מער ווי אַ רעזאָלוציע וועט פון דער פאַרזאַמלונג ניט אַרויסקומען. די מענשעוויקעס און ס. ר. וועלן ניט גיין אין די רע־גירונג, ווייל זי איז פאַר זיי צו אוקראַיניש. דער „בונד" און די „פאַר־איינינגטע" וועלן דאָס אויך ניט טון, ווייל זיי וועלן אָפּוואַרטן, וואוהין ס'וועט אַ בלאָז טון דער ווינט, און די קאָמוניסטן מיט די לינקע ס. ר. וועלן דאָס אודאי ניט טון: זיי מיינען דאָך, אַז אין אייראָפּע האָט זיך שוין אָנגעהויבן די סאָציאַלע רעוואָלוציע, און האָבן דעריבער ניט קיין חשק צו טיילן זיך מיט וועמען עס איז אין זייער קומענדיגער מאַכט...

דעריבער האָט מען בשעת דער הפסקה שוין ניט גערעדט וועגן דער בילדונג פון דער רעגירונג, וואָס איז געווען דער אייגנטליכער צוועק פון דער פאַרזאַמלונג. מען האָט בלויז געזוכט אַ רעזאָלוציע, וואָס זאָל באַפרידיגן אַלע אנוועזנדע פּאַרטייען. אַזאַ רעזאָלוציע איז באַלד גע־פונען געוואָרן. אָט איז זי:

שבת דעם 28 דעצעמבער איז לויט דער איניציאַטיוו פון דער אוק־ראַינישער ס.־ד. פּאַרטיי פאָרגעקומען אַ זיצונג פון די צענטראַלע הויפּט־קאָמיטעטן פון פאָלגנדע פּאַרטייען: אוקראַאינער ס. ד., אוקראַאינער ס. ר. (צענטראַלע ריכטונג), רוסישע ס. ר., אוקראַאינער פּאַרטיי פון לינקע ס. ר. בונד, י. ס. ד. א. פּ., פּועלי־ציון, פאַראייניגטע יודישע ס. א. פּ., פּ. פּ. ס. (רעוואָל. פראַקציע) און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די לינקע ס. ר. האָבן קיין באַדינ־גונגען ניט אַרויסגעשטעלט און קיין שום פאָדערונגען ניט מודיע געווען.

די איבעריגע פּאַרטייען האָבן אין פּרינציפּ אַרויסגעזאָגט זייער גרייט־קייט צו שטיצן די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג פון דער אוקראַאינישער פאָלקס־רעפּובליק, נאָר אַלע האָבן געמאַכט די דאָזיגע שטיצע אָפּהענגיג פון דעם, ווי אַזוי עס וועלן דערפילט ווערן געוויסע באַדינגונגען. ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס די דאָזיגע באַדינגונגען גייען זיך פונאַנדער צווישן זיי, גייען זיי זיך אָבער אַלע צוזאַמען אין דעם, אַז ס'איז אומבאַדינגט נויטיג מבטל צו מאַכן די אויסשליסליכע צושטאַנדן און בפרט דעם באַלאַגע־רונגס־צושטאַנד אין קיעוו. לויט דער אַלגעמיינער מיינונג איז אומ־באַדינגט נויטיג צו באַשטעטיגן די בירגערליכע פרייהייטן, פאַרזיכערן דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע די מיגליכקייט פון זעלבסטטעטיגקייט און בפרט — די פולשטענדיגע פרייהייט פון אַגיטאַציע ביי די וואַלן צום אַרבעטס־קאָנגרעס.

די באַראַטונג האָט געזאָגט איר וואָרט און איצט וואַרט זי פון דער רעגירונג, אַז זי זאָל מאַכן פון דעם דעם נויטיגן פועל־יוצא און מעגליך מאַכן צו שאַפן אַן איינהייטליכן רעוואָלוציאָנערן פראָנט, וואָס איז נויטיג צו פאַרשטאַרקן דעם נצחון פון דער רעוואָלוציע אויף אוקראינע".

* * *

וועגן דעם ממשותדיגן צוועק פון דער דאָזיגער רעוואָלוציע האָט קיינער קיין קשיות ניט געשטעלט. ס'איז אַן אַלטער מנהג, אַז יעדע פאַרזאַמלונג מוז זיך ענדיגן מיט אַ רעזאָלוציע. מען האָט דעמאָלט געהאַלטן רעזאָלוציעס פאַר אַ כשוף־פאָרמולע קעגן דעם שטן. נאָר דעמאָלט ?..

מער קיין באַראַטונגען פון אַלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען זיינען ניט פאָרגעקומען און קיינער האָט שוין מער נאָך זיי ניט פאַרלאַנגט. זייער צוועקלאָזיגקייט האָט שוין ממש געשפרונגען אין די אויגן. די געשעהענישן האָבן זיך אָנגעהויבן גליטשן מיט עלעמענטאַרער געוואַלט...

XV. אויפן שוועל פונם נייעם יאָר

אַ געשפּרעך מיטן פּרעמיער־מיניסטר. – מעשה מאָהלעוו. – דער אויפשטאַנד אין בעסעראַביען און זיינע רעזולטאַטן. – די פאַרנעמונג פון כאַרקאָוו. – די פאַרהאַנדלונגען מיט די באָלשעוויקעס. – מיינע פאָרשלאַגן. – גלויבט איר אין גאָט? – אין דער זעלבער שעה... – מעשה גוטניק. – וואָס וואָלט איך געטאָן.

אין אַ פּאָר טעג נאָך דער דאָזיגער נאַכט־בעראַטונג איז מיר אויסגעקומען צו פירן מיט טשעכאָווסקען אַ לאַנגען שמועס. ס'איז געווען גראָד דעם 1־טן יאַנואַר 1919 — דאָס קריסטליכע ניי־יאָר. מיט אַ טאָג פריהער האָב איך אים אָנגעקלונגען, אַז כ'וואָלט געוואָלט אים זעהן, און ער האָט מיר פאָרגעשלאָגן קומען צו אים מאָרגן אַזייגער 11. מיינענדיג, אַז אין דער פולע פון אַרבעט האָט ער פאַרגעסן דעם קאַלענדאַר, האָב איך אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מאָרגן איז ניי־יאָר, און כ'בין מסופק, צי וועט ער זיין אין מיניסטעריום.

— „ניין, כ'ווייס“, האָט טשעכאָווסקי געענטפערט, „אָבער גראָד ווייל עס איז ניי־יאָר און קיין אָפיציעלער עמפּפאַנג וועט ביי מיר ניט זיין, וועלן מיר קאָנען אַ שמועס טאָן ברייטער“.

דער ענין, וועגן וועלכן איך האָב באַזוכט טשעכאָווסקין, איז געווען פאָלגענדער. פון דער פועלי־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין מאָהלעוו־פּאָדאָלסק איז דעלעגירט געוואָרן צום הויפּט־קאָמיטעט אַ ספּעציעלער שליח, כדי צו באַקומען פון אונז דירעקטיוון, ווי צו האַלטן זיך בנוגע דעם אויפשטאַנד, וואָס האָט גראַד אין יענעם מאָמענט געזאָלט זיך אָנהויבן קעגן דער רומענישער אָקופּאַציאָנס־מאַכט אין בעסאַראַביע. בראש פון די אינסורגענטן, וואָס האָבן געקעמפט דער עיקר אונטער סאָציאַלע לאָזונגען (ערד און פרייהייט), איז געשטאַנען אַן אוקראַינישער סאָציאַ־

ליסט מאַיעווסקי, וועלכער האָט זיך געווענדעט צו די יידישע סאָציאַ־
ליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין מאָהליעוו, — אין דעם פונקט, פון וואַנען
דער אויפשטאַנד איז צוגעגרייט געוואָרן, — מיטן פאָרשלאָג אַנטייל
צו נעמען אינם אויפשטאַנדס־קאָמיטעט. ניט קאָנענדיג זיך אַנטשיידן
אויף אַזאַ שריט אויף אייגענער אחריות, האָבן די אָרטיגע פאַרטיי־
חברים אַוועקגעשיקט אַ פאָרשטייער קיין קיעוו, כדי צו באַטראַכטן דעם
ענין צוזאַמען מיטן הויפט־קאָמיטעט און כדי אויך צו דערוויסן זיך, אויף
וויפיל ווערט דער געפלאַנטער אויפשטאַנד פאַקטיש געשטיצט מצד דער
אוקראַינישער רעגירונג. די רעגירונג האָט נאָך צו יענער צייט פאַר־
מאָגט אין דער פראָווינץ אַ באַדייטענדן אַווטאָריטעט, און מיט איר
שטעלונג האָבן זיך די חברים ערנסט גערעכנט. דער עיקר האָבן די
חברים מורא געהאַט, אַז די רומענער, דערוויסנדיג זיך וועגן דעם אָפי־
ציעלן אַנטייל פון יידישע אָרגאַניזאַציעס אינם אויפשטאַנד, וועלן אויס־
לאָזן זייער ווילדן כעס אויף יידן בכלל, אפילו אין די געגנטן (אַלט
רומעניע), וואוהין דער אויפשטאַנד וועט אפשר איבערהויפט ניט דער־
גרייכן. בכלל האָט מען זיך צו דעם ענין באַצויגן גאַנץ ערנסט, ווייל אַלע
ידיעות פון רומעניע און בעסאַראַביע האָבן באַשטעטיגט דעם פאַקט
וועגן אַ שאַרפער אומצופרידנקייט צווישן דער פויערשער און אָרימער
שטאָטישער באַפעלקערונג. בלי שום ספק זיינען אין רומעניע צום
סוף יאָר 1918 און אָנהויב 1919 ביי דער באַפעלקערונג געווען
פאַרבאָרגן פונקען פון אַ רעוואָלוציע, און וואָלט די אַנטוויקלונג
אין די שכנותדיגע לענדער, דער עיקר אין אוקראַינע און אונ־
גאַרן, אַוועק אויף אַ גלאַטערן וועג, וואָלטן זיי, מסתמא, אַרויסגערופן
אין רומעניען אַן אָפענעם פייער.

אונזער הויפט־קאָמיטעט, אויסהערנדיג דעם ענין, האָט באַשלאָסן
קודם כל צו דעלעגירן דעם מחבר פון די דאָזיגע שורות צו טשעכאָוו־
סקין. דער דאָזיגער גורל איז געפאַלן אויף מיר ניט נאָר דערפאַר, ווייל
צו יענער צייט איז שוין מיין מיניסטער־קאַנדידאַטור אָנגענומען גע־
וואָרן דורך טשעכאָווסקיס קאַבינעט, נאָר אויך דערפאַר, ווייל איך
האָב פערזענליך פאַרבראַכט פילע יאָרן אין בעסאַראַביע און מע האָט
מיך געהאַלטן פאַר אַ קענער פון די דאָרטיגע פאָליטישע תנאים.

טשעכאָווסקי האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט דעם ענין, מיט וועלכן

איך בין געקומען, און געענטפערט, אז דאס מיניסטעריום פאַר אינערליכע ענינים האָט שוין אויך באַקומען אַ פּאָר אָנפראַגעס פון גרעניץ־קאָמיסאַרן, וואָס ווייסן ניט, ווי צו האַלטן זיך בנוגע די צוגרייטונגען פון אויפשטאַנד אין בעסאַראַביע. ער פערזענליך האַלט מאַיעווסקין פאַר אַ שטיקל אַוואַנטוריסט, וואָס איז ניט מסוגל צו פירן אַזאַ ערנסטן ענין. אַלנפאַלס האָט די אוקראַינישע רעגירונג קיין שום שייכות ניט צו זיין אויפטו. זי וואָלט, נאַטירליך, געווען צופרידן, ווען די לאַגע אין רומעניע זאָל זיך ענדערן, זי ווייסט אָבער ניט צי איז דער פּרואוו פון מאַיעווסקין אַ פּאַסנדער וועג דערצו. איך האָב אויף דעם געענטפערט, אַז אויך אונזערע חברים אין די גרעניץ־שטעטלאַך האָבן אַ סך ספקות אין דער צוועקמעסיגקייט פון מאַיעווסקים אויפטו.

אינם ווייטערדיגן המשך פונם שמועס זיינען מיר ביידע געקומען צו דער מיינונג, אַז די אוקראַינישע רעגירונג, אַלס אַ סאָציאַליסטישע, טאָר זיך ניט באַציהען גלייכגילטיג צו די לאַגע פון די אַרבעטנדע מאַסן אינם שכנותדיגן לאַנד. ווען אין רומעניען וואָלט מיט דער הילף פון די נאַציאָנאַל־אונטערדריקטע עלעמענטן אין די ניי־פאַרכאַפּטע טעריטאָריעס אַנטשטאַנען אַ סאָציאַלע (בעיקר אַ פּויערשע) רעוואָלוציע, וואָלט דערמיט געשאַפן געוואָרן אַ „בופער“ צווישן דער אוקראַינע און דער אַנטאַנט און לגמרי אָפּגעשוואַכט געוואָרן די השפעה פון די רעכטע עלעמענטן אין דער אוקראַינישער באַוועגונג. כדי אָבער אַן אויפשטאַנד אין רומעניען זאָל האָבן אַן ערפאָלג, מוז ער אָנגעהויבן ווערן ניט דורך אַן אָנפאַל פון באַנדעס מחוץ, וועלכע מען וועט שטענדיג קאָנען אויסמאָלן אין די אויגן פון דער באַפעלקערונג, אַלס אַ פרעמדע ריין־נאַציאָנאַלע באַוועגונג, און דערשטיקן אַדאַנק דעם מיט מיליטערישער קראַפט. דאָס וועט זיין באַזונדערס גרינג דערפאַר, ווייל דאָס רוב פונם רומענישן מיליטער איז קאָנצענטרירט גראָד אויף דער גרעניץ. כדי אַן אויפשטאַנד אין רומעניען זאָל האָבן שאַנסן אויף ערפאָלג מוז ער זיך אָנהויבן אינם צענטער און זיך באַזירן בלויז אויף סאָציאַלע לאָזונגען; די געמישט־שפראַכיגע נאַציאָנאַל־אונטערדריקטע עלעמענטן אין בעסאַראַביע, בוקאָווינע, דאָברודזשאַ, טראַנסילוואַניע וועלן צו אים במילא צושטיין. — דערצו איז אָבער נויטיג אַ ברייטע, ענערגישע פּראָפּאַגאַנדע ניט אין בעסאַראַביען, וואו די לופט איז סיי ווי אנגעזאַפּט מיט פּול־

ווער, נאָר גראָד אין אַלט-רומעניען, אַלס דעם אויסגאַנגס-אָרט, פון וועלכן אַן אויפשטאַנד קאָן ברענגען צו פרוכטבאַרע רעזולטאַטן. *).

דערנאָך איז אונזער געשפרעך אַריבער צו דעם צושטאַנד פון די באַציהונגען מיט די באָלשעוויקעס. גורם געווען דערצו האָט אַ בריוו, וועלכן מיר האָבן נאָר וואָס באַקומען פון איינעם פון אונזערע אָנגעזעהענסטע חברים אין כאַרקאָוו. דער דאָזיגער חבר האָט אונז געשריבן, אַז ס'איז אים אויסגעקומען זיך צו זעהן מיטן פאָלקאָווניק באַלבאַטשאַן, דעם קאָמאַנדיר פון אוקראַינישן חיל אין דער לינקברעגיגער אוקראַינע, און אַז ער האָט דערביי קאָנסטאַטירט, אַז ביי די אוקראַינער הערשט אַ פולשטענדיגע פאַרלאָרנקייט, אַז זיי האָבן ניט קיין ווילן און ניט קיין פראָגראַם. אַלס אַ ביישפיל איז אין בריוו דערציילט געוואָרן אַן אַנעקדאָטיש קלינגנדער, אָבער דאָך אמתער פאַקט, ווי אַזוי כאַרקאָוו איז פאַר-

---

*) כ'געדענק ניט אויף באַשטימט, ווי איז דערנאָך די פראַגע אנטשידן געוואָרן אינם פועלי-ציוניסטישן הויפט-קאָמיטעט. דוכט זיך, אַז מיר האָבן רעקאָמענדירט די מאָהילעווער חברים אַ פאָרזיכטיגע האַלטונג. אגב איז די גאַנצע פראַגע פאַר אונז גלייך בטל געוואָרן: באַלד נאָכן אַוועקגיין פון אונזערע פאָרזיכטיגע אינסטרוקציעס איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז דער אויפשטאַנד אויף יענער זייט דנעסטר האָט זיך שוין אָנגעהויבן און גלייך דערשטיקט געוואָרן מיט אומגעהויערער אכזריות. אַן אינטערעסאַנטער עפיזאָד פונם דאָזיגן אומגעלונגענעם אויפשטאַנד האָט זיך פעסט איינגעקריצט אין מיין זכרון: די אויפשטענדישע פויערים – אוקראַינער און מאָלדאַוואַנער – האָבן פאַרכאַפט אַ רעגירונגס-סקלאַד פון וואַלענקעס (פילץ-שטיוול) וואָס זיינען געבליבן נאָך פון דער רוסישער אַרמעע (בכלל האָט די רוסישע אַרמעע בעת איר אויפלייזונג אין סוף 1917 איבערגעלאָזט אין רומעניען און בעסאַראַביען קאָלאָסאַלע מיליטערישע רייכטימער). נאַטירליך איז דאָס אינם שטרענגן יאַנואַר-פראָסט, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט, געווען אַ גוטע מציאה. אָבער אין אַ פאָר טעג שפעטער, ווען די רומעניער, דערשטיקנדיג דעם אויפשטאַנד, האָבן פאַרכאַפט אַ טייל פון די אויפגעשטאַנענע אין געפאַנגענשאַפט, האָבן זיי ביי יעדן, וואָס האָט געטראָגן די קאַזיאָנע וואַלענקעס, אָפגעהאַקט די וואַלענקעס צוזאַמען מיט די פיס...

אין יענער צייט האָבן זיך אין מאָהילעוו און שכנותדיגע אוקראַינישע שטעטלאַך אָנגעקליבן עטליכע הונדערט יידישע פאַמיליעס פון בעסאַראַביע, וואָס זיינען אַנטלאָפן פונם אויפשטאַנדס-געביט, מורא האָבנדיג פאַר רומענישער אכזריות.

נומען געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס. אין אַ שיינעם פריה־מאָרגן האָט צווישן די אוקראַינער מיטאַמאָל אויסגעבראָכן אַ פּאַניק און זיי זיינען אויף ניך אַוועק פון דער שטאָט, איבערלאָזנדיג אַפילו אַ טייל פון זייער געווער אויף די גאַסן. אויף זייער אָרט איז אָבער קיינער ניט געקומען, און ערשט אויפן דריטן טאָג, זעהענדיג, אַז קיין שום מאַכט איז ניטאָ, האָבן עטליכע צענדליג אַרבעטער אַנידערגעשטעלט אַ פּולעמיאָט (קוילן־וואַרפער) אויפן וואָקזאַל און פּראָקלאַמירט די ראַטן־מאַכט... און אין די קיעווער צייטונגען איז געשטאַנען, אַז כאַרקאָוו האָבן עראָבערט איבערוויגנדע, כחות פון די „פּיאַטאַקאָווצעס" *).

---

*) אנמערקונג: פּיאַטאַקאָוו, דער איצטיגער פאָרזיצנדער פונם מאָסקווער רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל (ספּעציעל אינם פּראָצעס קעגן די ס. ר.) איז אין די יאָרן 1917–1919 געווען דער באַקאַנטסטער פירער פון די באָלשעוויקעס אויף אוקראַינע. ער שטאַמט פון אַ רעאַקציאָנערער קיעווער גרויס־רוסישער באַאַמטן פאַמיליע, וואָס האָט במשך יאָרצעהנטן געדינט דער צאַרישער רעגירונג ביי דער אונטערדריקונג פון דער אוקראַינישער באַוועגונג. דאָס איז דער זעלבער פּיאַטאַקאָוו, בנוגע צו וועלכן לענין האָט מיט אַ יאָר שפּעטער, נאָך פאַרשיידענע אומגעלונגענע עקספּערימענטן אויף אוקראַינע, אַויסגעזאָגט דאָס באַקאַנטע וואָרט, אַז „גיב אַ קראַץ געוויסע קאָמוניסטן און דו וועסט אָנטאַפּן דעם גרויס־רוסישן שאָוויניסט".

אין אָנהויב יאַנואַר 1919 האָט דער מאָסקווער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן („סאָוונאַרקאָם") זיך אָפיציעל ניט ביטייליגט אינם אָנפאַל אויף אוקראַינע, דערקלערנדיג, אַז דאָ קומט פאָר אַן אינערלעכער קאַמף צווישן דעם אוקראַינישן רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, אָן וועמענס שפּיץ איז געשטאַנען פּיאַטאַקאָוו, און דער דירעקטאָריע. דער „סאָוונאַרקאָם" האָט זיך מאָמענטוויז אַפילו דערקלערט נייטראַל אינם דאָזינן קאַמף.

אויף וויפיל די פאַקטישע פּאָזיציע פונם סאָוונאַרקאָם האָט אַנטשפּראָכן דער דאָזינער אָפיציעלער שטעלונג, איז נאַטירליך אַן אַנדער פראַגע. אַלנפאַלס איז די דאָזיגע אָפיציעלע נייטראַלע שטעלונג געווען די סיבה, צוליב וועלכער מען פלעג דעמאָלט אין געוויסע פּאַרטיי־קרייזן דורכפירן אַ שאַרפן אונטערשיד צווישן די באָלשעוויקעס, וואָס זיינען אָנגעפאַלן אונטער דער אָנפירונג פון פּיאַטאַקאָוו אויף אוקראַינע, און דער מאָסקווער רעגירונג. די ערשטע פלעגט מען אָפט אָנרופן „פּיאַטאַקאָווצעס".

א. ר.

דער אויספיר פונם בריוו איז געווען, אַז וואָלטן די אוקראַינער נע־האַט אויף דער גרעניץ פירער, וואָס זיינען באמת דורכגעדרונגען מיט סאָציאַליסטישן גייסט און פאַרמאָגן אויך אַ ביסל מער פערזענליכן מוט, וואָלט דער גאַנצער אָנפאַל פון די „פּיאַטאַקאָווצעס“ געווען אַן אוממיגליכע זאַך. ס׳איז אַלנפאַלס נייטיק וואָס גיכער צו פאַר־גיכערן די פאַרהאַנדלונגען מיט דער מאָסקווער רעגירונג, וועלכע קאָן, ווען זי וויל, אָפּשטעלן דעם אָנפאַל און שאַפן אויף אַ פרידליכן אופן אַזעלכע כחות־באַציהונגען אויף אוקראַינע, וואָס זאָלן פולשטענדיג אַנט־שפּרעכן די אינטערעסן פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

— אָבער וואָס זאָלן מיר טון? — האָט געענטפערט טשעכאָווו־סקי אויף די לעצטע ווערטער. — גלויבט מיר, אַז מיר ווילן באמונה שלמה צו דערגרייכן פריינטשאַפטליכע באַציהונגען מיט די באָלשעוויקעס און זיינען אפילו גרייט גיין צוליב דעם אויף ערנסטע הנחות. אָבער, בעת מיר שיקן צו זיי שלום־דעלעגאַטן, האַלטן זיי, ניט קוקנדיג אויף דעם, אין איין אָנפאַלן. פון אונזער שלום־דעלעגאַציע האָבן מיר ניט קיין שום ידיעות. ווי ס׳זעהט אויס, האָבן די „פּיאַטאַקאָווצעס“ זיי פאַרהאַלטן אויף דער גרעניץ און לאָזן זיי ניט דורך קיין מאָסקווע! און ווער ווייס, צי איז זיי ניט געשעהן עטוואָס ערגערס! ס׳איז אַ טרויעריגע און אומווערדיגע לאַגע, אָבער ס׳איז אַ פאַקט, אַז מיר האָבן אפילו ניט קיין טעכנישע מעגליכקייט זיך צונויפרעדן מיט מאָסקווע.

— און פון מאָסקווע האָט איר אויך ניט קיין שום ידיעות?

— מיר האָבן באַקומען אַ ראַדיאָטעלעגראַם, לויט וועלכער דער „סאָוונאַרקאָם“ באַהויפּטעט, אַז ער איז ניט באַטייליגט אינם אויפ־שטאַנד פונם אוקראַינישן רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט קעגן אונז, אַז ער איז נייטראַל. ס׳איז אָבער קלאָר, אַז דאָס איז בלויז אַן אויסרייד, אַז אָהן דער הסכמה און דירעקטער הילף פון מאָסקווע וואָלטן פּיאַטאַקאָוו און זיינע חברים קיין איינציגן שריט ניט געטאָן.

— און זעהט איר ניט קיין שום וועג, כדי זיך באמת קאָנען צונויפרעדן מיט מאָסקווע, כדי זיי געבן לכל הפחות צו וויסן אייערע אמתע כוונות און כדי אויפקלערן מיספאַרשטייענישן, וואָס קאָנען האָבן אַ באַדייטונג פון אַ היסטאָרישן אומגליק?

— אדרבה, ווייסט איר אַזאַ וועג?

כ'האָב איינגעטליך אויף די דאָזיגע פראַגע געוואָרט.

— די באָלשעוויקעס האָבן אין ברעסט באַוויזן, אַז זיי האַלטן זיך ניט אין די אָנגענומענע דיפּלאָמאַטישע כּללים און זיינען גרייט צו גיין יעדעס מאָל, ווען עס לוינט זיך, אויף באַזונדערע נייע וועגן. אויב איר ווילט מיט זיי קומען צו אַן אמתן הסכּם, דאַרפט איר אויך פאַר־לאָזן די אויסגעטראָטענע דיפּלאָמאַטישע סטעזשקעס און זוכן אָריגי־נעלערע פאַרבינדונגס־מיטלען, וואָס זאָלן צוגעפּאַסט זיין צו די איצטיגע אויסעראָרדענטליכע תּנאים.

— למשל ?

— איך וואָלט, למשל, אויף אייער אָרט דרינגליך אַוועקגע־שיקט קיין מאָסקווע אַ פּאָר אייזנבאַן־צוגן מיט תּבואה און אַ צוג צוקער. אין איינעם פון די דאָזיגע צוגן וואָלט איך אַריינגעזעצט די שלום־דע־לעגאַציע. די צוגן וואָלטן אַדרעסירט געווען דירעקט צום רוסישן שפּייז־קאָמיסאַר צוריופּאַ אַלס אַ געשענק פון דער אוקראַינישער סאָציאַליס־טישער פאָלקס־רעפּובליק צו דער רוסישער פעדעראַטיווער סאָוועטן־רע־פּובליק — פאַר די הונגערנדע קינדער אין מאָסקווע. כ'בין זיכער, אַז אפילו די פּיאַטאַקאָוועס וואָלטן ניט געוואַגט אַזעלכע צוגן אָנרירן. אין דער זעלבער צייט וואָלט אַזאַ זשעסט געמאַכט אַ גוואַלטיגן איינדרוק אין מאָסקווע און געשאַפן אַ גאַנץ אַנדערע אַטמאָספער פאַר ווייטערדיגע פאַרהאַנדלונגען.

למען האמת מוז איך צוגעבן, אַז די דאָזיגע עצה, וועלכע כ'האָלט עד־היום פאַר זעהר אַ געלונגענע, האָט געשטאַמט ניט פון מיר פער־זענליך, נאָר פון מיין חבר און הויפּט קאָמיטעט אָ ס אַ ר ק אַ ן, וועלכער האָט מיך געבעטן, אונטערזאָגן טשעכאָווסקי די דאָזיגע אידעע.

טשעכאָווסקי האָט אַרויסגענומען זיין נאָטיץ־ביכל, פאַרשריבן דעם פאָרשלאָג און געזאָגט:

— יאָ, דאָס געפעלט מיר. ס'איז אַ געדאַנק! ס'איז כּדאַי ווענן דעם ערנסט אַ טראַכט צו טון *).

*) א נ מ ע ר ק ו נ ג: די געלונגענע אידעע איז פון טשעכאָוו־סקיס נאָטיץ ביכל ווייט ניט דערגאַנגען. ווי ס'זעהט אויס, האָט די הויכע דירעקטאָריע מיט איר אייראָפּעאישן פּאָרזיצנדן געהאַלטן דעם פאָרשלאַג פאַר צו אַזיאַטיש... און אפשר האָט אויך ביים רוב פון דער דירעק־טאָריע געפעלט די גוטע כּוונה...

דערנאָך איז דער שמועס אַריבער צו דער אומפּאַרמײדלעכער טעמע װעגן באַלאַגערונגס־צושטאַנד און צענזור, װעלכע מיר האָבן בײדע גע־פילט אַלס אַ שװערן עול אויף אונזער געװיסן.

* * *

צום סוף פון געשפּרעך האָט טשעכאָװסקי מיך געפרעגט:

— װייסט איר, אַז אייער קאַנדידאַטור איז שוין אָנגענומען דורכן מיניסטאָרן־ראַט?

— איך װייס.

— נו, מיינט איר, אַז מיר װעלן ארויסשלעפּן דעם װאָגן אויפן ריכטיגן סאָציאַליסטישן װעג? גלויבט איר, אַז מיר װעלן אויסמיידן דעם קריג און די אנארכיע, װאָס רוקן זיך אָן אויף אונז פון אַלע זייטן?

— איך װייס ניט. איך בין אין דעם שטאַרק מסופּק...

דער פּנים פון מיין מיטשמועסער איז פּלוצים פאַרטונקלט געװאָרן.

— יא, ס'איז אַ שװערע זאַך. אָבער איך גלויב פונדעסטװעגן, אַז ס'איז דאָ אַן אָרט, פון װעלכן ס'װעט קומען הילף.

ער האָט פייערליך געװיזן מיטן פינגער אויף אויבן.

ניט פאַרשטייענדיג גלייך, װאָס ער מיינט, האָב איך אינסטינקטיװ אַ קוק געטאָן אויף דער סטעליע...

דערזעהענדיג מיין פאַרװאונדערטן געזיכטס־אויסדרוק, האָט טשע־כאָװסקי פּלוצים אַ פרעג געטאָן:

— גלויבט איר אין גאָט?

איך האָב תיכּף פאַרשטאַנען, װאָס דער זשעסט האָט באַטייט.

— ניין...

— און איך גלויב! איך בין אַ גלויבעדיגער קריסט. אַ קריסט און אַ סאָציאַליסט. דאָס קלינגט מאָדנע פאַר אייך?

איך געדענק שוין ניט, װאָס איך האָב אויף דעם געענטפערט. דאַכט זיך, אַ באַנאַלע פראַזע װעגן דעם, אַז רעליגיע איז אַ פּריװאַט זאַך און אַלס סאָציאַליסט באַציה איך זיך צו רעליגיעזע איבערצייגונגען מיט פולן יראת־הכבוד. אלנפאַלס בין איך געװען שטאַרק איבערראַשט.

מיר האָבן זיך געזעגנט.

* *
*

אין דער זעלבער שעה, ווען דער דאָזיגער געשפּרעך איז פאָר־געקומען, האָט זיך אין אָוורוטש אָנגעהויבן אַ יידישער פּאָגראָם, דער ערשטער יידישער פּאָגראָם אין דער תקופה פון דער דירעקטאָריע. בעת אונזער געשפּרעך האָבן מיר, נאַטירליך, וועגן דעם נאָך ניט גע־וואוסט. די ידיעה וועגן דעם איז אָנגעקומען אין קיעוו ערשט מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער.

אזוי האָט זיך אָנגעהויבן דאָס יאָר 1919, וואָס וועט מיט בלוטיגע אותיות פאַרשריבן ווערן אין דער יידישער געשיכטע.

* *
*

דעם זעלבן ערשטן יאַנואַר, גלייך נאָכן געשפּרעך מיט טשעכאָווסקין, בין איך אַוועק צו מיינעם אַ בעסאַראַבער לאַנדסמאַן, אַן אָנגעזעהענעם בעל־הבית מ., וואוהין איך בין איינגעלאַדן געוואָרן לכבוד ניי־יאָר אויף מיטאָג. אין דער שטאָט האָט מען שוין געוואוסט וועגן מיין קומענ־דיגער באַשטימונג. בעתן עסן האָט מ. מיך פאָרגעשטעלט א בלאָנדער דאַמע אין מיטעלע יאָרן און געזאָגט:

— דאָס איז די פרוי פון סערגיי מיכאַילאָוויטש.

— פון וועלכן סערגיי מיכאַילאָוויטש? — האָב איך זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— נאַטירליך, פון גוטניקן, האָט אַ שמייכל געטאָן מ.

ס. מ. גוטניק — דער יידישער פינאַנסיסט, דער האַנדלס־מיניסטער פון דער העטמאַנישער רעגירונג, איז געווען כמעט מיינער אַ לאַנדסמאַן; ער שטאַמט פון אַקערמאַן, בעסאַראַבער גובערניע, וואו זיין פאָטער האָט געהאַט אַ קליינע באַנק־קאָנטאָר. פּערזענליך האָב איך אים וועניג גע־קענט. איך האָב אים בלויז עטליכע מאָל געזעהן בעתן קריג אין דער רעדאַקציע פון אַן אָדעסער צייטונג, אין וועלכער איך האָב דעמאָלט געאַרבעט. נאָכן פאַלן פונם העטמאַן איז גוטניק, וואָס איז געווען איינער פון זיינע רעאַקציאָנערסטע מיניסטאָרן, פאַרשוואונדען געוואָרן, און די נייע מאַכט האָט אים געזוכט מיט ליכט.

איך האָב געמאַכט, ווי ס׳זאָגן די פּראָוינצן, אַ גוטע מינע צו דער בייזער שפּיל און באַניצט איינע פון די פּראַזעס, מיט וועלכע מע באַניצט זיך אין אַ געזעלשאַפט, ווען מע האָט ניט וואָס צו זאָגן, אָדער ווען ס׳איז דאָ עפּעס וועגן וואָס מע וויל ניט רעדן.

אין מיטן פונם קורצן געשפּרעך האָב איך זי דאָך אַ פרעג געטאָן:

— און אייער מאַן איז שוין, מסתמא, אויף יענער זייט גרעניץ?

— נאַטירליך.

מיין געוויסן איז רוהיגער געוואָרן.

אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער, שוין נאָך מיין דימיסיע, דורכגייענדיג אויף דער גאַס אין אָדעס, וואו ס׳האָבן דעמאָלט געהערשט די „פריי־ווילינגע“, באַגעגן איך דעם זעלבן גוטן מ. — ער האָט זיך מיט מיר דערפרעהט און פאַרבעטן צו זיך. אין מיטן גיט ער אַ זאָג:

— געדענקט איר, ווי איך האָב אייך באַקאַנט אין קיעוו מיט פרוי גוטניק?

— יא, איך געדענק.

— און ווייסט איר, אַז אין צווייטן צימער איז בעת מעשה געזעסן גוטניק אליין?

איך בין געוועזן אויפריכטיג איבערראַשט און האָב געשוויגן.

— יאָ, גוטניק האָט זיך דעמאָלט באַהאַלטן ביי מיר, ניט אַרויס־גייענדיג אין משך פון דריי וואָכן פון אַ פאַרשלאָסענעם צימער. דער־נאָך האָבן מיר אים אָפּגעגאָלט און איבערגעביטן איינגאַנצן זיין אויס־זעהן, אַזוי, אַז די אייגענע מוטער וואָלט אים ניט דערקאָנט, און איך האָב אים אַזוי אַרויסגעפירט פון קיעוו קיין אָדעס. מיר האָבן דער־נאָך ניט איינמאָל זיך געוויצלט איבער דעם, וואָס אַ מיניסטער פון העטמאַן באַהאַלט זיך אין דער זעלבער דירה, אין וועלכער ס׳קומט אלס גאַסט אַ מיניסטער פון דער רעגירונג, וואָס זוכט אים אלס וויכ־טיגן פאַרברעכער...

אינם זעלבן טאָג, בעת איך האָב דערציילט דעם דאָזיגן פּיקאַנטן עפּיזאָד איינעם פון מיינע אָדעסער פריינט, האָט ער מיך געפרעגט:

— זאָגט מיר, ווען איר וואָלט יאָ געוואוסט, אַז אין צווייטן צי־מער געפינט זיך גוטניק, וואָלט איר וועגן דעם מיטגעטיילט דער מאַכט?

וואָלט איר עס געטאָן אויך אין דעם פאַל, ווען אים האָט געדראָהט טויט־שטראָף?

דאָס איז געווען אַ האַרבע שאלה...

— טעאָרעטיש וואָלט איך דאָס געוויס געטאָן, הגם איך וואָלט דערנאָך געהאַלטן פאַר מיין חוב אָנצווענדן אַלע כוחות, כדי ניט דערלאָזן צו אַ טויט־אורטייל. פּראַקטיש וואָלט דאָס אָבער גע־ווען פאַר מיר אַ סך שווערער. איך בין נאָך צו פיל „פרידנס־סאָ־ציאַליסט“, און דער באַגריף פון מסירה אפילו לטובת אַ פּראָ־גרעסיווער מאַכט, אפילו צום שוץ קעגן רעאַקציאָנערע פּערזאָנען, וואָלט מיך דאָך שטאַרק אָפּגעשרעקט. און חוץ דעם, וואָלט איך דאָך דער־מיט אַריינגעבראַכט אין אַ שווערער לאַגע אויך מיין גאַסטגעבער מ., וועלכער האָט דאָך גוטניקן באַהאַלטן. אויב איך וואָלט אָבער באַ־שלאָסן ניט מודיע צו זיין וועגן מיין באַגעגעניש, וואָלט איך יעדנ־פאַלס תיכף ומיד אָנגעגעבן אין דימיסיע. בעסער געזאָגט: איך וואָלט זיך פשוט אָפּגעזאָגט פון דער קאַנדידאַטור, וואָס איז, דאָך, צו יענעם מאָמענט, סיי־ווי נאָך ניט געווען באַשטעטיגט פון דער דירעקטאָריע. ס׳איז דאָך אוממעגליך, אַז אַ מיניסטער, וואָס נעמט אָנ־טייל אין מיניסטאָרן־קאַבינעט, זאָל פאַרדעקן אַפילו נאָר מיט זיין שווייגן איינעם פון די וויכטיגסטע מלוכה־פאַרברעכער.

* *
*

פיל פשוטער וואָלטן די פראַגע געלייזט די בירגערליכע ציוניסטן. זייער סטאַטס־סעקרעטאַר וואָלט גלייך נאָך אַן אינטימען שמועס מיט גוטניקן אַוועקגעגאַנגען כלאַ יהודיג אָנטייל צו נעמען אין דער זיצונג פונם מיניסטאָרן־ראַט. לויט דער טעאָריע פונם נאַציאָנאַלן סעקרעטאַ־ריאַט טראָגט ער דאָך ניט קיין פּאָליטישע אחריות.

גליקליכע, נאאיווע מענשן...

XVI. די שווערע כמאַרעס אויפן פּאָליטישן הימל

אַ מאָדנע לאַגע. — די הכנות צום אַרבעטס־צוזאַמענפּאָר. — די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן פון די אוקראַינער פּאַר־טייען. — מיין וואַל־פּראָיעקט און זיין גורל. — די אָרגאַני־זאַטאָרישע אומפעהיגקייט פון די אוקראַינישע סאָציאַ־ליסטן. — דער וואוקס פון אַנאַרכיע. — פון אַלגעמיינער אַנאַרכיע צו יידישע פּאָגראָמען. — זעליאָנים „רעספּובליקע",

די ערשטע וואָך פונם נייעם יאָר איז אַריבער גאַנץ איינטאָניג. כ'בין געווען אין דער מאָדנער לאַגע פון אַ מיניסטער, וועמענס קאַנדידאַטור איז נאָך ניט באַשטעטיגט. אין שטאָט האָט מען שוין געוואוסט וועגן מיין באַשטימונג און מען האָט זיך אַ שאָט געטאָן צו מיר מיט כלערליי ענינים און בקשות. כ'האָב אָבער גאָרנישט געקאָנט טון, ווייל כ'האָב נאָך ניט פאַרמאָגט קיין שום אַפּאַראַט און קיין שום אָפיציעלע פאָר־מעלע פאָלמאַכטן. כאָטש די באַשטעטיגונג דורך דער דירעקטאָריע איז געווען ניט פיל מער, ווי אַ פאָרמאַליטעט, ווייל אין תוך גענומען האָט דאָך דער פרעמיער־מיניסטער דאָס אויסשליסליכע רעכט אויסצוקלייבן די מיטגלידער פון זיין קאַבינעט, פונדעסטוועגן האָב איך ניט געקאָנט איינטרעטן אין מיין אַמט, כל־זמן די דאָזיגע פאָרמאַליטעט איז ניט געווען ערלעדיגט. פאַרוואָס די דאָזיגע פאָרמאַליטעט האָט זיך געצויגן גאַנצע צעהן טעג, ווייס איך אויף זיכער עד־היום ניט. צי איז דאָס געווען די השפעה פונם נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט, וועלכע האָט איינגעווירקט אויף געוויסע מיטגלידער פון דער דירעקטאָריע (בפרט מאַקאַרענקאָ) אין דעם זין, אַז די באַשטימונג פון אַ סאָציאַליסט אַלס יידישער מיניסטער וועט אַרויסרופן אַן אומצופרידנקייט אין דער יידישער עפנטליכקייט, אָדער איז דאָס פשוט געווען אַ קאַנצעליאַרישע פאַרשלעפּעניש (די

קאַנצעלאַריעס פון דער יונגער מלוכה האָבן פונקציאָנירט זעהר לאַנגזאַם, אַפילו אין די דרינגליכסטע ענינים) קאָן איך אויף געוויס ניט זאָגן, אַז אַזעלכע פרובן מצד דעם נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט זיינען געווען, איז אויסער יעדן ספק. מען האָט מיר אָבער שפעטער איבערגעגעבן, אַז אין דער זיצונג פון דער דירעקטאָריע גופא האָט מען וועגן דער קאַנ-דידאַטור כמעט גאָרניט גערעדט, אַז די גאַנצע פראַגע האָט צוגענומען ביי דער זיצונג ניט מער ווי איינציגע מינוטן. אויב אַזוי, איז דער הויפט פאַקטאָר אין דער צעהן טעגיגער פאַרשלעפונג געווען דער ביו-ראָקראַטישער גייסט, וואָס האָט זיך איינגעוואָרצלט אין די קאַנצעליאַריעס פון דער דירעקטאָריע. מיר פון אונזער זייט האָבן נאַטירליך ניט גע-האַלטן פאַר מעגליך וואָס עס איז צו טון, כדי צו פאַרגיכערן דעם נאַטירליכן גאַנג פון דער ביוראָקראַטישער מאַשינע.

* * *

אין דער צווישנצייט בין איך מצד דער פאַרטיי באַשטימט געוואָרן אַלס איר פאָרשטייער אין דער צווישן-פאַרטייאישער קאָמיסיע, וואָס איז געבילדעט געוואָרן ביים מיניסטעריום פון אינערליכע ענינים, כדי אויסצואַרבעטן דעם סדר פון די וואַלן צום אַרבעטס-קאָנגרעס. די הויפט-אויפגאַבע פון דער דאָזיגער קאָמיסיע איז געווען צו דערגרייכן אַ פשרה צווישן די אוקראַינישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען פון איין זייט און די ניט-אוקראַינישע פון דער אַנדערער וועגן דער פאַרטיילונג פון די מאַנדאַטן צווישן דאָרף און שטאָט. לויטן וואַל-פראָיעקט, וואָס איז אויס-געאַרבעט געוואָרן נאָך אין ווינניצע גלייכצייטיג מיטן ערשטן נוסח פון דער דעקלאַראַציע, האָבן די וואַלן באַדאַרפט פאָרקומען לויט דריי קו-ריעס: דאָרף (פויערים), שטאָט (בעיקר אַרבעטער) און סאָלדאַטן. די מאַנדאַטן זיינען געווען פאַרטיילט אויף אַזאַ אויפן, אַז די שטאָטישע קוריע האָט באַקומען סך הכל אַן אַכטל אָדער נייגטל פון דער אַלגעמיינער שטימען-צאָל. אויף אַזאַ אויפן איז דער אנטייל פון די ניט אוקראַינישע פאָרשטייער אין דעם אַרבעטס-קאָנגרעס פון פאָרנט אָן שטאַרק באַ-שרענקט געוואָרן. די דאָרפישע און סאָלדאַטישע קוריע זיינען דאָך פון אָנהויב אָן געווען זיכער פאַר די אוקראַינער און וואָלטן די ניט-אוקראַי-

נישע פּאַרטייען עראָבערט אַפילו 80 פּראָצ. פון די שטאָטישע מאַנ־
דאַטן, וואָלט דאָך זייער אַלגעמיינע פאַרטרעטונג אינם אַרבעטער־קאָנ־
גרעס ניט געקאָנט איבערשטייגן 9—10 פּראָצ.

טעאָרעטיש האָבן די אַווטאָרן פונם דאָזיגן וואַל־פּראָיעקט פאַר־
טיידיגט אינם מיטן אַרגומענט, אַז אויף אוקראַיִנע וואוינען אין די שטעט
ניט מער ווי 12—13 פּראָצ. פון דער באַפעלקערונג און דעריבער
קומט זיי אין פאַרגלייך מיט די דערפער די זעלבע פּראָצענטועלע פאַר־
טרעטונג. מען האָט זיי אָבער אויף דעם געענטפערט מיטן אָנווייז,
אַז ווען מען טרעט שוין אָפּ פונם פאָרמעל־דעמאָקראַטישן כּלל און מען
שאַפט אַן אַרבעטס־קאָנגרעס אויפן יסוד פון דיקטאַטור, — אויב ניט פון
אַרבעטער, איז פון אַ ר ב ע ט נ ד ע, — טאָר מען ניט סתּם גלייכ־
שטעלן דעם אָרגאַניזירטן, באַוואוסטזיניגן שטאָטישן פּראָלעטאַריער מיטן
ווייניקער אָרגאַניזירטן און ווייניקער באַוואוסטזיניגן פּויער. אויב מען וויל
אַפילו ניט גיין אויפן וועג פון די רוסישע קאָמוניסטן און געבן שטאָטישע
אַרבעטער לויט דער ראַטן־קאָנסטיטוציע פינף מאָל מער שטימען, איידער
פּויערים (פּאַקטיש 10—15 מאָל מער), מוז מען אָבער דאָך געבן דעם
שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט אַ גרעסערן פּראָצענט פון שטימען איידער דער,
וועלכע ער מאַכט אויס אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. וואָס איז
נוגע דער סאָלדאַטישער קוריע, איז זי לחלוטין איבעריג: כּמעט יעדער
סאָלדאַט איז אָדער אַ פּויער אָדער אַ שטאָטישער אַרבעטנדער מענש
(לויט שפּעטערדיגער טערמינאָלאָגיע — „האָרעפּאַשניק“), און ער קאָן
וויילן אין איינער פון די דאָזיגע קוריעס.

אונטער דעם איינדרוק פון די דאָזיגע אַרגומענטן און צוליבן מורא
פאַר אַ וואַל־באָיקאָט, וועגן וועלכן מען האָט געשמועסט אין די ניט
אוקראַאינישע סאָציאַליסטישע קרייזן איפן פאַל, ווען ס׳וועט בלייבן דער
פריהערדיגער וואַל־סדר, איז די דירעקטאָריע געגאַנגען אויף געוויסע הנחות.
די סאָלדאַטן־קוריע איז בטל געוואָרן, און די שטאָטישע פאַרטרעטונג
איז פאַרגרעסערט געוואָרן ביז צו אַ זעקסטל פון דער אַלגעמיינער מאַנ־
דאַטן צאָל. אויסער דעם האָט מען געשאַפן אַ ספּעציעלע קוריע פון
דער „אַרבעטנדער אינטעליגענץ“ מיט אַ קלענער, אָבער דאָך זעלבשטענ־
דיגער פאָרשטייערשאַפט. פון דער אַנדערער זייט, כּדי צופרידנצו־
שטעלן די אוקראַאינישע פאַרטייען, האָט מען אויסגעטיילט פון דער אַר־

בעטער-קוריע די איינבאַנער און פּאָסט-באַאַמטע, וועלכע מען האָט געגעבן אַ באַזונדערע פאָרשטייערשאַפט איבערן גאַנצן לאַנד, אומאָפּהענגיג פון די גובערניאַלע קרייזן.

די דאָזיגע הנחות האָבן די ניט-אוקראַינישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען ווייט ניט באַפרידיגט. זיי זיינען אָבער על-כל-פנים געווען אַ יסוד, אויף וועלכן זיי האָבן געקאָנט זיך אָפּזאָגן פונם באָיקאָט-געדאַנק און זיך אַקטיוו באַטייליקן אין די וואַלן.

* * *

בעת די פאַרהאַנדלונגען וועגן די וואַל-תקנות איז דעם מחבר פון די דאָזיגע שורות אויסגעקומען פאָרצושלאָגן אַ פּראָיעקט פון וואַלרעכט, אויף וועלכן ער האָט געאַרבעט נאָך אין ווינע. כ'האָב נאָך שווערע אינעווייניגסטע ספקות איינגעזעהן, אַז נאָך דער וואַקכאַנאַליע פון אומבאַשרענקטער קלאַסן-הערשאַפט, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט בעת דער העטמאַן-צייט דורך די פּריצים און פּראָטאָפּאָפּיס-לייט, איז פּסיכאָלאָגיש אוממעגליך זיך אומצוקערן צום פּרינציפּ פון פאָרמעלער דעמאָקראַטיע. האָב איך לכל-הפחות געוואָלט געפינען אַזאַ מין פאָרם פון דיקטאַטור פון די אַרבעטנדע מאַסן, וואָס זאָל געבן די דאָזיגע מאַסן די גרעסטע גאַראַנטיען פון אַ ווירקליך פרייען ווילנס-אויסדרוק.

די לייזונג פונם דאָזיגן פּראָבלעם איז לויט מיין מיינונג געווען — איבערלאָזן דאָס גלייכע, געהיימע און דירעקטע וואַלרעכט, אויסשליסנדיג פון אים בלויז די מיטגלידער פון די עקספּלואַטירנדע קלאַסן. קאָנקרעט האָט דאָס געהייסן, אַז די וויילער-רשימות, וואָס זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרן בעת די וואַלן צו דער רוסישער און אוקראַינישער גרינדונגס-פאַרזאַמלונגען, זאָלן גענומען ווערן אַלס יסוד פון אַ נייער וויילער-רשימה, פון וועלכער ס'זאָלן אויסגעשלאָסן ווערן לויט געוויסע אָביעקטיווע כללים און סימנים די פּריצים, הויז-באַזיצער, פאַבריקאַנטן, גרויסע סוחרים און בכלל אַלע, וואָס לעבן פון פרעמדע אַרבעט.

ס'האָט זיך מיר געדוכט, אַז אַזאַ פּראָיעקט איז חוץ זיינע אַנדערע מעלות מער מסוגל אָפּצוהיטן די ספּעציעלע יידישע אינטערעסן, איידער

די פאָרם פון ראַטן־וואַלדעכט, וואָס האָט זיך דעמאָלט איינגעפירט אין רוסלאַנד. כ'האָב שטענדיג געהאַלטן פאַר אַן אומגערעכטיגקייט, וואָס אַ מיטלערער פויער, וואָס פאַרמאָגט זיינע אייגענע 10—15 דעסיאַטין לאַנד, מיט אַ הייזל, מיט אַ פאָר פערד און בהמות, ווערט לויטן באַשטייענדן מנהג באַטראַכט אַלס אַ וואַל־באַרעכטיגטער בירגער פונם ראַטן־לאַנד, בעת אַן יידענע, וואָס טראָגט אַרום איבער די הייזער אַ קויש מיט פאַרטריקנטע בייטל און האַלב־פאַרפוילטע עפל, אָדער אַ שוסטער, וואָס עקספּלואַטירט חוץ זיך זיין 12־יאָריגן לערן־אינגל ווערט פונם וואַלרעכט אויסגעשלאָסן. כ'האָב דאָס געהאַלטן ניט נאָר פאַר אַן אומגערעכטיגקייט, נאָר אויך פאַר אַ סכנה: דורך דעם ווערט בײַ דער קריסטליכער באַפעלקערונג פאַרשטאַרקט דער איינדרוק וועגן דעם בעיקר קאַפּיטאַליסטישן און פּאַראַזיטאַרישן כאַראַקטער פונם יידישן פאָלק. הוץ דעם פלעג די פאָרם פונם ראַטן־וואַלרעכט, וואָס איז באַשטאַנען אין רוסלאַנד אין 1918 יאָר, אַנידערשטעלן די יידישע אַרבעטער, וואָס זיינען צעוואָרפן און צעפּולווערט אין קליינע ווערקשטאַטן אין אַ פיל ערגערע לאַגע, איידער זייערע ניט־יידישע קלאַסן־חברים, וואָס זיינען קאָנצענטרירט אין גרויסע פאַבריקן.

אין דער וואַל־קאָמיסיע, וואָס ס'איז מיר אויסגעקומען צו אַנטוויקלען דעם דאָזיגן פּראָיעקט (כ'האָב דאָס געטאָן אין מיין פּערזענליכן נאָמען; די פּאַרטיי אַלס אַזעלכע האָט צו אים קיין שטעלונג ניט גענומען),—האָב איך קיין פּרינציפּיעלע דערווידערונגען קעגן מיינע אַרגומענטן ניט געהערט. דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע לעוויצקי, אַן אוקראַאינישער ס. ד., וואָס האָט שפּעטער בעת פּעטליוראַס דיקטאַטור פאַרנומען אַ צייט דעם פּאָסט פון פּרעמיער־מיניסטער, האָט בלויז געענטפערט, אַז אַזאַ פּראָעקט גייט אַרויס פון די ראַמען פון דער קאָמפּעטענץ, וועלכע די קאָמיסיע פאַרמאָגט. זי האָט בלויז דעם אויפטראַג זיך צונויפרעדן וועגן דער פאַרטיילונג פון די מאַנדאַטן לויטן שוין באַשלאָסענעם פּרינציפּ און ניט זוכן נייע, בעסערע וואַל־מעטאָדן. חוץ דעם איז די צייט קורץ, און מען מוז צונויפשטוקעווען כאָטש אַ וואָס פאַר ניט איז אַרבעטס־קאָנגרעס, כדי ניט בלייבן אינגאַנצן הענגען אין דער לופטן. „שלעכט, אַבי גיך“, אָט דאָס איז דער זין פון די אינסטרוקציעס פון דער דירעקטאָריע.

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, שמועסנדיג מיט באָלשעוויסטיש־גע־

שטימטע פּאַרטיי-חברים וועגן דעם דאָזיגן פּראָעקט, איז מיר אויסגעקומען הערן פון זייער צד אַן ערנסטערן קעגן-אַרגומענט. מען האָט מיר אָנגעוויזן, אַז רעאַקציאָנערע שטימונגען זיינען ניט קיין פּריווילעגיע פון דער בורזשואַזיע: זיי זיינען פאַראַן אויך אין די קרייזן, וואָס געפינען זיך לויט זייער עקאָנאָמישער שטעלונג צווישן דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט. — אויב אַזעלכע עלעמענטן וועלן באַקומען דאָס גלייכע וואַלרעכט, ווי דער שטאָטישער אַרבעטער, וועלן זיי אָנפילן די סאָוועטן מיט אָפּאָרטוניסטישע דעפּוטאַטן, וואָס וועלן ווערן אַן ערנסטע מניעה פאַר ווירקזאַמער סאָציאַליזאַציע. כ'האָב אויף דעם געענטפערט, אַז אין אמת רעוואָלוציאָנערע צייטן וועלן די דאָזיגע „צווישנדיגע" עלעמענטן, ניט קאָנענדיג זיך אָנשפּאַרן אויף דער עקספּראָפּריאירטער און ניט-וואַלבאַרעכטיגטער גרויס-בורזשואַזיע, וועלן באמת זוכן אַ שטיצע אינם פּראָלעטאַריאַט. כ'האָב אָנגעוויזן מיינע אָפּאָנענטן, אַז זיי דערשאַצן ניט ווי געהעריג די באַדייטונג, וועלכע דאָס צונעמען פונם וואַלרעכט ביי דער בורזשואַזיע וואָלט געהאַט אויפן אויסגאַנג פון אַפילו דעמאָקראַטישע וואַלן: זיי רעכענען בלויז אויס די צאָלן-ווירקונג פון דער דאָזיגער ערשיינונג און נעמען ניט אין באַטראַכט איר פּסיכאָלאָגישע השפּעה אויף די איבעריגע וועלער.

ווי ניט איז, איז דער גורל פון מיין וואַל-פּראָעקט געווען ניט קיין בעסערער, ווי פון אַלע פּאַפּירענע פּלענער, וואָס ווערן געשאַפן אין אַזעלכע שטורמישע צייטן. די וואַל-קאָמיסיע איז סך-הכל ניט צונויפגעקומען צוויי מאָל, און דערנאָך האָט דאָס מיניסטעריום פון אינערן, אויסנוצנדיג די פּאַסיוויטעט פון אירע מיטגלידער, וואָס איז אגב ניט געווען קיין חדוש ביי די ענגע ראַמען, וועלכע מען האָט איר געלאָזן, אויף גיך פאַרענדיגט די וואַל-אינסטרוקציע און אָנגעהויבן דורכפירן די וואַלן „דורכן טעלעגראַף". שוין אין מיטן יאַנואַר זיינען זיך צונויפגעקומען עטליכע גובערניאַלע וואַל-פאַרזאַמלונגען און געקליבן פאָרשטייער צום אַרבעטס-קאָנגרעס. קיין געהויבענע שטימונג איז דערביי ניט געווען צו באַמערקן: דער ענטוזיאַזם פונם אויפשטאַנדס-חודש האָט זיך גיך אויסגעוועפּט . . .

* * *

דערווייל זיינען די וואָלקנס אויפן פּאָליטישן הימל מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ געדיכטער און געדיכטער. דער אָנפאַל פון די „פּיאַטאַקאָווצעס" אין דער כאַרקאָווער ריכטונג, ניט באַגעגנדיג קיין ערנסטן ווידערשטאַנד האָט אָנגענומען אַלץ אַ גרעסערן פאַרנעם. אין דערזעלבער צייט האָט די אַנטאַנט געהאַלטן אין אַרויסזעצן אַלץ נייע באַטאַליאָנען אין אַדעס. די אוקראַינישע פּאָליטיקער האָבן הילפלאָז געוואַקלט צווישן די דאָזיגע צוויי פייערן, און זייער ענערגיע איז צעפּרעסן געוואָרן דורך שטענדיגע ספקות אין חלוקי-דעות. להלכה, אורטיילנדיג לויט דער דעקלאַראַציע פון דער דירעקטאָריע האָבן זיי געזאָלט באַטראַכטן די באָלשעוויקעס אַלס דאָס קלענערע בייז, זיך אָריענטירן אויף מאָסקווע און זיך ווענדן צוזאַמען מיט איר קעגן דער אַנטאַנט. אָבער דער כח פון די רעכטערע עלעמענטן, בפרט אין דער אַרמעע איז שוין צו יענעם מאָמענט געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט לגמרי פּאַראַליזירט די דאָזיגע טענדענצן.

די וואַקלענישן אין דער אויסערליכער אָריענטאַציע האָבן פאַר אוממיגליך געמאַכט יעטוועדער איינהייטליכע ליניע אין דער אינעווייניגסטער פּאָליטיק. אַזאַ צושטאַנד וואָלט געווען מסוגל אונטערצוגראָבן דעם מלוכה-אויטאָריטעט אַפילו אין מלוכות, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַגעזונטע ווירטשאַפט, אַ פעסטן אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט, אַ דורות-לאַנגע מלוכהדיגע טראַדיציע, אַ שטאַרקע דיסציפּלינירטע אַרמעע. על אחת כמה וכמה איז דאָס ריכטיג בנוגע אוקראַינע, דער יונגער, נאָך לחלוטין ניט איינגעאָרדנעטער מלוכה.

מען מוז מודה זיין, אַז די אוקראַינישע סאָציאַליסטן האָבן אַרויסגעוויזן במשך דער צייט, וואָס זיי האָבן געהאַט די מאַכט אין די הענט, *אַ גאָר קנאַפּן אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט*. זיי האָבן ניט באַוויזן איינצוהאַלטן די אַטמאָספער פונם אויפשטאַנד און צוגעבן דער אויפשטאַנד-סטיכיע פעסטע, בלייבענדע פאָרמען. מיט דערזעלבער גיכקייט, מיט וועלכער ס'איז געשאַפן געוואָרן די רעוואָלוציאָנערע פּויערים-אַרמעע, איז זי צערינען געוואָרן גלייך נאָך דער ערראָבערונג פון קיעוו. מיט יעדן טאָג איז פאַרקלענערט געוואָרן די צאָל פון די מיליטערישע כחות, אויף וועלכע די דירעקטאָריע האָט געקאָנט באַנוצן זיך אָנשפּאַרן. דערביי זיינען אַוועק אַהיים די *בעסטע* עלע

מענטן, געבליבן אונטער דער ביקס זיינען די ערגסטע. דאָס זיינען געווען פּראָפעסיאָנעלע סאָלדאַטן, וואָס האָבן פאַרלוירן יעדע אָרגאַנישע פאַר־בינדונג מיטן פרידליכן לעבן און וואָס האָבן במשך די לאַנגע מלחמה־יאָרן זיך אָפּגעוואוינט פון יעדער פּראָדוקטיווער טעטיגקייט; ס'זיינען געווען אוואַנטיוריסטן, וואָס האָבן געזוכט דערשיטערנדע איינדרוקן און גיכע באַרייכערונג; ס'זיינען געווען פאַרשוינען, וועמענס חיהשע אינסטינקטן זיינען אויפגעוואַכט במשך דער וועלט־מלחמה און האָבן שוין מער ניט געקאָנט צוריק איינשלאָפן. נאַציאָנאַל־באַוואוסטע, מער־ווייניג אידייאישע עלעמענטן זיינען צווישן זיי, אויסער די גאַליצישע סיטשעוויקעס, כמעט ניט געווען בנמצא, און זיי האָבן אַלנפאַלס ניט געהאַט קיין באַדייטנדע ווירקונג. נאָך ווייניגער האָט זיך געלאָזט שפּירן אין דער אַרמעע די השפּעה פון דער ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר אידעאָלאָגיע.

שוין אַ פּאָר וואָכן נאָך דער עראָבערונג פון קיעוו האָבן זיך אויף די באַנען און אין איינצלנע שטעטלאַך און דערפער אָנגעהויבן גוואַלד־טאַטן קעגן דער פרידליכער באַפעלקערונג. אין אָנהויב האָבן זיי נ י ט־ש ט ע נ ד י ג געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכן אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער. אמת, פון די הריגות אויף די באַנען פלעגן ליידן כמעט בלויז יידן, אָבער אויפן לאַנד האָט זיך די צעבושעוועטע ווילדקייט פון כל־ערלי אַטאַמאַנטשיקעס אויסגעלאָזן אָפּט אויך אויף די קריסטליכע באַפעלקערונג. בווייס אַ פאַל, ווען איינער פון די דאָזיגע פלוצליך אויפגעוואַקסענע אַטאַמאַנען (לאַזניוק) האָט געדראָהט צו פאַרברענען אַ געוויסן קריסטליכן דאָרף אין ראַדאָמיסלער אויעזד און אויסקוילן אַלע זיינע איינוואוינער פון גרויס ביז קליין, אויב אַ געוויסע מאַריאַנע וועט במשך 6 שעה ניט ווערן זיין געליבטע. די דראָהונג איז געווען געמיינט גאַנץ ערנסט און זי וואָלט זיכער צום גרעסטן טייל מקוים געוואָרן, אויב די שיינע מאַריאַ וואָלט ניט אונטערן שווערן דרוק נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון מעטער־לינקס מאָנאַ־וואַנאַ, — מן הסתם, מיט ווייניגער דראַמאַטישע פאָלגן. . . פון פאַרשיידענע ערטער זיינען אָנגעקומען ידיעות וועגן דערפער, וואָס זיינען באמת פאַרברענט געוואָרן דערפאַר, ווייל זייערע איינוואוינער האָבן ניט געוואָלט אָנערקענען דעם אָדער יענעם אַטאַמאַן, ד. ה. געבן אים תבואה, פוראַזש, פערד א. א. וו. — אינם דאָזיגן ע ר ש ט ן פעריאָד פון אַנאַרכיע פלעגן אַפילו אַמאָל יידישע שטעטלאַך אָפּקומען בעסער,

אידער שכנותדיגע דערפער. די סיבה איז געווען אַ פשוטע: ייִדן, אָנגעלערנט דורך אַלטן יאָרהונדערט-לאַנגן ביטערן נסיון, פלעגן באַלד „אָנערקענען" יעדע מאַכט, ד. ה. יעדן אַטאַמאַנטשיק, און „פאַרשטאָפּן אים דאָס מויל" מיט אַ געוויסן סכום פון קאָרבאָוואַנצעס, וואָס זיינען גראָד דעמאָלט אין די ייִדישע שטעטלאַך קיין זעלטענהייט ניט געווען. פויערים פלעגן אָבער אָפט אַרויסווייזן מער אַמביציע און אָפּקומען אַמאָל דערפאַר גאַנץ עמפּפינדליך.

צו-ביסלאַך האָט אָבער די אַנאַרכיע קאָנצענטרירט איר שפּיץ ספּעציעל אויף ייִדן. מאַסגעבנד איז דערביי נעווען ניט נאָר דער ייִדן-האַס, וואָס איז טיף איינגעוואָרצלט אין די ברייטע ניט-ייִדישע מאַסן. נאָך ענטשיידנדער איז אין יענעם מאָמענט געווען דער פאַקט, וואָס ייִדן האָבן זיך אַרויסגעוויזן אויף דער ליניע פונם קלענסטן ווידערשטאַנד, וואו ס'איז גרינגער צו געבן אַן אויסדרוק די אָנגעקליבענע חיהשע אינסטינקטן. שוין אין די ערשטע יאַנואַר-טעג, ווען דער גרעסטער טייל פון די אויפגעשטאַנענע קעגן דעם העטמאַן זיינען זיך שוין פונאַנדערגעגאַנגען אין זייערע דערפער, האָבן זיך אין די צוריקגעבליבענע מיליטער-טיילן קאָנצענטרירט ניט נאָר אַוואַנטיוריסטישע און סתם פאַרברעכערישע עלעמענטן, נאָר אויך באַוואוסטזיניגע רעאַקציאָנערן און אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן ערשט פאַר אַ חודש נעטריי געדינט דעם העטמאַן. אין אַסך פאַלן זיינען די ניי-געבילדעטע באַנדעס באַשטאַנען פון פאַרשוינען, וואָס האָבן אַפילו ניט גענומען פריהער קיין אנטייל אינם אויפשטאַנד. אין דער פראָווינץ זיינען פאָרגעקומען פאַלן — און גראָד ניט קיין זעלטענע — ווען אונטער די געל-בלויע פאָנען האָבן „געקעמפט" (אָדער, בעסער געזאָגט, גערויבעוועט) מענשן, וואָס האָבן ערשט פאַר אַ פאָר חדשים געשסט אַלס גרויס-רוסן און אוקראַינער-פרעסער. זיי פלעגן אַריבערקומען אין אַ גובערניע, וואו מען האָט זיי ניט געקענט, און אַריינטרעטן דאָרט אין אוקראַינישע אָפּטיילונגען, כדי העלפן זיי צו „קעמפן" קעגן דעם גרעסערן געמיינזאַמען שונא — די באָלשעוויקעס. דער „קאַמף" פלעגט זיך בעיקר אויסדריקן אין אַרויפלייגן קאָנטריבוציעס אויף די אומגליקליכע ייִדישע שטעטלאַך און באַגיין כל-ערליי גוואַלד-טאַטן קעגן זייערע איינוואוינער. דער כאַאָס אין לאַנד איז צו יענער צייט שוין געווען אַזוי גרויס, אַז אַ גרויסער טייל פון די מיליטערישע פראָווינץ-

אָפּטײלונגען, װאָס פּלעגן אַלײן אױסקלײַבן זײערע אָנפירער (אָדער להפּוך געשאַפן װערן פון פּאַרטײ אָן דורך באַשטימטע „אַטאַמאַנען"), אָנגענומען הערבײַ קלאַנגפולע פּאַטריאָטישע נעמען און זיך פּאַרבן־רײך אױספּוצן אין פּאַנטאַסטישע אוניפאָרמען, — זײַנען אַפילו נ י ט ג ע װ ע ן ר ע ג י ס ט ר י ר ט אין קיעװער קריגס־מיניסטעריום און פלעגן נאַטירליך פון אים ניט קריגן קײן שום געלד־מיטלען און קײן שום שפּײַז־פּראָדוקטן. על־פּי־רוב פלעגן זײ אַפילו ניט אָנקומען קײן קיעװ: אױף אַלע גרעסערע סטאַנציעס האָבן זיך געװאַלגערט מיליטערישע סקלאַדן, װאָס זײַנען איבערגעלאָזט געװאָרן דורך דער אָקופּאַציאָנס־אַרמעע און אױף צאָלרײַכע סטאַנציעס זײַנען געשטאַנען װאַגאָנען און גאַנצע צוגן מיט ברױט און צוקער, װאָס זײַנען בעת דער אָקופּאַציע אָנ־געגרײט געװאָרן אױף אַרױסצופירן קײן דײטשלאַנד. און װען מען האָט נאָך באַדאַרפט דערצו האָבן געלט במזומנים, פלעג מען זיך אױך געבן אַן עצה: אין אײניגע ערטער האָט מען אױסגעלײדיגט די אױעזדנע קאַז־נאַטשעיסטװעס (פּראָװינציעלע מלוכה־קאַסעס), אין אַנדערע אַרױפּ־געלײגט „קאָנטריבוציעס" אױף די שטאָטישע באַפעלקערונג, ד. ה. אױף ייִדן.

נאָך ערגער פאַר דער אַנאַרכיע, װאָס האָט זיך שױן אַרױסגעװיזן אין איר פולער צורה, זײַנען געװען די סימנים פון ד ע ר אַנאַרכיע, װאָס האָט נאָך געשװעבט אין דער לופטן. אין ערטער, װאו די דירעק־טאָריע איז נאָך געװען גענוג שטאַרק און װאו אירע אױספירנדע אָר־גאַנען זײַנען געװען גענוג לאָיאַל כּדי ניט לאָזן קײן גװאַלד־אַקטן אַקעגן דער פרידליכער ייִדישער באַפעלקערונג, האָבן די רויבערישע עלעמענטן, אַרײַנציהענדיג די נעגל, מיט אומגעדולד געװאַרט אױף די שעת־הכּושר, װען מען װעט קאָנען אַ הולע טון אױפן ברײטערן שטײגער. ס'האָט זיך, למשל, כּמעט בײַ די טױערן פון קיעװ, אַרום דעם שטעטל ט ר י־פּ אָ ל ע, געבילדעט אַן אײגנאַרטיגע „רעפּובליק" אונטער דער אָנפירונג פונם שפּעטער באַרימט־געװאָרענעם אַטאַמאַן זעלאָני, װאָס האָט פאַר־נומען בנתיים דער דירעקטאָריע אַן אָפּאָזיציאָנעל־אָפּװאַרטנדיגע שטעלונג. אױפן קיעװער גובערניאַלן פױערים־צוזאַמענפאָר (יאַנואַר 1919) האָבן די דעלעגאַטן פון זעלאָני גאַנץ אָפן דערקלערט די סבות פון זײערע אָפּאָזיציע. זײ האָבן זיך ביטער באַקלאָגט, װאָס זײ זײַנען ניט כּדבעי

באַלוינט געוואָרן פאַר זייער אַנטייל אינם אויפשטאַנד. ווען ס'איז גענומען געוואָרן קיעוו, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן צו דער שטאָט מיט וואָגנס, אָבער מען האָט זיי אין די שטאָט ניט אַריינגעלאָזט, און די וואָגנס האָבן געמוזט זיך אומקערן ליידיגערהייט... נאָך דער דאָזיגער פּאָעטישער דערקלערונג האָט די דירעקטאָריע (אין מיטן יאַנואַר) אַוועקגעשיקט אין זעלאָניס מלוכה אַ באַטאַליאָן גאַליצישע סיטשעוויקעס. די גאַליציאַנער האָבן כמנהגו של עולם פאַרברענט אַ פּאָר דערפער און אויסגעשמיסן אַ פּאָר צעהנדליגג פויערים. די אָנפירער פון די זעלאָנאָווצעס צוזאַמען מיט זייער באַטקאָ זיינען אָבער נאַטירליך פאַרשוואונדן, ווי אונטער דער ערד, און אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען די סיטשעוויקעס, אָפּטוענדיג זייער אַרבעט, האָבן געמוזט אַוועקגיין אויפן פראָנט, איז זעלאָניס רעפּובליק ווידער אויפגעשטאַנען תחית המתים, וואַרטנדיג ביז ס'וועלן קומען פאַר איר בעסערע צייטן. דערנאָך ווען ס'זיינען געקומען די באָלשעוויקעס האָבן די זעלאָנאָווצעס זיך תיכף ומיד דערקלערט אַלס זייערע אָנהענגער אין דער האָפנונג, אַז דאָס מאָל וועלן די ליידיגע וואָגנס ענדליך אָנגעפילט ווערן... ווי עס זעהט אויס, איז די דאָזיגע האָפנונג ניט מקוים געוואָרן, אָדער לכל הפחות ניט מקוים געוואָרן אין גענוגענדער מאָס. אַ פּאָר חדשים שפּעטער, שוין נאָך מיין אָפּפאָרן פון אוקראַינע, האָט זעלאָניס רעפּובליק, דערזעהענדיג, אַז די וואָגנס זיינען נאָך אַלץ ניט אָנגעפילט ווי געהעריג, ווידער אַנטדעקט איר אוקראַיניש-פּאַטריאָטיש האַרץ און דערקלערט אַ מלחמה דעם ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן, נאַטירליך, אויף יידישע קאָסטן...

אין אָנהויב פון יאַנואַר זיינען די דאָזיגע אַלע ערשיינונגען נאָך ניט אַרויסגעטראָטן אַזוי בולט, ווי מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער; אָבער זייערע גרונד-שטריכן זיינען שוין געווען גענוג קלאָר. יעדער דענקענדער מענש האָט געפילט, אַז די אַטמאָספער איז אָנגעזעטיגט מיט עלעקטריציטעט, און דער מוח האָט זיך ממש אויף שטיקער געריסן, זוכנדיג אַ מיטל קעגן קומענדיגן אומגליק.

XVII. די דעקלאַראַציע פון דער רעגירונג

דער איינדרוק פון די ערשטע פּאָגראָמען. — מיין פּערזענליכע לאַגע. — אַ באַזוך ביי ווינטשענקאָ. — די „נאַציאָנאַלע" דעלעגאַציע און איר צוועק. — די צווייטיגע דעקלאַראַציע און איר באַגרינדונג. — אויסבעסערונגס-פּרובן. — די ערשטע געדאַנקען וועגן דעמיסיע. — די קאָמפּענסאַציע.

דער אָוורוטשער פּאָגראָם האָט ניט געמאַכט אין קיעוו אַזאַ שטאַרקן רושם, ווי די שפּעטערדיגע פּאָגראָמען אין באַרדיטשעוו און זשיטאָמיר. פאַרגעקומען איז ער אין אַן אָפּגעלייגענעם פּלאַץ אויפן פראָנט, וואו די מאַכט פון דער רעגירונג האָט עקזיסטירט כמעט בלויז לויטן נאָמען, און דער „העלד" פונם פּאָגראָם, „אַטאַמאַן" קאזיר-זירקאָ, איז געווען אַ טונקלער פּאַרשוין וועגן וועלכער מען האָט אַפילו ניט געוואוסט אויף זיכער, אין וועמענס דינסט זי שטייט. די טעלעגראַפישע פאַרבינדונגען מיט אָוורוטש זיינען דעמאָלט געווען כמעט אָפּגעריסן, און דער וועג פון דאָרטן איז געווען אַ שווערער און אומזיכערער; אויף אַזאַ אופן זיינען די ידיעות פון דאָרטן אָנגעקומען בראָקנווייז, אין די ערשטע דעלעגאַציע פון אָוורוטש האָט זיך באַוויזן אין קיעוו ערשט נאָך דעם באַרדיטשעווער פּאָגראָם. און חוץ דעם אַלעמען האָט נאָך באַ פילע געלעבט די האָפענונג, אַז דאָ האָבן מיר צו טון מיט אַן איזאָלירטער געשעעניש, מיט אַ *אָרטיגן* אומגליק, מיט אַ רויב-מאָרד אין גרויסן סטיל, וואָס טראָגט ניט קיין סימפּטאָמאַטישן געזעלשאַפטליכן כאַראַקטער און קאָן ניט באַטראַכט ווערן אַלס אַ סימן פון אַ נאָהענטער קאַטאַסטראָפע. זיינען דאָך בעת דער דינסט-צייט פונם ערשטן יידישן מיניסטער זילבערפאַרב (נאָוועמבער 1917—מערץ 1918) פאָרגעקומען עטליכע צעהנדליגע

קלענערע פּאָגראָמען, וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט אין זיך די אַלגעמיינע אַנאַרכיע און זיך ניט אַנטוויקלט צו געוואַלטיגע שחיטות.

דערפאַר אָבער האָבן די ידיעות וועגן דער הרינה אין באַרדיטשעוו און דעם פּאָגראָם אין זשיטאָמיר געמאַכט אין אַלע יידישע קרייזן אַ געוואַלטיגן ערשיטערנדן איינדרוק. דאָ איז דאָך דער פּאָגראָם געמאַכט געוואָרן דורך אַ מיליטערישער אָפּטיילונג, וואָס איז געשטאַנען אין דירעקטן רשות פון דער דירעקטאָריע און איז געקומען פון קיעוו, כּדי צו דערשטיקן אַ ווירקליכן אָדער אויסגעטראַכטן באָלשעוויסטישן אויפשטאַנד. די אַרענע פונם פּאָגראָם זיינען דאָס מאָל געווען ניט קיין פאַרוואָרפן שטעטל, נאָר צוויי באַדייטנדע שטעט מיט אַ גרויסער יידישער באַפעלקערונג אין צענטרום פונם לאַנד, וואו די אַנאַרכיע האָט פאָרט ניט אָנגענומען קיין אומבאַשרענקטן פאַרנעם. אויב אָהרוטש איז געווען אַן עפּילאָג פון דער עפּאָכע פון די פריהערדיגע גוואַלד־טאַטן, איז זשיטאָמיר שוין געווען דער פּראָלאָג פון דער קומענדיגער שרעקליכער טראַגעדיע.

מיין פריוואַטע לאַגע איז בעת'ן באַרדיטשעווער פּאָגראָם געווען זעהר אַן אומבאַשטימטע און אומאָנגענעמע. פון איין זייט האָט מען מיך אין יידישע קרייזן שוין געהאַלטן פאַר אַ מיניסטער, און כ'האָב געפילט די אינעווייניגסטע באַדערפעניש תיכּף צו באַנוצן דעם גאַנצן רעגירונגס־אַפּאַראַט, אויף וויפיל ער האָט פונקציאָנירט און אויף וויפיל ער האָט באמת געקאָנט זיין אין מיין רשות, כּדי לכל־הפּחות צו לאָקאַליזירן די געשעהענישן און ניט צולאָזן זייער ווייטערדיגע אויסברייטונג. פון דער אַנדערער זייט, ניט האָבנדיג נאָך קיין אָפיציעלע באַשטעטיגונג, האָב איך ניט געהאַט קיין קלענסטע רעכט, און יעדער פּרוב פון מיין זייט זיך אַריינצומישן אינם גאַנג פון די געשעהענישן ניט סתם אַלס געזעלשאַפטליכער טוער, נאָר אַלס פאַקטאָר פון רעגירונגס־געוואַלט, וואָלט אומפאַרמיידליך געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די פּועלי־ציוניסטישע פּאַרטיי „שטופּט אונטער” די פאַרשפּעטיגטע באַשטעטיגונג פון איר פאָרשטייער אין דער רעגירונג. פון דער דאָזיגער העכסט אומאַנגענעמער לאַגע האָט מיר אַרויסגעבראַכט די מעלדונג וועגן דער באַשטעטיגונג פון מיין קאַנדידאַטור, וועלכע כ'האָב דערהאַלטן גראָד אויפן אַנדערן טאָג נאָכן זשיטאָמירער פּאָגראָם. שוין אין אַ שעה אַרום בין איך געווען אינם פּאַלאַץ

פון דער דירעקטאָריע (געוועזענעם פּאַלאַץ פונם גענעראַל־גובערנאַטאָר), כדי זיך אָפיציעל פאָרצושטעלן אין מיין נייער איינגשאַפט דעם פאָרזיצער פון דער דירעקטאָריע און טאַקע תיכף־ומיד אַנידערשטעלן די פראַגע וועגן שוין קענען פּאָגראָמען. אגב האָבן מיר נאָך צו יענעם מאָמענט ניט געהאַט פאַר אונז קיין אַנטגילטיג בילד פון די געשעהענישן און נאָך ניט פאַרמאָגט קיין גענויערע ידיעות וועגן די שולדיגע אין זיי. די קלאָרקייט איבער דעם איז געשאַפן געוואָרן ערשט מיט עטליכע טעג שפּעטער; וואָס איז נוגע די באַהאַלטענע דראָט־ציהער פון מעשה זשיטאָמיר, זיינען זיי פאַר מיר אַנטפּלעקט געוואָרן אין זייער פולער געשטאַלט ערשט אָנהויב פעברואַר, שוין בעת מיין אָנוועזנהייט אין ווינ־יצע.

ווינ־יטשענקאָ איז בעת דעם דאָזיגן געשפּרעך געווען שטאַרק נערוועז און צערודערט. ער האָט מיך באַגעגנט מיט דער מעלדונג, אַז די אַנאַרכיע אין לאַנד ווערט אַלץ גרעסער און די פּאָזיציע פון דער מאַכט אַלץ שווערער. ער איז שטאַרק אויפגעבראַכט אויף די פּאָגראָמען און פאַרזיכערט מיך, אַז די דירעקטאָריע וועט טון אַלץ, וואָס איז אין אירע כחות, כדי צו באַשטראָפן די שולדיגע און ניט צולאָזן מער אַזעלכע געשעהענישן. צו דעם צוועק ווערט צונויפגעשטעלט אַן אונטערזוכונגס־קאָמיסיע מיטן אָנטייל פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. די דירעקטאָריע פון איר זייט האָט שוין אין דער נאַכט באַשלאָסן אַרויסצולאָזן אַן אויפרוף קעגן די פּאָגראָמען; דער אויפרוף גייט גלייך אַוועק אין דרוק.

דערהערנדיג די דאָזיגע ווערטער, האָב איך געפרעגט ווינ־יטשענקאָ, צי וועט ניט מיגליך זיין, אַז איך זאָל זעהן דעם טעקסט פונם אויפרוף נאָך פאַר זיין אָפּדרוקן. אָפיציעל פאַרלאַנגען דאָס האָב איך ניט געקאָנט, ווייל ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ שריט, וואָס איז באַשלאָסן געוואָרן נאָך פ אַ ר מיין איינטריט אין אַמט.

דער פאָרזיצער פון דער דירעקטאָריע האָט גלייך ערפילט מיין בקשה; ער האָט אַריינגערופן זיין סעקרעטאַר און געהייסן איבערגעבן דעם דירעקטאָר פון דער קאַנצעלאַריע, אַז ער זאָל קומען מיטן טעקסט פונם אויפרוף.

אין די עטליכע מינוטן פון וואַרטעניש, וואָס זיינען אַריבער ביז מען האָט געבראַכט דעם אויפרוף, האָט מיר ווינ־יטשענקאָ דערציילט, אַז דער

דירעקטאָריע איז אויסגעקומען נוצבר צו זיין אַ באַדייטענדן ווידערשטאַנד פון די יידישע בירגערליכע קרייזן קעגן מיין באַשטימונג.

— „ס'איז געווען ביי מיר אַ פּאָר מאָל אַ דעלעגאַציע פונם „נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט", וואָס האָט מיר פאָרגעשלאָגן צו באַשטימען אַ שטאַטס-סעקרעטאַר אָדער אינגאַנצן זיך אָפּצואָגן פונם יידישן מיניסטעריום און געבן במקום דעם געוויסע רעכט דעם באַשטייענדן „נאַציאָנאַלען סעקרעטאַריאַט". אין דער שפּיץ פון דער דעלעגאַציע איז געשטאַנען איינער אַן אינזשענער מיט זעהר אַ שיינער גרויער באָרד. ס'איז מיר זיין פאַמיליע גראָד אַרויסגעפלויגן פונם זכרון".

— „טיאָמקין" — האָב איך אונטערגעזאָגט.

— „יאָ, טיאָמקין", — האָט פאָרגעזעצט ווינטשענקאָ. — „זייער הויפּט-אַרגומענט איז געווען, אַז די ציוניסטן האָבן אַ גרויסן זכות ביי דער אַנטאַנט, און אויב מיר וועלן זיי איגנאָרירן אין אונזער אינערליכער פּאָליטיק וועט די אַנטאַנט זיין אויף אונז שטאַרק ברוגז. להיפך אויב מיר וועלן יע נאָכגעבן זייערע ווינשן בנוגע דעם שטאַטס-סעקרעטאַריאַט וועלן זיי ברענגען אונז אַ באַדייטנדן נוצן אין דער אויסערליכער פּאָליטיק, העלפנדיג אונז צו קומען צו אַ הסכם מיט דער אַנטאַנט".

ביי די דאָזיגע ווערטער האָב איך זיך דערמאָנט אָן אַ מעלדונג, וואָס איז מיט אַ פּאָר טעג פריהער געווען אָפּגעדרוקט אין „נייער צייט" — וועגן אַן יידישער „נאַציאָנאַלער" דעלעגאַציע, וואָס פאָרט אַרויס מיט אַ דיפּלאָמאַטישער מיסיע קיין אַדעס (וואו ס'איז געווען די הויפּט-קוואַרטיר פון דער אַנטאַנט). — די דאָזיגע מעלדונג איז מצד דעם נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט שפּעטער אָפּגעלייקנט געוואָרן; די הכחשה איז אָבער ערשינען ניט תיכף, נאָר ערשט דעם 9-טן יאַנואַר, גראָד אין דעם טאָג, ווען די פועלי-ציוניסטישע קאַנדידאַטור איז באַשטעטיגט געוואָרן.

— „נו, און וואָס האָט איר זיי אויף דעם געענטפערט?"

— „כ'האָב געענטפערט, אַז מיר קאָנען ניט בייטן די אַלגעמיינע ליניע פון אונזער פּאָליטיק אפילו צוליב אַזעלכע צוציענדע פאָרשלאָגן. אגב האָב איך זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער פאַקט, וואָס אין די רעגירונג טרעט אַריין גראָד אַ פועלי-ציוניסט, איז פאַר זיי אַ גאַראַנטיע, אַז זייער אינטערעסן וועלן דאָך ניט זיין לגמרי איגנאָרירט. די פועלי-ציוניסטישע פּאַרטיי איז דאָך ניט נאָר סאָציאַליסטיש, נאָר אויך ציוניס-

טיש, און איר קאַמף קעגן דער ציוניסטישער בורזשואַזיע וועט דעריבער קיינמאָל ניט אָנגעמען אַזעלכע ברוטאַלע פאָרמען, ווי דאָס וואָלט מעגליך געווען בײַם בונד. כ׳האָב זיי אויסגעדריקט מיין איבערצייגונג, אַז דער פועלי־ציוניסטישער מיניסטער וועט שטרעבן אָפּצוברעכן די שאַרפע שפּיצן אומעטום, ווי דאָס וועט ניט פאַרלאַנגען פון אים קיין קרבנות פון אַל־געמיינער וועלט־אָנשויאונג. בין איך אין דעם פּרט גערעכט געווען?

— „יאָ, לחלוטין“, — האָב איך אויף דעם געענטפערט.

אין דעם מאָמענט איז אין קאַבינעט אַריין אַ מענש מיט אַ גרויסער שוואַרצער באָרד און מיט טונקעלע ברילן אויף דער נאָז. דאָס איז געווען קראַסקאָווסקי, דער דירעקטאָר פון דער קאַנצעלאַריע ביי דער דירעקטאָריע. אין זיינע הענט איז געווען דער טעקסט פונם געפאָדערטן אויפרוף.

כ׳האָב איבערגעלייענט דעם אויפרוף, אונטער וועלכן ס׳זיינען שוין געשטאַנען די אייגנהענטיקע חתימות פון אַלע מיטגלידער פון דער די־רעקטאָריע, און האָב גלייך באַמערקט:

— „דער צווייטער טייל פונם אויפרוף איז געפערליך. ער שטעלט אויף אַן אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג צווישן דעם קאַמף פון דער דירעקטאָריע קעגן פּאָגראָמען און דעם קאַמף פון דער יידישער געזעלשאַפט קעגן מלוכה־צעשטערנדע טענדענצן. ער לאָזט איבער אַ ברייטן לאָך פאַר דער פּאָגראָמען־אידעאָלאָגיע אונטער דעם תרוץ, אַז יידן באַקעמפן ניט גענוג ענערגיש זייערע אוקראַינאַ־פיינטליכע פאָלקס־מיטגלידער. ס׳וואָלט געווען דרינגנד נויטיק, אַז דער גאַנצער צווייטער טייל פונם אויפרוף, וואָס האַלט אין זיך אַ ווענדונג צו דער יידישער געזעלשאַפטליכקייט, זאָל אינ־גאַנצן אָפּגעמעקט ווערן“.

— „דאָס איז לחלוטין אוממעגליך“, האָט אויף דעם געענטפערט ווינישענקאָ. „כ׳וועל דאָס בשום אופן ניט קאָנען פועלן ביי מיינע חברים אין דער דירעקטאָריע. און חוץ דעם באַהויפּט איך קאַטעגאָריש, אַז דער צווייטער טייל פון דעם אויפרוף האָט ניט אָביעקטיוו גענומען דעם זין, וועלכן איר האָט נאָר־וואָס אין אים אַריינגעלייגט. על־כל־פנים פאַרזיכער איך אייך, אַז קיין איינער פון די מיטגלידער פון דער דירעק־טאָריע האָט ניט אַריינגעלייגט אין די פּאָר שורות דעם זין וועלכן איר געפינט אין אים. כ׳פאַרשטיי גאַנץ גוט די עמפּפינדליכקייט פון דער

יידישער עפנטליכער מיינונג צו אַליין, וואָס האָט צו טון מיט פּאָגראָמען, אָבער דאָס איז אַלנפאַלס ניט קיין גרונד, כדי אַריינצולייגן אין אויפרופן פון דער דירעקטאָריע כוונות, וואָס זיינען הימלס־ווייט פון זייער אמתן אָביעקטיוון מיין".

— „און וואָס איז געווען די א מ ת ע כוונה ביי דער צונויפשטעלונג פונם צווייטן טייל פונם אויפרוף?"

אין דעם טאָן פון מיין פראַגע איז געווען באַהאַלטן אַ געוויסער מיסטרוי.

— „טראַכט זיך אַריין אין דער פּסיכאָלאָגיע פון אונזער סאָלדאַט! איר ווייסט דאָך, אַז אין די אַרמיע דרינגען אַריין אין אַ אַלץ גרעסערער צאָל רעאַקציאָנערע עלעמענטן, וואָס פירן דאָרט אָן אַן אינטענסיווע אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע. זיי האָבן דערמיט בדעה ניט נאָר זיך נוקם זיין אָן יידן, נאָר אויך אונטערצוגראָבן די יסודות פון דער אוקראַינישער סאָציאַליסטישער מאַכט ווען מיר זאָלן ביי אַזאַ אַגיטאַציע זאָגן אונזער סאָלדאַט, אַז ער זאָל ניט טשעפּן יידן, ווייל דאָס איז אַ חרפה פאַר אונזער אַרמיע, ווייל דאָס איז אוממענשליך א. א. וו., וועט ער גלייך אונטערן איינפלוס פון דער דאָזיגער אַגיטאַציע פרעגן, ווי קאָן מען יידן פאַרטיידיגן, בעת זיי זיינען דאָך אַנאַרכיסטן און פאַרביסענע שונאים פון דער אוקראַינישער מלוכה. אויב מיר וועלן אויף די דאָזיגע פראַגע, וואָס וועט במילא אנטשטיין אַדאַנק דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, ניט געבן קיין תשובה גלייך אינם זעלבן אויפרוף, וועט דער דורכשניטליכער סאָלדאַט אין דער איצטיגער גרויזאַמער צייט גאָר ווייניג נתפעל זיין פון אונזערע הומאַניטאַרישע געפילן".

וויניטשענקאָ איז אַנטשוויגן געוואָרן אויף אַ ווייל, ווי קלייבנדיג זיך מיט די געדאַנקען, און האָט גלייך נאָכדעם פאָרגעזעצט:

— „איר לעבט מיט אייערע געדאַנקען אין אַ גאַנץ אַנדערע תקופה, אויב איר מיינט, אַז מען קאָן אָפּהאַלטן די מאַסע פון גוואַלד־אַקטן דורך בלויזע פרעדיגטען פון הומאַניטעט און דראָהונג מיט שטראָף. הומאַניטעט איז איצט ניט אין מאָדע, און פאַר אונזער שטראָף האָט מען אויך ניט פיל מורא, בפרט ווען עס האַנדלט זיך וועגן מענשן, וואָס קוקן שוין דאָס פינפטע יאָר דעם טויט אין די אויגן און האָבן דורכגעמאַכט אַלע מרידי־גיהנום פון דער וועלט־מלחמה און בירגער־קריג. מיר

מוזן קודם־כל באַווייזן אונזער מאַסע, אַז פּאָגראָמען זיינען נ י ט ־ צ ו ו ע ק־מ ע ס י ג, אַז זיי זיינען שעדליך פאַר אירע אייגענע אינטערעסן. אָט דאָס איז דער לייט־מאָטיוו פונם אויפרוף. דעריבער שטרייכן מיר אין זיין ערשטן טייל אונטער, אַז פּאָגראָמען ווערן געפּרעדיגט דורך העטמאַ־נישע פּראָוואָקאַטאָרן, וואָס ווילן דערמיט דיסקרעדיטירן די אוקראַינישע באַוועגונג און צוריק אויפשטעלן די שליטה פון פּריצים און קאַפּיטאַ־ליסטן. דעריבער רעכנען מיר זיך אויך אין זיין צווייטן טייל פאַר־אויס מיט דער פראַגע וועגן יידישן מלוכה־פּאַרראַט און יידישן אַנאַר־כאָ־באָלשעוויזם. מיר מיידן די פראַגע ניט אויס און געבן אויף איר די תשובה, אַז בכלל זיינען יידן ניט קיין מלוכה־פאַררעטער און ניט קיין אַנאַרכיסטן, און אויב צווישן זיי זיינען פאַראַן אַזעלכע, וועלן זיי אַליין קעמפן קעגן זיי. אָט דאָס האָבן מיר געהאַט אין זינען ביים צונויפ־שטעלן פון דער דעקלאַראַציע, און אויב איר וועט נעמען אין אָנבאַטראַכט בלויז איר אָביעקטיוון זין, וועט איר מוזן מודה זיין, אַז גראָד דער צווייטער טייל, וועלכן איר באַטראַכט פאַר שעדליך, קאָן ברענגען דעם גרעסטן קאָנקרעטן נוצן ביים קאַמף קעגן דער פּאָגראָם אַגיטאַציע אין דער ארמעע".

כ'האָב ווידער גענומען דעם אויפרוף אין די הענט און אויפמערק־זאַם דורכגעלייענט זיין צווייטן טייל. ער האָט געלויטעט:

„די יידן אָבער רופט די דירעקטאָריע אויסצופילן אָרנטליך און אויפריכטיג די פליכטן פון בירגער פון דער אוקראַינישער פאָלקס־רע־פּובליק און אָפּשטעלן די פון זייערע פאָלקס־מיטגלידער, וואָס העלפן די פיינט פונם אוקראַינישן פאָלק צי זיי רופן זיך באָלשעוויקעס, צי קאָמוניסטן, צי פּראָטאָפּיסן *)".

איבער די דאָזיגע מיט מאַשינען־שריפט געשריבענע שורות זיינען שוין געווען אַ פּאָר קליינע אויסבעסערונגען, וואָס האָבן געהאַט זעהט אויס דעם צוועק אָפּשוואַכן דעם אומאַנגענעמען איינדרוק, וועלכן אַזאַ אויפ־

*) אָ נ מ ע ר ק ו נ ג : „פּראָטאָפּיס" איז געווען אַ גרויס־קאַפּיטאַליס־טישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך געשאַפן אויף אוקראַינע בעתן העטמאַן מיט אויסגעשפּראָכענע רעאַקציאָנערע און גרויס־רוסישע טענדענצן. דער נאָמען איז צונויפגעשטעלט פון ראשי־תבות: פּראָמישלענאָסט, טאָרגאָוולאַ, פינאַנסי (אינדוסטריע, האַנדל, פינאַנצן).

רוף וועט מאַכן אויף די ייִדישע באַפעלקערונג. דאָס וואָרט „פּראָ־טאָפּים", איז אויף וויפל כ'דערמאָן זיך, אויסגעשטראָכן געוואָרן נאָך פאַר מיין אַריינמישונג: ס'האָט באמת גאָרניט צו טון געהאַט מיט דער פּאָליטישער לאַגע, וואָס האָט זיך געשטעלט אין לאַנד. חוץ דעם זיינען צום אויפרוף נאָכן וואָרט „קאָמוניסטן" צוגעשריבן געוואָרן מיט דער האַנט פאָלגנדע ווערטער: „ווייל זיי געבן די העטמאַנצעס און פּראָ־וואָקאַטאָרן דעם יסוד צו אַגיטאַציע קעגן דאָס גאַנצע ייִדנטום".

ניט קוקנדיג אויף די דאָזיגע פּאָר אויסבעסערונגען, האָט אויף מיר דער דאָזיגער טייל ווידער געמאַכט אַ געגאַטיוון איינדרוק און כ'האָב אָנ־געוויזן ווינישעוקאָן אויף אַ פּאָר אַרגומענטן, וואָס רעדן לטובת מיין אויספּאַסונג.

דער פּאָרזיצער פון דער דירעקטאָריע איז עטוואָס אומגעדולדיג געוואָרן און געענטפערט:

— „ס'איז אַלענפאַלס אוממיגליך, אַז אַן אויפרוף, וואָס איז שוין אונטערגעחתמעט דורך אַלע מיטגלידער פון דער דירעקטאָריע, זאָל דורך אונז ווידער צוריקגעצויגן ווערן. אָבער רעדאַקציאָנעלע שנויים קאָן מען דאָך אַריינטראָגן. וואָס פאַר אַ פראַגע איז לויט אייער מיינונג די געפערליכסטע?"

איך האָב אָנגעוויזן בעיקר אויף די ווערטער וועגן „אָרנטליך און אויפריכטיג אויסצושפּילן די פליכטן", וואָס מאַכן דעם איינדרוק פון אַ קאָנקרעטער באַשולדיגונג קעגן דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק. דערנאָך האָב איך פאַרלאַנגט, אַז ס'זאָל לכל־הפּחות אָנגעוויזן ווערן, אַז דאָס ייִדישע פאָלק, אַלס אַ גאַנצע, איז לאָיאַל צו דער אוקראַינישער פאָלקס־רעפּובליק און קאָן בשום אופן ניט געמאַכט ווערן פאַראַנטוואָרטליך פאַר די טאַטן פון זיינע איינצלנע מיטגלידער.

ווינישעוקאָ האָט אָנגעהויבן אין מיין אנוועזנהייט אויסצובעסערן דעם אויפרוף אינם דאָזיגן זין און נאָך עטליכע מינוטן האָט זיין צווייטער טייל באַקומען פאָלגנדע צורה:

„דאָס גאַנצע דעמאָקראַטישע ייִדנטום ווערט אָבער פון דער דירעק־טאָריע גערופן ענערגיש צו קעמפן אַ קעגן יענע איינצלנע אַנאַרכאָ־באָלשעוויסטישע מיטגלידער פון דער ייִדישער נאַציע, וואָס טרעטן אויף קעגן דעם אַרבעטנדן פאָלק פון אוקראַינע און איר שטאַטליכקייט, ווייל

די דאָזיגע עלעמענטן גיבן די העטמאַנצעס און פּראָוואָקאַטאָרן דעם תּירוץ צו פירן אַ דעמאַגאָגישע און שעדליכע אַגיטאַציע קעגן דאָס גאַנצע יידנטום, וואָס האָט צום באָלשעוויזם קיין שייכות ניט, און שלעפּט אַריין די אוקראַינער, די געטרייע פאַרטיידיגער פון יעדן אַרבעטנדן פאָלק אין אַ שווערע מיספאַרשטייעניש מיט דער ניט אַנאַרכאָ־באָלשעוויסטישער און דער אוקראַינישער שטאַטליכקייט געטרייער יידישער דעמאָקראַטיע".

— „נו, איצט איז דאָס בעסער? האָט געפרעגט ווינישענקאָ.

כ'האָב ווידער אַמאָל דורכגעלייענט דעם פאַרריכטעטן טעקסט פון די געפערליכע פאָר פראַזן און געוואָלט דורכזוען נאָך אַן אויסבעסערונג, וואָס וואָלט ממשותדיג אָפּגעבראָכן זיין שאַרפע שפּיץ. קודם־כל האָב איך געוואָלט דערגרייכן אַז די ווערטער וועגן דער „געטריישאַפט פון דער יידישער דעמאָקראַטיע צו דער אוקראַינישער שטאַטליכקייט" זאָלן עטוואָס אויסגעברייטערט ווערן און אַנידערגעשטעלט ווערן אין אַ באַזונדערן בולטן זאַץ, אַלס אַ פאַקט. ווינישענקאָ האָט זיך שוין ווידער גענומען צו דער פעדער, אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך אַריינגעמישט דער דירעקטאָר פון דער קאַנצעלאַריע, וואָס איז אנוועזנד געווען בעת אונזער גאַנצן וויכוח און באַמערקט מיט אַן אונטערגעגעבנעם, אָבער דאָך זעהר אַ פעסטן טאָן:

— „זייט מיר שטאַרק מוחל, וואָלאָדימער קירילאָוויטש, אָבער כ'האַלט פאַר מיין חוב אייך אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַז מיר טאָרן בכלל ניט אַריינטראָגן שטיים און אַ דאָקומענט נאָך דעם, ווי אַלע מיטגלידער פון דער דירעקטאָריע האָבן אים שוין אונטערגעחתמעט".

— „נישטקשה, נישטקשה" — האָט אים באַרוהיגט ווינישענקאָ „די געמאַכטע שנויים נעם איך אויף מיין פערזענליכע אחריות. אָבער מער קאָן איך שוין באמת ניט".

די לעצטע פאָר ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרן, זיך ווענדנדיג צו מיר. קראַסקאָווסקי איז אַוועק.

כ'האָב זיך גלייך נאָכדעם אויך אויפגעהויבן און באַמערקט:

— „כ'שטרייך נאָכאַמאָל אונטער, אַז די געמאַכטע שנויים באַדייטן ניט פון מיין זייט קיין הסכם צו זיין אַלגעמיינעם טאָן. כ'האַלט פאַר מיין חוב צו קאָנסטאַטירן מיט דער גרעסטער אַנטשידנקייט, אַז זיין צווייטער טייל איז געפערליך, און ער וועט ברענגען פיל מער שאָדן, ווי

גוצן, און כ׳וואָלט איך דריגגענד געראטן אים ווידער אַמאָל צו באַטראַכטן אין דער דירעקטאָריע פריהער, ווי איר גיט אים איבער אין די עפנט־ליכקייט".

„כ׳וועל אַ טראַכט טון". האָט לאַקאָניש געענטפערט ווינישענקאָ.

מיר האָבן זיך געזעגנט.

שוין אין אַ שעה אַרום, פריהער ווי ווינישענקאָ האָט באַוויזן „אַ טראַכט צו טון", האָט די קאַנצעלאַריע פון דער דירעקטאָריע איבער־געגעבן די פאַרטרעטער פון דער פרעסע אויף צו פאַרעפנטליכן איבער־געשריבענע קאָפּיעס פונם אויפרוף. אויפן אַנדערן טאָג איז ער ער־שינען אין די בלעטער.

אויף דער יידישער באַפעלקערונג האָט די דעקלאַראַציע געמאַכט אַ נעגאַטיוון איינדרוק, כאָטש כ׳האַלט, אַז איר באַדייטונג איז בכלל אי־בערטריבן געווען. איך פערזענליך בין געווען שטאַרק פאַרביטערט און האָב אַפילו במשך אַ פּאָר שעה זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו דעמיסיאָנירן פריהער, ווי איך בין פּאַקטיש אַריינגעטראָטן אין מיין אַמט. כ׳האָב אָבער איינגעזעהן, אַז דאָס וואָלט געווען ניט־קאָנסעק־ווענט, בפרט נעמענדיג אין באַטראַכט, אַז כ׳האָב ווינישענקאָס אַר־גומענטן ניט געהאַלטן פאַר לחלוטין אויסגעזויגן פונם פינגער. כ׳האָב זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס דער אויפרוף פון דער דירעקטאָריע איז פּאַק־טיש כמעט ניט פאַרשפּרייט געוואָרן אין דער אַרמעע. פאַר דער אַרמעע גופא איז אין דעם שטאַב פונם באַלאַגערונגס־קאָרפּוס, וואָס איז געווען די פּאַקטישע מיליטער־פאַרוואַלטונג פונם לאַנד, צונויפגעשטעלט גע־וואָרן גאָר אַן אַנדער אויפרוף אין פאָרם פון אַ באַפעל, אונטערגעשריבן דורך דעם אָנפירער פונם שטאַב, אַטאַמאַן מעלניק. דער דאָזיגער באַפעל איז געווען קורצער און איינדייטיגער, אָהן איבעריגע חכמות און פּשטלאַך. ער איז פאַרעפנטליכט געוואָרן אין צוויי טעג נאָכן אויפ־רוף פון דער דירעקטאָריע. אָט איז זיין טעקסט:

„היות ווי די געזעצליכע אָרגאַנען פירן אַן אנטשיידענדן קאַמף קעגן די אינערליכע שונאים פון דער אוקראַינישער פאָלקס־רעפּובליק, באַ־פעל איך אַלע געזעלשאַפטליכע און מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס צו קעמפן קעגן הויז־רובונגען אויף איינענער אחריות, אַרעסטן און דער־

שיסונגען, וועלכע ווערן מצד די פיינט פון דער אוקר. פאָלקס-רעפובליק אויסגענוצט צוליב פראָוואָקאַטאָרישע צוועקן.

די שולדיגע וועל איך אומברחמנותדיג איבערגעבן דעם מיליטערישן פעלד-געריכט, כדי צו באַשטראָפן זיי אויפן שרענגסטן אופן.

„דאָס אוקראַאינישע פאָלק האָט געפירט אַ שווערן קאַמף פאַר זיין זעלבסטשטענדיגקייט און פרייהייט און מוז דעריבער זיך באַציהען מיט גרויסער אַכטונג און ליבע צו דער פרייהייט פון אַנדערע פעלקער. דעריבער וועל איך אַנטשיידן פאַרפאָלגן יענע פראָוואָקאַטאָרן, וואָס פאַרשפרייטן קלאַנגען, אַז ס'זיינען מעגליך יידישע פאָגראָמען אָדער וואָס רופן צו זיי, און וועל רופן צו מיליטערישן פעלדגעריכט אַלע פאַרברעכער קעגן דער אוקראַאינישער פאָלקס-רעפובליק.

„פאַר איינגעמעכטיגע הויז-זוכונגען זיינען שוין דערשאָסן די קאַזאַקן: מיכאַאיל באָלאָטני און ניקאָליי איוואַנאָוו. פאַר פאָגראָם-אַגיטאַציע זיינען דערשאָסן: סטאַניסלאַוו פאָלאַנסקי און ניקאַנאָר סאַוועליעוו“.

כ'האָב דעם דאָזיגן סטיליסטיש-ערגערן אָבער דאָך ווירקזאַמערן באַפעל באַטראַכט אַלס אַ מין קאָמפּענסאַציע פאַרן אויפרוף פון דער דירעקטאָריע, נאָך מער, וואָס אַ באַפעל, וואָס ווערט דורכגעלייענט אין יעדן באַטאַליאָן און אין יעדער ראָטע האָט אַ גרעסערן פראַקטישן ווערט, איידער אַ צעשוואומענער אויפרוף, וואָס ווערט אָפּגעדרוקט אין בלעטער, וואָס האָבן ביים דעמאָלסטיגן צושטאַנד פון די באַנען אַ גאַנץ קנאַפע פאַרשפּרייטונג אויסערהאַלב קיעוו.

כ'האָב דעריבער אָפּגעלאָזט דעם געדאַנק וועגן באַלדיגער דעמיסיע און זיך מיט דאָפּעלטער ענערגיע גענומען צו דער לויפנדער אַרבעט.

XVIII. אויף די שפּורן פון די זשיטאָמירער פּאָגראָמשטשיקעס

דער באַזוך פון ליפּעץ־גאָלדפאַרב־פּעטראָווסקי. — זיין באַריכט וועגן באַרדיטשעוו און זשיטאָמיר. — די הויפּט־סכּנה. — ביים דירעקטן דראָט. — מיין באַזוך ביי דער דירעקטאָריע. — שווען, אַנדריעווסקי, מאַקאַרענקאָ. — ווי זיינען זיי אַהין אַריינגעקומען? — פּעטלורע וועגן פּאַליענקאָ און אסקילקאָ. — אַלגעמיינער רושם.

ווען איך האָב זיך אומגעקערט פונם פּאַלאַץ פון דער דירעקטאָריע אין פּועלי־ציוניסטישן ביוראָ, וואו ס'האָט זיך איינגעאָרדענט צייטווייליג דאָס יידישע מיניסטעריום ביז מ'וועט געפינען פאַר אים אַ פּאַסנדע דירה, האט דאָרט שוין אויף מיר געוואַרט דער פּאָרזיצער פון דער באַרדיטשעווער קהילה — גלייכצייטיג אויך דער באַרדיטשעווער שטאָט־גאָלאָוואַ דוד ליפּעץ, א באַקאַנטער בונדישער טוער, וואָס פלעגט אין אמעריקא אויפטרעטן אונטערן נאמען דר. מאַקס גאָלדפאַרב; איצט פאַרנעמט ער אונטערן נאָמען פּעטראָווסקי אַן אָנגעזעהענעם אַדמיניסטראַטיוון פּאָסטן אין דער סאָוועט־רעגירונג, וואו ער איז דער אָנפירער פון „גובוז" (הויפּט־פאַרוואַלטונג פון די מיליטערישע לערן־אַנשטאַלטן). ליפּעץ איז בעתן פּאָגראָם געווען אין באַרדיטשעוו, וואו ער איז אין משך פון עטליכע מינוט געווען אין א טויט־סכּנה: מע האָט אים שיער ניט דערשאָסן. ער איז געקומען קיין קיעוו אין אויפטראָג פון דער קהילה, כּדי אַרויסצובאַקומען פון דער רעגירונג הילף פאַר די געליטענע און אַ שטראָף פאַר די שולדיגע. ער האָט מיר דערציילט, אז אין באַרדיטשעוו זיינען די הריגות פאָרגעקומען כמעט אויסשליסליך אויפן וואקזאל, אז די שטאָט גופא איז אָפּגעקומען בערך גרינג — בלויז מיט

עטליכע שווער פאַרוואונדעטע און מיט אַ פּאָר צעהנדליגג צעשלאָגענע; די רויבער פון די קלייטן האָבן זיך באַשרענקט מיט איין נאַס. געמאַכט האָבן דעם פּאָגראָם קאָזאַקן פון אַ ספּעציעלער מיליטערישער אָפּטיילונג, וואָס איז דורכגעפאָרן דעמאָלט דורך באַרדיטשעוו. זי האָט זיך אנגערופן „קורען סמערטי“ (טויט־באַטאַליאָן) און איז געשטאַנען אונטער דער אָנפירונג פון אַ געוויסן פּאָלקאָווניק פּאַליענקאָ. דער דאָזיגער פּאַליענקא האָט, זעהט אויס, דערמונטערט די העלדענטאַטן פון זיינע סאָלדאַטן, אָדער, לכל הפּחות, מיט גאָרניט נישט אַרויסגעטראָטן קעגן זיי. וואָס איז נוגע דער אָרטיגער מיליטערישער מאַכט, בראש פון וועלכער ס'איז געשטאַנען פּאָלקאָווניק אָסקילקאָ, האָט זי זיך אין פּאָגראָם ניט באַטייליגט, זי האָט אָבער ניט געהאַט קיין פּאַקטישע מאַכט, כדי אים אָפּצושטעלן.

אגב, שפּעטער, שוין זייענדיג אין ווינניצע, איז מיר אויסגעקומען צו הערן פון ליפּעצעס שוועסטער, פּאַניע נירנבערג,—אויך אַ באַקאַנטע בונדישע טוערין—אַ נאָך ענערגישערע פּאַרטיידיגונג פון אָסקילקאָ. זי האָט געזאָגט, אַז זיי, ד. ה. זי און איר ברודער, קענען אָסקילקאָן פון דער בעסטער זייט, אַלס אַן „אויפריכטיגן סאָציאַליסט“, און אַז זיי זיינען געשטאַנען מיט אים פון לאַנג אין די פריינטליכסטע באַציהונגען. ס'האָט מיך דעריבער זעהר געוואונדערט, ווען מע האָט מיר מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער דערציילט וועגן שווערע גוואַלדטאַטן פונם זעלבן אָסקילקאָ קעגן דער יידישער באַפעלקערונג אין ראָוונע. היות, ווי איך האָב ניט געקאָנט דערגיין, וואו ס'ליגט דער אמת, האָב איך ניט געוואוסט איבער וואָס זיך צו וואונדערן, צי איבער דער איבערטרייבונג פון די ראָוונער ידיעות, צי איבערן לייכטזיניגן צוטרוי פון דער פאַמיליע ליפּעץ *)...

וועגן זשיטאָמיר האָט ליפּעץ געהאַט קאַרגע ידיעות. קיין פּרטים וועגן די דאָרטיגע געשעהענישן ווייסט ער ניט, ווייל די וואקזאלן אין

*) שפּעטער האָט זיך אַטאַמאַן אסקילקא קלאָר אַרויסגעוויזן, אַלס אַ טיפּישער פאָרשטייער פון די רעאַקציאָנערע אוקראַינישע מיליטערישע קרייזן; אין אַפּריל 1919 האָט ער געפּרואווט מאַכן אין ראָוונע, וואו די אוקראַאינישע רעגירונג האָט זיך דאַן געפונען, אַן איבערקערעניש לטובת די „סאַמאָסטיניקעס“. אונטער זיין מיליטערישער אָנפירונג אין ראָוונע האָט דאָרט געהערשט אַ שרעקליכער פּאָליטישער טעראָר. איינער פון זיינע מיטהעלפער איז געווען דער שעף פון

ביידע שטעט זיינען נאָך באַזעצט דורך די רוצחים, און יידן האָבן מורא צו פאָרן אויפן דאָזיגן וועג. ער ווייסט בלויז, אַז די לאַגע איז דאָרט פיל ערגער, ווי אין באַרדיטשעוו. ס'זיינען דאָרט דאָ ביז 100 טויטע, און די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג איז צעראַבעוועט און רואינירט.

דער הויפט מאָטיוו פון ליפעצעס נסיעה קיין קיעוו איז געווען די אומזיכערקייט, וואָס האָט געהערשט אין באַרדיטשעוו וועגן די נאָהענטע טעג. ס'האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען, אַז אין צעהן טעג אַרום דאַרף ווידער זיין אַ פאָגראָם, דאָס מאָל אין אַ גרעסערער פאָרם, לויטן „זשיטאָמירער שניט“. לויט דאָרטיגע ידיעות, האָט דער באַטאַליאָן פון פאַליענקא שוין פאַרלאָזט זשיטאָמיר, מע האָט אָבער ניט געוואוסט וואוהין ער איז אַוועק. פון איינצעלנע סאָלדאַטן האָט מען געהערט, אַז זיי פאָרן קיין סאַרני-ראָוונע, כדי דאָרט זיך נוקם זיין אָן יידן און באָלשעוויקעס. פון דער אַנדער זייט האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען, אַז זיי קערן זיך אום קיין באַרדיטשעוו, כדי צו פאַרענדיגן די אַרבעט, וועלכע זיי האָבן מפסיק געווען. ס'איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס ביי דער דאָזיגער לאַגע איז די גאַנצע סביבה פון זשיטאָמיר געווען אין גרויסן שרעק. די סכנה איז געווען, אַז דער „טויט-באַטאַליאָן“ פון פאַליענקא וועט ווערן אַ מין וואַנדערנדער פאָגראָם-חייל, וואָס וועט גאַסטראָלירן פון שטאָט צו שטאָט, אויסניצנדיג די מאַכטלאָזיגקייט און אָפטמאָל אויך דעם פריינטליכן נייטראַליטעט פון דער אָרטיגער מאַכט. די דאָזיגע סכנה איז געווען זעהר ערנסט און מיט איר האָט מען זיך געמוזט באַשעפטיגן פריהער פאַר אַלץ, אַפילו נאָך פאַר אַלע אויספאָרשונגען פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען, און פאַר הילף די געליטענע.

„קאָנטער-ראַזוועדקע“ דער באַוואוסטער שאַפולא, וואָס האָט מיט זיינע גרויזאַמקייטן געוואָרפן אַן אימה אויף אַלעמען, באַזונדערס אויף יידן.

נאָך שפעטער, בעת די לעצטע וואַלן צום פוילישן סיים (סוף 1922) איז אָסקילקא ווידער אַרויסגעטראָטן פאָליטיש, אַלס אַן אַגענט פון דער פוילישער מאַכט אין וואָלין, וואָס האָט געפרואווט מיט דער הילף פון אַנטיסעמיטישער פראָפאַגאַנדאַ אָפשטופן די וואָלינער אוקראַאינישע פויערים פונם בלאָק מיט יידן („מינדערהייטס-בלאָק“). ער האָט אָבער צום גליק ניט געהאַט קיין קלענסטען ערפאָלג.

איך בין דעריבער צוזאַמען מיט ליפּעצן קודם כל אַוועק אויפן הויפּט-טעלעגראַף, כדי זיך דורכצורעדן דורכן דירעקטן דראָט מיט די צוויי געליטענע שטעט און אויסזוכן די שפּורן פונם געפערליכן באַטאַליאָן. דאָרט האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף שוועריקייטן: די טעלעגראַף-באַאַמטע האָבן ניט געוואָלט אונז צולאָזן צום דירעקטן דראָט, טענהדיג, אַז ס'איז ווענין, וואָס איך בין אַ מיניסטער; כּדי צו באַניצן זיך מיטן דירעקטן דראָט·מוז איך האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פונם פּאָסט-מיניסטער. אָבער נאָך אַ פּאָר ענערגישע ווערטער איז דער וועג געוואָרן פריי.

פון באַרדיטשעוו האָבן מיר ארויסגערופן צום דירעקטן דראָט דעם געהילף פון שטאָט-גאָלאָוואַ סאָלאָדאַר (אַ ייד) און דעם אויעזד-קאָמיסאַר מיסיאַטשענקאָ (אַן אוקראַינער). זיי האָבן אונז געענטפערט, אַז אין שטאָט איז רוהיג, אָבער אויפן וואָקזאַל איז נאָך קיין זיכערקייט ניטאָ. אין שטאָט גייען אַרום קלאַנגען וועגן אַ קומענדן, נאָך גרעסערן פּאָגראָם, וואָס גרייט זיך בערך אויפן צוואַנציגסטן יאַנואַר. די קלאַנגען באַקומען אַ פּסיכאָלאָגישן יסוד מיט דער אַנטוואָפענונג פון דער שטאָטישער מיליציע, וואָס איז דאָך זיכערער, איידער דער מיליטערישער ערב-רב. אויף דער פראַגע, צי זיינען שוין די קערפּערס פון די דערשאָסענע אויף דער סטאַנציע ארויסגעגעבן געוואָרן דער יידישער קהלה, האָבן מיר באַקומען אַ פּאָזיטיווע תשובה. צום סוף פונם געשפּרעך האָט מען אונז מודיע געווען, אַז דער פּאָוויטאָווער פויערים-צוזאַמענפאָר, וואָס קומט פאָר אין באַרדיטשעוו, האָט אַרויסגעטראָגן אַ שאַרפע פּראָטעסט-רעזאָלוציע קעגן פּאָגראָמען, וואָס זיינען מסוגל צו באַגראָבן די רעוואָלוציע און צוריק אויפשטעלן די מאַכט פון די הערשנדע קלאַסן. פון מיין זייט האָב איך פאַרלאַנגט פון די אָרטיגע פאָרשטייער פון דער מאַכט אַן ענערגישן קאַמף קעגן דער מעגליכקייט פון אַ נייעם פּאָגראָם און מודיע געווען, אַז די דירעקטאָריע איז אַנטשלאָסן זיי צו העלפן אין דער דאָזיגער ריכטונג מיט אַלע כּוחות.

ווי איך האָב זיך דערוואוסט מיט עטליכע טעג שפּעטער, איז דער דאָזיגער געשפּרעך, לויט זיין סטענאָגראַפישן נוסח אויפן טעלעגראַף באַלד איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער אָרטיגער פּרעסע. ער האָט פון איין זייט געמאַכט אויף דער באַפעלקערונג אַ בּערוהיגנדן איינדרוק

און פון דער אַנדער זייט צוגעגעבן פרישן מוט די אָרענטליכערע עלע־מענטן צווישן דער אוקראַינישער אַדמיניסטראַציע, וואָס האָבן לכתחילה פולשטענדיג פּאַרלוירן דעם קאָפּ און געלאָזן די פּאָגראָמשטשיקעס פרייע הענט.

פון זשיטאָמיר האָט גערעדט מיט אונז דער העכסטער פאָרשטייער פון דער דאָרטינער ציווילער מאַכט, דער גובערניאַלער קאָמיסאַר סומנעוויטש. ער האָט באַשטעטיגט, אַז דער היזק איז באמת זעהר אַ גרויסער און אַז די צאָל פון די הרוגים דערגרייכט ביז 90. ער האָט געטענהט, אַז אַלס פאָרשטייער פון ציווילער מאַכט איז ער גע־ווען מאַכטלאָז בנוגע דעם באַוואָפנטן אומדיסציפּלינירטן כוח פונם „טויט־באַטאַליאָן”, אָבער איצט, ווען די פּאָגראָמשטשיקעס זיינען אַוועק און ס׳זיינען אָנגעקומען אין שטאָט אַ פּאָר הונדערט גאַליצישע סאָלדאַטן, גאַראַנטירט ער פולשטענדיג פאַר דער ווייטערדיגער אָרדענונג. אויף אונזער עיקרדיגער פראַגע, וואוהין דער „טויט־באַטאַליאָן” איז אוועק, האָבן מיר פון אים קיין קלאָרע תשובה ניט געקאנט באַקומען; ס׳שיינט, אַז ער אַליין איז וועגן דעם ניט געוועזן אינפאָרמירט. ערשט מיט עט־ליכע שעה שפּעטער בין איך דערגאַנגען דורך פאַרשיידענע טעלעגראַ־פישע אויספאָרשונגען, אַז דער פּאָגראָם־באַטאַליאָן האָט זיך צעטיילט אויף צוויי טיילן: איינער האָט זיך אומגעקערט קיין קיעוו און דער אַנדערער איז אַוועק אויף דער ליניע פון ראָוונע־סאַרנע. פאַרן ערשטן טייל האָב איך דערווייל קיין מורא ניט געהאַט: כל זמן ער איז אין קיעוו, וועט אים קאָנאָוואַלעץ (דער קאָמאַנדיר פונם פּאָלק פון די גאַ־ליצישע „סיטשעוויקעס” — דעם „באַלאַגערונגס־קאָרפּוס” אין קיעוו) ניט לאָזן דעם קאָפּ אויפהויבן. פאַר קאָנאָוואַלעצן בין איך דעמאָלט אין דעם פּרט געווען זיכער. האָט מען באַדאַרפט קודם כל ליקווידירן דעם אַנדערן טייל. צום גליק איז דאָ געקומען צו הילף אַ פערזענליכע שנאה צווישן פּאַליענקאָ און אָסקילקאָ. אויסניצנדיג די לאַגע, וואָס די כּוחות פון פּאַליענקאָ זיינען דורך דער שפּאַל־טונג אָפּגעשוואַכט געוואָרן און וואָס אָסקילקא האָט גראָד אין ראָוונע פאַרמאָגט אַ גרויסע מיליטערישע קראַפט, וואָס איז אים געווען גע־טריי, האָט אָסקילקא אַרעסטירט פּאַליענקאָן.

דערוואוסט וועגן דעם האָב איך זיך מיט אַ טאָג שפּעטער, בעת איך

האָב באַזוכט דעם פּאַלאַץ פון דער דירעקטאָריע מיטן צוועק אויפֿ־מערקזאַם צו מאַכן אויף דער סכּנה, וואָס דראָהט מצד פּאָליענקאָס באַ־טאַליאָן דער יידישער באַפעלקערונג אין וואָלין. דערביי האָב איך געהאַט אויך בדעה ארומצורעדן פאַרשיידענע שוץ־מיטלען קענן דער מעגליכקייט פון נייע פּאָגראָמען בכלל. נאָך דעם, ווי איך האָב גע־רעדט וועגן דער דאָזיגער טעמע אין משך פון עטליכע מינוט מיט ווינישענקאָן, אַלס דעם פּאָרזיצער פון דער דירעקטאָריע, האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן:

— וואָס טויג אייך רעדן וועגן דעם מיט מיר? מיך דאַרפט איר ניט איבערצייגן. רעדט זיך בעסער אַדורך מיט די אַנדערע מיטגלידער פון דער דירעקטאָריע.

און זאָגנדיג דאָס, האָט ער מיך אריינגעפירט אין אַ צימער, וואו ביים העל־ברענענדיגן קאַמין זיינען געזעסן און געשמועסט צווישן זיך די מיטגלידער פון דירעקטאָריע פּראָפּ. שוועץ, אַנדרייעווסקי און מאַקאַ־רענקאָ.

ביי אונזער אַריינקומען האָט זייער געשפּרעך זיך גלייך אָפּגעריסן און איך האָב באַקומען דאָס וואָרט. איך האָב אָנגעוויזן אויף צאָל־רייכע פאַלן פון גוואַלדטאַטן, וואָס קומען פאָר אין גאַנצן לאַנד, און פאַרלאַנגט ענערגישע שוץ־מיטלען מצד דער צענטראַלער מאַכט.

נאָך מיינע ערשטע ווערטער איז אַריינגעקומען אויך פּ ע ט ל ו ר ע. אָנגעטאָן איז ער געווען, קענן זיין שטענדיגן מנהג, אין אַ פּשוטן פרענטש, אָהן וועלכע ס׳איז בענדלעך און בלעכלעך. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים פייער און געהערט מיטן אויסדרוק פון פולשטענ־דיגער אַפּאַטיע. זיינע גרינליכע אויגן אויפן גלאַט־געגאָלטן, מערק־ווירדיגן, אלט־ווייבערשן פּנים, האָבן גאָר ניט אויסגעדריקט. מע האָט ניט געקאַנט קלאָר ווערן, צי איז דאָס אַן איינגעשטודירטע פּאָזע פון אַן אַקטיאָר, צי אַן אמתע גלייכגילטיגקייט צום ענין, וועגן וועלכן מע האָט גערעדט, אָדער צי איז דער מענש, וואָס איז נאָר וואָס געקומען פונם פראָנט, פּשוט פיזיש אויסגעמאַטערט און פאַרזונקען אין זיינע איינענע געדאַנקען. דער דאָזיגער געזיכטס־אויסדרוק פון אַ מומיע האָט מיך שטאַרק פאַרוואונדערט און אינערליך אויפגערעגט: איך האָב צום ערשטן מאָל געזעהן פאַר זיך פּעטלורען אין אַזאַ נאָהנטקייט, און מיין

ערשטער איינדרוק איז געווען אַ נעגאַטיווער. גלייכצייטיג האָב איך אָבער געפיהלט, אַז איך שטיי דאָ פאַר אַ געוויסער פסיכאָלאָגישער רעטעניש.

איך געדענק שוין ניט גענוי, וואָס איך האָב דעמאָלט גערעדט. איך האָב זיכער גערעדט ניט געלונגען. איך האָב געפיהלט אַ פאַרדראָס אויף ווינטשענקאָן, פאַרוואָס ער האָט מיך גענויט צו רעדן מיט זיינע חברים פון דער דירעקטאָריע. צו ווינטשענקאָן גופא האָט מען זיך שוין ווי ניט איז צוגעוועהנט: פאָרט געווען אַן אייגענער מענש. רעדן אָבער מיט פעטלורען, צו וועלכן מע האָט זיך אין סאָציאַליסטישע קרייזן שוין דעמאָלט באַצויגן מיט אַ גרויסן מיסטרוי, איז פסיכאָלאָגיש געווען פאַר מיר אַ שווערע אויפגאַבע. נאָך שווערער איז געווען צו רעדן מיט די דריי נולן, וועלכע זיינען צוליב אַ מערקווירדיגן קאַפריז פונם גורל ארויסגעטראָגן געוואָרן אויף די אויבערשטע כוואַליעס פונם צעבושעוועטן ים.

פונדעסטוועגן, היות ווי די דאָזיגע דריי פאַרשוינען איז פאָרט אויסגעקומען צו ענטשיידן איבערן גורל פון אַ גרויסן לאַנד און היות ווי איינער פון זיי האָט געהאַט, ווי כ'בין דאָס דערגאַנגען שפעטער, אַ גרויסע שייכות צו דער בלוטיגער טראַגעדיע פונם אוקראַאינישן יידנטום, — האַלט איך מיך פאַר מחויב צו געבן וועגן זיי אַ קורצע כאַראַקטעריסטיק, צו מאָלן זייערע בילדער, אַזוי ווי זיי האָבן זיך מיר פאָרגעשטעלט אין אונזערע פאָר פליכטיגע געשפרעכן...

פון די פערזאָנען, וואָס האָבן געבילדעט „די צווייטע גאַרניטור" פון דער דירעקטאָריע, פלעגט אַם מערסטן אַרויסטרעטן כלפי חוץ דער פ ר אָ פ ע ס אָ ר ש ו ו ע ץ. ס'איז געווען אַ הויכער בלאָנדער מענש אינם סוף פון די דרייסיגער יאָרן, וואָס האָט באַקומען זיין פראָפעסאָרטיטל צוליב די פאָרלעזונגען, וועלכע ער האָט געהאַלטן אינם נייעם אוקראַאינישן אוניווערסיטעט. כ'ווייס ניט וואָס איז זיין ו ו י ס נ ש אַ פ ט ל י כ ע ר ווערט; כ'האָב אַפילו ניט קיין באַגריף איבער וועלכן געגנשטאַנד ער האָט זיינע לעקציעס געלייענט. כ'ווייס אָבער, אַז פאָליטיש האָט ער ניט געהאַט קיין פעסטע צורה, ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס אָפיציעל איז ער געווען אַ מיטגליד פון די אוקראַאינישע ס. ר. — מען האָט אים במשך דעם ערשטן חודש פון דער דירעקטאָריע געהאַלטן

פאַר אַן אָנהענגער פון ווינטשענקאָס שטאַנדפונקט, כ'בין אָבער שטאַרק מסופק, צי האָט ווינטשענקאָ פון זיין זייט געפונען אַ באמת=ערנסטע שטיצע. בכלל איז דאָס געווען אַ צעקראָכענער, צעטראָגענער מענטש, פערזענליך אַ גוטמוטיגער און סימפּאַטישער, — מיט איין וואָרט, איינער פון די אינטעליגענטישע טיפּן, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר רוסלאַנד און אוקראַינאַ. צו פּאָגראָמען האָט ער זיך געוויס באַצויגן מיט אַן עקל, ער האָט אָבער אויף זיי געקוקט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט אַמאָל אין וויניצע, אַלס אויף שפּענדלאַך, וואָס מוזן פליהען, ווען מען האַקט דעם וואַלד. איבעריגנס פלעג זיך דער דאָזיגער קוק אָפט בייטן אין דער אָדער אַנדערער זייט אין צוזאַמענהאַנג מיט די השפּעות, אונטער וועלכע ער איז געשטאַנען, און מיט די ידיעות, וואָס מען פלעג אים צוטראָגן.

מ אַ ק אַ ר ע נ ק אָ איז געווען פאַר דער רעוואָלוציע אַ קאָנטראָלאָר אויף דער איזנבאַן און איז אַריינגעקומען אין די דירעקטאָריע אַלס פאָרשטייער פון די אוקראַינישע אייזנבאַנער, וועמענס שטיצע איז געווען אַזוי וויכטיג פאַרן ערפאָלג פונם אויפשטאַנד. פּאָליטיש איז ער געווען כמעט פאַרבלאָז, פיזיש — אַ שוואַכע, קליינע פיגור אין מיטן פון די דרייסיגער יאָרן, פערזענליך — אַ פריינטליכער מענש מיט גרויסן נאַטירליכן הומאָר, אַ גוטער אַנעקדאָטן=דערציילער. צי האָט ער געהאַט אַ וועלכע סאיז אינערליכע באַציהונג צו דער פּאָגראָמען=טראַגעדיע, און אויב יע, טאָ אין וואָס איז די דאָזיגע באַציהונג באַשטאַנען, — אויף דער פראַגע וואָלט איך עד=היום ניט געווען אימשטאַנד אויף זיכער צו ענטפערן. ניכער פון אַלץ איז די דאָזיגע גאַנצע ערשיינונג געלעגן אָן אַ זייט פון זיין אינטערעסן=קרייז.

אַ פיל באַשטימטערן איינדרוק האָט געמאַכט אויף מיר וו. מ. אַ נ ד ר י ע וו ס ק י. אַ יוריסט לויט זיין בילדונג, איז ער פאַר דער שאַפונג פון דער דירעקטאָריע, געווען אַ מיטגליד פון קיעווער קרייז=געריכט („אָקרוזשנאָי=סוד"). ניט קוקנדיג אויף אַזאַ סטאַזש, פלעג ער אָבער מאַכן אַ ווייניג אינטעליגענטן איינדרוק. שולדיג אין דעם איז אפשר די קרענק, פון וועלכער ער האָט געליטן: ער איז געווען אַ גרויסער חסיד פון אַ גוטער משקה. כל=זמן די דירעקטאָריע איז געווען אין קיעוו, וואו זי איז געווען אָפּגעשלאָסן פון דער אויסערליכער וועלט, איז דער דאָ=

זינער חסרון ווייניג באַקאַנט געווען כלפּי־חוץ, נאָך מער וואָס אויף זיצונגען פּלעג אַנדריעווסקי אדער בכּלל ניט קומען, אָדער זיין לחלוטין ניכטער. בעת אָבער די דירעקטאָריע איז אַריינגעקומען אינם וויניצער גלות, און אַנדריעווסקי האָט געמוזט, ווי אַ פּשוטער בשר־ודם, וואוינען אין אַ האָטעל, איז די דאָזיגע אָנגענעמע מידה, צוזאַמען מיט אַ פּאָר סקאַנדאַלעזע פרויען־געשיכטן, באַלד געוואָרן אַ טעמע פאַר כלערליי אַנעקדאָטן און לעגענדן... די לעגענדן האָבן אָנגענומען אַפּילו טיילווייז אַ פּאָליטישן כאַראַקטער: מען האָט דערציילט, אַז דאָס פראַנצויזישע קאָמאַנדע אין אַדעס האָט צוגעשיקט צו וויקטאָר אַנדריעווסקי אַ שיינע פראַנצויזישע שאַנסאָנעטקע, וואָס זאָל אים ברענגען אויף דער זייט פון דער אַנטאַנט און אגב זיך אויך דערוויסן די אַלע מיגליכע סודות פון דער דירעקטאָריע. ס'איז זעהר מעגליך, אַז די גאַנצע מעשה איז אַן אויסגעטראַכטע (כאָטש גאַראַנטירן פאַר דעם וואָלט איך זיך ניט גענומען). אָבער שוין דער פאַקט אַליין, וואָס וועגן אַ פירנדן מיטגליד פון דער דירעקטאָריע האָט מען געקאָנט דערציילן אַזעלכע מעשות, וועלכע האָבן זיך לויטן גאַנצן כאַראַקטער פון אַנדריעווסקי גאַנץ גוט געלייגט אויפן שכל, — איז דער בעסטער באַווייז, אַז די דאָזיגע פאַרשוין האָט דער דירעקטאָריע קיין כבוד און קיין צוטרוי ניט צוגעגעבן...

אַ דיקער פּעסטער מענש אין מיטן פון די פערציגער יאָרן, מיט אַ גרויסן קאָפּ אויפן קורצן האַלז, מיט אַ קיילעכדיגן פליישיגן פּנים, מיט אַ פּאָר קליינע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטער געדיכטע זיי פאַרדעקנדע ברעמען, — פלעג ער בשעת די פּאָר געשפּרעכן, וועלכע ס'איז מיר אויסגעקומען צו האָבן מיט דער דירעקטאָריע אַלס אַ גאַנצער, עקשנותדיג שווייגן. בעת אָבער דאָס שווייגן פון מאַקאַרענקאָ איז געווען גאַנץ נאַטירליך און זעלבסטפאַרשטענדליך, האָט אויף מיר אַנדריעווסקיס שווייגן פון אָנהויב אָן געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דער מענש האָט עטוואָס באַהאַלטענס פיינטליכס אין קאָפּ, וואָס ער וויל ניט אַרויסזאָגן. דאָס דאָזיגע מאָדנע שווייגן האָט באַלד ביי מיר דערוועקט דעם אינסטינקטיוון חשד, אַז דאָ האָב איך צו טון מיט דער באַהאַלטענער פרוזשינע פון געוויסע געשעהענישן... דער דאָזיגער חשד, וועגן וועלכן ס'וועט אונז נאָך אויסקומען צו רעדן, האָט שפּעטער — אין די לעצטע טעג פון דער דירעקטאָריע אין קיעוו און בפרט דערנאָך אין וויניצע —

באַקומען אונטער זיך אַן אַלץ פעסטערן גרונט. אַלנפאַלס איז אַנדריעווסקי ניט געווען קיין לעמעשקע ווי זיינע צוויי אויבנדערמאָנטע קאָלעגן. ביי אַלע זיינע חסרונות האָט ער דאָך פאַרמאָגט אַ *גאַנץ פעסטן כאַראַקטער* און גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס ער וויל.

ס׳שטעלט זיך אָבער במילא די פראַגע, ווי אַזוי זיינען די דאָזיגע דריי פערסאָנאַזשן — שוועץ, אַנדריעווסקי, מאַקאַרענקאָ — אַריינגעקומען אין אַזאַ פאַראַנטוואָרטליכע אַנשטאַלט, ווי די דירעקטאָריע?

שולדיג אין דעם איז באמת אַ צופאַל. בעת מען האָט געפלאַנט דעם אויפשטאַנד — סוף אָקטאָבער 1918 — האָט מען זיין אָנפירונג געוואָלט איבערגעבן דריי פערזאָנען — וויניטשענקאָ, פעטליורע און מיקיטאַ שאַפאָוואַל (ניט צונויפמישן מיטן שפּעטערדיקן קריגס-מיניסטער שאַפאָוואַל, זיינעם אַ ברודער). אין אַזאַ באַשטאַנד וואָלט די דירעקטאָריע מן-הסתם באַקומען אַן אַנדערע פּאָליטישע צורה. ווען במקום די דריי פאַרבלאָזע פערסאָנאַזשן וואָלט אין איר געווען אַזאַ שטאַרקע פערזענליכקייט ווי שאַפאָוואַל, וואָלט פעטליורעס איינפלוס אין איר געווען שוואַכער, און אפשר וואָלט זי דעמאָלט זיך אַנטשידן לכתחילה אויף אַן אַנדערע אויסערליך-פּאָליטישע אָריענטאַציע.

האָט זיך אָבער געטראָפן, אַז אין לעצטן מאָמענט האָט שאַפאָוואַל, וואָס האָט געזאָלט פאַרטרעטן אין דער דירעקטאָריע די אוקראַינישע ס. ר., זיך אָפּגעזאָגט בעיקר צוליב אַ קראַנקהייט. ס׳איז געווען אַ מעת-לעת אָדער צוויי פאַרן אויפשטאַנד, און אויף דער לעצטער באַראַטונג איז אַנטשטאַנען די פראַגע, אַז ס׳איז דאָך אוממיגליך אָנהויבן דעם אויפשטאַנד, ניט האָבנדיג אין זיין אָנפירנדן אָרגאַן קיין פאָרשטייער פון די אוקראַינישע ס. ר., פון דער איינפלוס-רייכסטער פאַרטיי אין לאַנד. האָט מען געמוזט דעריבער אָננעמען אין די דירעקטאָריע איינעם פון די ס. ר., וואָס זיינען *געווען גראָד* אויף דער דאָזיגער באַראַטונג, כדי ווי ניט איז צו רעפּרעזענטירן אין איר די פאַרטיי. די וואַל איז באין ברירה געפאַלן אויפן פּראָפעסאָר שוועץ. דער איינטריט פון אַזאַ פערזאָן, ווי שוועץ, האָט אָבער צעברענט די אַפּעטיטן פון פערזאָנען און גרופּן, וואָס וואָלטן פריהער ווען אַזאַ כבוד ניט געטרוימט: די פּאָר אַנוועזנדע „סאַמאָסטייניקעס“ האָבן אָנגעהויבן צו טענהן, אַז היות ווי זייער פאַרטיי נעמט אויך אַן אָנטייל אין אויפשטאַנד, איז אַ יושר,

אַז איינער פון זיי זאָל אויך אַריינגיין אין דער דירעקטאָריע. אַזוי אַרום איז אַריין אַנדריעיעווסקי. היות אָבער ווי אויף אַזאַ אופן איז די דירעק-טאָריע געוואָרן פון פיר פערזאָנען, און פיר פאַסן ניט פאַר אַ קאָלעגיע, האָט מען שוין געמוזט צוקלייבן אַ פינפטן. אַדאַנק דעם, וואָס די פאַר-טייען האָבן איבערן פינפטן אָרט ניט געקאָנט מושווה ווערן, האָט מען זיך דערמאָנט וועגן די באַדייטונג פון די אייזנבאַנער פאַר דער הצלחה פונם אויפשטאַנד און באַשלאָסן צו געבן זיי אויך אַ פאָרשטייער. היות ווי דער דאָזיגער פאָרשטייער, מאַקאַרענקאָ, איז נאָך דערצו אַן אומפאַרטייאישער, איז קלאָר, אַז בעת הדחק וועט ער במילא זיין די פאַסנדע פערזאָן, כדי איבערצוהיטן די וואָגשאָל אין דער אָדער אַנדערער זייט.

בעת מען האָט אויף אַזאַ מאָדנעם אופן קאָמפּלעקטירט די דירעק-טאָריע האָט מען אויף איר געקוקט, ווי אויף אַ צייטווייליגן רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, וועמענס ראָלע וועט פאַר-ענדיגט ווערן גלייך נאָכן ערפאָלג פונם אויפשטאַנד. ווי אַזוי איז דאָס געקומען דערצו, אַז די דאָזיגע צונאַמענשטעלונג איז געבליבן באַשטיין אויך נאָך דער עראָבערונג פון קיעוו, און ווי אַזוי האָט דער שטאָלצער, שטאַרקער ווינטשענקאָ מסכים געווען צו דעקן מיט זיין אַוטאָריטעט די דאָזיגע קליינע פאַרשוינען און פאַרהעכטיגע פערסאָ-נאַזשן (ווער ווער, אָבער ער האָט שוין דאָך געוואוסט, מיט וועמען ער האָט צו טון!) — דאָס פאַרשטיי איך עד-היום ניט. אַלנפאַלס איז די דאָפּלטע צורה פון דער מאַכט, די עקזיסטענץ און ווירקונג פון אַן אומפאַראַנטוואָרטליכער דירעקטאָריע גלייכצייטיג מיט אַ פאַר-אַנטוואָרטליכן מיניסטעריום, געווען איינע פון די סבות, וואָס האָבן פאַר-גיכערט און פאַרטיפט די אַנאַרכיע אין אוקראַינע.

די דאָזיגע געשיכטע וועגן דער אנטשטייאונג פון דער דירעקטאָריע האָב איך געהערט אין אַפּריל 1919 אין סטאַניסלאַוו פון שאַפּאָוואַלס מויל אַליין. דערביי האָט זיך שאַפּאָוואַל ממש פאַר די האָר געריסן און זיך געשלאָגן „על-חטא“, פאַרוואָס ער האָט דעמאָלט, ערב דעם אויפשטאַנד, ניט נאָכגעגעבן דער דרינגליכער בקשה פון ווינטשענקאָ און באַשטאַנען אויף זיין אָפּזאָג פון דער דירעקטאָריע.

— „ס'איז מיין שולד“, האָט געטענה'ט שאַפּאָוואַל. „ווינט-

שענקאָ האָט מיך דעמאָלט ממש מיט טרערן אויף די אויגן געבעטן ניט אָפּצוזאָגן זיך, און איך האָב זיך פאַרעקשנט. וואָלט איך דעמאָלט אַריין אין דירעקטאָריע, וואָלט די דאָזיגע פּאַסקודסטווע אַהין קיין צוטריט ניט באַקומען. איך מיט ווינישענקאָ צוזאַמען וואָלטן ניט דערלאָזט אַלץ, וואָס איז דערנאָך פאָרגעקומען".

ווער ווייסט ?...

* *

*

בעת איך האָב אין משך פון מיין רעדן דערמאָנט דעם נאָמען פון פּאַליענקאָ, דערווייזנדיג זיין שולד און פאַרלאַנגט אַ שטרענגע באַשטראָפונג, האָט פּעטלורע, ווי אויפכאַפּנדיג זיך פון שלאָף, זיך אויפגעהויבן פונם בענקל, אַרויסגענומען פון דער בוזעם-קעשענע אַ טעלעראַמע און געזאָגט:

— פּאַליענקאָ איז אַרעסטירט אין ראָוונע. איך האָב ערשט מיט אַ שעה פריהער באַקומען וועגן דעם אַ טעלעגראַמע. זייט זיכער, אַז מיר וועלן אים משפּטן שטרענג און גערעכט.

די ידיעה האָט געמאַכט אויף מיר אַ געוויסן איינדרוק. איך ווייס עד היום ניט אויף זיכער, צי איז דער דאָזיגער אַרעסט פאָרגעקומען לויט אַ דירעקטן באַפעל פון פּעטלורען, אָדער לויט דער אָרטיגער איניציאַטיוו פון אָסקילקאָ, וואָס האָט רוכט, זיך, געהאַט מיט פּאַליענקאָ פערזענליכע חשבונות. איך האַלט, אגב, די צווייטע ווערסיע פאַר וואַרשיינליכער. אויפן אָרט האָב איך דאָס ניט געפרעגט, ווייל בעת-מעשה האָט דאָס פאַר מיר געהאַט אַ קנאַפּן ווערט. פיל וויכטיגער איז געווען, אַז אומאָפּהענגיג פון די מאָטיוון פונם דאָזיגן אַרעסט, איז דערמיט פאַרשוואונדן געוואָרן אויף דער נאָהענסטער צייט די אוממיטלבאַרע סכנה פאַר אַ פּאָר יידישע שטעט אין וואָלין.

אינם ווייטערדיגן געשפּרעך האָב איך אָנגעוויזן אויף דער נויטינקייט אויסצופאָרשן די שוין פאָרגעקומענע געוואַלדטאַטן דורך אומפּאַרטייאישע קאָמיסיעס, שטרענג באַשטראָפן די שולדיגע, אסיגנירן פון מלוכה-מיטלען הילף פאַר געליטענע, אראָפּנעמען די צענזור איבער פּאָגראָם-באַריכטן און אַרויסלאָזן צום מיליטער אַ שטרענגן באַפעל קעגן פּאָגראָמען אָהן איבעריקע חקירות וועגן „יידישע באָלשעוויקעס, פאַר וועלכע דאָס גאַנצע יידנטום איז ניט פאַראַנטוואָרטליך"...

די מיטגלידער פון דער דירעקטאָריע האָבן גערעדט זעהר ווייניג. אייניגע פון מיינע פאָדערונגען האָט מען צוגעזאָגט באַפרידיגן אויפן אָרט, בפרט וועגן מלוכה־הילף פאַר געליטענע, וועגן אויספאָרשונגס־קאָמיסיעס און אַ נייעם אויפרוף צום מיליטער *). אַנדערע פאָרשלאָגן האָט מען צוגעזאָגט נעמען ערנסט אין באַטראַכט און געבן אויף זיי אַ גיכע תשובה.

דער געשפרעך איז בכלל געווען אַ קורצער.

פאַרלאָזט האָב איך דעם פּאַלאַץ פון דער דירעקטאָריע מיטן איינ־דרוק, אז די דירעקטאָריע איז צונויפגעשטעלט פון צו פאַרשיידענע עלעמענטן, כדי זי זאָל קאָנען פירן אַ וועלכע ס'איז איינהייטליכע און אויסגעהאַלטענע פּאָליטיק, און אַז די בעסטע לעזונג פון דער פאַר־וואַלטונגס־פּראָבלעם ליגט אין דעם, אַז די פּאַקטישע מאַכט זאָל זיך קאָנצענטרירן אין די הענט פונם פאַראַנטוואָרטליכן מיניסטעריום.

*) אויפן אַנדערן טאָג איז טאַקע ערשינען וועגן דעם דער באַפעל פון אַטאַמאַן מעלניק, וואָס ווערט ציטירט אין פריערדיגן קאַפּיטל.

XIX. די אָרגאַניזירונג פונם יידישן מיניסטעריום

די טעכנישע שוועריגקייטן. – דער ברייטערער פּאַרנעם. – פּערזאָנען-פראַגע. – מיינע פּאָרנעגנגער און זייער האַלטונג. – דער פּראָטעסט פונם נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט. – מיין האַלטונג בנוגע אים. – Для распорядження – דער נאַצ. סעקרעטאַריאַט און די סאָצ.-פעד. – ניקאָווסקי אַלס מליץ-יושר.

גלייכצייטיג מיטן קאַמף קעגן דער אַנאַרכיע און דער דראָהענדער פּערספּעקטיוו פון פּאָגראָמען איז אויסגעקומען אָפּצוגעבן פיל ענערגיע אויף צו אָרגאַניזירן די טעכנישע זייט פונם יידישן מיניסטעריום. בעת דאָס ערשטע יידישע מיניסטעריום איז אָרגאַניש אויסגעוואַקסן פונם קליי-נעם וויצע-סעקרעטאַריאַט, וואָס האָט זיך אַריינגעלייגט אין אַ פּאָר קליינע צימערלאַך אין האָטעל סאַוואָי (סעפּטעמבער 1917) ביז צו דעם באַ-דייטנדן אַפּאַראַט פונם מיניסטעריום אין „סלאַוויאַנסקאַיאַ גאָסטיניצאַ“, איז מיר אויסגעקומען אויפצושטעלן דעם דאָזיגן גאַנצן אַפּאַראַט, וואָס איז לגמרי בטל געוואָרן דורכן העטמאַן, במשך עטליכע וועניגע טעג. אַזאַ אויפגאַבע וואָלט געווען ניט גרינג אַפילו ביי נינסטיגע תנאים; זי איז אָבער נאָך באַזונדערס ערשווערט געוואָרן צוליב אַ פּאָר ספּעציעלע סבות.

די ערשטע סבה איז געווען די, וואָס לויטן אָפּמאַך מיט דער רע-גירונג, וואָס איז געווען איינע פון די פּאָראויסזעצונגען פאַר אונזער אַריינ-טרעט אין איר, האָט דאָס באַנייטע יידישע מיניסטעריום געזאָלט באַקומען אַ פיל ברייטערן קרייז פון אויפגאַבן און אַ פיל גרעסערע ווירקונגס-מעגליכקייט, איידער דאָס אַלטע מיניסטעריום פון דר. זילבערפאַרב.

דאָס אַלטע מיניסטעריום פלעג, למשל, באַקומען מיטלען פון דער

מלוכה־קאַסע בלויז אויף צו באַצאָלן אירע באַאַמטע און אירע קאַנצע־
לאַרישע הוצאות; קיין שום מיטלען אויף די ממשותדיגע אויפגאַבן פון
דער יידישער אויטאָנאָמיע — בפרט אויף בילדונג — האָט זי ניט פאַר־
מאָגט *). און היות ווי מען האָט בשעתו געמאַכט אַ גוואַלטיגן פעלער,
דורכפירנדיג אַ וואַלגעזעץ פאַר די קהלות (געזעץ פון 2 דעצ.
1917) אָהן אַ גלייכצייטיגן געזעץ וועגן זייערע שטייער־רעכט, זיינען
דערמיט געשאַפן געוואָרן אויף די ערטער מאַכטלאָזע אַנשטאַלטן, וואָס
האָבן אָפט צוליב זייער הילף־לאָזיגקייט מער קאָמפּראָמעטירט די אי־
דעע פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, איידער זי ווערדיג רעפּרעזענטירט.

אפילו אינם קאַמף קעגן די צאָלרייכע גוואַלט־טאַטן און פּאָגראָ־
מען, וואָס פלעגן שוין דעמאָלט, — אמת אין אַ פיל, פיל קלענערן
מאַסשטאַב, געמאַכט ווערן דורך דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן אויפן גאַנצן
שטח פון אוקראַינע, האָט דאָס אַלטע מיניסטעריום געמוזט באַשרענקען
דעם קרייז פון זיינע אויפגאַבן. דאָס מיניסטעריום האָט טאַקע, באַזונ־
דערס אַדאַנק דער אומערמידליכער טעטיגקייט פון זיינע דירעקטאָרן פאַר
אַלגעמיינע ענינים (צוערשט — כורגין, דערנאָך — גערנעל) און אויך
אַדאַנק דער הילף מצד די אוקראַינישע מיליטערישע אָרגאַנען (דער
זעלבער פעטליורע, אַלס סעקרעטאַר פאַר מיליטערישע ענינים, האָט
אַרויסגעוויזן דעמאָלט אַ גאַנץ אַנדערע באַציהונג צום קאַמף קעגן
דעם באַנדיטיזם אין אַלע זיינע פאָרמען), אָפט דערגרייכט אויפן געביט
פון אוממיטלבאַרן קאַמף קעגן די גוואַלד־טאַטן גאַנץ ממשות־
דיגע און ווערטפולע רעזולטאַטן. עס האָט אָבער קיינמאָל ניט דורכגע־
פירט דעם פרינציפּ, לויט וועלכן די רעגירונג איז אפילו אָהן אוממיטל־
באַרער שולד פון אירע דירעקטע פאַרוואַלטונגס אָרגאַנען — אין אַלע
פאַלן פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער אָרדנונג אין לאַנד, און זי איז דע־
ריבער מחויב אויב ניט צו ערזעצן דער היזק, טאָ לכל־הפחות העלפן פון
דער מלוכה־קאַסע די יענעגע פון די געליטענע, וואָס נויטיגן זיך אין אומ־
מיטלבאַרער הילף. די אַריינשטעלונג פונם דאָזיגן פרינציפּ אין יסוד
פונם נייעם מיניסטעריום האָט נאַטירליך אויך געשטעלט גרעסערע פאָ־
דערונגען צו זיין טעכנישן אַפּאַראַט.

אנמערקונג: אויב ניט רעכענען אַ קליינע אַסיגנירונג אויף אַ
יידישן לערער־סעמינאַר, וואָס איז דוכט זיך אויך ניט רעאַליזירט געוואָרן.

איינע פון די ממשותדיגע אויסבעסערונגען אינם אַפּאַראַט פונם נייעם מיניסטעריום האָט געזאָלט זיין די שאַפונג פון אַ ספּעציעלן סטאַטיסטישן דעפּאַרטאַמענט, וועמענס וויכטיגע אויפגאַבע זאָל זיין דער באַלדיגער צוטריט צו דער אויפשטעלונג פון אַן אמתן נאַציאָנאַלן קאַדאַסטער. היות ווי איך האָב זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דער אויסזיכט אויף אַ נאַציאָנאַלע גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, איז די שאַפונג פון אַזאַ קאַדאַסטער געווען אַ דרינגענדע באַדערפעניש. כ'האָב אפילו אינמיטן פון פאַרשיידענע דרינגענדע זאָרגן אָפּגעריסן אַ פּאָר שעה צייט, כדי זיך גענוי דורכשמועסן וועגן דעם ענין מיט יעקב לעשטשינסקי, וועלכער האָט דורכגעפירט אַ פּאָר סטאַטיסטישע אַרבעטן שוין אין דעם אַלטן מיניסטעריום, און וועלכן כ'האָב געהאַלטן פאַרן פּאַסנדן אָנפירער פונם געפּלאַנטן סטאַטיסטישן דעפּאַרטאַמענט. ער האָט מיר אויך געגעבן וועגן דעם אַ פּאָר ווערטפולע עצות, מיט וועלכע ס'איז מיר ליידער שוין ניט אויסגעקומען זיך צו באַנוצן...

נאַטירליך האָט דער שפּעטערדיגער אוראַגאַן אַראָפּגעשווענקט אַלע געמאַכטע אָנהויבן. אָבער אויף וויפיל מען האָט דעמאָלט געהאַט אפילו די קלענסטע האָפענונג אויף אַ בעסערן לויף פון די געשעהענישן, איז געווען מיין חוב אויסצונוצן די ערפאַרונגען, וואָס כ'האָב אַרויסגעטראָגן פון מיין אַרבעט אַלס איינער פון די נאָהענטסטע מיטאַרבעטער פונם געוועזענעם מיניסטעריום, כדי צו שאַפן אַזאַ אַפּאַראַט, וואָס זאָל שטיין אין אַלע פּרטים אויף אַ נאָך העכערער מדרגה, איידער דער, וואָס איז פאַרניכטעט געוואָרן דורך דער העטמאַנישער מאַכט. דאָס האָט נאַטירליך ערנסט דערשווערט די אויבנדערמאָנטע אויפגאַבע.

די צווייטע סבה, וואָס האָט דערשווערט די אויפשטעלונג פונם מיניסטעריום, איז געווען דער מאַנגל אין פּאַסנדע מיטאַרבעטער. באַאַמטע סתם זיינען געקומען גענוג. דער דירעקטאָר פונם אַלגעמיינעם דעפּאַרטאַמענט, וואָס האָט געהאַט צו טון מיט די פּערסאָנאַלע פראַגן, איז געווען פאַרוואָרפן מיט אַ באַרג פון בקשות. איך פערזענליך האָב באַקומען אַ היפּש ביסל פּראָטעקציאָנס-בריוו פון פאַרשיידענע פּאָליטישע טוער, אָנהויבנדיג פונם „בונד" און ענדיגנדיג מיט ציוניסטן, וואָס האָבן מיר וואַרעם רעקאָמענדירט דעם אָדער אַנדערן קאַנדידאַט אויף די אָדער אַנדערע שטעלע, אָבער **פאַראַנטוואָרטליכע** מיטאַרבעטער אויף

אנצופירן מיט די פֿאַרשיידענע דעפּאַרטאַמענטן און אָפּטיילונגען פֿונם
מיניסטעריום איז געווען שווער אויסצוזוכן. די פּועלי=ציוניסטישע פּאַר=
טיי, אויף וועלכע דאָס מיניסטעריום האָט זיך בעיקר געשטיצט, האָט
פֿאַרמאָגט זייער אַנטשפּרעכנדע אינטעליגענטע כחות; די צוויי אַנדערע
סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן ממש פֿאַרוועדט זייערע מיטגלידער אָנ=
צונעמען אינם מיניסטעריום פּאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס, האָפֿנדיק צו צוזינ=
גען אויף אַזאַ אופֿן די פּועלי=ציוניסטישע פּאַרטיי זיך אָפּזאָגן פֿון איר
זעלבשטענדיקער פּאָליטיק כלפּי זיי. ווען, למשל, גערגעל, אַ מיטגליד
פֿון צ. ק. פֿון די „פֿאַראייניקטע", האָט געוואָלט אָננעמען אינם נייעם
מיניסטעריום דעמזעלבן אַמט, וועלכן ער האָט געהאַט אינם אַלטן (די=
רעקטאָר פֿון דעפּאַרטאַמענט פֿאַר אַלגעמיינע ענינים), האָט אים זיין
פּאַרטיי אַנידערגעשטעלט פֿאַר אַן אַלטערנאַטיוו, —אָדער פֿאַרלאָזן די
פּאַרטיי אָדער אָפּזאָגן זיך פֿונם פּאָסטן. ער האָט מיר דערציילט וועגן
דעם מיט גרויסן האַרץ=ווייטאָק: אַן איבערצייגטער אנהענגער פֿון נאַ=
ציאָנאַלער אַוטאָנאָמיע, האָט ער הויך געשאַצט דעם ווערט פֿון מיינע
באַמיהונגען זי אויפֿצושטעלן אין אַזאַ שווערער צייט.

וואָס איז נוגע מיטאַרבעטער מיט אַן אויסגעשפּראָכענער ביטער=
ליכער וועלט=אנשויאונג, האָבן זיי אין מיניסטעריום ניט געקאָנט פֿאַר=
נעמען קיין פּ אַ ר אַ נ ט וו אָ ר ט ל י כ ע פּאָסטנס צוליב זיין אַלגעמיינעם
סאָציאַליסטישן פּראָגראַם, ניט רעדנדיק שוין וועגן די מניעות, וואָס זיי=
נען אויסגעוואַקסן פֿאַר זיי צוליב דער נעגאַטיווער שטעלונג פֿון „נאַציאָ=
נאַלן סעקרעטאַריאַט". נאַטירלעך, זיינען אויך אין דעם פּרט געווען אויס=
נאַמען. אָט, למשל, איז מיר פֿאָרגעשלאָגן געוואָרן די קאַנדידאַטור
פֿונם באַקאַנטן ציוניסט דר. ה. טיאָמקין, אַלס פֿאַרוואַלטער פֿון דער מעדי=
ציניש=סאַניטאַרישער אָפּטיילונג ביים דעפּאַרטאַמענט פֿון נאַציאָנאַלער
זעלבסט=פֿאַרוואַלטונג. די דאָזיגע אָפּטיילונג האָט געזאָלט האָבן אונטער
איר רשות די עטלעכע צענדליקער יידישע שפּיטאָלן אויף אוקראַינע, וואָס
האָבן צו יענער צייט ביטער געקעמפֿט פֿאַר זייער עקזיסטענץ און
בכלל אויפֿהייבן די מעדיציניש=סאַניטאַרישע טעטיקייט צווישן דער יידי=
שער באַפֿעלקערונג אויף אַ העכערע מדרגה... כ'האָב זיך געזען מיט
ה' ט. און באַקומען אַפֿילו אַ פּאָר גוטע רעפֿערענצן וועגן זיין מע=
דיצינישער טעטיקייט אויפֿן פֿראָנט בעתן וועלט=קריג. די דאָזיקע באַ=

שטימונג איז אָבער ניט צושטאַנד געקומען ניט אויף אַזוי פיל צוליב די פּרינציפּיעלע ספקות, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אַרום דעם און ביי מיינע נאָהענטסטע מיטאַרבעטער, נאָר בעיקר צוליב דעם, ווייל איך האָב געהאַלטן פאַר נויטיג אָפּצולייגן די שאַפונג פון דער דאָזיגער אָפּטיילונג אויף אַ פּאָר וואָכן און אויפשטעלן זי ערשט ווען די אַלגעמיינע פּאָליטישע לאַגע וועט זיך מער באַפעסטיגן. דערצו איז בידוע ניט געקומען...

ניט קוקנדיג אויף די אַלע שוועריגקייטן, וואָס זיינען נאָך פאַרשאַרפט געוואָרן דורכן סאַבאָטאַזש פונם מיליטערישן קוואַרטיר-אַמט, וואָס האָט עקשנותדיג ניט געוואָלט פריי מאַכן פאַרן יידישן מיניסטעריום אַ פּאַסנדע דירה, איז די אויפשטעלונג פונם מיניסטעריום געגאַנגען פאָרויס מיט גיכע שריט. שוין צום 20 יאַנואַר, ד. ה. צעהן טעג נאָך מיין אָפיציעלער באַשטימונג, האָבן מיר שוין פאַרמאָגט אַן אַפּאַראַט, מיט וועלכן מיר האָבן ניט געהאַט קיין שום גרונד זיך צו שעמען.

ביי דער געלעגנהייט האַלט איך מיך פאַר מחויב צו דערמאָנען מיט דאַנקבאַרקייט די האַלטונג פון מיינע צוויי פאָרגענגער אינם יידישן מיניסטעריום — ד״ר זילבערפאַרב און וו. לאַצקי, אַ האַלטונג, וואָס האָט געגעבן אַסך מוט אין יענע שווערע טעג. דער ערשטער האָט אַפּאָר מאָל אַרויסגעזאָגט דעם וואונש, אַז כ׳זאָל זיך ניט אָפּשרעקן פאַר כלערליי סאַבאָטאַזש אפילו מצד זיין אייגענער פּאַרטיי („פאַראייניגטע”) און פאָרזעצן די וויכטיגע אַרבעט פון אויפשטעלן דאָס מיניסטעריום. ער פּערזענליך פאַרשטייט אונזער פּאָליטיק און סימפּאַטיזירט מיט איר; ער איז אָבער אין דער פּאַרטיי אין דער מינדערהייט און קאָן איר האַלטונג ניט איבעראַנדערשן.

נאָך אַקטיווער האָט אויסגעדריקט זיין סימפּאַטיע וו. ל אַ צ ק י. נאָך דעם, ווי ער האָט אין אַ געשפּרעך מיט מיר זיך באַקענט מיטן פּראָגראַם פונם יידישן מיניסטעריום און זיך דערוואוסט וועגן אונזער גרייטשאַפט צו אנערקענען אונטער געוויסע פאָראויסזעצונגען דעם נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט, אַלס די צענטראַלע אַנשטאַלט פון די יידישע קהלות, האָט ער לויט זיין אייגענער איניציאַטיוו פאָרגעשלאָגן דאָס דאָזיגע פּראָגראַם דעם נאַצ. סעקרעטאַריאַט אויב ניט אַלס אַ באַזע פון אַ פּרינציפּיעלן קאָמפּראָמיס, טאָ לכל הפחות אַלס אַ יסוד פון אַ פּראַקטישן אויסוועג פון דער פאַרפּלאָנטערטער לאַגע.

וואָלט איך געוואוסט וועגן דער דאָזיגער אַבזיכט פון ז. לאַצקי, וואָלט איך אים מן הסתם אָפּגעשפּאַרט די מיה דורך דער מיטטיילונג, אַז אויף דער באַזע זײַנען שוין פון אונזער זייט דירעקט געמאַכט געוואָרן געוויסע פאָרשלאַגן, וואָס זײַנען דורך דעם צד שכנגד אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

ווי ס'איז געווען צו ערוואַרטן, האָט דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַריאַט, וואָס איז צו יענער צייט שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן איינזייטיגן פּאָליטישן כלי־זין פון אַ באַשטימטער פּאַרטיי, דעם פאָרשלאַג פון ז. לאַצקי אָפּגעוואָרפן און באַשלאָסן אָנהויבן קעגן דעם מיניסטעריום אַן אָפענעם קאַמף. דעם 13־טן יאַנואַר, אויפן אַנדערן טאָג נאָך לאַצקיס פאַרמיטלונגס־פאָרשלאַג איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער „קליינער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג“, אין וועלכער ס'איז אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדע פּראָטעסט־רעזאָלוציע (כ'ציטיר זי וואָרטליך לויט דער „נייער צייט“ צוזאַמען מיט אירע אַנמערקונגען):

„אויסהערנדיג די מעלדונג וועגן דער באַשטימונג פון אַ מיניסטער איבער יידישע ענינים אהן דעם וויסן און הסכמה פון דער צייטווײַליגער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און אירע העכסטע אָרגאַנען, דריקט אויס די קליינע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן דעם גוואַלאַקט, וואָס איז דערמיט באַגאַנגען געוואָרן בנוגע די אַוטאָנאָמע רעכט פון דער יידישער נאַציע און קעגן דעם פּרוב צו צעשטערן דעם אָרגאַנישן בוי אין דער יידישער נאַציאָנאַלער אַוטאָנאָמיע.

די קליינע נאַציאָנאַלע פאַראַמלונג דערקלערט, אַז 1) זי באַטראַכט דאָס אָננעמען פונם פּאָסטן פון יידישן מיניסטער קעגן דעם אויסדריקליכן ווילן פונם יידישן פאָלק (דאָ שטעלט אַריין די רעדאַקציע פון „נייע צייט“ אַן איראָנישן פראַגע־צייכן) אין אוקראַינע פאַר אַ פאַרברעכן קעגן די יסודות פון דער נאַציאָנאַלער אַוטאָנאָמיע, 2) אַז די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג אַלס די געזעצליך געקליבענע פאָרשטייערשאַפט פון דער יידישער נאַציע (ווידער אַ פראַגע־צייכן פון דער „נייער צייט“) אויף אוקראַינע אָנערקענט ניט דעם באַשטימטן יידישן מיניסטער אַלס אַ פאָרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג; 3) אַז דער איינציגער העכסטער אויספירנדער אָרגאַן פון דער נאַציאָנאַלער אַוטאָנאָמיע בלייבט דער אויסדערוויילטער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַריאַט; 4) אַז ביז צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וועלכע דאַרף צונויפגערופן ווערן אין דער נאָהענ־

סטער צייט, פאַרבלייבט די צייטווייליגע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג דער העכסטער געזעצגעבערישער און פאַרטרעטונגס-אָרגאַן פון די יידן אויף אוקראַינע.

די קליינע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג רופט די דעמאָקראַטישע קהלות צו אַנטשיידענעם קאַמף פאַר די רעכט פון דער נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע און פאָדערט זיי אויף: 1) ווענדן זיך אויף ווייטער אין אַלע נאַציאָנאַלע ענינים צום נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט; 2) אָרגאַניזירן אַרום זיך צו שעפערישע אַרבעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג.

די קליינע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג ווענדעט זיך גלייכצייטיג צו די יידן פון יענעם טייל גאַליציע, וואָס איז פאַראייניגט געוואָרן מיט אוקראַינע מיטן רוף צו אונטערשטיצן די געשאַפענע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס און דעם גערעכטן קאַמף פאַר דער פרייהייט פונם פאָלקסווילן".

אָנגענומען איז געוואָרן די דאָזיגע רעזאָלוציע מיט די שטימען פון די ציוניסטן און קלעריקאַלן („אחדות ישראל") ביי דער אָפּהאַלטונג פון דער פאָלקס-פאַרטיי. די סאָציאַליסטישע פאַרטייען זיינען אַרויס פון דער „נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג" נאָך פריהער. דאָס האָט געגעבן דער „נייער צייט" דעם גרונד צו באַגלייטן דעם באַשלוס פון דער „קליינער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג" מיט פאָלגנדער בייסנדער באַמערקונג:

„אָט אַזוי האָט זיך דער אחדות-ציוניסטישער בלאָק געבייזערט און זיין אָהנמעכטיגע בייזערקייט אָנגענומען פאַר נאַציאָנאַלער פאָליטיק".

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז אחר המעשה זיינען מצד געוויסע פרעסע-אָרגאַנען און פערזאָנען, וואָס זיינען נאָהענט געשטאַנען צו דער ריכטונג פונם דעמאָלסטיגן נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט, געמאַכט געוואָרן אַ פּאָר מאָל פּרובן אַנידערצושטעלן דעם סכסוך צווישן דער פּועלי-ציוניסטישער פאַרטיי און דעם נאַצ. סעקרעטאַריאַט אין אַ גאַנץ אַנדערן ליכט... מען האָט געפּרובט שאַפן דעם איינדרוק, אַז דער דאָזיגער קאָנפליקט איז פאָרגעקומען ניט אַרום דער פראַגע וועגן דער סובערעניטעט פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, נאָר אַרום דער *פּאָגראָם-כוואַליע*, וואָס האָט זיך דעמאָלט אויפגעהויבן אויף אוקראַינע. ביי דער אָפּגעשלאָסנהייט פון אוקראַינע פון דער אויסערליכער וועלט האָבן אַזעלכע לעגענדן באַגעגנט אַ געוויסן גלויבן ניט נאָר אין אַנדערע לענדער, נאָר אַפילו אויך אין אַנדערע אוקראַאינישע שטעט, וואָס זיינען צו יענער צייט

אָפּגעריסן געוועזן פון קיעוו. די נאַר־וואָס וואָרטליך־ציטירטע פּראָטעסט־רעזאָלוציע פון דער קליינער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג קעגן דאָס יידישע מיניסטעריום, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן שוין נאָך אָווערוטש, זשיטאָמיר און באַרדיטשעוו און אין וועלכער ס'איז ניטאָ אפילו קיין רמז וועגן אַזאַ מין קאָנפליקט, באַווייזט די פולשטענדיגע גרונדלאָזיגקייט פון אַזעלכע באַהויפּטונגען. כדי צו גלייבן, אַז אַזעלכע פאַרדרייאונגען פון פאַקטן זיינען געמאַכט געוואָרן בשוגג ולא בזדון, אויב נישט, וואָלט מען באמת באַדאַרפט זיך מתיאש זיין אין דער מעגליכקייט פון אַן ערליכן פּאָליטישן קאַמף אויף דער יידישער גאַס...

* * *

ניט קוקנדיג אויף אַזאַ שאַרפער רעזאָלוציע פון דער קליינער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג קעגן דעם יידישן מיניסטער, בין איך פונדעסטוועגן ביי דער מיינונג, אַז וואָלט נאָר די אַלגעמיין־פּאָליטישע אַנטוויקלונג אַוועקגעגאַנגען אויף אַן אַנדערן, מער גינסטיגן וועג, וואָלט דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַריאַט זיך מער־ווייניג צוגעפּאַסט צו דער לאַגע און געפונען וועגן, כדי צו אַרבעטן אין די אָדער אַנדערע פראַגן בהסכם מיטן יידישן מיניסטעריום. די דאָזיגע השערה איז באַזונדערס וואַרשיינליך דערפאַר, ווייל דאָס יידישע מיניסטעריום האָט פון זיין זייט ניט געלאָזט זיך באַאיינפלוסן דורכן מענשליך גאַנץ פאַרשטענדליכן פאַרדרוס קעגן אַן אַנשטאַלט, וואָס באַציהט זיך צו אים מיט אַזאַ אויסגעשפּראָכענער קעגנערשאַפט, און האָט געפירט בנוגע איר אַ פּאָרזיכטיגע און לאָיאַלע פּאָליטיק, וואָס האָט געהאַט דעם צוועק ניט אָפּברעכן די בריקן צו אַ קומענדיגער פאַרשטענדיגונג.

באַזונדערס בולט האָט זיך דאָס באַוויזן אויף איינער פון די זיצונגען פונם מיניסטאָרן־ראַט, וואו ס'איז געשטאַנען אויפן סדר־היום די פראַגע וועגן קאַמף קעגן פּאָגראָמען און אַלגעמיינער אַנאַרכיע. טשעכאָווסקי האָט דערביי דערציילט וועגן אַ דעלעגאַציע פונם נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט, וואָס איז געקומען צו אים צו קלאָגן זיך אויף גוואַלד־טאַטן אין אַ פּאָר פּראָווינץ־ערטער, בעיקר אין לעטיטשעוו, וואו ס'האָט געבעל־הבתעוועט אַ געוויסער אַטאַמאַן וואָלינעץ. באַלד נאָכדעם האָט גענומען דאָס וואָרט דער מיניסטער פון לאַנדווירטשאַפט שאַפּאָוואַל, וועלכער, אָנערקע־

נעגדיק די קלאַגן אין תּוך אַלס באַרעכטיגט, האָט אין דערזעלבער צייט פּראָטעסטירט, וואָס דער פּרעמיער נעמט אויף איבערן קאָפּ פונם באַטרעפן מיניסטעריום דעלעגאַציעס פון אַנשטאַלטן, וואָס אָנערקענען ניט די געזעצליכע אָרגאַנען פון דער רעגירונג און פירן קעגן זיי אַ פאַרביטערטן קאַמף. באַמקום צו אונטערשטיצן דורך אַזעלכע אוידיענצן דעם באָיקאָט, וואָס איז פּאַקטיש פּראָקלאַמירט אין דער רעזאָלוציע פונם נאַצ. סעקרעטאַריאַט קעגן יידישן מיניסטעריום, וואָלט דער פּרעמיער באַדאַרפט אָפּשיקן אַזעלכע דעלעגאַציעס צום יידישן מיניסטער. דאָס וואָלט געווען אויך פּראַקטישער און ניצליכער, ווייל אין געוויסע פאַלן וואָלט דער יידישער מיניסטער געהאַט די מיגליכקייט דירעקט און באַלד זיך ריינמישן, און די קלאַגן וואָלטן ניט באַדאַרפט דורכמאַכן דעם לאַנגן אונבייט-רויבנדן וועג דורכן פּרעמיער אָדער דירעקטאָריע און דעם מיניסטערן-ראַט.

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס כ'האָב ניט געקאָנט אָפּלייקענען אַ געוויסע באַרעכטיגונג פון שאַפּאָוואַלס לעצטן אַרגומענט, בין איך פונדעסטוועגן גלייך נאָכדעם אויפגעטראָטן מיט אַן ערקלערונג, אַז איך פון מיין זייט האָב גאָרנישט קעגן דעם, אַז דער פּרעמיער זאָל אויפנעמען יידישע דעלעגאַציעס, וואָס האָבן זיך פריהער ניט געווענדעט צו מיר, און בעט אַז זיי אַנטקעגנקומען אין דעם פּרט אויפן ברייטסטן אופן.

דיזעלבע האַלטונג האָב איך פאַרנומען, בעת אויף איינער פון די מיטאָרן-זיצונגען איז דורך איינעם פון מיינע קאָלעגן (כ'געדענק ניט איצט ווער; מיגליך — דערזעלבער שאַפּאָוואַל) געשטעלט געוואָרן דער פאָרשלאַג, אַז מען זאָל פון דער ליסטע פון אַנשטאַלטן, וואָס באַטייליקן זיך אין דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע וועגן דעם באַרדיטשעווער און זשיטאָמירער פּאָגראָם, אויסשטרייכן דעם נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט. „יידישע פּאַרטייען (סאָציאַליסטישע) זיינען דאָך אין קאָמיסיע פאַרטרעטן; דאָס יידישע מיניסטעריום — אויך. טאָ וואָס האָט דאָרט צו זוכער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַריאַט? אויב אַזוי, וואָלט מען באַדאַרפט חוץ אוקראַינישע פּאַרטייען געבן אין דער קאָמיסיע אויך אַ ספּעציעלע פאָרשטייערשאַפט דעם אוקראַינישן נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד".

כ'האָב אויף דעם געענטפערט, אַז די אַנאַלאָגיע מיטן אוקראַינישן נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד איז פאַלש. בעת אין אוקראַינישן נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד

גייען אַריין פּאַרטייען, וואָס זיינען אין דער קאָמיסיע סיי ווי פּאַרטראָטן,
אַלס אַזעלכע, באַשטייט דער יידישער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַריאַט בלויז
פון פּאַרטייען, וואָס זיינען אין דער קאָמיסיע, אַלס ניט=סאָציאַליסטישע,
ניט פאַרטראָטן. דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַריאַט רעפּרעזענטירט אפשר
אויך ביי היינטיגן טאָג די מערהייט פונם יידישן פאָלק און ס'וואָלט אַלנ=
פאַלס געווען אומגערעכט אים צו איגנאָרירן ביי דער צוזאַמענשטעלונג פון
דער אויספאָרשונגס=קאָמיסיע, בפרט נעמענדיג אין באַטראַכט, אַז ער פאַר=
נעמט זיך אַלס אַזעלכער מיט די אַנטשפּרעכנדע פראַגן און האָט געוויס
וועגן זיי ווערטפולע מאַטעריאַלן.

נאָך מיין ערקלערונג האָט דער אָפּאָנענט זיין פאָרשלאָג צוריק=
געצויגן.

ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט, אויף אַן אוידיענץ ביי וויניטשענקאָ, האָט
מיר דער פאָרזיצער פון דער דירעקטאָריע מודיע געווען, אַז ס'זיינען אָנ=
געקומען שריפטליכע פּראָטעסטן פון צוויי קהלות (דעמיעווקע און נאָך
איינער; כ'געדענק שוין ניט וועלכע) קעגן מיין באַשטימונג אַלס מיניסטר.
ער האָט באַאויפטראַגט די קאַנצעלאַריע איבערגעבן די דאָזיגע פּראָ=
טעסטן מיר, כדי כ'זאָל אָננעמען די באַטרעפנדע פאַראָרדענונגען („Дя
распорядження“). וואָס פאַר אַ פאַראָרדענונגען האָט
דערמיט וויניטשענקאָ געמיינט, ווייס איך ניט. צו זאָל איך, ווי ס'אָלט
געפּאַסט פאַרן גייסט פון דער צייט און פאַר דער אַרומיגער אַטמאָספער
פון דער האַלבער דיקטאַטור, הייסן אַרעסטירן די פאָרזיצער פון די באַ=
טרעפנדע קהלות אָדער אויפלייזן זיי, אָדער אָננעמען וועלכע ס'איז רע=
פּרעסיווע מיטלען קעגן אַנשטאַלטן, וואָס דערקלערן, אַז זיי אָנערקענען
ניט דעם איבער זיי געשטעלטן מלוכה=אָרגאַן? כ'האָב אַלנפאַלס ניט=
גענומען די פּאָר פּראָטעסטן אין אָפּגעגעבן אַ פאַראָרדנונג... יענ=
צונעמען זיי אין אַרכיוו פונם יידישן מיניסטעריום.

אינטערעסאַנט זיינען געווען די פּרובן פונם נאַציאָנאַלן סעקרעטאַ=
ריאַט צו שאַפן אַן ענגן פּאָליטישן קאָנטאַקט מיט די קרייזן פון דער
אוקראַאינישער געזעלשאַפט, וועלכע זיינען צו אים סאָציאַל געווען אַם
נאָהענסטן. דערזעהענדיג, אַז עס גיט זיך ניט איין משפיע צו זיין אויף
דער דירעקטאָריע דירעקט אין דער זין, אַז זי זאָל זיך אָפּזאָגן פונם
פאַראַנטוואָרטליכן יידישן מיניסטעריום, אָנערקענען דעם נאַצ. קרע=

טאַריאַט און באַקומען דערפאַר די דיפּלאָמאַטישע שטיצע פון די ציוניסטן ביי די פאַרהאַנדלונגען מיט דער אַנטאַנט, — איז דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַריאַט אַריינגעגאַנגען אין אַן ענגן פּאָליטישן קאָנטאַקט מיט די סאָציאַליסטן־פעדעראַליסטן, וואָס זיינען אויך געשטאַנען אין אָפּאָזיציע צו דער דירעקטאָריע און האָבן אויך געוואַרט די גאַנצע ישועה פון דער אַריינמישונג פון דער אַנטאַנט. דער דאָזיגער ענגער קאָנטאַקט איז אויסגענוצט געוואָרן אויך צוליב אַ בעסערן צוועק — צום קאַמף קעגן די פּאָגראָמען. גלייך נאָכן באַרדיטשעווער פּאָגראָם האָט דעם פּאָרזיצער פון דער דירעקטאָריע באַזוכט אַ דעלעגאַציע פון נאַצ. סעקרעטאַריאַט (טאָמקין, שוואַרצמאַן) צוזאַמען מיט עטליכע פאָרשטייער פון דער „אומפּאַרטייאישער" אוקראַינישער געזעלשאַפט. ניט קוקנדיג אויף דעם וויכטיגן צוועק פון דעם דאָזיגן שריט, מוז אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז דער באַשטאַנד פון דער דעלעגאַציע האָט ביי איר צוגענומען דעם מאָראַלישן אַוטאָריטעט צו ווירקן גראָד אין דער דאָזיגער שווערער פראַגע. די „אומפּאַרטייאישע" אוקראַינישע מיטגלידער פון דער געמיינזאַמער דעלעגאַציע זיינען אין אמתן געווען אַקטיווע פיגורן פונם רעכטן פליגל פון דער אוקראַינישער באַוועגונג (דער געוועזענער העטמאַנישער יוסטיץ־מיניסטער וויאַזלאָוו, דער רעדאַקטאָר פון „נאָוואַ־ראַדאַ" ניקאָווסקי, דער פּאָרזיצער פון „פּראָסוויטאַ" מאַטושעווסקי און אַ פּאָר אויסגעשפּראָכן בירגערליכע קולטור־טוער). אומאָפּהענגיג פונם דאָזיגן ניט נאַנץ צולעסיגן „אומפּאַרטייאישן" מאַסקאַראַד, האָבן פילע אין קיעוו געשאָקלט מיטן קאָפּ, זיך דערוויסנדיג, אַז דער לידער פון דער געמיינזאַמער דעלעגאַציע וואָס האָט פּראָטעסטירט קעגן די פּאָגראָמען, איז געווען אַנדריי ניקאָווסקי, גראָד דער ניקאָווסקי, וואָס האָט אַלס רעדאַקטאָר פון „נאָוואַ־ראַדאַ" אַרויסגעטרעטן מיט שאַרפע אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען נאָך אין פריהיאָר פון 1918, און וואָס איז אידעאָלאָגיש מער פאַראַנטוואָרטליך, איידער יעדער אַנדערער אוקראַינישער פּובליציסט, פאַר דער יידנפיינדליכער אַטמאָספער, וואָס האָט זיך איינגעוואָרצלט אין דער דורכשניטליכער אוקראַינישער אינטעליגענץ. איז דאָך דערזעלבער ניקאָווסקי מיט אַ יאָר שפּעטער געוואָרן דער פּרעמיער־מיניסטער פון פּעטליורעס רעגירונג שוין אין אַ צייט, ווען פון אים האָבן זיך אָפּגעשאָקלט אַפילו אַזעלכע מאַרגאַרינע־סאָציאַליסטן, ווי מאַרטאָס און ליוויצקי, און

ווען די מאָראַלישע שולד פון פּעטליורע סיי אין יידישע פּאָגראָמען, סיי אין דער פולשטענדיגער קאָמפּראָמענטאַציע פון דער אוקראַינישער באַוועגונג דורך זיין בונד מיט פּוילן און דעם פאַרראַט פון מזרח־גאַליציען — זיינען געוואָרן קלאָר פאַר אַ סך אַפילו רעכטע עלעמענטן פון דער אוקראַינישער געזעלשאַפט. . .

צי האָבן די טוער פונם נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט, צונויפשטעלנדיג די דאָזיגע דעלעגאַציע, פאַרגעסן די פריהיאָרס־אַרטיקלען פון איר לידער, אָדער זיינען זיי אַרויס פונם כלל, אַז ווען מען מאַכט פּאָליטיק, טאָר מען זיך ניט צו פיל פונאַנדערקלייבן, — דאָס איז מיר אומבאַקאַנט. ווינישענקאָ האָט אָבער געוויס אַ בעסערן זכרון אײדער די טוער פונם נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט, און אויפנעמענדיג די דאָזיגע מערקווירדיגע דעלעגאַציע האָט ער זיך מן הסתם געמאַכט זיינע געדאַנקען וועגן דעם, ווי אַזוי ווייט עס דערגייען יידישע פּאַרטייען אין זייער קעגנזייטיגן האַס. . .

אַלנפאַלס איז די דעלעגאַציע, ווי עס זעהט אויס, געווען שטאַרק צופרידן מיט די רעזולטאַטן פון איר אודיענץ: אויפן אַנדערן טאָג — דעם 10־טן יאַנואַר האָט דער נאַצ. סעקרעטאַריאַט פונאַנדערגעשיקט צו אַלע קהלות אַ טעלעגראַם, אין וועלכער ער איז מודיע, אַז די דירעקטאָריע נעמט אָן אַנטשידענע מיטלען קעגן פּאָגראָמען, אַז די אָרטיגע יידישע באַפעלקערונג מעג זיך באַרוהיגן און אַז אין פאַל פון עקסצעסן און יידנפיינטליכער אַגיטאַציע האָל מען מודיע זיין דעם נאַצ. סעקרעטאַריאַט.

ס׳איז מערקווירדיג, אַז אַ יידישע סאָציאַליסטישע דעלעגאַציע, וואָס האָט דעם זעלבן 10 יאַנואַר, אין באַגלייטונג פון אַ פּאָר אוקראַינישע סאָציאַליסטן, באַזוכט דעמזעלבן ווינישענקאָ, האָט אַרויסגעטראָגן פון איר באַזוך אַ גאַנץ להפכדיגן נעגאַטיוון איינדרוק. צו האָט זיך ביי ווינישענקאָ מיט אַ מאָל געביטן די שטימונג, אָדער צו האָט ער דאָס מאָל געהאַלטן פאַר נויטיג צו פאַרטיידיגן, קעגן זיין אינערליכער איבערצייגונג, דעם אומגליקליכן „פּרעסטיזש פון דער מאַכט“, — ווי ער האָט דאָס בשעתו געטאָן אויף דער געמיינזאַמער באַראַטונג פון די סאָצ. פּאַרטייען, אָדער צי האָבן די אָפּאָזיציאָנעל געוואָרענע בונדיסטן און פאַראייניגטע אַנדערש אויסגעטייטשט די זעלבע ווערטער פונם פאָרזיצער פון דער דירעקטאָריע, אײדער טאָמקין און ניקאָווסקי, — דאָס איז מיר ניט גאַנץ קלאָר ביזן היינטיגן טאָג.

XX. דער קאָנטאַקט מיט די סאָציאַליסט. פּאַרטייען

די אָרגאַניזירונג פונם בילדונגס־דעפּאַרטאַמענט. — דער „בונד“ און די יידישע פאָלקס־בילדונג. — אָפּמאַך מיט דער „קולטור־ליגע“. — חיים פיאַלקאָוו. — יידישעם מיניסטעריום און ייד. קאָמיסאַריאַט. — נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע און ראַטן־סיסטעם. — כורגינס פּלענער. — ראַפּעסעס הבטחה און איר ערפילונג.

ניט קוקנדיג אויפן שאַרפן פּאָליטישן סכסוך צווישן די פּועלי־ציון און די איבעריגע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, האָט זיך פונדעסטוועגן אין פילע פּראַקטישע פראַגן געשאַפן מיט זיי אַ בעסערע באַציהונג, איידער מיטן נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט. די בונדיסטן און „פּאַראייניגטע“ פלעגן דעמאָלט ניט נאָר פּאַרטיידיגן דאָס יידישע מיניסטעריום יעדעס מאָל, ווען די אָנפאַלן זיינען געווען מצד די בירגערליכע פּאַרטייען, נאָר זיי האָבן אַפילו געפּרובט אין איניגע פאַלן אויסנוצן עס קעגן דעם נאַצ. סעקרע־טאַריאַט (למשל אין דער פראַגע פון צענטראַלן הילפס־קאָמיטעט פאַר די געליטענע פון די פּאָגראָמען). אַ באַזונדערס קאָנקרעטע פאָרם האָט אָנגענומען דער פּראַקטישער קאָנטאַקט צווישן דעם יידישן מיניסטעריום און די צו אים אָפּאָזיציאָנעלע סאָצ. פּאַרטייען אין דער פראַגע וועגן אָר־גאַניזירן פון זיין ב י ל ד ו נ ג ס ־ טעטיגקייט.

כמוז מודה זיין אַז די שאַפונג פון אַ בילדונגס־דעפּאַרטאַמענט, וואָס זאָל שטיין אויף דער פולער הויך פון זיין פאַראַנטוואָרטליכער אַר־בעט, איז באמת געווען איינע פון די שווערסטע אויפגאַבן ביי דער אויפ־שטעלונג פונם באַגייטן יידישן מיניסטעריום. באַזונדערס ערשווערט איז געוואָרן די דאָזיגע אויפגאַבע אדאַנק דעם, וואָס ס׳האָט זיך מיר איינ־געגעבן דורכצופירן דעם פּרינציפּ פון באַדייטנדע מלוכה־אַסיגנירונגען פאַר

די באַדערפעניש פון יידישער בילדונג, און מען האָט געמוזט שוין צוליב דעם אַליין באַדייטנד פאַרברייטערן דעם ווירקונגס-קרייז פונם בילדונגס-דעפאַרטאַמענט. ס'איז אַפילו געשטאַנען אויפן סדר-היום דער פּלאַן וועגן שאַפן אַ יידישן אוניווערסיטעט, וואָס וואָלט געוויס מקוים געוואָרן, ווען דער גאַנג פון די אַלגעמיינע פּאָליטישע געשעענישן וואָלט פאַרגעקומען אַזוי, ווי מיר האָבן דעמאָלט געוואָלט.

אינם אַלטן יידישן מיניסטעריום איז דער בילדונגס-דעפאַרטאַמענט געווען כמעט אינגאַנצן אַ מאָנאָפּאָליע פון בונד. די סבה פון דעם איז ניט נאָר דער בונדישער פּרינציפּיעלער קוק אויף נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, וואָס באַגרענעצט איר ווירקונגס-קרייז מיט קולטורעלע אויפגאַבן, נאָר אויך דער דערמיט פאַרבונדענער פאַקט, וואָס דעם בונד האָט זיך איינגעגעבן, אַ דאַנק לאַנג-יאָריגער באַשעפטיגונג מיט בילדונגס-אַרבעט, צו קאָנצענטרירן אַרום זיך אַ גרופּע פון ערנסטע קולטור-טוער. ס'איז דעריבער געווען גאַנץ נאַטירליך, אַז ביי דער גרינדונג פונם ערשטן יידישן מיניסטעריום איז לויטן הסכם צווישן די סאָציאַליסטישע פאַרטייען דער בילדונגס-דעפאַרטאַמענט אָפּגעגעבן געוואָרן אין פאַקטישן רשות פון דער עלטסטער יידישער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע (דער דעפאַרטאַמענט פון אַלגעמיינע ענינים איז פאַרנומען געוואָרן דורך די „פאַראייניגטע“, דער דעפאַרטאַמענט פון נאַציאָנאַלער זעלבסט-פאַרוואַלטונג, וואָס האָט קאָנצענטרירט אין זיך די ענינים פון די קהלות, דורך די פּועלי-ציון).

בעת דאָס יידישע מיניסטעריום האָט אונטער מיין לייטונג אָנגעהויבן זיך צוריק צו קאָנסטיטואירן, איז צווישן פאַרשידענע קולטור-טוער פונם בונד אַנטשטאַנען אַ שטרעבונג איינצוהאַלטן די פריהערדיגע פּאָזיציע. אין די חדרי-חדרים פונם בונד האָבן די קולטור-טוער געמאַכט פאָרוואורפן די „פּאָליטיקער“, אַז צוליב זייער עקשנותדיג-עקסטרעמער האַלטונג דראָהט דעם בונד צו פאַרלירן איינע פון זיינע וויכטיגסטע פּאָזיציעס. די פּאָליטיקער, וועלכע האָבן אַפילו אַלס ניי-געבוירענע באָלשעוויקעס, דאָך ניט פאַרלוירן דעם אַלטן געזונטן אָפּאָרטוניסטישן חוש — ריכטיגער געזאָגט, איז זייער גאַנצער פּלוצלינגער באָלשעוויזם געווען ניט מער ווי אַ נייער אויסדרוק פונם טראַדיציאָנעלן אָפּאָרטוניסטישן גייסט — האָבן גלייך איינגעזעהן, אַז מען מוז האַלטן דעם אייזן אין צוויי פייערן: מי יודע?... האָט מען דעריבער געזוכט אַן אויסוועג, ווי

צוזאַמענצופּאָרן די שאַרף־נעגאַטיווע אָפּיציעלע באַציהונג צום יידישן מיניסטעריום בכלל מיט דער איינהאַלטונג פון די פריהערדיגע פּאָזיציעס אינם זעלבן מיניסטעריום. דער אויסוועג איז גלייך געפונען געוואָרן. מען האָט זיך דערמאָנט, אַז די פּועלי־ציוניסטישע פּאַרטיי באַטייליגט זיך אין דער קולטור־ליגע, אַז דער נייער יידישער מיניסטער איז אַ מיטגליד פון איר צ. ק., און אַז די קולטור־ליגע איז דאָך אַן אומפּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע... בכן האָט מען מיך איינגעלאַדן אויף אַ ספּעציעלע זיצונג פון דער קולטור־ליגע און געשטעלט מיר אַלס מיטגליד פון איר צ. ק. דעם פאָרשלאַג, אַז כ׳זאָל אויסקלייבן דעם פּערסאָנאַלן באַשטאַנד פונם בילדונגס־דעפּאַרטאַמענט אין שטענדיגן הסכם מיט דער קולטור־ליגע. דער זין פונם דאָזיגן פאָרשלאַג איז געווען אַ גאַנץ קלאָרער: דער בונד האָט אויף אַזאַ אופן געוואָלט בשותפות מיט די „פאַראייניגטע“, — וואָס זיינען שוין געשטאַנען דעמאָלט ערב אַ נייער פאַראייניגונג מיט אים — איינהאַלטן אָהן פּאָליטישער אחריות דעם פאַקטישן קאָנטראָל איבער דער בילדונגס־טעטיגקייט פונם מיניסטעריום. כאָטש דער דאָזיגער זין איז מיר גאַנץ קלאָר געווען, בין איך דאָך צום פאָרשלאַג תיכף מסכים געווען. כ׳האָב דאָס בעיקר געטאָן צוליב דעם, ווייל כ׳האָב באמת ניט געוואָלט פאַרוואַנדלען דאָס יידישע מיניסטעריום אין אַ פּועלי־ציוניסטישע פּאַרטיי־קרעמל און אַנידערשטעלן די מיטגלידס־קאַרטע פון דער פּאַרטיי איבער פאַך־קענטענישן און פּערזענליכער קוואַליטעט. חוץ דעם, בין איך דאָך מיט דער פּאָזיטיווער זייט פון דער פּראָגראַם פון קולטור־ליגע, ד. ה. מיט איר שטרעבונג צו יידישער מאַסן־קולטור, געווען טאַקע פול־שטענדיג סאָלידאַריש.

אויסדריקנדיג מיין הסכם צום פאָרשלאַג פון דער „קולטור־ליגע“, האָב איך אָבער דערביי געמאַכט אַ פּאָר ממשותדיגע רעזערוואַציעס. די ערשטע איז געווען, אַז פאַרשפּרייטנדיג יידישע קולטור וועט זיך דער בילדונגס־דעפּאַרטאַמענט אין דערזעלבער צייט ניט שטעלן קיין שום קאַמפּס־אויפגאַבן בנוגע העברעאישע שולן, אויף וויפיל זיי אַנטשטייען דאַנק פּריוואַטער איניציאַטיווע און קומען ניט אָן צו מלוכהדיגע מיטלען. די צווייטע רעזערוואַציע איז געווען, אַז העברעאיש אַלס למוד, וועט ניט אַרויסגעשטופּט ווערן פון יידישע שולן, ווי ס׳וואָלטן שוין דעמאָלט געוואָלט איינציגע טוער פון דער קולטור־ליגע. כדי צו קאָנען קאָנטראָ־

לירן די איינהאַלטונג פון די דאָזיגע רעזערוואַציעס, באַהאַלט איך פאַר מיר דאָס רעכט איבערצוגעבן די אַלגעמיינע ליטונג פונם דעפּאַרטאַמענט אַ פערזאָן, וואָס זאָל פעסט שטיין בנוגע די דאָזיגע פראַגן אויפן זעלבן שטאַנדפונקט און געבן מיר אין דעם פרט אַלע נויטיגע גאַראַנטיען. דער הסכם מיט דער קולטור־ליגע איז חל בלויז אויף די פאַכמענער, די פאַרוואַלטער מיט די פאַרשידענע אָפּטיילונגען פונם בילדונגס־דעפּאַרטאַמענט.

צום סוף פון מיינע דערקלערונגען האָב איך גלייך אויפן אָרט אָנגערופן דעם נאָמען פון דער פערזאָן, וועמען כ׳וויל איבערגעבן די אַלגעמיינע אָנפירונג פון די בילדונגס־ענינים. דאָס איז געווען ח י י ם פ י אַ ל ק אָ ו ו, מיט וועמען כ׳האָב דעמאָלט געפירט — מיט דער הילף פון וו. לאַצקי, פאַרהאַנדלונגען וועגן דעם דאָזיגן ענין. כדי אָפּצושפּאָרן זיך איבעריגע וויכוחים מיט דער קולטור־ליגע, האָב איך וועגן דער באַשטימונג פון פיאַלקאָוו, וועלכער האָט געשמט אין דער פעדאַגאָגישער וועלט אַלס אַן אָנהענגער פון גלייכבאַרעכטיגונג פאַר ביידע שפראַכן, מיטגעטיילט ווי וועגן אַן ענדגילטיגן שריט, וואָס קאָן שוין ניט גענומען ווערן צוריק.

כ׳ווייס ניט, ווי האָבן זיך די אָנפירער פון דער „קולטור־ליגע“ א י נ ע ר ל י ך באַצויגן צו דער דאָזיגער מיטטיילונג. זיי זיינען אָבער געווען צו פיל רעאַל־פּאָליטיקער, כדי ניט צו מאַכן קיין „גוטע צורה צום בייזן שפיל“. אגב איז דאָס שפיל פאַר זיי גאָרניט געווען אַזוי בייז...

אין מיין האַרצן האָב איך געטראַכט, אַז, אויב די באַשטימונג פון פיאַלקאָוון וועט זיך אַרויסווייזן אַלס ניט קיין גענוגנדע גאַראַנטיע פאַר דער דורכפירונג פון די אויבנדערמאָנטע רעזערוואַציעס, און אויב ס׳זאָל אויף דעם באָדן פון זייער איינהאַלטונג קומען היינט ניט איז צו אַ קאַמף מיט דער מערהייט פון דער קולטור־ליגע, — וועט דאָס מיניסטעריום אין פאַל פון דער באַפעסטיגונג פון דער אַלגעמיין־פּאָליטישער לאַגע האָבן אין אַזאַ קאַמף אַלע קאָרטן אין דער האַנט. און אויב ניט, אויב די אַלגעמיין־פּאָליטישע אַנטוויקלונג וועט ברענגען צום ערפאָלג פון פיאַטאַקאָווס אָנפאַל, איז במילא די גאַנצע אַרבעט אויף אויפצושטעלן דאָס מיניסטעריום געווען ניט מער, ווי אַ צוגרייטונג פאַר אַ קומענדיגן גוטן יידישן קאָמיסאַריאַט.

מיט דער דאָזיגער לעצטער מיגליכקייט האָב איך זיך דעמאָלט אַגב זעהר שטאַרק גערעכנט, און דאָך ניט געזעהן אין איר קיין שום סבה ניט אויף אָפּצושטעלן מיין אַרבעט. צווישן אייניגע חברים, בפרט די, וואָס האָבן געהערט צו דעם באָלשעוויסטישן פליגל פון דער פועלי-ציוניס-טישער פּאַרטיי, איז די דאָזיגע מיגליכקייט געווען אַפילו שטאַרק פּאָ-פולער און פלעג אַפילו אויסגענוצט ווערן אין דיסקוסיעס מיט אַנדערש-דענקנדע, אַלס אַן ענטשולדיגונגס-גרונד פאַר דער האַלטונג פון דער פּאַרטיי. מען האָט גאַנץ גוט געוואוסט וועגן די אַנטי-נאַציאָנאַלע טענ-דענצן, וואָס הערשן אין די שפּיצן פון דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. האָט מען דעריבער גערעכנט, אַז רעפאָרמירן אַ באַשטייענדן פעסטן מיניסטעריום, וואָס האָט שוין פאַרנומען זיין באַשטימטן פּלאַץ אין דער פאַרוואַלטונג אין אַ גלייכבאַרעכטיגטן פאָלקס-קאָמיסאַריאַט אָדער פאַרוואַנדלען גוט-פונקציאָנירנדע קהלות אין ייִדישע אַרבעטער-ראַטן וועט זיין פיל גרינגער, איידער צו שאַפן די דאָזיגע אַלע אינסטיטוציעס לחלוטין פון דאָס ניי.

איך פערזענליך, אָנערקענענדיג טיילווייז די באַרעכטיגונג פונם דאָזיגן אַרגומענט, האָב אָבער אין דערזעלבער צייט געהאַט שטאַרקע ספקות וועגן דעם, אויף וויפיל די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז בכלל מעגליך אויפן יסוד פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. מיין הויפּט-אַרגומענט איז געווען, אַז אין די ראַמען פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע האָט ניט דאָס פּראָלעטאַריאַט פון דער מינדערהייטס-נאַציע קיין שום צוואַנגס-מיטלען, מיט וועלכע ער זאָל קאָנען נויטן זיין בורזשואַזיע צו טראָגן אויף זיך דעם עול פון אַנשטאַלטן, אין וועלכע זי האָט ניט קיין וואַלרעכט. אויב די באַציהונג פונם קאַפּיטאַ-ליסט צו דער טעריטאָריאַלער מלוכה איז אַ זאַכליכע אַן אָביעקטיווע, איז זיין באַציהונג צו דער מינדערהייטס-נאַציע, צו וועלכער ער געהערט, אַ פערזענליכע, אַ סוביעקטיווע. בראָדסקי, למשל, אַלס טרעגער פון קאַ-פּיטאַלן קאָן ניט גרינג פּטור ווערן פון דער אוקראַאינישער סאָוועט-רעפּוב-ליק, אַפילו ווען ער זאָל דאָס וועלן: ער פערזענליך קאָן אָננעמען אַן אַנדער מלוכה-אַנגעהעריגקייט אָדער אַנטלויפן קיין אויסלאַנד, אָבער זיינע פאַבריקן, הייזער, לענדער, בכלל אַלע מאַטעריעלע רייכטימער, וואָס זיינען אויף דער טעריטאָריע פון דער סאָוועטן-רעפּובליק, בלייבן

אין רשות פון דער פראָלעטאַרישער מלוכה. פון דער יידישער קהלה, בפרט ווען זי איז פראָלעטאַריש און לחלוטין וועלטליך, קאָן ער אָבער פטור ווערן דורך אַ פשוטער אויסטריט־ערקלערונג, און קיין שום פראָלע־טאַרישע מלוכה וועט ניט דערשווערן דעם דאָזיגן אויסטריט, וואָס וועט שטענדיג בלייבן אַ זאַך פון פרייען געוויסן. ס'איז אָבער קלאָר, אַז אין דעם מאָמענט, ווען מיר פראָקלאַמירן די יידישע נאַציע, אַלס אַ פּראָלע־טאַרישע, און שליסן אויס אונזער בורזשואַזיע פון וואַלרעכט, מוזן מיר זי אויסשליסן אויך פון אונזערע אַוטאָנאָמע שטייערן, ווייל צו אַזאַ וועלטליך פראָלעטאַרישער נאַציע וועט זי געוויס ניט וועלן אָנגעהערן. ווען די בורזשואַזיע גייט אַוועק פון רוסלאַנד, לאָזט זי דאָרט איבער דעם רוב פון איר פאַרמעגן, ווען זי פאַרלאָזט דאָס יידנטום, לאָזט זי אונז גאָרניט איבער. דעריבער איז אוממיגליך דורכצופירן די דיקטאַטור פונם פראָלעטאַריאַט אין די אָפּגעשלאָסענע ראַמען פון נאַציאָנאַל־אַוטאָ־נאָמיע כחות־באַציהונגען. זי קאָן פאַרווירקליכט ווערן אינערהאַלב פון אַן עקס־טעריטאָריאַלער נאַציע בלויז דורך פאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען פון דער טעריטאָריאַלער פראָלעטאַרישער דיקטאַטור, אונטער וועלכן „אַוטאָ־נאָמען" נאָמען די דאָזיגע אָרגאַנען זאָלן ניט פונקציאָנירן. יידישע אַר־בעטער־ראַטן קאָנען צוליב דעם קיינמאָל דעם פּלאַץ פון דעמאָקראַטישע קהלות ניט פאַרנעמען; אין עקסטן פאַל, אויב זיי וועלן בכלל עקזיסטירן, וועלן זיי זיין בלויז דעקאָראַציעס צו די פון אויבן באַשטימטע מלוכה־דיגע מאַכט־אָרגאַנען. אַ נאַציאָנאַלע אַוטאָנאָמיע אָהן אייגענע פינאַנ־ציעלע קוועלן איז אַ גוף אָהן אַ נשמה.

וועגן דער דאָזיגער העכסט אינטערעסאַנטער פראַגע איז מיר אויס־געקומען אין אַ פּאָר טעג נאָכן איבערנעמען דאָס יידישע מיניסטעריום צו פירן ביי אַ צופעליגער באַגעגעניש אַ לאַנגן שמועס מיט איינעם פון מיינע נאָהענטע קאָלעגן אינם פריהערדיגן מיניסטעריום — מיט י. כ ו ר־ג י נ ע ן. כורגין, וואָס האָט פאַרוואַלטעט אין זילבערפאַרבס צייט מיטן דע־פאַרטאַמענט פון אַלגעמיינע ענינים און איז דערנאָך געווען דער וויצע־מי־ניסטער, איז אַ גאַנץ פעהיגער, אָבער זעהר ניט קיין סיסטעמאַטישער קאָפּ.

דעם שמועס האָט פאַרפירט י. כורגין, וועלכער האָט זיך דאַן באַ־קענט מיט דער פראָגראַם פון דעם נייעם יידישן מיניסטעריום, וואו

ס'איז אריינגענומען געוואָרן, אַלס איינער פון די וויכטיגסטע פונקטן, דאָס באַשטייערונג־רעכט פאַר די יידישע קהלות, און האָט געפּרואווט מיך איבערציינן, אַז איך שטיי אויף אַן אַלטן אָפּגעלעבטן שטאַנד־פּונקט, אַז מע טאָר די קהלות ניט פאַרשטאַרקן, אַז מע מוז במקום זיי שאַפן אַרבעטער־ראַטן.

אויסהערנדיג מיינע אַרגומענטן קעגן דער מעגליכקייט פון אַ לעבנס־פעהיגער פּראָלעטאַרישער אַווטאָנאָמיע, אָהן צוואַנגס־מיטלען קעגן דער בורזשואַזיע, האָט כורגין געענטפערט:

— אין אַלגעמיין זיינט איר גערעכט. איר פאַרגעסט אָבער, אַז מיר האָבן צוואַנגס־מיטלען, וואָס קאָנען אויסגעניצט ווערן אויך אין די ראַמען פון אַזאַ אַווטאָנאָמיע.

— און דאָס זיינען?..

— בית־עלמינס און כשר פלייש. גלייך ווי ס'וועט ווערן ראַטן־מאַכט און מיר וועלן איבערנעמען די דיקטאַטור אין דער יידישער קהלה, וועלן מיר מאַכן אַ פּראָלעטאַרישע מאָנאָפּאָל פון כשר פלייש און בתי־הקברות, און יעדער יידישער בורזשואַ, וואָס וועט ניט צאָלן דעם שטייער, וועלכן מע וועט אַרויפלעגן אויף אים לטובת דער פּראָלעטאַרישער קהלה, וועט האָבן די ברירה עסן טריפה דאָס גאַנצע יאָר, ברויט פּסח און באַגראָבן ווערן וואו ער וויל, נאָר ניט אויפן יידישן בית־עלמין. גלויבט מיר, אַז דאָס איז אַ גענוג שטאַרק מיטל: ניינציג פּראָצענט פון דער יידישער בורזשואַזיע וועט זיך מיט אונז איבערבעטן און צאָלן שטייער אפילו ביי אַ פּראָלעטאַרישער אַווטאָנאָמיע.

— מיינט איר דאָס ערנסט, אָדער איז דאָס אַ וויץ?

— גאַנץ ערנסט, — האָט זיך שיער ניט באַליידיגט כורגין.

— אבער זעהט איר דען ניט אין דעם אַ גוואַלטיגן ווידערשפּרוך צו דער פאָדערונג פון אַ וועלטליכער קהלה?

— רעליגיע איז שלעכט, ווען זי ווערט אויסגעניצט טצד דער בורזשואַזיע, אַלס כלי־זין צו פאַרטיידיגן אירע קלאַסן־אינטערעסן. אָבער ווען מע קאָן אומדרייען דעם שפּיץ און אויסניצן דאָס זעלבע געווער, כדי צו צווינגען די בורזשואַזיע זיך אונטערגעבן דער מאַכט פון אַרבעטער־קלאַס, טאָ פאַרוואָס זאָל מען דאָס ניט אויסניצן? דערמיט שאַפן

מיר ניט קיין רעליגיעזע אַווטאָנאָמיע, מיר ניצן בלויז אויס אַ שטאַרקן דרוקמיטל קעגן דער בורזשואַזיע.

איך געדענק שוין ניט, וואָס איך האָב געענטפערט אויף דער דאָזיגער איינגאַרטיגער אַרגומענטאַציע...

צום סוף פון אונזער געשפּרעך האָט י. כורגין מיך פאַרזיכערט, אַז אין פאַל פונם נצחון פון דער ראַטן־מאַכט, אין וועלכן ער פערזענליך צווייפלט ניט, וועלן זיי, די יידישע קאָמוניסטן (כורגין פלעגט זייט אַ פּאָר וואָכן שטעלן טראָגן דעם דאָזיגן טיטל) טון אַלץ דאָס מעגלעכע, כדי די בויאונג פון דער יידישער אַווטאָנאָמיע זאָל אין תוך פאַרגעזעצט ווערן אין נאָך אַ גרעסערן ווי פריהער מאַסשטאַב, ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס זי וועט איבערבייטן אירע פאָרמען און אָננעמען די צורה פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

— איך בין זיכער, — האָט געענדיגט כורגין, — אַז דער יידישער קאָמיסאַריאַט אין אוקראַינע וועט פאַרנעמען אַ פיל גרעסערן פּלאַץ אין יידישן לעבן, איידער בשעתו דאָס יידישע מיניסטעריום.

— באַזונדערס, — האָב איך איראָניש געענטפערט, — ווען ער וועט דורכפירן די פּראָלעטאַרישע מאָנאָפּאָל פון כשר פליייש...

דעם געדאַנק וועגן יידישן מיניסטעריום, אַלס מעגליכן פאָרלויפער פון פּראָלעטאַרישער אווטאָנאָמיע, איז מיר אויסגעקומען עטוואָס שפּע־טער צו באַרירן אויך אין אַ געשפּרעך מיט ראַפּעס. ער האָט מיך באַגעגנט אויף דער גאַס און דערמאָנט וועגן אַ בריוו, וואָס ער האָט מיר געשריבן לטובת אַ געוויסן מ., וועלכער האָט געוואָלט אָנקומען אויף אַ שטעלע אינם פּרעס־ביוראָ פונם יידישן מיניסטעריום. איך האָב צוגעזאָגט צו האָבן אין זינען דעם דאָזיגן קאַנדידאַט, און אויף זיין פראַגע, ווי גייט בכלל די אָרגאַניזירונג פון מיניסטעריום, האָב איך גע־ענטפערט האַלב אין וויץ און האַלב אין ערנסט:

— ס'גייט גאַנץ גוט. איך וועל זיכער פאַר אייך צוגרייטן אַ גוטן קאָמיסאַריאַט. זעהט אָבער אים איינצוהאַלטן דערנאָך כאָטש אויף דער זעלביגער מדרגה.

מ. ראַפּעס האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— נישקשה, איר מעגט רוהיג זיין. אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג.

ווי אזוי די אָנהעגנגער פון יידישן פּראָלעטאַרישן אַווטאָנאָמיזם — ראַפּעס, כורנין און קאָמפּ. האָבן מקיים געווען די דאזיגע הבטחות, ווערט קלאָר פון פאָלגענדן בריוו, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער קיעווער „נייער צייט“ פון 22-טן מערץ 1919:

„צו די חברים קאָמיסארן!

„שוין זעקס וואָכן זיינען אַריבער, זינט דאָס מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים איז אַריבער אין רשות פון די קאָמיסארן פון דער ראַטן-מאַכט. די גאַנצע צייט ווערט אין בילדונגס-דעפּאַרטאַמענט קיין שום אַרבעט ניט געפירט. בקשות און ווענדונגען פון פאַרשיידענע קולטור-אַנשטאַלטן ליגן אָהן באַוועגונג. דערמיט ווערט דיסקרעדיטירט די אידעע פון יידישער פאָלקס-בילדונג און ס'ווערט אונטערגראָבן איר יסוד.

„מיר, באַאַמטע, ווייסן ניט, וואָס מיר האָבן צו טון.

„מיר האַלטן פאַר נידעריגער פון אונזער כבוד ווייטער צו פאַר-נעמען אַזאַ שענדליכע לאַגע און בעטן די קאָמיסארן צו באַפרייען אונז פון אונזערע פּאָסטנס.

דירעקטאָר פון בילדונגס-דעפּאַרטאַמענט — חיים פיאַלקאָוו,
פאַרוואַלטער פון שול-אפּטיילונג — ח. ש. קאזשדאן,
פאַרוואַלטער פון אויסערשול-אפּטיילונג — נח לוריע,
פאַרוואַלטער פון פאַרלאַגס-אפּטיילונג — נחמן מייזיל,
פאַרוואַלטער פון פאָרשול-אָפּטיילונג—ב. אייסוראָוויטש“.

די דאָזיגע בקשה איז דערפילט געוואָרן. דאָס יידישע מיני-סטעריום איז, פּונקט ווי אין דער צייט פון העטמאַן, פאַרמאַכט גע-וואָרן אפילו אָהן וועלכן ס'איז ערזאַץ. די טעטיגקייט פון די אויבנ-דערמאָנטע קולטור-טוער איז געוואָרן איבעריג. ח. פיאלקאָוו איז אַוועק אין דער וועלט, פון וועלכער מע קערט זיך ניט אום, און די איבעריגע — ערנסטע, ווערטפולע בילדונגס-טוער, מיט וועלכע דער „בונד“ און די „פאַראייניגטע“ פלעגן מיט רעכט שטאָלצירן — האָבן (אויסער איינעם) געפונען פרייערע שאַפונגס-מעגליכקייטן אונטער דער שליטה פון פּילסודסקין אין וואַרשע, איידער אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון ראַפּעס, כורנין און זייערע חברים...

XXI. אינם מיניסטאָרן־ראַט

אַלגעמיינער איינדרוק. — די פראַגע וועגן פּאָגראָמען און קאַמפּס־מיטלען קעגן זיי. — דער פאָרשלאַג וועגן פּאָליטישע קאָמיסאַרן. — טשעכאָווסקיס צושטימונג. — די פאַקטישע כּוחות פון דער דירעקטאָריע. — די רציחות אויף די באַנען. — זייער שפּעטערדיגער אויפקלערונג.

די זיצונגען פון מיניסטאָרן־ראַט, אין וועלכע כ׳האָב אָנגעהויבן אָנטייל צו נעמען אין אַ פּאָר טעג נאָך מיין באַשטימונג, זיינען אין פילע פּרטים געווען פאַר מיר אַן אַנטוישונג. איך האָב דערזעהן באַשיינפּערליך, ווי קליין איז די פאַקטישע מאַכט פון דעם מיניסטאָרן־קאַבינעט, און ווי ווייניג ער איז באמת בכח צו ענדערן די באַשטייענדע לאַגע. די דאָפּלטע צורה פון דער מאַכט, וואָס האָט זיך פאַרטיילט צווישן דער דירעקטאָריע און דעם מיניסטעריום, האָט געבראַכט דערצו, אַז אַ נאָך גרעסערער טייל פון דער פאַקטישער מאַכט איז אַריבער צו פאַרשיידענע מיליטערישע קאָמאַנדעס און איינצלנע אַטאַמאַנען, וואָס פלעגן פאָלגן די באַפעלן פון אויבן נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל דאָס האָט ניט געשטערט זייערע אייגענע פּלענער און קאַפּריזן.

פונדעסטוועגן האָט דאָס מיניסטאָרן־קאַבינעט פאַרמאָגט נאָך צו יענער צייט אַ באַדייטנדן אויטאָריטעט און האָט סיסטעמאַטיש געשטרעבט דעם דאָזיגן אַוטאָריטעט צו פאַרברייטערן און באַפעסטיגן. אין דער דאָזיגער באַשטרעבונג, וואָס פלעגט אָפּט ברענגען צו אָפענע אָדער באַהאַלטענע קאָנפליקטן מיט דער דירעקטאָריע אָדער אירע איינצלנע מיטגלידער, האָב איך געזעהן דער ריכטיגן וועג אויף אויסצובעסערן די לאַגע אין לאַנד. עס איז מיגליך, אַז וואָלט דעם קאַבינעט פון טשעכאָווסקי באַשערט געווען אַ בעסערע אויסערליך־פּאָליטישע לאַגע, וואָלט ער

סוף־כל־סוף גובר געווען די שוועריגקייטן פון דער אינערליכער פאַרוואַל־טונג. אָבער גראָד די דאָזיגע גינסטיגע לאַגע איז אים ניט באַשערט געווען.

די זיצונגען פון דעם מיניסטאָרן־קאַבינעט פלעגן פאָרקומען יעדן אָוונט פון האַלב 8 ביז האַלב 12. אָפט פלעגן זיי זיך אָבער פאַרציהען ווייט איבער דער האַלבער נאַכט. דער סדר־היום פלעג צונויפגעשטעלט ווערן ביים אָנהויב פון די זיצונגען דורך דעם פאָרזיצנדן, געמענדיג אין באַטראַכט די פראָעקטן און אָנפראַגן, וואָס ווערן אַריינגעטראָגן דורך יעדן מיניסטער באַזונדער. זעהר אָפט אָבער פלעגט מען דעם סדר־היום ניט קאָנען אויסשעפּן, בפרט ווען עס איז צוגעקומען אַ באַריכט פון גענעראַל־שטאַב וועגן דער מיליטערישער לאַגע אָדער אַן ברענענדע אַלגעמיין־פּאָליטישע פּראָבלעם.

שוין אויף דער ערשטער זיצונג, אויף וועלכער איך האָב אָנטייל גענומען, דוכט זיך דעם 15־טן יאַנואַר, האָט די פראַגע וועגן די מיטלען קעגן פּאָגראָמען זיך אַנידערגעשטעלט אויפן סדר־היום. רעפערירט איבער דעם דאָזיגן פונקט האָט דער מיניסטער פון אינערליכע ענינים, פּראָפּ. מ י צ י ו ק, אַן אוקראַאינישער ס. ר., וועלכער האָט זיך שטאַרק באַקלאָגט אויף די נאַכלעסיגקייט פון אָרטיגער אַדמיניסטראַציע און בפרט אויף אַנאַרכישע שריט מצד איינצלנע אָרטיגע אַטאַמאַנען. קיין קאָנקרעטע קאַמף־מיטלען האָט ער ניט פּאָרגעשלאָגן. פון מיין זייט האָב איך פאַר־לאַנגט מלוכה־הילף פאַר די געליטענע און אַ פולשטענדיגע אחריות פון דער ציווילער אַדמיניסטראַציע פאַר יעדער גוואַלד־טאַט, וואָס קומט פאָר אין איר געגנט. בעיקר האָב איך פאַרלאַנגט, עס זאָל געשאַפן ווערן אַ שטענדיגע קאָמיסיע ביים קריגס־מיניסטעריום מיטן אָנטייל פון יידישן און אינערליכן מיניסטעריום, וואָס זאָל קעמפן קעגן יעדן אויסדרוק פון אַנאַרכיע און האָבן אין איר רשות זיכערע פליהענדע מיליטערישע אָפּטיילונגען, וואָס זאָלן קאָנען געשיקט ווערן אין יעדן אָרט, וואו עס דראָהט אַ פּאָגראָם.

דער מיניסטאָרן־ראַט איז אין פרינציפּ צו די דאָזיגע פּאָרשלאַגן מסכים געווען. ער האָט מיך באַאויפטראָגט אויסאַרבעטן אַ קאָנקרעטן פראָעקט וועגן הילף און בילדן צוזאַמען מיט די מיניסטאָרן פאַר קריג און אינערליכע ענינים אַ צוזייטונגס־קאָמיסיע, וואָס זאָל אויסאַרבעטן גרינדליכע פּאָרשלאַגן וועגן פאַרהיטונג פון קומענדיגע גוואַלד־טאַטן.

אויף דער אַנדערער זיצונג, וואו איך האָב אַריינגעטראָגן אַ געזעץ-פּראָעקט וועגן אַסיגנירן 5 מיליאָנען רוב. (דעמאָלט — בערך 400,000 דאָלאַר) אויף די ערשטע הילף פאַר די יידן, וואָס האָבן געליטן פון פּאָגראָמען און גוואַלד-טאַטן, האָט זיך אַרום דעם אַנטוויקלט אַ קליינע דיסקוסיע. שאַפּאָוואַל, דער מיניסטער פאַר לאַנדווירטשאַפט, האָט אויסגעדריקט זיין פאַרוואונדערונג איבער דעם, וואָס מען טראָגט אַריין אַ געזעץ-פּראָעקט וועגן הילף בלויז פאַר יידן, בעת ער ווייס, אַז דורך די-זעלבע באַנדעס און אַנדערע אָנפאַלן זיינען חרוב געוואָרן אין פאַרשידענע ערטער אויך אַ רייע פון אוקראַינישע דערפער. טשעכאָווסקי האָט אים אויף דעם געענטפערט, אַז אויב עס זיינען פאַראַן קאָנקרעטע פאַקטן וועגן חרוב-געוואָרענע דערפער, וואָס נויטיקן זיך אין הילף, טאָ זאָל וועגן דעם דער מיניסטער פאַר אינערליכע ענינים אָדער פאַר לאַנדווירטשאַפט אַריינטראָגן אַ קאָנקרעטן געזעץ-פּראָעקט. אַלנפאַלס האָט דאָס ניט צו טון מיטן גורל פון די געליטענע אין זשיטאָמיר און באַרדיטשעוו און דאַרף ניט פאַרשלעפּן די הילף פאַר זיי. דערמיט האָט זיך שאַפּאָוואַל באַרוהיגט און דער געזעץ-פּראָעקט איז אין פּרינציפּ איינשטימיג דורכגעגאַנגען. שפּעטער, בעת דער געזעץ האָט געזאָלט באַשטעטיגט ווערן אין דער דירעקטאָריע, האָט מען פאַרלאַנגט פון מיר אַ קאָנקרעטן צעטל פון די שטעט, פאַר וועלכע איך פאַרלאַנג די הילף. איך האָב אויף דעם געענטפערט, אַז צוויי מיליאָנען זיינען גלייך נויטיג פאַר זשיטאָמיר, אַ מיליאָן פאַר באַרדיטשעוו, און צוויי מיליאָנען וויל איך האָבן אין מיין פרייען רשות, כדי אין דרינגליכע פאַלן פון הילף ניט מוזן אָנקומען יעדעס מאָל מיט געזעץ-פּראָעקטן. אַלס ענטפער אויף דעם זיינען די דריי מיליאָנען פאַר זשיטאָמיר און באַרדיטשעוו באַוויליגט געוואָרן תיכף-ומיד; די איבעריגע צוויי זיינען באַוויליגט געוואָרן אין פּרינציפּ, אָבער עס איז מיר דאָך פאָרגעשלאָגן געוואָרן צו ברענגען פאָראויס, צוליב פאָרמעלע טעמים, אַ קאָנקרעטע טאַבעלע, וואָס זאָל בייגעלייגט ווערן צום געזעץ-פּראָעקט. איך בין דערצו שוין ניט געקומען. די פאָרשלאָגן וועגן קאָנקרעטע קאַמפּס-מיטלען, וואָס האַרפן אָנגענומען ווערן קעגן דער מיגליכקייט פון נייע פּאָגראָמען, זיינען אַריינגעטראָגן געוואָרן אין אַ פּאָר טעג שפּעטער צוזאַמען מיטן מיניסטער פאַר אינערליכע ענינים. דער קריגס-מיניסטער גענ. גרעקאָוו איז בעת דער אויסאַרבעטונג פון פּראָ-

עקט ניט געווען אין קיעוו, ער איז אָבער געווען בעת זיין באַהאַנדלונג אין מיניסטאָרן־ראַט און ער האָט אויסגעדריקט דערצו זיין פולע צו־שטימונג.

אויסער די שוין דערמאָנטע פאָרשלאָגן וועגן דער אומבאַדינגטער אחריות פון די אָרטיגע קאָמיסאַרן און קאָמענדאַנטן פאַר דער אָרדענונג אין זייער באַציִרק און וועגן אַ שטענדיגער אָרדענונגס־קאָמיסיע ביים קרייס־מיניסטעריום, זיינען אין פראָעקט אַריינגענומען געוואָרן מיטלען, וואָס זאָלן געבן דער יידישער באַפעלקערונג אַ מעגליכקייט צו פאַרטיידיגן זיך קעגן פאָגראָמען מיט געווער אין די הענט. וועגן רעכט אויף פאַר־טיידיגן סתם איז דאָרט ניט גערעדט געוואָרן, ווייל דאָס דאָזיגע רעכט איז פרינציפיעל אָנערקענט אַפילו דורך דער צאַרישער געזעצגעבונג. דאָס רעכט אויף פאַרטיידיגן האָט אָבער ניט געהאַט קיין שום ממשות, ווען עס זאָל ניט געשאַפן ווערן אַ אַפּאַראַט, וואָס זאָל געבן דער יידישער באַפעלקערונג רעאַלע מעגליכקייט זיך מיט אים צו באַנוצן. אַזאַ אַפּאַראַט האָט געקאָנט געשאַפן ווערן דורך דעם, וואָס אין די שטאָטישע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען און די יידישע קהלות זאָל דעפּאָנירט ווערן געווער, וואָס זאָל באַנוצט ווערן בשעת הדחק אויף דער אחריות פון די דאָזיגע אַנ־שטאַלטן. פאַקטיש וואָלט דאָס באַדייט די שאַפונג פון אַ מין אָרטיגער מיליציע, וואָס באַקומט איר געווער לויט דער פאַראָרדענונג פון די אָר־טיגע זעלבסט־פאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען.

די צוציהונג צו דער פאַרטיידיגונג אויסער די יידישע קהלות אויך פון די שטאָטישע פאַרוואַלטונגען איז געווען באַרעכטיגט דורך דער האָפענונג, אַז עס וועט זיך איינגעבן אַריינציִהען אין דער זעלבסט־שוץ אויך געוויסע טיילן פון דער קריסטליכער באַפעלקערונג. די דאָזיגע האָפענונג האָט זיך געשטיצט אויף דעם, וואָס במשך יאַנואַר האָט דאָס פויערטום אַלס אַזעלכעס זיך ניט באַטייליגט אין פאָגראָמען. אַלע פאָג־ראָמען (אָוורוטש, באַרדיטשעוו, זשיטאָמיר) און גוואַלד־טאַטן (בפרט אויף די באַנען) זיינען אין יענער תקופה דורכגעפירט געוואָרן דורך רעגולערע אָדער ניט־רעגולערע מיליטערישע אָפּטיילונגען, ד. ה. אַלנ־פאַלס דורך פראָפעסיאָנעל באַוואָפנטע מענטשן.

די אָרטיגע באַפעלקערונג האָט זיך צו זיי באַצויגן, מיט אַ פּאָר אומבאַדייטנדע אויסנאַמען, ניט נאָר פּאַסיוו, נאָר האָט אַפילו אין איינציגע

ערטער געפּרובט צו פאַרטיידיגן די יידן. וועגן אַזעלכע פּרובן — געלונגענע און אומגעלונגענע — איז אונז מיטגעטיילט געוואָרן פון אָוורוטש און פון ראַדאָמיסלער קרייז, פון דער זשיטאָמירער געגנט, פון פּאָלטאַווער גוב. די מאַסנהאַפטע באַטייליגונג פון ניט-אוניפאָרמירטע אָרטיגע פּויערים אין יידישע שחיטות האָט זיך אָנגעהויבן ערשט מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער, נאָך דעם, ווי אויף אוקראַינע איז שוין געקומען די ראַטן-מאַכט, בפרט נאָכן אויפשטאַנד פון גריגאָריעוו, פון דעמזעלבן גריגאָריעוו, וועלכער איז פריהער געווען אידעאַליזירט דורך די באָלשעוויסטישער בלעטער.

עס איז אַלנפאַלס קלאָר, אַז אינמיטן יאַנואַר האָבן מיר נאָך געהאַט פולן גרונד צו קוקן אויף די פּאָגראָמען אַלס אויף איינצלנע אויסדרוקן פון מיליטערישער דיסציפּלינלאָזיגקייט, אָדער ווי אויף געהיימע מאַכינאַציעס פון אַ באַהאַלטענער שוואַרצער האַנט, אָבער בשום-אופן ניט ווי אויף אַ מאַסנהאַפטער פאָלקס-באַוועגונג, אָדער ווי אויף אַ בלוטיגן פאָלקספסיכאָז, וואָס האָט פאַרוואַנדלט מיליאָנען פון פריהער פרידליכע אַרבעטנדע מענשן אין גרויזאַמע רוצחים און ווילדע חיות...

די פאָרשלאַגן, נאָכן באַרינגען זיי דורכן אינערן-מיניסטער און דעם מחבר פון די דאָזיגע שורות, זיינען אָנגענומען געוואָרן אָהן וויכוחים. כדי צו פאַרזיכערן זייער דורכפירונג אין לעבן זיינען זיי אָנגענומען געוואָרן ניט אין פאָרם פון אַ געזעץ-פּראָיעקט, וואָס וואָלט באַדאַרפט נאָך באַשטעטיגט ווערן פון דער דירעקטאָריע, נאָר אין דער פאָרם פון אַדמיניסטראַטיווע באַשלוסן, וואָס קאָנען תיכף ומיד דורכגעפירט ווערן אין לעבן. צום אומגליק איז אָבער די מאַכט פון דער רעגירונג געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער, סיי צוליב אויסערליכע אָנגרייפנדע כחות, סיי אויך צוליב דער וואַקסנדער רעאַקציע און אַנאַרכיע אין לאַנד. באַלד, כמעט גלייכצייטיג מיט די דאָזיגע באַשלוסן, האָט דער מיניסטאָרן-ראַט בערך דעם 20-טן יאַנואַר באַשלאָסן אַרויסצולאָזן אַ נייעם אויפרוף צו דער באַפעלקערונג קעגן פּאָגראָמען און אָננעמען מיטלען, כדי ער זאָל כדבעי פאַרשפּרייט ווערן (עפנטליכע פּלאַקאַטירונג). ענטשיידנט פאַרן דאָזיגן באַשלוס איז געווען ניט נאָר דער באַוואוסטזיין, אַז די דעקלאַראַציע, וועלכע די דירעקטאָריע האָט אַרויסגעגעבן מיט אַ צעהן טעג פריהער, האָט אַרויסגערופן אַ באַדייטנדע אַנטוישונג אין דער יידישער באַפעלקערונג,

נאָר אויך דער ווילן צו שאַפן אין דער אוקראַיִנישער באַפעלקערונג גופא אַ שטאַרקערן ווידערשטאַנד קעגן פּאָגראָם־טאַטן. דער אויסגאַנגס־פּונקט פון דעם דאָזיגן געפּלאַנטן אויפרוף האָט געזאָלט זיין די שוין איבער־דערמאָנטע האָפענונג, אַז דאָס פּויערטום, אַלס גאַנצעס וויל קיין פּאָג־ראָמען ניט און איז גרייט צו קעמפן קעגן זיי, אויב מען וועט עס דערצו אַ שטופּ טון. דעריבער האָט דער צענטראַלער פּונקט פון דעם נייעם אויפרוף געזאָלט זיין די מיטטיילונג וועגן די מיטלען, וועלכע דער מיניס־טאָרן־ראַט האָט באַשלאָסן קעגן פּאָגראָמען און דער רוף צו דער קריסט־לעכער באַפעלקערונג צו באַטייליקן זיך געמיינזאַם מיט די יידן אין דער באַוואָפנטער פאַרטיידיקונג קעגן פּאָגראָמען, וואָס ווערן געמאַכט דורך באַ־וואָפנטע באַנדעס. ס'איז געווען געפּלאַנט, אַז נאָכן אָננעמען פון אויפרוף אין מיניסטאָרן־ראַט זאָל ער, כדי צוצוגעבן אים אַ וואָס מער אַוטאָריטאַ־טיוון כאַראַקטער, אונטערגעשריבן ווערן אויך דורך די מיטגלידער פון דער דירעקטאָריע.

דער אויפטראַג אויסצואַרבעטן דעם דאָזיגן אויפרוף, וועלכער האָט געזאָלט, לויט דער אינסטרוקציע פון מיניסטאָרן־ראַט, טראָגן אַ קלאָרן קאַטעגאָרישן כאַראַקטער, איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם מחבר פון די דאָזיגע שורות געמיינזאַם מיטן מלוכה־סעקרעטאַר קאָרטשינסקי. באַלד אויף אַנדערן טאָג האָב איך טאַקע צונויפגעשטעלט דעם פּראָעקט פון דעם דאָזיגן אויפרוף, וועלכער געפינט זיך מן־הסתם עד־היום אין די קיע־ווער אַרכיוון. אָבער ביז כ'האָב אים געקאָנט רעדאַקטירן צוזאַמען מיט קאָרטשינסקי און אַנידערשטעלן אים ווידער אויפן סדר־היום פון מיניס־טאָרן־ראַט, האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די הכנות צו עוואַקואַציע, און יעדע נאָרמאַלע אַרבעט איז געוואָרן אוממיגליך. חוץ דעם האָב איך שוין צו יענעם מאָמענט ניט געהאַט קיין גלויבן, אַז אַזאַ אויפרוף קאָן פיל העלפן, ווייל כ'האָב לויט דער קורצער, אָבער טיפער ערפאַרונג דערזעהן, אַז די רעגירונג האָט שוין אין דער באַפעלקערונג אַ גאַנץ קנאַפּן אַוטאָרי־טעט...

אין פּריוואַטע געשפּרעכן מיט אַ פּאָר מיניסטאָרן, בפרט מיט טשע־כאָווסקין, האָב איך אַרויסגערוקט נאָך אַ פּאָרשלאַג, וואָס האָט מיר גע־שיינט צו זיין אַ גוט מיטל קעגן פּאָגראָמען. דער פּאָרשלאַג איז באַשטאַנען אין דעם, אַז אין יעדער מיליטערישער אָפּטיילונג זאָל חוץ דעם מיליטע־

רישן קאָמאַנדיר זיין אויך אַ פּאָליטישער קאָמיסאַר, אַן אויסגעפּרובטער סאָציאַליסט, וואָס זאָל אַכטונג געבן, אַז דאָס מיליטער זאָל זיך ניט אַראָפּ־רוקן אין אַ זייט פון זיינע דירעקטע אייבגאַבן און בפרט ניט ווערן קיין ווערקצייג פון רעאַקציאָנערער פּאָגראָם־פּראָפּאַגאַנדע. דער פּאָרשלאַג, וואָס איז באַגרינדעט געוואָרן אויף דער געלונגענער באָלשעוויסטישער ערפאַרונג, האָט אין דער פּערזאָן פון משעכאָווסקי באַגעגנט אַ שטאַרקן אָנהענגער, אָבער די מיליטערישע אָנפירונג האָט זיך אַנידערגעשטעלט קעגן אים. דערביי האָב איך זיך דערוואוסט וועגן אַ פאַקט, וואָס איז עד־היום ניט באַוואוסט דעם גרויסן עולם: דער רוב פון די מיליטערישע אָפּטיילונגען, וואָס זיינען סטאַציאָנירט געוואָרן אין פּאָדאָליע און וואָלין, האָבן זיך גאָרניט געפונען אין רשות פון קריגס־מיניסטעריום. עס זיינען געווען פרייוויליגע אָפּטיילונגען, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דער אָנ־פירונג פון אייגענע אויסגעקליבענע אַטאַמאַנען. די דאָזיגע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן צום גרויסן טייל באמת פאַרדינט דעם נאָמען „באַנדעס“, וואָלטן קיין פּאָליטישע קאָמיסאַרן נאָר ניט אָנגענומען. די דירעקטאָריע האָט פון איר זייט גאָר ניט געהאַט קיין פרייע מיליטערישע כחות, כדי זיי דערצו צו צווינגען. כ'ברענג דאָ לויטן בוך פון ווינטשענקאָ אַ רשימה פון די מיליטערישע כחות, וואָס זיינען געשטאַנען אין רשות פון דער דירעקטאָריע דעם 20־טן יאַנואַר 1919:

פּאָלטאַווער ריכטונג: פינפטער סיטשעוויקעס־פּאָלק — פּאָלק — 1700 סאָלדאַטן, ביעלאָצערקאָווער פּאָלק — 1700 סאָלדאַטן. ערשטער סיטשעוויקעס־קאַוואַלעריע־פּאָלק — 500 סאָלד. רעזערוו אין דאַרניצע — 1000 סאָלד. צוזאַמען — 4900 סאָלד.

פּאָלטאַווער ריכטונג: פיפטער סיטשעוויקעס־פּאָלק — 1700 סאָלד., טשערנאָמאָרסקי־פּאָלק — 1000 סאָלד., צווייטער אַדעסער — 1300 סאָלד., לובנער קאַוואַלעריע — 400 סאָלד. ס"ה: 4400 ס.

קרעמענטשוגער ריכטונג: זעקסטער סיטשעוויקעס־פּאָלק — 1100 ס. היידאַמאַקישער — 1700 ס., דאָראָשענקאָס־פּאָלק — 500 ס., רעספּובליקאַנישער — 800 ס. צוזאַמען — 4100 ס.

קיעוו: ערשטער ספּעציעלער סיטשעוויקעס־באַטאַליאָן — 300 סאָלדאַטן, צווייטער סיטשעוויקעס פּאָלק — 1300 ס. דריטער סיטשע־וויקעס־פּאָלק — 1700 ס. ערשטער בלויע־זשופּאַנעס — 1700 ס.

אייזנבאַן-פּאָלק — 1700 ס. טעכנישער אייזנבאַן-באַטאַליאָן — 600 ס. שלאָג-באַטאַליאָן פון קאַזיענקאָ — 400 ס. צוזאַמען 7700 סאָלד.

בכלל האָט די דירעקטאָריע פאַרמאָגט אויף גאַנץ אוקראַינע 21,100 סאָלדאַטן. אַלע איבעריקע זיינען געווען ניט-רעגולערע פאָרמאַ-ציעס, וואָס זיינען ניט געשטאַנען אונטער איר פּאַקטישן באַפעל.

די אַנאַרכיע אין לאַנד האָט זיך אויף אַזאַ אופן אַרויסגעוויזן פאַר פיל טיפער, איידער כ'האָב מיר דאָס אין אָנהויב פאָרגעשטעלט.

וואָס מער ס'איז געוואַקסן די אַנאַרכיע אין לאַנד, אַלץ שוואַכער איז געוואָרן די פּאַקטישע השפעה פון מיניסטאָרן-ראַט אויף דעם גאַנג פון די ענינים. נעמענדיג טאָג-טעגליך אַן אָנטייל אין די זיצונגען, איז מיר אויס-געקומען גאַנץ דייטליך צו זעהן, ווי דער אויטאָריטעט פון דער רעגירונג ווערט פון טאָג צו טאָג קלענער. מען מוז מודה זיין, אַז די דירעקטאָריע האָט פון איר זייט אַלץ געטאָן, כדי אַניִדערצושטעלן דעם מיניסטאָרן-ראַט אין אַ שווערע און אָפטמאָל אויך אין אַ קאָמישע לאַגע. אַז דאָס איז געלעגן אין די אינטערעסן און כוונות פון פּעטלורע און אַנדרעיעווסקי, וואָס האָבן געוואָלט אויף אַזאַ אופן פּטור ווערן פון אומבאַקוועמן קאָנ-טראָל פון אוקראַאינישע סאָציאַליסטן איז לגמרי פאַרשטענדליך. ווי אָבער האָט וויניטשענקאָ, וועלכער האָט נ ע מ ו ו ט באַמערקן „וואוהין די רייזע גייט", זיך געלאָזט מיטבריכן פאַר אַזאַ פּאָליטיק, פאַרשטיי איך עד-היום ניט.

ס'איז אַלנפאַלס אַ פאַקט, אַז גאָר וויכטיגע פּאָליטישע אַנטשיידונגען זיינען אָנגענומען געוואָרן אָהן דעם הסכם און אפילו אָהן דעם וויסן פון מיניסטאָרן-ראַט. וועגן דער קריגס-ערקלערונג פון דער דירעקטאָריע צו ראַטן-רוסלאַנד, האָט אפילו טשעכאָווסקי, דער פּרעמיער-מיניסטער און מ י נ י ס ט ע ר פ אַ ר א ו י ס ע ר ל י כ ע ע נ י נ י ם, זיך דערוואוסט בלויז פון די בלעטער. ער האָט דערציילט וועגן דעם מיט פאַרביטערונג אויף אַ זיצונג פון מיניסטאָרן-ראַט (דוכט זיך, דעם 18-טן אָדער 19-טן יאַנואַר) און געדראָהט מיט דעמיסיע. ס'איז אַ שאָד, וואָס ער האָט די דראָהונג ניט פאַרווירקליכט — וואָלט איך אויך פריי געוואָרן פון אַן אַרבייט, וואָס איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ ווייניגער דורכפירבאַר.

פונדעסטוועגן, באַטראַכטנדיג די געשעהענישן פון אַ געוויסער צייט-פּערספּעקטיוו, בין איך גוטה צו מיינען, אַז ניט קוקנדיג אויף דער אַל-

געמיינער אַנאַרכיע און אייגענער שוואַכקייט, זיינען די באַמיונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן מצד טשעכאָווסקיס מיניסטעריום אין די לעצטע דריי וואָכן פון זיין אָנוועזנהייט אין קיעוו (פון 10-טן ביזן 30-טן יאַנואַר) דאָך ניט געווען אַרויסגעוואָרפן אומזיסט. דעם פאַקט, וואָס אין דער דאָזיגער צייט זיינען, ניט קוקנדיג אויף דער אומגעהויער אינטענסיווער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, ניט צוגעלאָזט געוואָרן קיין נייע פּאָגראָמען אין דעם נאָר-וואָס דערלעבטן פאָרמאַט, האָט מען געוויס צום גרעסטן טייל אים צו פאַרדאַנקען.

דאָס איז מיר באַזונדערס קלאָר געוואָרן נאָך דער מעשה פּראָסקוראָוו, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך דער דעמיסיע פון טשעכאָווסקיס קאַבינעט.

גראָד דעריבער האָבן מיר באַטראַכט ווי אַ שווערע דערנידערונג די אוממיגליכקייט צו דערגרייכן די פון מיניסטאָרן-ראַט געפאָדערטע אויפלייזונג פון „שלאָג-באַטאַלינן" פון קאָזיענקאָ, וועגן וועלכן מיר האָבן גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ער איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר די געשעהענישן אין באַרדיטשעוו און זשיטאָמיר. ניט ווייניגער שווער האָבן זיך געלעגט אויפן באַוואוסטזיין די ניט-אויפהערנדע גוואַלט-טאַטן קעגן דורכפאָרנדע יידן אויף גרעסערע אייזנבאַן-סטאַנציעס. פאַרוואָס אויפן דאָזיגן געביט האָבן מיר גאָרניט געקאָנט דערגרייכן, איז מיר לגמרי קלאָר געוואָרן ערשט שפּעטער אין ווינִיצע. אגב איז דער קאָנפליקט אַרום קאָזיענקאָס באַטאַליאָן געווען איינע פון די סיבות, וואָס האָבן פאַרגיכערט די דעמיסיע פון טשעכאָווסקי'ס קאַבינעט, וואָס איז אין פּרינציפּ באַשלאָסן געוואָרן נאָך אין קיעוו.

XXII. האָפנונגען אוןווירקליכקייט

דער נעזעץ וועגן יידישער בילדונג. — דער פּלאַן וועגן אוניווערסיטעט. — הילף פאַר נעליטענע און דער קאַמף אַרום איר. — די שטעלונג פונם יידישן מיניסטעריום. — די אויספאָרשונגס־קאָמיסיע. — די פראַגע וועגן טויט־שטראָף. — אַ שווערער מאָמענט.

אין מיטן פון די דאָזיגע שוועריגקייטן און זאָרגן האָט דאָס מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים פאָרגעזעצט די אַרבעט אויף צו שאַפן די יסודות פאַר אַ ווירקליכער נאַציאָנאַלער אַוטאָנאָמיע. דער וויכטיגסטער שריט דערצו איז געווען צו שאַפן אַ מאַטעריעלע גרונדלאַגע פאַר יידישע בילדונגס־אַנשטאַלטן. צו דעם צוועק האָב איך אַריינגעטראָגן אין מיניסטאָרן־ראַט אַ געזעץ־פּראָעקט, וועלכן כ'פּובליקיר דאָ צוליב זיין פּרינציפּיעלער וויכטיגקייט אין פולן טעקסט:

געזעץ־פּראָעקט וועגן אויסרעכענונג פון די מלוכה־הוצאות אויף די באַדערפעונישן פון יידישער בילדונג.

1) ביז וואַנען עס וועלן געגרינדעט ווערן די צענטראַלע אָרגאַנען פון יידישן נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד אין הסכם מיטן געזעץ פון דער נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אַוטאָנאָמיע פון 9־טן יאַנואַר 1918, גייען איבער אַלע יידישע בילדונגס־אַנשטאַלטן און שולן פון פאַרשיידענע טיפּן און קאַטעגאָריעס אין רשות פון יידישן מיניסטעריום.

2) אויף די באַדערפעונישן פון יידישער בילדונג ווערן אַסיגנירט מלוכה־מיטלען פון דער אַלגעמיינער סומע, וועלכע די מלוכה גיט אַרויס אויף בילדונג בכלל. די דאָזיגע סומע ווערט אויסגערעכנט אין סכום פון

1/9 (איין ניינטל) פונם געלט, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דעם בילדונגס־מיניסטעריום.

אָנמערקונג: ביים באַשטימען די סומען, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן אין רשות פון יידישן מיניסטעריום ווערן גענומען אין באַטראַכט די הוצאות פונם בילדונגס־מיניסטעריום, אָפּרעכענענדיג דערביי די סומען, וואָס ווערן אַסיגנירט אויף די אויסגאַבן פון זיינע צענטראַלע איינריכטונגען.

3) ביז ס׳וועלן קלאָר זיין די הוצאות פונם בילדונגס־מיניסטעריום אויפן לויפנדן 1919־טן יאָר ווערט דעם יידישן מיניסטעריום אַרויסגעגעבן פון דער מלוכה־קאַזנאַטשייסטוואָ פינף מיליאָנען רובל יעדן חודש.

4) ביז די יידישע שולן און בילדונגס־אַנשטאַלטן וועלן בהסכם מיטן פּאַראַגר. איינס פונם דאָזיגן געזעץ איבערגיין אין רשות פון יידישן מיניסטעריום, וועלן די סומען, וואָס דאָס בילדונגס־מיניסטעריום אַסיגנירט אויף די דאָזיגע אַנשטאַלטן, בלייבן אין דער פריהערדיגער הויך. דערביי וועט דאָס יידישע מיניסטעריום אומקערן דעם בילדונגס־מיניסטעריום די הוצאות אויף די דאָזיגע אַנשטאַלטן, אָנהויבנדיג פון 1־טן יאַנואַר 1919“.

מיטן דאָזיגן קורצן פּראָעקט האָב איך אַנידערגעשטעלט דעם מיני־סטאָרן־קאַבינעט פנים־אל־פנים פאַרן גוואַלטיגן פּראָבלעם, צו וועלכן דאָס אַלטע יידישע מיניסטעריום האָט במשך די עטליכע חדשים פון זיין עקזיסטענץ ניט געוואַגט אָדער ניט געקאָנט קאָנקרעט צוגיין.

ער איז דורכן מיניסטאָרן־ראַט אָנגענומען געוואָרן כמעט אָהן וכוחים, דערביי איז אָבער די צייטווייליגע אַסיגנירונג פאַרקלענערט געוואָרן פון פינף אויף דריי מיליאָנען אַ חודש.

חוץ דער אַלגעמיינער באַשטרעבונג צו שפּאָרן, וואָס איז צו יענער צייט באַמערקבאַר געווען אין מיניסטאָרן־ראַט, איז אַרויסגערוקט געוואָרן דער מאָטיוו, אַז היות ווי עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ צייטווייליגער אַסיגנירונג, מוז גענומען ווערן אין באַטראַכט, אַז אַ גרויסער טייל פון אוקראַינע, לכל־הפּחות 40 פּראָצענט, געפינט זיך ניט אונטער דער פּאַק־טישער מאַכט פון דער דירעקטאָריע. אויב די לאַגע וועט זיך אין דעם פּרט ענדערן, וועל איך האָבן די מעגליכקייט פאַרלאַנגען, אַז פאַר די אַנטשפּרעכנדע חדשים זאָל די אַסיגנירונג פאַרגרעסערט ווערן. די ריכ־

טיקייט פון דעם דאָזיגן מאָטיוו האָב איך ניט געקאָנט אָפּלייקענען, און כ׳האָב דעריבער ניט פּראָטעסטירט אַקעגן דער פאַרקלענערונג פון דער אַסיגנירונג. כ׳האָב בלויז דורכגעזעצט אַלס קאָמפּענסאַציע, שוין אויף אַן אַנדער זיצונג פון דעם מיניסטאָרן־ראַט, אַז ס׳זאָל חוץ אַלגעמיינע בילדונגס־הוצאות אַסיגנירט ווערן דעם יידישן מיניסטעריום אַ סומע פון 300 טויזנט רובל מאָנאַטליך אויף אַרויסצוגעבן יידישע לערנביכער, אין וועלכע ס׳האָט זיך דעמאָלט געפילט אַ גרויסע באַדערפעניש.

אַ גרויסע הילף האָט מיר ביי דער דורכפירונג פון די פּאָר בילדונגס־פּראָעקטן דערוויזן דער בילדונגס־מיניסטער פּראָפ. אָגיענקאָ, מיט וועלכן כ׳האָב זיי אַ פּאָר מאָל אויף אַ פּריוואַטן אופן אַרומגערעט נאָך פאַר דער זיצונג פון דעם מיניסטאָרן־קאַבינעט. אָגיענקאָ איז לויט זיינע פּאָליטישע איבערצייגונג געווען רעכטער ווי דער רוב פונם מיניסטאָרן־קאַבינעט; כ׳פלעג אָבער זיך מיט אים גאַנץ גוט צונויפרעדן, ווייל ניט קוקנדיג אויף זיין אויסגעשפּראָכענעם אוקראַינישן שאָוויניזם, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ גאַנץ ערנסטע פאַרשטענדעניש פאַר יידישע קולטור־פּראָבלעמען. ער איז געווען גוט באַהאַוונט אין יידישער געשיכטע, ספּעציעל פונם 17־טן און 18־טן יאָרהונדערט. ער האָט זיך געגרייט צו שרייבן אַ גרויסע אַרבעט וועגן שבתי־צבי און זיין ווירקונג אויף די יידן אין אוקראַינע און האָט איינמאָל מיר אַפילו דערציילט וועגן זיינע קענטענישן אין דער העברעאישער שפּראַך. אונזערע נישקשהדיגע קעגנזייטיגע באַציהונגען זיינען געווען באַגרינדעט אויך אויפן פאַקט, וואָס איך האָב עטליכע מאָל גאַנץ ענערגיש פאַרטיידיגט זיינע בילדונגס־פאָרשלאַגן, בעת אַנדערע מיטגלידער פון מיניסטאָרן־ראַט האָבן געוואָלט זיי אָוועקרוקן אויף די לאַנגע באַנק אונטערן תירוץ, אַז איצט איז ניט די צייט דערצו. אַ מאָל אָדער צוויי האָט ער אַפילו פאַר דער זיצונג באַקענט מיך מיט אַ געוויסן געזעץ־פּראָעקט, אויף וועלכן ער פלעגט דערוואַרטן אַ גרויסע אָפּאָזיציע, כדי איך זאָל זיך אָננעמען פאַר אים אין פאַל, ווען ס׳וועט אים דראָהען אַ דורכפאַל. כ׳פלעג דאָס גערן טון, סיי צוליב דער זאַך אַליין, ווייל איך האָב ניט געהאַלטן, אַז ווען עס קלינגען די שווערדן, מוזן רוהען די וויסנשאַפט, סיי אויך בעיקר דערפאַר, ווייל כ׳האָב דערמיט פאַרפליכטעט אָגיענקאָ צו העלפן מיר אָדער לכל־הפחות בלייבן ביי

וואוילוועלנדן נייטראַליטעט בעת דער דורכפירונג פון יידישע בילדונגס־פּראָעקטן.

אַ פּאָר מאָל האָבן מיר מיט אָגיענקאָ געפּלאַנעוועט אָדער, בעסער געזאָגט, געטרוימט, וועגן דער גרינדונג פון אַ יידישן אוניווערסיטעט אויף אַ גאָר ברייטן שטייגער. בכלל האָט זיך אָגיענקאָ באַצויגן צו דעם ענין מיט גרויסער סימפּאַטיע און פלעגט אין אַ געשפּרעך מיט מיר אַליין פאַרטשעפּן די דאָזיגע פראַגע. דערביי האָט זיך אָבער אין איין פּונקט גלייך אַרויסגעוויזן זיין שטאַרקער שאָוויניזם. דער אוניווערסיטעט זאָל זיין וואו מען וויל, אַבי ניט אין קיעוו, דער הויפּט־שטאָט פון אוקראַינע. ער האָט מיר געוואָלט באַווייזן, אַז דער בעסטער אָרט פאַר אַזאַ אוניווערסי־טעט איז באַרדיטשעוו. „כ׳מיין דאָס גאַנץ ערנסט. נעמט אַ גרויסע שטאָט, וואו איר האָט סיי־ווי אַ מערהייט און פאַרוואַנדלט זי אין אַ דאָמינירנדן קולטור־צענטר". איך האָב אָבער געמיינט, אַז אַ יידישער אוניווערסיטעט אויף אוקראַינע וואָלט געדאַרפט זיין גראָד אין קיעוו. אַלס קאָמפּראָמיס בין איך געווען גרייט זיך אָפּצושטעלן אויף יעקאַטערי־נאָסלאַוו, וואו צו יענער צייט האָט זיך געהאַלטן ביים שאַפן און האָט אפילו טיילווייז פונקציאָנירט אַ יידישער פּאָליטעכניקום. פאַר יעקאַטע־רינאָסלאַוו האָט שטאַרק אויך גערעדט זיין גרויסע צוקונפט, אַלס שטאָט, ווי אויך דער פאַקט, וואָס ער געפינט זיך אויף דער גרענעץ פון יענעם טייל פון אוקראַינע, וואו עס הויבט אָן צו דאָמינירן די יידישע שפּראַכליכע אַסימילאַציע. אַ יידישער אוניווערסיטעט אין יעקאַטערינאָסלאַוו אָדער אין אַדעס וואָלט געווען אַ שיצנדע וואַנט קעגן ווייטערדיגן ערפאָלג פון ריסיפיקאַציע.

אַ פיל וועניגער טרוימערישן כאַראַקטער האָט געטראָגן דער פאָר־שלאַג פון אָגיענקאָ וועגן צוויי יידישע קאַפעדרעס פאַר ליטעראַטור און געשיכטע אין קאַמענעץ־פּאָדאָלער אוקראַינישן אוניווערסיטעט, וואָס האָט זיך דעמאָלט געעפנט. ער איז געווען דער ליבלינגס־קינד פון אָגיענקאָ. די קאַפעדרעס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין די שטאַטן, און ס׳האָט זיך געהאַנדלט בלויז וועגן די קאַנדידאַטן. פאַר ליטעראַטור האָב איך, דוכט זיך — לויט דער עצה פון וו. לאַצקי, פאָרגעשלאָגן ציגבערגן, פאַר געשיכטע, לויט אייגענער איניציאַטיוו, שיפערן. אָגיענקאָ האָט אַקצעפּטירט ביידע קאַנדידאַטורן, אָבער ביידע זיינען געווען אויסער די

גרעניצן פון אוקראַינע און קומען מיט זיי אין אַ גיכן קאָנטאַקט איז געווען אוממיגליך. אין אוקראַינע גופא האָבן מיר קיין איין פּאַסיגן קאַנדידאַט ניט געקאָנט אויסזוכן. כ'האָב זיך בכלל ביי דעם דאָזיגן קליינעם ביי-שפּיל איבערצייגט, ווי אָרעם מיר זיינען אין ווירקליך אינטעליגענטע כחות און וואָס פאַר אַ איבערמענשליכע שוועריקייטן וואָלט פאָרגעשטעלט די אויפגאַבע צונויפשטעלן דעם פּראָפעסאָרן-פּערסאָנאַל פון אַ יידישן אוני-ווערסיטעט, אויב מיר וואָלטן אַפילו אין אַ וועלכן עס איז לאַנד באַקומען דערצו די נויטיגע מיטלען און מלוכה-אַוטאָריטעט.

* * *

פיל זאָרגן האָט פאַרשאַפט דעם יידישן מיניסטעריום דאָס פּראָבלעם וועגן דער הילף פאַר די פּאָגראָם-געליטענע. ווי עס קומט ביי אונז לוידער פאָר, איז דאָס פּראָבלעם באַשטאַנען ניט אין דעם, וואָס פאַר אַ פאָרם זאָל טראָגן די הילף און ווי אַזוי זי זאָל באַשאַפן ווערן, נאָר אין דעם, אונטער וועלכער פירמע די הילף זאָל געטראָגן ווערן. אין די קרייזן, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט, האָט מען געוואָלט, אַז דער צענטראַלער הילפס-קאָמיטעט, וואָס האָט גע-זאָלט צונויפגעשטעלט ווערן פון פאָרשטייער פון פאַרשיידענע פאַר-טייען און אָרגאַניזאַציעס, זאָל זיין פאַראַנטוואָרטליך — לכל-הפחות פאָר-מעל — פאַרן נאַציאָנאַל-סעקרעטאַריאַט. אין דער דאָזיגער פאָדערונג איז אַנטהאַלטן געוואָרן אַ ריין פּאָליטישע כוונה, דעמאָנסטרירן פאַר דער וועלט, אַז דער נאַצ. סעקרעטאַריאַט ווערט אָנערקענט פון דעם אוקראַינישן יידנטום, אַלס זיין איינציגע פאָרשטייערשאַפט. די דאָזיגע פאָדערונג, וואָס איז געווען אגב פאַרקניפּט מיט דער שטרעבונג אָפּצונעמען ביים יידישן מיניסטעריום יעדן איינפלוס אויף די טעטיגקייט פון הילפס-קאָמי-טעט, האָט אַרויסגערופן ביי די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און ביי די אַנ-שטאַלטן, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער זייער השפּעה, אַ שאַרפע אָפּאָ-זיציע. עס איז דערגאַנגען אַזוי וויט, אַז מען האָט געהאַלטן ביים שאַפן צוויי באַזונדערע הילפס-קאָמיטעטן, איינער אַ אחדות-ציוניסטישער, אַרום דעם נאַצ. סעקרעטאַריאַט, און איינער אַ דעמאָקראַטיש-סאָציאַליסטישער, וואָס האָט אַרויסגעוויזן די דייטליכע שטרעבונג זיך צו גרופּירן אַרום דעם

יידישן מיניסטעריום. מיר איז די דאָזיגע אַנטוויקלונג פונם ענין געווען זעהר אומאָנגענעם, און היות ווי כ'האָב געהאַלטן, אַז אין הילפס־ענינים טאָרן ניט אַריינגעטראָגן ווערן קיין פּאַרטייאישע פּניות, האָב איך זיך אַנטשיידן אָפּגעשאָקלט פון פּאַרזוכן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן מצד געוויסע חברים צו שטופּן מיך אין דער פּראַגע אויף אַ קאַמף קעגן דעם נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט, כאָטש פּאַרטיי־טאַקטיש וואָלט אַזאַ קאַמף געווען זעהר גינסטיג, ווייל ער וואָלט ווידער אויפגעשטעלט דעם צושטערטן איינהייטליכן סאָציאַליסטישן פראָנט.

דעריבער, ווען ס'זיינען צו מיר געקומען פאָרשטייער פונם „דעמאָקראַטישן" הילפס־קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין בילדן, האָב איך זיי דערקלערט, אַז דאָס יידישע מיניסטעריום וויל ניט נאָכמאַכן דעם נאַצ. סעקרעטאַריאַט און האָט קיין שום וואונש ניט צו שטיין פאָרמעל אָן דער שפּיץ פונם הילפס־קאָמיטעט און אַנידערשטעלן אים אַלס גאַנצן אונטער איר קאָנטראָל. כ'בין גרייט אָפּגעבן די מלוכה־סומען, וואָס זיינען אַריינגעקומען צום יידישן מיניסטעריום צוליב הילף פאַר געליטענע, דעם צענטראַלן הילפס־קאָמיטעט אונטערן תנאי, אַז ביידע הילפס־קאָמיטעטן וועלן זיך פאַראייניגן. כ'מוז אָבער פאַרלאַנגען, אַז בנוגע די סומען, וואָס ווערן איבערגעגעבן דורכן יידישן מיניסטעריום, און נאָר בנוגע זיי, זאָל אים פאַרבלייבן דאָס רעכט דורכפירן דורך זיינע באַאַמטע אַ קאָנטראָל פון זייער פאַרווענדונג. דער קאָנטראָל וועט זיך בעיקר באַשרענקן מיט דעם, אַז די סומען זאָלן פאַרווענדעט ווערן אין די שטעט, פאַר וועלכע זיי זיינען אַסיגנירט דורך די אַנטשפּרעכנדע געזעץ־פּראָיעקטן, און אַז אויף יעדער אויסגאַבע פון זיי זאָל דאָס מיניסטעריום באַקומען גענוגענדע באַרעכטיגונגס־דאָקומענטן, אונטערגעשריבן דורך די געליטענע גופא. דער מאָטיוו פון דער דאָזיגער מינימאַל־פאָדערונג איז געווען אַ גאַנץ קלאָרער: כ'האָב ניט געקאָנט אַרויסגעבן געלט פון מיניסטעריום, ניט האָבנדיג קיין גאַראַנטיעס, אַז כ'וועל קאָנען צושטעלן דעם מלוכה־קאָנטראָל אַ גענוגנדן דין־וחשבון.

זיך אָפּזאָגנדיג פון יעדער העגעמאָניע איבער דער הילפס־טעטיגקייט, האָט דאָס יידישע מיניסטעריום געגעבן דערמיט אַ שטופּ צו דער פאַראייניגונג פון ביידע קאָמיטעטן אין איין צענטראַלן הילפס־קאָמיטעט, וואָס איז ניט געווען אין רשות ניט פון יידישן מיניסטעריום און ניט פון

נאַציאָנאַלן־סעקרעטאַריאַט און וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַרן יידישן מיניסטעריום בלויז בנוגע די סומען, וואָס זיינען פון אים ערהאַלטן געוואָרן. דער קאָמיטעט, וואָס איז סוף־כּל־סוף צונויפגעשטעלט געוואָרן אויף אַזאַ גרונדלאַגע, האָט דעלעגירט צום יידישן מיניסטר אַ דעלעגאַציע (ה״ה קריינין, מאַכאָווער און גערגל), מיט וועלכער כ׳בין זעהר גרינג מושווה געווען וועגן די פאָרמען פון פינאַנציעלן קאָנטראָל איבער די סומען, וואָס זיינען געווען אין רשות פון מיניסטעריום. גלייך נאָכדעם האָב איך איבערגעגעבן דעם הילפס־קאָמיטעט אָנדערהאַלבן מיליאָנען, אַ העלפט פון דער סומע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן מצד דער רעגירונג פאַר זשיטאָמיר און באַרדיטשעוו. די צווייטע העלפט האָב איך איבערגעגעבן אין וויניצע אוממיטלבאַר די פאָרשטייער פון די אויבנדערמאָנטע קהלות. קיין אַנדערע סומען פאַר הילפס־צוועקן האָב איך אין מיין רשות ניט געהאַט.

דער פאַראייניגטער הילפס־קאָמיטעט האָט נאָך במשך מיין זיין אין קיעוו אָנגעהויבן אַרבעטן מיט אַ באַדייטנדער ענערגיע. ער האָט געפירט זיין טעטיגקייט אויך במשך די ערשטע פאָר חדשים פון דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט, ברענגענדיג דעם מאַקסימאַלן נוצן, וואָס איז מעגליך געווען אין יענער שווערער צייט.

* * *

גרויסע זאָרגן האָט אויך פאַראורזאַכט די צונויפשטעלונג פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, וואָס האָט באַדאַרפט פעסטשטעלן די שולדיגע אין די פאָגראָמען פון באַרדיטשעוו און זשיטאָמיר. אין די דאָזיגע קאָמיסיע, וואָס איז צוגעזאָגט געוואָרן מצד דער דירעקטאָריע נאָך דעם 10־טן יאַנואַר, האָבן געזאָלט אַריינגיין פאָרשטייער פון פיר מיניסטעריומס (יידישער, קריגס, אינערליכע ענינים און יוסטיץ), פון די אוקראַינישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען און צוויי פאָרשטייער פון יידישע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס (איינער פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען, דער צווייטער פון נאַצ. סעקרעטאַריאַט). ווי כ׳האָב שוין אָנגעוויזן אין קאַפּיטל 20, האָט די פאַרטרעטונג פון נאַצ. סעקרעטאַריאַט אַרויסגערופן אין מיניסטאָרן־ראַט אַ געוויסע אָפּאָזיציע: ס׳איז מיר אָנגעוויזן געוואָרן, אַז היות

ווי דער נאַצ. סעקרעטאַריאַט אַנערקענט ניט דאָס יידישע מיניסטעריום, דאַרף ער זיך ניט באַטייליגן אין רעגירונגס-קאָמיסיעס. אין דעם דאָזיגן אַרגומענט איז געווען אַ סך לאָגיק. כ'האָב אָבער אינם קאָנקרעטן פּאָלי-טישן מאָמענט געהאַלטן די באַטייליגונג פונם נאַצ. סעקרעטאַריאַט פאַר געוואונשן, און כ'האָב דאָס אויך דורכגעזעצט.

דער „בונד" און די „פאַראייניגטע" האָבן זיך פון אָנטייל אין דער קאָמיסיע אָפּגעזאָגט, אַרויסשטעלנדיג אַלס פאָרמעלן תירוץ די פאָדערונג, אַז ס'זאָל פון איר אַרויסטרעטן דער פאָרשטייער פון קריגס-מיניסטעריום. ס'איז קלאָר, אַז די דאָזיגע פאָדערונג האָט ניט געקאָנט אָנגענומען ווערן. דער אָביעקטיווער כאַראַקטער פון דער קאָמיסיע איז בּמילא געווען גאַ-ראַנטירט דורך דער מערהייט פון געזעלשאַפטליכע עלעמענטן. דער אויסשלוס פון דעם פאָרשטייער פון קריגס-מיניסטעריום וואָלט אָבער גלייכצייטיג צוגענומען ביי איר יעדע ממשותדיגע מאַכט. חוץ דעם איז גראָד דער קאָנקרעטער פאָרשטייער פון קריגס-מיניסטעריום, פּאָלקאָווניק פילקעוויטש געווען אַ מענש, אין וועמענס פּערזענליכע אָנשטענדיגקייט איז ניט געווען וואָס צו צווייפלען. בכלל איז דאָס געווען אַ קאָמישער איינפאַל — צו פאַרלאַנגען דעם אויסשלוס פון רעגירונגס-פאָרשטייער פון אַ רעגירונגס-קאָמיסיע...

נאָך דעם ווי דער באַשטאַנד פון דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע איז ענדליך פעסטגעשטעלט געוואָרן (ס'איז געווען בערך דעם 16-טן יאַנואַר) האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון פאַרשלעפּונגען און אָפּציהונגען. צום גרויסן טייל איז דאָס ניט געווען קיין באַוואוסטזיניגער סאַבּאָטאַזש, נאָר אַ רעזולטאַט פונם שלעפּעדיגן ביוראָקראַטיזם, וואָס האָט זיך היימיש גע-מאַכט אין אַלע מלוכה-אַנשטאַלטן. כ'וואָלט געקאָנט ברענגען פיל ביישפּילן פון דעם דאָזיגן הייליגן ביוראָקראַטיזם, וואָס זיינען נוגע ענינים, וואָס האָבן פאָרגעשטעלט פאַר דער רעגירונג אַ אַנטשיידנדן דרינגליכן אינטערעס. ביי אַזאַ לאַגע דאַרף נאָך באַטראַכט ווערן אַלס אַ וואונדער, וואָס דעם יידישן מיניסטעריום האָט זיך איינגעגעבן, נאָך אַ פּאָר אומגעלונגענע פּרובן, צונויפפאָרן די דאָזיגע קאָמפּליצירטע קאָ-מיסיע שוין צום 21-טן יאַנואַר. ס'האָט זיך אָבער דערביי אַרויסגע-שטעלט, אַז די קאָמיסיע איז טאַקע פון דער דירעקטאָריע באַשטע-טיגט געוואָרן, אָבער קיין געלט פאַר איר איז נאָך ניט אַסיגנירט. ווען עס

איז געוואָרן געלט, האָט מען פאַרלוירן נאָך אַ טאָג מיט קריגן מצד דער אייזנבאַן־פאַרוואַלטונג אַ באַזונדערן וואַגאָן. און ווען ס'איז אויך די שוועריגקייט גובר געוואָרן, איז די לאַגע פון דער מאַכט געוואָרן אַזעלכע, אַז די דאָזיגע קאָמיסיע איז שוין סיי־ווי איבעריג געווען. נאָכן 21־טן יאַנואַר האָט אין די רעגירונגס־קרייזן געהערשט אַ געוויסהייט, אַז די עוואַ־קואַציע פון קיעוו איז אוממפאַרמיידליך. דעריבער האָבן אַלע רעגירונגס־מאָסנאַמען פון יענער צייט געטראָגן אַ פאַרלוירענעם, שלעפּעדיגן אומ־באַהאָלפענעם כאַראַקטער...

* * *

נעמענדיג אָנטייל אין די זיצונגען פון מיניסטאָרן־ראַט, איז מיר אויסגעקומען צו באַטייליגן זיך אין דער באַהאַנדלונג און אנטשיידונג איבער ענינים, וואָס האָבן צו די דירעקטע יידישע אינטערעסן גע־האַט אַ קליינע שייכות אדער גאָר קיין שום שייכות ניט. ס'וואָלט מיך פאַרפירט צו ווייט, ווען איך וואָלט געוואָלט דאָ אויסרעכענען די דאָ־זיגע אַלע פראַגעס און איבערגעבן די שטעלונג, וועלכע איך האָב בנוגע זיי פארנומען. אין אַלגעמיין האָבן די דאָזיגע זיצונגען פארשטאַרקט מיין איבערציינונג, אז ס'איז אוממעגליך אויף זיצונגען פון מיניסטאָרן־ראַט דורכצופירן אַ פעסטע אָפּגרעניצונגס־ליניע צווישן די יידישע און ניט יידישע ענינים. וואָלט אָנגענומען געוואָרן דער ציוניסטישער פאָרשלאָג, אַז דער יידישער מיניסטער (אָדער, ווי זיי האָבן עס געוואָלט „שטאַטס־סע־קרעטאַר") זאָל זיך באַטייליגן בלויז אין „יידישע" ענינים, וואָלט ער זיך אָפּט געפונען אין דער גרעסטער שווערקייט.

אַ קלאַסישער ביישפּיל פאַר דעם דאָזיגן כּלל איז געווען דער גע־זעץ־פּראָעקט וועגן מיליטערישע משפּטים, וואָס איז געשטאַנען אויפן סדר היום אויף איינער פון די זיצונגען פונם מיניסטאָרן־קאַבינעט. דער פּראָעקט איז געווען אַ גאַנץ שטרענגער: ער האָט פאָראויסגעזעהן טויט־שטראָף פאַר אַ רייה פאַרברעכנס, אָנהויבנדיג פון מלוכה־פאַראַט און ענדיגנדיג זיך מיט גוואַלדטאַטן און פאַנראָמען. כ'האָב גע־שטרעבט דורך אַ רייה אויסבעסערונגען שאַרף באַגרעניצן דעם באַ־גריף פון מלוכה־פאַרראַט און בפרט באַשרענקען די ווירקזאַמקייט פון

דעם געזעץ־פּראָעקט בּ ל ו י ז אויף מיליטערישע פּערזאָנען. דאָס איז מיר, צום גרויסן טייל, געלונגען. ווען ס׳איז אָבער געקומען צו דער אַלגעמיינער אָפּשטימונג פונם געזעץ־פּראָעקט, איז פאַר מיר אַנטשטאַנען זעהר אַ פּיינליכער מאָמענט, וואָס האָט זיך פעסט איינגעקריצט אין זכרון. טשעכאָווסקי האָט דערקלערט, אַז ער וועט שטימען ק ע ג ן דעם גאַנצן פּראָעקט, ווייל אין אים אַנטהאַלט זיך טויט־שטראָף, און ער, טשעכאָווסקי, איז אַן איבּערצייגטער קעגנער פון אַזאַ שטראָף. ער האָט פאָרגעשלאָגן אַן אויסבּעסערונג, וואָס האָט אינגאַנצן אַרויס־געוואָרפן טויט־שטראָף פון דעם פּראָעקט. כ׳האָבּ גענומען דאָס וואָרט און דערקלערט, אַז כ׳וואָלט גערן געוועזן צוגעשטאַנען צו טשעכאָווסקיס שטאַנדפּונקט, אָבּער גראָד אַלס פאַרטרעטער פון י י ד י ש ע אינטערעסן קאָן איך ניט אַרויסלאָזן פון די הענט דאָס איינציגע ווירקזאַמע מיטל אין קאַמף קעגן פּאָגראָמען. באַשטראָפן מיט טורמע אַפילו אויף לאַנגע טערמינען האָט אַ קנאַפּן ווערט אין דער צייט, ווען מיליאָנען מענשן האָבּן דורכגעמאַכט די שווערע נסיונות און ליידן פון דעם וועלט־קריג און זיינען דורך דעם אָפּגעטעמפּט געוואָרן צו באַשטראָפונגען, וואָס זיינען פריהער געווען געוויינלעך ווירקזאַם. חוץ דעם איז בּיי דער אָפטער ענדערונג פון מאַכט, וואָס קומט פאָר אין לאַנד, אומפאַרמיידליך, אַז יעדער פאַר־בּרעכער זאָל נאָך אַ קורצער צייט זיין פריי און אַז די אַקטן וועגן זיין פאַרבּרעך זאָלן צעריסן ווערן און פאַרניכטעט ווערן. אין נאָמען פון אומשולדיג געליטענע פון פּאָגראָמען און גוואַלדטאַטן קאָן איך אויף טויט־שטראָף נ י ט מותר זיין.

טשעכאָווסקי איז, פונדעסטוועגן, געבּליבּן טריי זיין פּרינציפּיעלער פּאָזיציע און געשטימט קעגן דעם געזעץ־פּראָעקט. איך מיט דער גרויסער מערהייט פון קאַבּינעט האָבּן געשטימט פאַר. קיינמאָל אין מיין לעבּן איז מיר ניט אויסגעקומען אזוי שווער הויבּן די האַנט. איך האָבּ זיך געפיהלט אין דער לאַגע פון אַ מענשן, וואָס האָט צוליבּ ביטערער נויט מקריב געווען אַ פּרינציפּ, וועלכן ער האָט געדינט זיין גאַנצן לעבּן.

האָבּ איך ריכטיג געהאַנדלט? זאָל וועגן דעם אורטיילן דער לעזער...

די דראַמאַטישע נאַכט־זיצונג

דער פּראָיעקט וועגן אָרטיגע אַרבעטס-ראַטן. — טשעכאָווסקיס אויסבעסערונג. — דער סכסוך צווישן מיניסטעריום און דירעקטאָריע. — די פאַרשווערונג פון דער „סטריִלעצקאַיאַ ראַדאַ". — אירע פאָדערונגען און זייער באַגרינדונג. — די אַנטאַנט אין אוקראַינע. — נאַזאַרוק וועגן יידן. — פונם באַרג אַ מויז.

פון די אַלגעמיינע ענינים, וואָס האָבן אַרויסגערופן דעם גרעסטן אינטערעס פונם מיניסטאָרן-קאַבינעט און צוגענומען בײַ אים די מערסטע צײַט, פאַרדינט דערמאָנט צו ווערן דאָס פּראָבלעם וועגן אָרטיגער זעלבסט-פאַרוואַלטונג. דערזעהענדיג דעם ערפאָלג פון פּיאַטאַקאָווס אַגיטאַציע אויפן לינקן ברעג פון דניעפּר, האָט די דירעקטאָריע אונטערן דרוק פון ווינישענקאָ אָנגענומען אַ געזעץ-פּראָעקט וועגן „אָרטיגע אַרבעטס-ראַטן". כ'האָב קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געזעהן קיין מער אומקלאָרן און אומלאָגישן פּראָעקט. ס'האָבן געזאָלט אין יעדן קרייז (אויעזד) געבילדעט ווערן לויטן מוסטער פון קיעווער צענטראַלן אַרבעטס-קאָנגרעס אָרטיגע ראַטן. דאָס איז אַליין און פאַר זיך געווען בײַ יענער צײַט אַ געזונטער און פּיליכט דער רעטנדער געדאַנק (בפרט אויב ער וואָלט באַשלאָסן געוואָרן מיט אַ פּאָר וואָכן פריהער). דער פעלער פון ווינישענקאָס פּראָעקט איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט ניט געגעבן די אָרטיגע ראַטן קיין שום באַשטימטע פונקציעס. לויטן ערשטן פונקט פון געזעץ-פּראָעקט האָבן זיי געזאָלט 1) קעמפן קעגן דער קאָנטר-רעוואָלוציע, 2) אָננעמען קלאָגן אויף דער טעטיגקייט פון דער אָרטיגער מאַכט און זעלבסט-פאַרוואַלטונגען און איבערגעבן זיי דער צענטראַלער רעגירונג. ס'איז קלאָר, אַז די אויפגאַבע פון קאַמף קעגן

דער קאָנטער־רעוואָלוציע איז געווען ניט מער ווי אַ מליצה, ווייל מען קאָן דאָך ניט קעמפן קעגן אַזאַ ערשיינונג, ניט האָבנדיג קיין ממשותדיגע מאַכט אין די הענט. די השגחה איבער דער טעטיגקייט פון אָרטיגער זעלבסט־פאַרוואַלטונג וואָלט נאָר געבראַכט צו דער פאַרגרעסערונג פון אַנאַרכיע אין לאַנד. ס'איז דאָך אוממיגליך זיך פאָרצושטעלן, אַז אין לאַנד, וואו אין צענטר זיינען דורכגעפירט וואַלן לויטן אַרבעטס־פּרינציפּ, זאָלן אָרטיגע מלוכה־אָרגאַנען, וואָס זיינען געשאַפן לויטן זעלבן פּרינציפּ, זיך באַגנוגענען מיט דער ראָלע פון שטומע צושויער פון די דעמאָקראַטישע זעמסטוועס און שטאָט־פאַרוואַלטונגען, וואָס זיינען אגב אויסגעקליבן מיט אַנדערהאַלב יאָר צוריק ביי א לגמרי פאַרשיידענער פּאָליטישער סיטואַציע. דעריבער האָט זיך דער מיניסטאָרן־ראַט געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט, אַז דער פּראָעקט קאָן האָבן אַ פּראַקטישן זין בלויז אין דעם פאַל, ווען די אָרטיגע אַרבעטס־ראַטן זאָלן פ א ר ב י ט ן די ביזאַהעריגע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען. די מערהייט פונם קאַבינעט איז אָבער געווען קעגן אַזאַ שריט, וואָס וואָלט באַדייט די פאַקטישע אַריינפירונג פונם סאָוועטן־פּרינציפּ אין אַן עטוואָס אַנדערער פאָרם. ביי דער ענדגילטיגער אָפּשטימונג איבערן פּראָעקט איז ער כמעט איינשטימיג אָפּגעוואָרפן געוואָרן: סיי די פּרינציפּיעלע קעגנער פון יעדן סאָוועטן־פּרינציפּ און סיי אויך די, וואָס זיינען ביי דעמאָלטיגע פּאָליטישע באַדינגונגען געווען גרייט אים אַקצעפּטירן, האָבן זיך צונויפגעקומען אין זייער קעגנערשאַפט צו דעקאָראַטיווע אַנשטאַלטן, וואָס וואָלטן קיינעם ניט באַפרידיגט, וואָס וואָלטן געשאַפן בלויז אַ נאָך גרעסערן כאַאָס אין דער פאַרוואַלטונג און געשטעמפּלט די רעגירונג מיט דעם שטעמפּל פון צוויי־פּנימדיגקייט און ניט־אויפריכטיגקייט.

פּונקט אָבער ווי אַ מענש, וואָס האַלט ביים דערטרינקען, כאַפּט זיך אָן אַ שטרוי, אַזוי האָט זיך ווינטשענקאָ אָנגעקלעפּט צום דאָזיגן כאַאָטישן פּראָעקט און פאַרלאַנגט אין נאָמען פון דירעקטאָריע, אַז דער מיניסטאָרן־ראַט זאָל ווידער איבערקוקן זיין נעגאַטיוון באַשלוס. ביי דער צווייטער באַהאַנדלונג פון דעם דאָזיגן געזעץ־פּראָעקט האָט טשעכאָווסקי דירעקט פאָרגעשלאָגן די אויסבעסערונג, אַז די אָרטיגע סאָוועטן, וואָס ווערן געשאַפן, זאָלן פ א ר ב י ט ן די ביזאַהעריגע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען. זיין מאָטיווירונג איז געווען, אַז דאָס איז דער איינציגער וועג,

אויף וועלכן מען קאָן אויסמיידן דעם קריג מיט ראַטן־רוסלאַנד, און דער איינציגער שריט, מיט וועלכן מען קאָן באַפרידיגן די אומצופרידענע שטימונג אין לאַנד גופא. דוכט זיך מיר, אַז ווינישעשנקאָ איז געווען אַנוועזנד בעת דער דאָזיגער זיצונג (בכלל פלעגן די מיטגלידער פון דער דירעקטאָריע נישט זיין אויף די זיצונגען פון מיניסטאָרן־קאַבינעט) און האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם דאָזיגן פאָרשלאַג, געבראַכט דער אָרגו־מענטן, וואָס האָבן באַשיינפערליך באַוויזן, אַז פאַר אים איז דער פּראָעקט נישט מער, ווי אַ מיטל אָפּצונאַרן די אָפּאָזיציע פון לינקס.

ס'איז אָבער אויך מעגליך, אַז ער פערזענליך איז געווען פאַר דער דאָזיגער אויסבעסערונג, וואָס האָט באַדייט דעם איינציגן ווייטזיכ־טיגן און ערליכן אויסוועג פון דער לאַגע, האָט אָבער געמוזט זיך אַרויס־זאָגן קעגן איר צוליב די שטימונגען פון זיינע קאָלעגן אין דער דירעק־טאָריע.

פאַר דער אויסבעסערונג פון טשעכאָווסקי, וועמענס באַדייטונג איז געווען קלאָר פאַר אַלעמען, האָבן געשטימט דריי מיטגלידער פונם קאַ־בינעט (טשעכאָווסקי גופא, דער מיניסטער פון אינערליכע ענינים מיציוק און דער מחבר פון די דאָזיגע שורות). די איבעריגע האָבן געשטימט קעגן אָדער זיך אָפּגעהאַלטן. נאָך דער אָפּוואַרפונג פון דעם דאָזיגן פאָרשלאַג איז דער גאַנצער פּראָעקט אָפּגעוואָרפן געוואָרן סיי פון די אָנהענגער סיי פון די קעגנער פונם ראַטן־פּרינציפּ, נישט קוקנדיק אויף די אַרגומענטן פון ווינישעשנקאָ, וועלכער האָט געוואָלט ראַטעווען זיין דעמאָלסטיגע אידעע־פיקס.

דער שפּעטערדיגער פּרוב דורכצוזעצן דעמזעלבן פּראָעקט אויף אַ געמיינזאַמער זיצונג פון מיניסטאָרן־קאַבינעט מיט דער דירעקטאָריע האָט זיך אויך נישט איינגעגעבן.

בעת דער דאָזיגער געמיינזאַמער זיצונג, ווען דער גורל פון דעם פּראָעקט איז געווען קלאָר, איז מען אַריינגעקומען צו ווינישעשנקאָ און עפּעס אַ זאָג געטאָן אים אויפן אויער. ווינישעשנקאָ, וועלכער איז געווען פאָרזיצער, האָט זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ און דערקלערט:

„איך זעה, אַז די אָפּשטימונג איבער דער דאָזיגער פראַגע האָט איצט סיי־ווי קיין זין נישט. מיר וועלן מאַכן אַ קורצע הפסקה און גלייך נאָך

איר װעט דער הױכער מיניסטאָרן-ראַט האָבן צו פֿאַרהאַנדלען ניט מיט דער דירעקטאָריע נאָר מיטן ראַט פֿון די סיטשעװיקעס".

פֿאַר די מיטגלידער פֿון דער רעגירונג האָט די דאָזיגע דערקלערונג באַדײַט אַ פֿולשטענדיגע איבעראַשונג. די באַטײליגונג פֿון אַ מיליטערישער קערפּערשאַפֿט אין די באַראַטונגען פֿון מיניסטאָרן-ראַט אָהן אַ װעלכן עס איז פֿריהערדיגן הסכּם האָט שטאַרק געשמעקט מיט אַ מיליטערישער איבערקערעניש.

פֿריהער װי מיר זײַנען געקומען צו זיך פֿון דעם דאָזיגן סורפּריז, זײַנען די מיטגלידער פֿון דער „סטרילעצקאַיאַ ראַדאַ" *) אַרײַן אין זאַל. ס'זײַנען געװען בערך פֿופֿצן יונגע אָפֿיצערן, ס'רוב צװישן 25 און 30 יאָר, מיט אַן אױסגעשפּראָכן-מיליטערישן אױסזעהן און מיט מאַגערן, װאָס האָבן שטאַרק דערמאָנט עסטרײכישע לײטענאַנטן פֿון דער גוטער אַלטער צײַט. זײ האָבן זיך צעזעצט אין אַ האַלב-קרײז אַרום דעם טיש פֿון דעם מיניסטאָרן-קאַבינעט און נאָך דעם װי זײ זײַנען אין עטליכע װערטער באַגריסט געװאָרן מצד װיניטשענקאָ (װעלכער איז געװען פּאָרזיצער), האָט אײנער פֿון זײ — װי איך האָב זיך שפּעטער דערװאוסט, איז דאָס געװען ד"ר אָסיפּ נאַזאַרוק — גענומען דאָס װאָרט, כּדי אױסצודריקן די װאונשן און פֿאַרלאַנגען פֿון די סיטשעװיקעס.

די „טעאָרעטישע" הקדמה פֿון נאַזאַרוקס רעדע איז געװען, אַז די אוקראַינישע אינטעליגענץ אינם דניעפּר-קאַנט געפֿינט זיך פּסיכאָלאָגיש צו שטאַרק אונטער גרױס-רוסישער השפּעה. זי איז דורכגעדרונגען מיט אַ מין אָריענטאַלישן פֿאַטאַליזם, מיטן פּרינציפּ פֿון „ניט װערן זיך קעגן דאָס שלעכטס". זי װײזט ניט אַרױס קײן שום ממשותדיגע ענערגיע און אָרגאַניזאַציאָנס-טאַלענט, זי װײסט ניט װי צו באַפֿעלן. זי מוז אין דעם פּרט אַדורכגײן אַ שולע בײַ די גאַליציאַנער, װאָס האָבן זיך געפֿונען היסטאָריש אונטער דער השפּעה פֿון אַנדערע פֿעלקער, מער ענערגישע, מער טעטיגע. די „סטרילעצקאַיאַ ראַדאַ" האָט בײַ אַזעלכע באַרינגו-

*) אָ נ מ ע ר ק ו נ ג. דער ראַט פֿון די סיטשעװיקעס „סטרילעצקאַיאַ ראַדאַ" איז ניט געװען קײן סאָלדאַטן-ראַט אין דעם זין, װי דער דאָזיגער באַגריף האָט זיך אײַנגעװאָרצלט אין דער רוסישער רעװאָלוציע. די סיטשעװיקעס האָבן שטאַרק געהאַלטן פֿון זײער „אײראָפּעאישער" צורה: זײער „ראַדאַ" איז געװען אױסגעקליבן ב ל ױ ז פֿון אָפֿיצערן.

גען מורא, אַז דער אַרבעטס־קאָנגרעס, וואָס דאַרף זיך צונויפקומען מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, וועט זיך אַרויסזאָגן פאַר פעדעראַציע מיט רוסלאַנד און בכלל ווערן אַ שווערער באַלאַסט פאַרן קריג מיט מאָסקווע און פאַרן אויפבוי פון דער אוקראַינישער מלוכה. כדי צו ראַטעווען די לאַגע איז נויטיג אַן ענערגישע דיקטאַטאָרישע אָנפירונג פון דער מאַכט. די כחות, וואָס זי וועט האָבן אין איר רשות, וועלן זיין קליינע, זי וועט מוזן קעמפן קעגן אַלגעמיינעם מיסטרוי, אָבער אין ערגסטן פאַל איז בעסער צו גרונד צו גיין מיט כבוד, איידער פירן אַ פּאָליטיק, וואָס איז אַ שאַנד פאַרן אוקראַינישן פאָלק.

דעריבער שלאָגט די „סטרילעצקאַיאַ ראַדאַ" פאָר:

1) פונאַנדערלאָזן דעם אַרבעטס־קאָנגרעס אָדער אָפּשטופּן אים אויף אַן אומבאַשטימטע צייט.

2) אָפּשאַפן די דירעקטאָריע און באַשטימען אויף איר פּלאַץ אַ מיליטערישע דיקטאַטור אין באַשטאַנד פון פעטלורע, קאָנאָוואַלעץ און מעלניק.

3) אָפּשאַפן דעם מיניסטאָרן־ראַט אַלס אַ פּאָליטישע קערפּערשאַפט און איבערלאָזן אים בלויז טעכנישע פונקציעס.

די דאָזיגע „פאָרשלאַגן" זיינען געמאַכט געוואָרן אין אַ שאַרפן כמעט אולטימאַטיוון טאָן. נאָך דער רעדע פון נאַזאַרוק איז אויף אַ מאָמענט אַנטשטאַנען אַ שטילקייט, דערנאָך האָט עמיצער, דוכט זיך ווינישענקאָ אַליין, אַנידערגעשטעלט די פראַגע, אויף וועלכע מיליטערישע כחות רעכנט די „סטרילעצקאַיאַ ראַדאַ" ביי דער פאַרווירקליכונג פון אירע פּלענער. אויף דעם האָט געענטפערט דער שעף פון סטרילעצקי־גענעראַל־שטאַב מ ע ל נ י ק, אַ הויכער בלאָנדער אָפיציר פון זעהר אַ סימפּאַטישן אויסזעהן:

— דאָס איינציגע מיליטער, וואָס איז עפּעס ווערט, זיינען די סיטשעווקעס. אַלע איבעריגע פאָרמאַציעס זיינען אילוזאָריש. די סיטשעוויקעס ציילן ביי היינטיגן מאָמענט 9000 סאָלדאַטן, צום טייל אויפן באָלשעוויסטישן פראָנט, צום טייל אין קיעוו.

נאָך מעלניקס באַריכט איז אַנטשטאַנען אַ מערקווירדיגע שטילקייט. דער מאָמענט איז געווען אַן אַנטשיידענער און קיינער האָט זיך ניט געשטופּט צום ערשטן נעמען דאָס וואָרט. סעקונדן האָבן געציילט פאַר מינוטן.

במשך דער דאָזיגער אונטעררעדונג האָט מיין ישכן, הוכט זיך, אָטאַפּענקאָ זיך אַ בויג געטאָן צו מיין אויער און שטיל אַ זאָג געטאָן:

„דער ענין איז קלאָר. מיר וועלן שוין היינט אין דער היים ניט נעכטיגן"...

ענדליך האָט מאַרטאָס, דער פינאַנץ־מיניסטער, אונטערבראָכן די שטילקייט. ער האָט געפרעגט די באָרשטייער פון די סיטשעוויקעס, צי זיינען זייערע פאָדערונגען בלויז פאָרשלאָגן, איבער וועלכע ס׳דאַרף באַשליסן די רעגירונג, אָדער אַ פעסטער באַשלוס, וועלכן זיי וועלן דורכפירן אין לעבן אויך אָהן דער רעגירונג. אין לעצטן פאַל איז דאָך אַ שאָד די רייד: „די מאַכט איז אין אייערע הענט, און איר קאָנט טון, וואָס איר ווילט, זיך ניט פרעגנדיג ביי אונז".

די דאָזיגע פראַגע האָט געשאַפן ביי די סיטשעוויקעס אַ צעמישעניש: אַ פּאָר פון זייערע אָנפירער האָבן אָנגעהויבן סודן זיך און אַ פּאָר מינוט שפעטער האָט דערזעלבער נאַזאַרוק געענטפערט, אַז זיי שטייען פעסט ביי זייער מיינונג. זיי ליגן אָבער אַ גרויסן געוויכט אויסצוהערן די מיינונג פון דער רעגירונג, כדי צו נעמען זי אין באַטראַכט ביי זייער אַנטגילטיגן באַשלוס.

די שאלה און די תשובה האָבן פונאַנדערגעבונדן די צונגען. עטליכע מיניסטאָרן האָבן זיך פאַרשריבן צום וואָרט.

וויניטשענקאָס רעדע איז געווען אַ מערקווירדיג שוואַכע. כ׳האָב דעם פעסטן איינדרוק, אַז פאַר אים איז די פאָדערונג פון די סיטשעוויקעס ניט געווען קיין איבעררעשונג, כאָטש ער איז געוויס ניט געווען מסכים מיט זיי. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אויסגעמאַטערטן מענשן, וועמען דער גאַנצער עסק איז שוין נמאס. פעטליורע, וואָס איז געזעסן באַלד נעבן אים, האָט דעם גאַנצן אָוונט קיין וואָרט פון מויל ניט אַרויסגעלאָזט. ווי עס זעהט אויס, איז ער געווען דירעקט באַטייליגט אין דער סיטשעוויסטישער פאַרשווערונג, וואָס האָט באַדייט די אַרויסשטופּונג פון זיינע אייגענע חברים פון דער דירעקטאָריע.

בעת די אָרדענונג פון די רעדנער איז געקומען צו מיר, האָב איך קודם־כל דערקלערט, אַז איך בין אויף דער דאָזיגער זיצונג דער איינציגער ניט־אוקראַינער און גראָד דאָס גיט מיר דאָס רעכט צו פאַרלאַנגען אַ

גרעסערע אויפמערקזאַמקייט צו מיינע ווערטער, וועלכע כ'רייד דאָ מן־הסתם ראָס לעצטע מאָל; ווייל, ערשטנס בין איך מסוגל אַלס ניט־אוקראַינער, וואָס שטייט אָבער פעסט אויפן באָדן פון אוקראַינישער שטאַטליכקייט, אָביעקטיווער און ניכטערנער צו זעהן דעם מצב פון די ענינים. צווייטנס זעה איך גאַנץ גוט פאָרויס, אַז די ריכטונג פון דער פאָליטיק, וואָס ווערט דאָ פאָרגעשלאָגן, וועט זיך קודם־כל אָפרופן אויף דעם גורל פון דעם אומגליקליכן פאָלק, וועמענס אינטערעסן איך פאַר־טרעט אויף דער דאָזיגער זיצונג.

די דאָזיגע הקדמה און די שפראַך, אין וועלכער זי איז געזאָגט געוואָרן (כ'האָב גערעדט שלעכט אוקראַיניש, און ביי גרעסערע רעדעס פלעג איך באַנוצן די רוסישע שפראַך), האָבן געמאַכט אויף די מיטגלידער פון דער „סטרילעצקאַיאַ ראַדאַ" אַ סענסאַציאָנעלן איינדרוק. עס איז דייטליך געווען, אַז די מערהייט פון זיי ווייסן גאָרניט וועגן דער עקזיס־טענץ פון אַ ספעציעלן יידישן מיניסטעריום און וועגן דער באַטייליגונג פון אַן יידישן מיניסטער אין מיניסטאָרן־קאַבינעט... ס'איז דעריבער גע־ווען מצד ווינישענקאָ דורכאויס פאַסנד, וואָס ער האָט מיך גלייך נאָך דער דאָזיגער הקדמה אונטערבראָכן אויף אַ מינוט און דערקלערט די אַנוועזנדע אָפיצערן אין אַ פאָר ווערטער, ווער איך בין און וועלכע פונק־ציעס איך פיל אויס אין דער רעגירונג.

איבערגייענדיג צום תוך פון מיין רעדע, האָב איך אָנגעוויזן די מיט־גלידער פון דער „סטרילעצקאַיאַ ראַדאַ", אַז זיי פאַרשטייען ניט די פסיכאָלאָגישע שטימונגען, וואָס הערשן אין לאַנד, און טראַכטן זיך ניט אַריין אין סאָציאַלן אינהאַלט פון דער פאָרגעקומענער רעוואָלוציע. זייער גרעסטער פעלער איז, וואָס זיי גייען צו צו יעדער ערשיינונג מיטן מאַס־שטאַב, וואָס זיי האָבן געבראַכט פון דער בירגערליכער אייראָפע, בעת די סביבה, וואָס רינגלט זיי אַרום און די תקופה, וועלכע זיי לעבן איצט איבער, איז אַ גאַנץ אַנדערע. אַ באַזונדער טעות האָבן זיי, ווען זיי מיי־נען, אַז אינם קאַמף פון די צוויי גרויסע כחות, וואָס הויבן זיך אָן אויף אוקראַינע, וועלן זיי זיך קאָנען אָנשפאַרן אויף דער אַנטאַנט קעגן די באָלשעוויקעס. אַזאַ פאָליטיק וואָלט געווען ניט נאָר אין סתירה צו די סאָציאַלע אינטערעסן פון די אוקראַינישע מאַסן, זי וואָלט געווען אויך אַ פאַרראַט פון ריין־נאַציאָנאַלן שטאַנדפונקט. די אַנטאַנט איז שוין פאַר־

בונדן מיט פוילן און רומעניען און זי וועט ניט מקריב זיין די אינטערעסן פון אירע אַלטע פריינט צוליב מסופקדיקע נייע. סיי פוילן, סיי רומעניען זיינען אין דעם רשות פון הערשנדע קלאַסן, וואָס זיינען פאַראינטערע-סירט פאַרכאַפּן און איינהאַלטן אוקראַיִנישע גרעניץ-פּראָווינצן.

„כל-זמן איר זייט ניט מותר אויף כעלם-קאַנט, אויף מזרח-גאַליציען, אויף טיילן פון בוקאָווינע און בעסאַראַביען, קאָן זיך מיט אייך די אַנ-טאַנט ניט פאַרבינדן. און אויב זי וועט אפילו מאָמענטווייז אויס-נוצן אייער מיליטערישע קראַפט, וועט זי אייך גלייך ביים ערשטן רע-זולטאַט אָפּנאַרן, מוזן אָפּנאַרן. זי האָט סוף-כל-סוף פאַרפליכטונגען אויך בנוגע דער רוסישער רעאַקציע... דאָס אוקראַיִנישע פאָלק, וואָס האָט אייך עד-היום קיום מוחל געווען, וואָס איר האָט גערופן די דייטשן, וועט אייך קיינמאָל ניט מוחל זיין, אויב איר וועט רופן די פראַנצויזן מיט זייערע אוממיטלבאַרע פאַרבינדעטע — די פוילן און רומענער.

„גיכער ווי אַלץ שאַצט איר בכלל איבער די מאַכט פון דער אַנטאַנט. זי האָט טאַקע גענוג האַרמאַטן און טאַנקן, אָבער אירע פעלקער זיינען מיד פון וועלט-קריג און האָבן ניט קיין חשק זיך אַריינצולאָזן אין נייע מיליטערישע אַוואַנטורעס, בפרט אויף וויפיל זיי ריכטן זיך קעגן אַ פּראָ-לעטאַרישער רעוואָלוציע. און אויב קעגן אַלע דערוואַרטונגען וועט דאָס אַנטאַנט-מיליטער, אפילו מיט אייער הילף, ווידער אַריין אַ מאָל קיין קיעוו, וועט דער גענעראַל-גובערנאַטאָר פון קיעוו זיין ניט קאָנאָוואַלעץ, נאָר גרישין-אַלמאַזאָוו*). מאַכט זיך וועגן דעם פונקט קיין שום אילוזיעס!

„דער איינציקער וועג פון אוקראַיִנישער נאַציאָנאַלער פּאָ-ליטיק איז — ערנסטע סאָציאַלע רעפאָרמען און אַן אויפריכטיקער הסכם מיט ראַטן-רוסלאַנד. אויב איר וועט באַלד און אַנטשידן ניט טרעטן אויפן דאָזיגן וועג, ברענגענדיק אפילו קרבנות, אויב דאָס וועט זיין נויטיק, איז די לאַגע אַ פאַרלוירענע, האָפענונגסלאָזע".

די רעדן פון אַ פּאָר אַנדערע מיניסטאָרן האָבן, אויב זיי האָבן אפילו געקלונגען ניט אַזוי אַנטשידן, דאָך אַנטהאַלטן אין זיך אַ קריטיק פון די סיטשעוויסטישע פּלענער.

*) אָנמערקונג. גרישין-אַלמאַזאָוו איז איינער פון די באַקאַנט-סטע ווייסע גענעראַלן (דעניקינצעם) אַ פאַרביסענער קעגנער פון אוקראַיִ-נישן סעפּאַראַטיזם.

אין זיין ענטפער-רעדע איז ד״ר נאַזאַרוק שוין געווען עטוואָס ווייכער. ער האָט קודם-כל געענטפערט וויניטשענקאָ און די פּאָר מיטגלידער פון מיניסטאָרן-קאַבינעט, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער דיקטאַטור, און דערנאָך זיך ספּעציעל אָפּגעשטעלט אויף מיינע ווערטער. דער דאָזיגער טייל פון זיין ענטפער האָט זיך וואָרטליך אַריינגעקריצט אין מיין זכרון:

— „איינער פון די אָנטיילנעמער אויף דער זיצונג איז אויסגעדריקט געוואָרן פון אונז מיט באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט און אַכטונג. דאָס איז געווען דער מיניסטער פאַר יידישע ענינים. ס׳האָט אונז שמערצליך באַרירט זיין אָנווייזונג, אַז ער רעדט דאָ דאָס לעצטע מאָל. מיר וואָלטן דאָס ניט געוואָלט! מיר וואָלטן אים אויך ווייטער געוואָלט זעהן צווישן אונז. מיר קומען פון גאַליציען און מיר ווייסן, ווי אָפּצושאַצן דעם ווערט, וועלכן ס׳האָט פאַר אונז דאָס יידישע פאָלק. מיר ווייסן, אַז די יידן זיינען די איינציגע נאַציאָנאַלע מינדערהייט צווישן אונז, וועמענס אינטערעסן זיינען פּאַראַלעל מיט אונזערע, און וועמענס אָנטייל איז אַן אומבאַדינגטע פּאָראויסזעצונג פאַרן אויסבוי פון אוקראַאינישער מלוכה. מיר האָבן שוין אין גאַליציען דורכגעפירט געוויסע קאָמפּאַניעס צוזאַמען מיט יידן קעגן געמיינזאַמע אונטערדריקער. מיר האָבן אויך געשיכטע געלערנט און ווייסן, אַז אפילו דאָס מעכטיגע ענגלאַנד האָט זיך אויפגעבויט מיט דער הילף פון יידן, און אַז אָליווער קראָמוועל האָט אַלס איינע פון זיינע ערשטע רעגירונגס-טאַטן איינגעלאַדן יידן אין לאַנד. מיר ווילן דעריבער, אַז די בענדער פון פריינטשאַפט, וואָס האָבן זיך אָנגעקניפּט צווישן אוקראַאינער און יידן סיי אין גאַליציע, סיי אין גרויס-אוקראַאינע זאָלן ניט אָפּגעריסן ווערן, נאָר להיפּוך פאַרפעסטיגט ווערן צו אַן אייזערנעם רינג“.

דער תוך פון נאַזאַרוקס צווייטער רעדע איז געווען דער פּרוב איבערצורעדן די מיניסטאָרן צו פאַרבלייבן אויף זייערע פּאָסטנס אַלס טעכנישע פאַרוואַלטערס אויך ביי דער איינפירונג פון דער מיליטערישער דיקטאַטור.

נאָך דעם, ווי די רעפּליקעס פון אַ פּאָר מיניסטאָרן האָבן קלאָר געמאַכט, אַז דער דאָזיגער פאָרשלאַג איז לחלוטין אוממיגליך, איז דערקלערט געוואָרן אַרום האַלב דריי ביינאַכט אַן הפסקה אויף אַ פערטל שעה.

פאַר דער הפסקה האָב איך ווידער גענומען דאָס וואָרט און געדאַנקט נאַזאַרוקן פאַר די געפילן, וואָס ער האָט אַרויסגעשפּראָכן בנוגע דעם יידישן פאָלק. כ׳האָב אָבער דערבײַ אונטערגעשטראָכן מיט דער גרעסטער ענערגיע, אַז גראָד די פּאָליטיק, וואָס זיי האָבן בדעה צו פירן, וועט ברענגען אין לאַנד צו אַן אַנאַרכיע און שאַפן אַ פּאָגראָם־אַטמאָספערע, וואָס וועט אויף פילע יאָרן באַגראָבן די מיגליכקייט צו פאַרווירקליכן די אמת־גוטע ווערטער זייערע וועגן יידיש־אוקראַינישער פרײַנטשאַפט.

בעת דער הפסקה האָב איך זיך פּריוואַט פונאַנדערגעשמועסט מיט נאַזאַרוקן, וועמענס חקירה וועגן קראָמוועל (וועלכע כ׳האַלט אגב פאַר איבערטריבן) האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט. כ׳האָב אַנטדעקט אין אים אַ גאַליצישן אינטעליגענט, פערזענליך אַ גאַנץ סימפּאַטישן, וואָס קלייבט זיך גאַנץ גוט פונאַנדער אין יידישן לעבן, האָט אַ גוטן באַגריף וועגן ציוניזם און איז געוועלטשאַפטליך געוואוינט צו אַ יידישער סביבה. כ׳האָב אים געפּרובט איבערצייגן אין דער פאַלשקייט פון דעם וועג, אויף וועלכן עס גייט די „סטרילעצקאַיאַ ראַדאַ". כ׳האָב באַגעגנט אין אים אַ האַרטן אָפּאָנענט, דאָס וואָס די פראַנצויזן רופן „טעט קאַרע". שפּעטער אָבער אין ווינניצע האָט ער אין געשפּרעך מיט מיר מודה געווען, אַז זיי, די אָנפירער פון די סיטשעוויקעס, האָבן פאַלש אָפּגעשאַצט די לאַגע און זייערע דעריבער טיילווייז שולדיג אין אַלע שפּעטערדיגע געשעהעניש.

נאָך דער הפסקה האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די „סטרילעצקאַיאַ האַדאַ" גייט אויף הנחות. די פראַגע וועגן דער פאָרם פון מאַכט איז זי גרייט ווידער צו באַהאַנדלען צוזאַמען מיטן מיניסטאָרן־ראַט אין אַן אויסעראָרדנטליכער באַראַטונג פון די אוקראַינישע פאַרטייען. דער דאָזיגער באַראַטונג לאָזט זי אויך איבער די אַנטשיידונג וועגן דעם אַרבעטס־קאָנגרעס. אויף דעם האָט זיך די זיצונג אַרום 4 בײַנאַכט געענדיגט. אַנטקעגן דער נביאות פון אָסטאַפּענקאָ האָבן מיר דעם רעשט פון דער נאַכט רוהיג פאַרבראַכט אין די אייגענע בעטן... פון באַרג האָט זיך אַרויסגעלאָזט אַ מויז, פון דער מלוכה־איבערקערעניש — נאָך אַן אסיפה.

XXIV. די שווימענדיגע שפּענדלאַך

שווערע ספקות. — געדאַנקען וועגן דעמיסיע. — דער באַ־
שלום פונם הויפּט־קאָמיטעט און זיינע סיבות. — די צווייטע
נאַכט־זיצונג. — סטראַטעגיע און רעוואָלוציע. — טיוטיוניק.
— פאַראייניגונג מיט גאַליציען. — דער כאַאָטישער „אַר־
בעטס־קאָנגרעס".

ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס די „סיטשעוויקעס" האָט אויסגע־
בעלט מוט צו דערפירן זייער פאַרשווערונג קעגן דער רעגירונג ביזן סוף, האָט אויף מיר די נאַכט־זיצונג, וואו זיי זיינען אַרויסגעטראָטן פאַרן מיניסטאָרן־קאַבינעט מיט זייער אולטימאַטום, געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. כ'האָב באַשיינפערליך דערזעהן, אַז די פאַקטישע מאַכט איז ניט ביי דער רעגירונג און אפילו ניט ביי דער דירעקטאָריע און אז אַ טייל פון דער דירעקטאָריע קאָנספּירירט מיט אַ זייטיגער מאַכט, מיט דער „סטרעלעצקאַ ראַדאַ" קעגן דעם אַנדערן טייל. ס'איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אז ביי אַזעלכע באַדינגונגען ניט אונז ניט דער אנטייל אין מיניסטאָרן־קאַבינעט קיין שום באַדייטנדע השפּעה אויפן גאַנג פון דער אַלגעמיינער פּאָליטיק. כ'האָב דעריבער גלייך אויפן אַנ־
דערן טאָג צונויפגערופן אַ זיצונג פון דעם פּועלי־ציוניסטישן הויפּט־קאָ־
מיטעט, דערציילט דאָרט וועגן דער נאַכט־זיצונג מיט די סיטשעוויקעס, וועגן מיין פּערזענליכער האַלטונג אויף איר און אַנידערגעשטעלט דערביי אין אן אנטשיידענער פאָרם די פראַגע וועגן דער צוועקמעסיקייט פון אונזער ווייטערדיגן פאַרבלייבן אין דער רעגירונג. איך פּערזענליך בין נוטה געווען צו ענטפערן אויף דער דאָזיגער פראַגע נעגאַטיוו.

די זיצונג פון דעם הויפּט־קאָמיטעט האָט ניט באַרעכטיגט די דערוואַרטונגען, וואָס איך האָב אין אָנהויב אויף איר געלעגט. כ'האָב אליין צום סוף פון איר געשטימט פאַר דעם, אַז די פראַגע וועגן

מיין דימיסיע זאָל אָפּגעלעגט ווערן. אנטשיידנד זיינען פאַר אונז דער־בײַ געווען אַ רייהע מאָמענטן, וואָס דער רוב פון זיי ווייזן זיך מיר איצט אויס פון דער ווייטער פּערספּעקטיווּ פאַר גענוג קליינליך און אומבאַדייטנד. מיר האָבן מורא געהאַט אנידערצושטעלן די פּאַרטיי אין אַ קאָמישן ליכט: אי די פּלינלען פאַרנעצט, אי גאָרניט דערגרייכט; מיר האָבן געוואָלט, לכל הפחות, פאַרענדיגן דעם אויפבוי פונם אַדמי־ניסטראַטיוון אפּאַראַט. מיר האָבן זיך געהאַלטן פעסט בײַ דער אילוזיע (און, אפשר, איז דאָס געווען ניט אינגאַנצן קיין אילוזיע), אַז קיים וועט דאָס יידישע מיניסטעריום אנידערגעשטעלט ווערן אויף פעסטע יסודות, וועט עס שוין אונטער דעם אָדער אנדערן נאָמען פאַרבלייבן אַן אינטעגראַלער באַשטאַנדטייל פון אַדמיניסטראַטיוון אפּאַראַט פונם לאַנד און א גאַראַנטיע פאַר דער פאַרווירקליכונג פון דער נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע אין דער אָדער אַנדערער פאָרם. אין דעם מאָמענט, ווען ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט, וואָלט איך אין פאַל פון מיין דימיסיע גאָרניט איבערגעלאָזט הינטער זיך: דאָס גאַנצע מיניסטעריום איז אַלט געווען זיבן טעג און אַפילו קיין איינענע וואוינונג האָט עס נאָך ניט געהאַט.

ס'מוז אָבער באַטאָנט ווערן, אַז בײַ דער אנטשיידונג פונם הויפּט־קאָמיטעט האָבן מיטגעווירקט אויך ערנסטערע מאָמענטן. קיין ווײַ־טערדינע פּראָגראַמען (נאָך זשיטאָמיר) זיינען זינט אונזער אריינטריט אין דער רעגירונג ניט פאָרגעקומען, און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער קאַמף, וואָס ווערט געפירט קעגן די גוואַלדטאַטן, האָט א גע־וויסע פּעולה אין לעבן *). די אַנטשיידונג איבער דער פראַגע פון מיליטערישער דיקטאַטור איז נאָך אויך ניט געפאַלן; פון דער דעלע־גאַציע, וואָס איז אָפּגעפאָרן קיין מאָסקווע, האָט מען יעדן מאָמענט

*) די רעדאַקציע פון זאַמעלבוך „אין דער תקופה פון דער רעוואָ־לוציע", וואו ס'איז אָפּגעדרוקט אַ טייל פון מיינע זכרונות, באַצווייפלט די ראָזיגע שורות בעיקר דורכן אָנווייז אויף די פּאָגראָם־טעטיגקייט פון „וואָ־לינעץ אין לעטיטשעווער אויעזד, פון סטרוקן אין טשערנאָבילער געגנט און דעם פּאָגראָם אין וואַסילקאָוו אָ נ ה ו י ב פ ע ב ר ו אַ ר". זי באַגייט אָבער פון איר זייט אַ טעות, פאַרגעסנדיג, אַז די זיצונג וועגן וועלכער עס רעדט זיך דאָ, איז פאָרגעקומען אויפן אַנדערן טאָג נאָכן אומגעלונגענעם סיטשעווישן פּוטש, ד. ה. דעם 20־טן, אָדער שפּעטעסטנס, דעם 21־טן

געקאָנט האָבן אַ תשובה, וואָס וואָלט געווען אין שטאַנד אינגאַנצן איבערצובייטן די פּאָליטישע לאַגע און שאַפן אַ נייע באַציהונג פון כּוחות אין דער אינערליכער אוקראַינישער פּאָליטיק. ביי די באַדינגונגען איז געווען גאַנץ נאַטירליך דער וואונש אָפּצואוואַרטן מיט דער דימיסיע נאָך אַ פּאָר טעג: אפשר וועט זיך דערווייל איבערבייטן די לאַגע. שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז אונזער האָפענונג אויף אַ גינסטיגן שלום-פאָרשלאָג מצד דעם מאָסקווער „סאָוונאַרקאָם“ איז געווען גאַנץ *באַגרינדעט*. אין מאָמענט פון דער נאַכט-זיצונג מיט די סיטשעוויקעס איז אַזאַ תשובה שוין געווען אין... פּעטליורעס פּאָרטפעל. ער האָט אָבער מיסבּרויכט מיט זיין מיליטערישער מאַכט, וואָס האָט איבערגעגעבן אין זיין רשות דעם דראַטלאָזן טעלעגראַף, כּדי צו *באַהאַלטן די תשובה*, וואָס איז אָנגעקומען פון מאָסקווע, און ניט מיטטיילן זי אפילו זיינע קאָלעגן אין דער דירעקטאָריע. וואָלט די תשובה פון „סאָוונאַרקאָם“ באַקאַנט געווען אין די רעגירונגס-קרייזן אין מיטן יאַנואַר, וואָלט פּעטליורע ניט אַזוי גרינג באַקומען די פולע מאַכט אין זיינע הענט...

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען די פאָרמעלע פראַגן פונם מיניסטעריום זיינען שוין געווען איינגעאָרדנט, איז מיין דימיסיע אוממעגליך געוואָרן צוליב אַן אַנדער טעם. די רעגירונג האָט געהאַלטן ביי עוואַקוירן זיך: אויף די זיצונגען פונם קאַבינעט האָט מען געוואוסט, אַז מיר פאַרבלייבן אין קיעוו נאָר געציילטע טעג. א דימיסיע גראָד אין דעם מאָמענט וואָלט אויסגעטייטשט געוואָרן אין דעם זינען, אַז די „שטשורעס פאַרלאָזן דאָס שיף בעת עס טרינקט זיך“. מיר האָבן געוואָלט זיין *ריטערליך* אין דער פּאָליטיק און האָבן פאַר אַזאַ לשון-הרע ממש געציטערט. אפילו די פּאַרטיי-באַראַטונג, וואָס האָט מיט

יאַנואַר. דערמיט אַליין פאַלט אָפּ דער לעצטער און וויכטיגסטער פון די פאַקטן אויף וועלכע זי שטיצט זיך. וואָס איז נוגע וואָלינעץ און סטרוקן, — איז זייער טעטיגקייט *פאַרן 18-טן יאַנואַר* (וועגן שפּעטערדיגער האָבן מיר דעמאָלט נאָך ניט געקאָנט וויסן) געווען בערך אומבאַדייטנד.

די השערה פון דער אויבנדערמאָנטער רעדאַקציע, אַז ניט אַלע פאַקטן פלעגן דעמאָלט אָנקומען קיין קיעוו, איז לחלוטין ריכטיג.

א. ר.

אַ וואָך שפּעטער באַשלאָסן מיין דימיסיע, איז אין דער זעלבער צייט געווען ביי דער מיינונג, אַז די דימיסיע טאָר ניט פאָרקומען אין קיעוו, פון וואַנען מע האָט זיך געהאַלטן ביי עוואַקואירן, אַז מע מוז צוליב דעם צוועק פאָרן עקסטרא קיין וויניצע, און *דאָרט* אָנגעבן אין דימיסיע.

ווען איך קוק אויף די אַלע געשעהענישן פון אַ ווייטער פּערספּעקטיוו, באַדויער איך ניט קיין איין מינוט, וואָס מיר זיינען אריין אין דער רעגירונג פון טשעכאָווסקי. הגם אונזער צוועק איז ניט דערגרייכט געוואָרן, פונדעסטוועגן איז דער שריט געווען אַ ריכטיגער. כ׳באַדויער אָבער שטאַרק אונזער שפּעטערדיגע ריטערליכקייט... אַ יונגע ריינע פּאַרטיי, וואָס האָט מער ביז אַהער געטרוימט, איידער געשאַפן דאָס נאַקעטע לעבן, האָבן מיר געוואָלט אַריינטראָגן אין דער פּאָליטיק מאָטיוון, וואָס זיינען איר לגמרי פרעמד לויט איר מהות. ריטערליכקייט און פּאָליטיק — אַ גאַנץ קאָמישע קאָמבינאַציע...

* *
*

די זיצונג מיט די אוקראַינישע פּאַרטייען, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער אַנדערער נאַכט נאָך דער סיטשעוויסטישער פאַרשווערונג, איז דורכגעגאַנגען גאַנץ כאַאָטיש. אַלע האָבן געזוכט קאָמפּראָמיסן, און קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס ער וויל. די „סאַמאָסטיניקעס" זיינען אין עצם געווען פאַר דער מיליטערישער דיקטאַטור, זיי האָבן אָבער ניט געוואַגט זי צו פאַרווירקליכן אין לעבן אָהן דער צושטימונג פון אַנדערע פּאַרטייען. די ס.־ר און ס.־ד. זיינען מיט קליינע אויסנאַמען געווען קעגן דער אָריענטאַציע אויף דער אַנטאַנט, האָבן אָבער קיין מוט ניט געהאַט צו ציהען פון דעם די נעהעריגע קאָנסעקווענצן. די סיטשעוויקעס, וואָס זיינען אויך אָנוועזנד געווען ביי דער דאָזיגער זיצונג, זיינען נאָך דער נעכטיגער דיסקוסיע געוואָרן ווייניגער זיכער ביי זיך. דעריבער האָט די זיצונג, וואָס האָט ווידער געדויערט ביז דריי אַזייגער ביינאַכט, ניט געבראַכט קיין שנויים ניט אויף איינער, ניט אויף דער אַנדערער זייט. די דירעקטאָריע און מיניסטעריום זיינען געבליבן אויף זייער פּלאַץ, די סיטשעוויקעס האָבן איינגעהאַלטן זייער פּאַקטישע מאַכט, די פּאַרטייען זיינען געטריי געבליבן זייערע „פּלאַטפאָרמען"... דער איינציגער רעזולטאַט איז געווען אַ געפיל פון קעגנזייטיגן מיסטרוי און נאָך גרעסערער אַלגעמיינער הילפלאָזיגקייט. אויף דער דאָזיגער זיצונג האָט זיך מער

ווי יעדעס מאָל געפילט, אַז דאָס זיינען אַלץ שווימענדיגע שפּענדלאַך, וואָס ווילן זיך אַנידערשטעלן קעגן דעם שטראָם...

ביי דער דאָזיגער זיצונג איז פיל אויפמערקזאַמקייט אָפּגעגעבן געוואָרן דער פראַגע וועגן דער מיליטערישער לאַגע און דער אויסערליך-פּאָליטישער אָריענטאַציע. פּעטלורע, וואָס האָט דאָס מאָל געעפנט זיין מויל, האָט געזאָגט, אַז די איינציגע ריכטיגע אויסערליכע אָריענטאַציע איז די אַנטאַנט, שוין פּשוט דערפאַר, ווייל אוקראַינע איז ניט רייף פאַר סאָציאַלע עקספּערימענטן, אַז זי מוז זיין אַ דעמאָקראַטישער שטאַט, א. א. וו. ער האָט זיך אויך ביטער געקלאָגט אויף דעם, וואָס פון די באָלשעוויקעס האָט מען ניט קיין שום תשובה און מען מוז זיך דעריבער אָפּזאָגן פון דער האָפענונג קומען מיט זיי צו אַ שלום. אין דעם מאָמענט האָבן זיינע קלאָגן געמאַכט כמעט אַן אויפריכטיגן איינדרוק: וואָלטן מיר געוואוסט, אַז אין דעם מאָמענט, ווען ער רעדט די דאָזיגע ווערטער, האָט ער ביי זיך ניט איינע, נאָר אַ פּאָר תשובות פון סאָוונאַרקאָם וועלכע ער באַהאַלט פון זיינע קאָלעגן אין דער דירעקטאָריע!

גענעראַל גרעקאָוו האָט מיט זיין שטענדיגער געוויסנהאַפטיגקייט אָנגעהויבן צו פאַרגלייכן די מיליטערישע כחות פון דער אַנטאַנט מיט די כחות פון די באָלשעוויקעס און, ווי ס'איז געווען צו ערוואַרטן, געקומען צום אויספיר, קלאָר ווי טאָג, אַז די אַנטאַנט מוז זיגן, ווען זי וועט אַריינלייגן אין קאַמף בלויז אירע מאַטעריעלע רעסורסן, כמעט ניט מקריב זייענדיג קיין מענשן. דער דאָזיגער חשבון האָט מיך געצוואונגען צו אַ בייזער באַמערקונג, אַז גענעראַלן פון אַלטן שניט טויגן ניט אַלס מומחים ביי דער פולשטענדיגער פאַרענדערטער פּסיכאָלאָגיש-פּאָליטישער סיטואַציע. דאָרט, וואו ס'האַנדלט זיך וועגן דעטאַלן און קאָנקרעטע סטראַטעגישע אויפגאַבן, זאָל מען זייער עצה פאָלגן; אָבער וואו ס'האַנדלט זיך וועגן אַן אַלגעמיינער פּאָליטיש-סטראַטעגישער אָפּשאַצונג, זאָל מען זייער מיינונג אויסהערן... און האַנדלען פאַרקערט. דאָס וועט זיין די ריכטיגע פּאָליטיק! די געפאַר פון מומחים באַשטייט אין דעם, וואָס זיי זיינען צו פיל ספּעציאַליסטן, וואָס זיינען ניט בכח אָפּזאָגן זיך פון געוויינהייטן און מיט בליץ-שנעלקייט זיך איינלעבן אין נייע סיטואַציעס...

אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער האָט געטראָגן די קורצע רעדע פון אַ

הויכן דאַרן אָפּיצער בערך פון אַ יאָר דרייסיג, וואָס האָט זיך אָנגערופן טיוטיוניק און איז טיטולירט געוועזן אַלס אַן אָנפירער פון גענעראַל־שטאַב. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס פּויערטום אומעטום סימפּאַטיזירט מיט די באָלשעוויקעס און אַריינטראַכטנדיג זיך אינם ענין געפינט ער, אַז די דאָזיגע סימפּאַטיע איז פולשטענדיג באַרעכטיגט. קעמפן ביי אַזאַ סיטואַציע קעגן באָלשעוויקעס איז אויסזיכטסלאָז און שעדליך, כּל־זמן מען וועט ניט בייטן די אינערליכע פּאָליטיק.

דער אַלגעמיינער איינדרוק פון דער דאָזיגער קורצער רעדע איז געוועזן, אַז דער רעדנער האַלט זעלבסט ביים איבערגיין צו די באָלשעוויקעס.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז דער נאָמען טיוטיוניק שטאַרק באַקאַנט געוואָרן, אַלס אַן אָנפירער פון אויפשטענדישע באַנדעס, וועלכע ווערן אפילו באַשולדיגט אין גרויסע פּאָגראָמען. איז דאָס דער זעלבער אָפּיצער, וועלכער איז אין דער נאַכט־זיצונג פון יאַנואַר 1919 געוועזן אַזוי באָלשעוויסטיש געשטימט? כ׳ווייס ניט. אַלץ איז מיגליך *).

* * *

במשך די נאָהענטסטע פּאָר טעג איז דער מיניסטאָרן־ראַט געוועזן בעיקר פאַרנומען מיט דער פראַגע וועגן דער פאַראייניגונג פון דער רוסישער אוקראַינע מיט מזרח־גאַליציען און מיט הכנות צו דעם אַרבעטס־קאָנגרעס. ס׳איז אָנגעקומען פון גאַליציען אַ גרויסע דעלעגאַציע פון בערך 30 מאַן, וואָס האָט נעהאַט די אויפגאַבע נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער פאַראייניגונג צו באַטייליגן זיך אויך אויפן אַרבעטס־קאָנגרעס.

---

*) שוין נאָכן אָנשרייבן פונם דאָזיגן בוך האָט טיוטיוניק ווידער געלאָזט פון זיך רעדן צוליב זיין אַריבערגיין אויף דער זייט פון דער ראַטן־מאַכט. אגב לייקענט ער אָפּ די באַשולדיגונג אין פּאָגראָמען מיטן אָנווייז, אַז ס׳זיינען געווען עטליכע טיוטיוניקעס: באַנוצנדיג זיך מיט דער פּאָפּולאַריטעט פון זיין נאָמען, האָבן אַ פּאָר אומבאַקאַנטע באַנדן־פירער אים אָנגעטשעפּעט אויף זיך.

אגב ווערט אַן אַנאַלאָגישע באַהויפּטונג געמאַכט אויך בנוגע מאַכנאָ, אנגעל און נאָך איינינגע „פּאָפּולערע" פיגורן פון יענער טונקעלער צייט.

א. ר.

פראָקלאַמירנדיג אָבער די פּאַראייניגונג, האָבן זיי אין דערזעלבער צייט געוואָלט באַוואָרענען פאַר גאַליציע די ברייטעסטע אויטאָנאָמיע, וואָס איז אין פילע פּרטים געווען זעהר נאָהענט צו זעלבסשטענדיגקייט. די פאַר־האַנדלונגען וועגן דעם מיט דער דירעקטאָריע און מיטן מיניסטאָרן־קאַבינעט האָבן געבראַכט צו אַ פּרינציפּיעלן הסכם: דעם 22־טן יאַ־נואַר איז אויפן סאָפיען־פּלאַץ אין קיעוו פייערליך פראָקלאַמירט געוואָרן די פּאַראייניגונג פוןביידע אוקראַינעס.

אין דער רייע פון נעגאַטיווע פאַקטן, וואָס האָבן דעמאָלט באַהערשט די סיטואַציע, האָב איך גראָד אין דער דאָזיגער געשעהעניש געזעהן אַ ליכטיגן פּונקט. חוץ דעם, וואָס די פּאַראייניגונג פון ביידע טיילן פון אוקראַינע איז אַליין און פאַר זיך געווען אַ פּאָזיטיווער פאַקט, וואָס האָט פולשטענדיג אַנטשפּראָכן דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג, האָט מען אויך ביי דער קאָנקרעטער פּאָליטישער סיטואַציע געקאָנט פון אים ערוואַרטן אַ רייע פון פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, ספּע־ציעל אין דער יידישער פּאָליטיק.

כ'האָב ערוואַרט, אַז די אַריינדרינגונג פון די אינטעליגענטערע און מער אייראָפּעאישע גאַליצישע עלעמענטן אין די פּאַרוואַלטונג וועט אָפּ־שוואַכן דעם אַנטיסעמיטישן סם־המות, וואָס האָט אָנגעהויבן ווערן אַלץ שטאַרקער אין פאַרשיידענע אַנשטאַלטן. ס'האָט זיך אויך גענעפּנט די פּערספּעקטיוו צו קאָנען רעפאָרמירן די גאַליצישע יידישע קהלות, וואָס זיינען געווען ביז צו יענער צייט אין רשות פון אַסימילאַטאָריע און קלע־ריקאַלע עלעמענטן, און אַריינטראָגן אין זיי אַ נאַציאָנאַלן, דעמאָקראַטישן און סאָציאַלן אינהאַלט. כ'האָב טאַקע גלייך צוליב דעם צוועק דעלע־גירט איינעם פון די פּאַראַנטוואָרטליכע מיטאַרבעטער פון יידישן מיניס־טעריום, ד"ר לאַכלער, קיין גאַליציען. אָבער ביז ער האָט געקאָנט צוטרעטן צו ערפילן זיין מיסיע, איז שוין פאָרגעקומען די עוואַקואַציע פון קיעוו, און די פּאַראייניגונג פון ביידע אוקראַינעס איז אויך געבליבן כמעט אינ־גאַנצן אויפן פּאַפּיר.

צו די זיצונגען פונם אַרבעטס־קאָנגרעס, וואָס האָבן זיך געעפנט גלייך נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער פּאַראייניגונג, בין איך ניט גע־גאַנגען: כ'בין געווען צו פיל פאַרנומען מיט די אינערליכע ענינים פון מיין מיניסטעריום. כ'האָב אגב שוין ניט געלייגט קיין שום האָפענונג

אויף דער דאָזיגער אַנשטאַלט, וואָס האָט מיט זיך ניט פאָרגעשטעלט
קיין שום ממשותדיגע רעאַלע קראַפט. כ'בין געווען בלויז אויף איינער
פון די לעצטע זיצונגען פונם אַרבעטס-קאָנגרעס ערב דער עוואַקואַציע
פון מיניסטעריום פון קיעוו. זי האָט געמאַכט אויף מיר אַ נאַגן כאַאָ-
טישן, האָפנונגסלאָזן איינדרוק. וואָלט וועניגסטנס די דירעקטאָריע
אין דעם מאָמענט געהאַט דעם מוט גובר זיין די אַמביציעס פון אירע
איינענע מיטגלידער, אָפגעבן אירע פולמאַכטן דעם אַרבעטס-קאָנגרעס
און לאָזן אים אויסקלייבן אַ נייע אויבערשטע מאַכט, וועלכע, ניט זייענדיג
פאַראַנטוואָרטליך פאַר די פריהער געמאַכטע פעלערן, וואָלט געקאָנט
האָבן פרייע הענט אין איר אויסערליכער פּאָליטיק, — וואָלט מען אפשר
אין דער צוועלפטער שעה געקאָנט פיל אומגליקן אויסמיידן. די דירעק-
טאָריע האָט דאָס אָבער ניט געטאָן...

XXV. ערב דער עוואַקואַציע

דער טעראָר אין קיעוו. — די געפערליכע פאַמיליע. — די טעלעגראַם פון זשיטאָמירער קהלה. — די סכנה פאַר טשערנאָביל. — די פראַגע וועגן עוואַקואַציע. — דער דראָהבריוו. — מיר געבן אָן אין דעמיסיע. — צוריק קיין קיעוו. — די אדעסער דעלעגאַציע און אירע רעזולטאַטן.

די לעצטע טעג פאַר דער עוואַקואַציע פון קיעוו זיינען אַוועק אין פיבערדיקער אַרבעט. כ'וואונדער זיך אַליין, ווי האָט זיך אונז איינגעגעבן אין אַזאַ אומבאַשטימטער אַטמאָספער צו אַנטוויקלען אַזוי פיל ענערגיע. בעיקר איז דאָס יידישע מיניסטעריום געווען פאַרנומען מיט אַריינמישן זיך ביי כל-ערליי גוואַלד-טאַטן, וואָס זיינען געשעהן אָדער וואָס האָבן געדראָהט. אין קיעוו גופא האָט געהערשט אַ טעראָר, פון וועלכן ס'האָבן געליטן פילע אומשולדיגע. קאָווענקאָס מקורבים האָבן אים אויסגענוצט צוליב פערזענליכער באַרייכערונג. דעם מיניסטאָרן-ראַט זיינען באַקאַנט געוואָרן אַ רייע פון שאַנטאַזש-פאַקטן, פון וועלכע ס'האָבן געליטן כמעט אין אַ גלייכער מאָס יידן און קריסטן (בפרט גרויס-רוסן און פאָלאַקן). דאָס מיניסטעריום האָט אַ פאָר מאָל אָנגענומען באַשלוסן וועגן אויפלייזן קאָווענקאָס „זשאַנדאַרמעריע" און איבערגעבן אירע אָנפירער צום געריכט. אָבער יעדעס מאָל פלעגט זיך איבער קאָווענקאָן אויפהייבן אַ שיצנדע האַנט. נאָך געוויסע פאָרשונגען האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די שיצנדע האַנט געהערט דעם מיטגליד פון דער דירעקטאָריע וויקטאָר אַנדריעווסקי, אונטער וועמענס פאַטראָנאַט קאָווענקאָס זשאַנדאַרמעריע איז געשאַפן געוואָרן פון אָנהויב אָן. די ערשטע רומרייכע טאַט פון קאָווענקאָס סאָלדאַטן — די פאָגראָמען אין באַרדיטשעוו און זשיטאָמיר — זיינען, זעהט אויס, פאָרגעקומען מיטן וויסן און אפשר

לויט דער איניציאַטיוו פון דעם דאָזיגן ווירדיגן מיטגליד פון דער דירעקטאָריע...

ווען דער דאָזיגער פאַקט האָט זיך אָנגעהויבן אויפצוקלערן, איז דער כּוס פון געדולד איבערגעפולט געוואָרן. דער קאַבינעט פון טשעכאָווסקי האָט אַנידערגעשטעלט אַרום דער פראַגע אַן אולטימאַטום: אָדער די אַראָפּזעצונג פון קאָווענקאָ אָדער די דעמיסיע פונם קאַבינעט. צו יענער צייט אָבער איז דער קאַבינעט פון טשעכאָווסקי שוין געווען פאַרן רוב פון דער דירעקטאָריע (פּעטליורע, אַנדריעווסקי און מן-הסתם אויך מאַקאַרענקאָ) ניט מער ווי אַ דאָרן אין אויג. ווינישענקאָ איז אין יענע אַנטשיידנדע טעג געווען מערקווירדיג שוואַך. פאַרן מיניסטאָרן-קאַבינעט איז געבליבן בלויז איין אויסוועג: באַלדיגע דעמיסיע. אָבער דורכפירן זי אין קיעוו האָט קיינער צוליב מאָראַלישע טעמים ניט געוואָלט: דערצו האָט מען געמוזט קודם אַרויספאָרן קיין ווינניצע...

פון די צאָלרייכע איינצלנע פאַלן, אין וועלכע דעם יידישן מיניסטעריום איז אויסגעקומען זיך אַריינמישן, וויל איך דערמאָנען איינעם — וואָס וואָלט געווען זעהר קאָמיש — אויב ער וואָלט ניט געווען טרויעריג.

ס'האָט געוואוינט אין קיעוו אַ געוויסער גרייצער, איינער פון די יידישע אידעען-זוכערס, פאַר וועלכע דער ציוניזם סתּם איז געווען צו בירגערליך און דער פּועלי-ציוניזם צו פּראָלעטאַריש. האָט ער דעריבער געהאַלטן ביי בילדן אין קיעוו אַ באַזונדערע פאָלקס-סאָציאַליסטישע גרופּע און איז צוליב דעם צוועק געשטאַנען מיט אַנדערע ענליכע גרופּן אין פאַרבינדונג, צווישן זיי מיט י. פערעמען, דעם פירער פון די „ראַדיקאַלע פּועלי-ציון" אין אָדעס. אין אַ שיינעם פרימאָרגן באַקומט ער פון כערסאָן, וואו ס'איז אויך געווען אַן אָרגאַניזאַציע פון די „ראַדיקאַלע פּועלי-ציון", אַ טעלעגראַם: „זשדיאָם פערעמענאַ". די טעלעגראַם איז, נאַטירליך, איבערגעלייענט געוואָרן פון דער מיליטערישער צענזור (ס'איז געווען אַ וואָך פאַר דער עוואַקואַציע און דער באַלאַגערונגס-צושטאַנד אין קיעוו איז געווען זעהר שטרענג) און דאָרט איז זי פאַרשטאַנען געוואָרן אין דעם זין, אַז אין כערסאָן וואַרט מען אַן איבערקערעניש. צום אומגליק איז די טעלעגראַם טאַקע אַוועקגעשיקט געוואָרן ערב אַ באָלשעוויסטישן אויפשטאַנד אין כערסאָן. האָט מען דעם אַדרעסאַט אויף דעם אַנדערן טאָג אַרעסטירט אַלס אָנפירער פון

אַ פֿאַרזיכערונג לטובת פּיאַטאַקאָוו און היות ווי זיין ערקלערונג פֿון דער טעלעגראַם האָט געקלונגען אומוואַרשיינליך האָט מען אים אַוועקגעפֿירט. זיין פֿרוי איז געקומען צו מיר ניט טויט, ניט לעבעדיג: אין שטאָט האָט מען געוווּסט, אַז די מיליטערישע מאַכט גיט זיך ניט אָפּ צו פֿיל מיט הקירות און דרישות. איז אויף איינעם דאָ אַ מער־ווייניג שטאַרקער פֿאַרדאַכט ווערט ער דערשאָסן...

צום גליק האָט די פֿרוי זיך געמערקט די חתימה אויפֿן פּאַפּעל וועגן אַרעסט, און איך האָב לויט דעם גלייך געוווּסט, אַז ער שטאַמט פֿון דער „פּאָליטישער אָפּטיילונג" פֿון די סיטשעוויקעס. אַסאַרקאַן, דער דירעקטאָר פֿון אַלגעמיינעם דעפּאַרטאַמענט, איז גלייך אַוועקגעפֿאָרן אין די מיליטערישע געפֿענקעניש, כּדי ניט צוצולאָזן דערוויייל קיין דערשיסונג. אַן אַנדערער באַאַמטער איז אַוועק צום „פּאָליטישן רעפֿערענט" פֿון די סיטשעוויקעס, טשייקאָווסקי, מיט אַ צעטעלע, אין וועלכן כ'האָב אים מיטגעטיילט, אַז כ'קאָן פֿערזענליך דעם פֿערעמען, אַז ס'איז אַ לעבעדיגער מענש, וואָס וואוינט אין אַדעס אויף פּרעאָבראַזשענסקע גאַס און וואָס פֿירט אָן אַ פּאַרטיי, וואָס איז ניט פֿיש און ניט פֿלייש און ברענגט קיינעם קיין גוטס און קיין שלעכטס.

אין אַ שעה אַרום איז גרייצער פֿריי געווען. ער האָט מיר דערציילט, אַז מען האָט אים שוין געוואָלט פֿאַרבינדן די אויגן...

בכלל האָט מען נאָך מיט די סיטשעוויקעס געקאָנט ניכער דורכקומען איינער מיט אַנדערע. זייערע „פּאָליטישע אָפּטיילונג" איז געווען אומברחמנותדיג, אָבער אין איר שפּיץ זיינען געשטאַנען מענשן, וואָס האָבן ניט מיסגעברויכט זייער מאַכט צוליב שאַנטאַזש (ווי דאָס פֿלעגן מאַכן קאָנטרראַזוועדקע מיט זיינע מקורבים). זייערע אָפּיצערן זיינען געווען שאַרפֿע קעגנער פֿון באָלשעוויזם, אָבער אין דערזעלבער צייט ווייט פֿון פּאָגראָמשטשיקעס. די יידישע באַפֿעלקערונג האָט דאָס אינסטינקטיוו געפֿילט און פֿלעג שאַרף פֿונאַנדערשיידן צווישן דעם גאַליצישן מיליטער און דעם אַנדערן. איינמאָל האָב איך אפֿילו באַקומען פֿון דער זשיטאָמירער יידישער קהלה אַ טעלעגראַם, אין וועלכער זי האָט פֿאַרלאַנגט, אַז די גאַליצישע סיטשעוויקעס זאָלן ניט צוגענומען ווערן פֿון זשיטאָמיר, ווייל אַנדערש דראָהט אַ נייער פּאָגראָם. כ'בין מיט דער טעלעגראַם פֿערזענליך אַוועק צו קאָנאָוואַלעצן, מיט וועלכן כ'בין באַ-

קאַנט געוואָרן בעת דער מערקווירדיגער נאַכט-זיצונג. קאָנאָוואַלעץ האָט נישט באַהאַלטן זיין פרייד איבער דעם, וואָס אַ באַדייטנדע יידישע קהלה האָט אַזאַ גוטע מיינונג וועגן זיינע סאָלדאַטן. ער האָט אָבער אין תוך ניט געקאָנט געבן קיין באַשטימטן צוזאָג. ער האָט מיר געוויזן מיט ציפערן אין דער האַנט, אַז די לאַגע אויפן פראָנט איז קריטיש און ער קאָן זיך דאָרט ניט אָפּזאָגן פון קיין איינציגן סאָלדאַט. פונדעסטוועגן וועט ער נאָך זוכן אַן אויסוועג איבערלאָזן אין זשיטאָמיר כאָטש אַ טייל פונם מיליטער, וואָס קלייבט זיך פון דאָרטן אַוועקצוגיין.

אין אַנדערש מאָל איז מיר אויסגעקומען צו טרעפן זיך פערזענליך מיט קאָנאָוואַלעצן ביי אים אין שטאַב, וואו כ'בין געקומען פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל צושיקן באַלד כאָטש אַ הונדערט סאָלדאַטן אונטער גוטער אָנפירונג קיין טשערנאָביל, וואו ס'האָט בעל-הבתעוועט דער באַרימטער באַנדיט לאַזניוק, וואָס האָט זיך אַרויסגעגעבן פאַרן קרייז-קאָמענדאַנט און געשלעפט „קאָנטריבוציעס" פון דער יידישער באַפעלקערונג. קאָנאָ-וואַלעץ האָט קיין סאָלדאַטן ניט געקאָנט צוזאָגן. ער האָט אָבער אַריינ-גערופן דעם קיעווער גובערניאַלן קאָמיסאַר, וואָס האָט גראָד געוואַרט אויף אים צוליב אַ געוויסן ענין, און געזאָגט אים אין מיין אָנוועזנהייט:

„אַט קלאָגט זיך דער מיניסטער פאַר יידישע ענינים אויף דער אָנ-פירונג פון לאַזניוק אין טשערנאָבילער אויעזד. כ'וויל ניט הערן קיין שום תירוצים וועגן אָנמאַכט. נעמט אָן אַלע מיטלען, כדי אין טשערנאָ-בילער אויעזד זאָל קיין שום גוואַלד-טאַט ניט פאָרקומען. ווייל אויב ניט, וועל איך אייך האַלטן פערזענליך אחריותדיג פאַר דעם. איר וועט זיך האָבן צו פאַרענטפערן ניט פאַר דער רעגירונג און ניט פאַר דער דירעקטאָריע, נאָר פאַר מיר, פאַרן קאָמאַנדאַנט פון באַלאַגערונגס-קאָרפּוס".

דער גובערניאַלער קאָמיסאַר איז עטוואָס בלייך געוואָרן און גלייך צוגעזאָגט טון אַלץ, וואָס איז אין זיינע כחות. צי זיינען באמת זיינע כחות ניט געווען אַזוי קליין, ווי ס'האָט זיך אין אָנהויב געדאַכט, אָדער צי האָט לאַזניוק — מעשה ברודער — ניט געוואָלט אים אַנידערשטעלן אין סכנה, ווי ניט איז, אָבער ס'איז אַ פאַקט, אַז ביז צו מיין אָפּפאָר פון קיעוו איז אין טשערנאָביל צום ערגסטן, ד. ה. צו אַן „אמתן" יידישן

פּאָגראָם ניט געקומען. דער צוגעגרייטער שווערט האָט זיך אָראָפּגעלאָזט שפּעטער...

מען האָט מיר שפּעטער דערציילט, אַז פון מיטע פעברואַר, ווען דער באַשטאַנד פון די סיטשעוויקעס איז שטאַרק פאַרענדערט געוואָרן דורך רעקרוטירונג פון דער רוסישער אוקראַינע, האָבן זיך די סיטשעוויקעס גופא אָנגעהויבן אונטערצוטעיבן דער השפּעה פון דער דעמאָראַליזירנדער אַטמאָספער און באַטייליגט זיך אין איינע פּאָגראָמען און שחיטות. כּנ״ל האָט איבער, ניט געמענדיג פאַר דעם קיין אחריות. אַלנפאַלס איז אין יאַנואַר די האַלטונג פון די סיטשעוויקעס אין דער פראַגע פון פּאָגראָמען געווען אַזוי, ווי כ׳שילדער זי.

* * *

אין װעלכע ענינים זײנען אַװעק די לעצטע טעג פון מײן אָנװעזנהײט אין קיעװ. בײטאָג — אומענדליכע זיצונגען װעגן טאָג־טעגליכע ענינים פונם ייִדישן מיניסטעריום, פאַרנאַכט — שפּעטע נאַכט־זיצונגען פון דעם מיניסטאָרן־ראַט. ס׳איז ניט געװען ממש קײן צײט זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון װעגן דער אַלגעמײנער לאַגע און מאַכן בײ זיך אַלײן דעם גרויסן ישוב־הדעת װעגן די װײטערדיגע שריט.

אויף די לעצטע זיצונגען פון מיניסטאָרן־ראַט האָט די פראַגע װעגן דער עװאַקואַציע פאַרנומען דעם אויבן־אָן. ס׳איז באַשטימט געװאָרן אַ ספּעציעלער קאָמיסאַר פון עװאַקואַציע, װעמען ס׳זײנען איבערגעגעבן געװאָרן דיקטאַטאָרישע פולמאַכטן בנוגע די אַלע פראַגן, װאָס זײנען דערמיט פאַרבונדן. אַלס װעלכער איז באַשטימט געװאָרן דער נעװע־זנער קריגס־מיניסטער פון דער צענטראַלער ראַדע, זשוקאָװסקי, װעלכער האָט זיך באמת אַרויסגעװיזן פאַר אַ גוטן אָרגאַניזאַטאָר. אײנע פון זײנע שכלדיגע אײנאָרדענונגען איז מיר געבליבן אין זכרון: היות װי דער גרויסער דרוק־שטאַמפּ פאַר די אוקראַינישע געלט האָט ניט געקאָנט אַרויסגעפירט װערן פון קיעװ, האָט ער געהײסן אים ניט פאַרניכטן און איבערלאָזן די באָלשעװיקעס אין אַ גאַנצן צושטאַנד. דער חשבון דערבײ איז געװען, אַז באַקומענדיג אַ גאַנצן שטאַמפּ, װעלן די באָלשעװיקעס אים װעלן אויסבאַדינען אויסנוצן און װעלן דעריבער אויך

ניט מבטל מאַכן דאָס אוקראַיִנישע געלט, פון וועלכן די רעגירונג האָט נאָך פאַרמאָגט באַדייטנדע רעזערוון. וכך היה...

ביי דער אויסוואַל פונם אָרט, וואו צו עוואַקוירן זיך, איז אויסגעקליבן געוואָרן וויניצע. אַנטשיידנד איז דערביי געווען אַ פּסיכאָלאָגישער מאָמענט: מען האָט געוואָלט קומען אין אַן אָרט, וואו די באַפעלקערונג האָט געזען די דירעקטאָריע אין איר בעסערער רײנערער צייט. עס מוז דערביי געזאָגט ווערן, אַז אַ טייל פונם מיניסטאָרן-קאַבינעט האָט באַטראַכט די עוואַקואַציע ניט נאָר אַלס אַ מיליטערישע נויטווענדיקייט. נאָך אין מיטן יאַנואַר איז געווען אין דער רעגירונג אַ שטרעבונג, וואָס האָט באַטראַכט די עוואַקואַציע קיין וויניציע פאַר געוואונשן אומאָפּהענגיג פון דער מיליטערישער לאַגע. דער גרונד-געדאַנק איז דערביי געווען, אַז אין אַ שטאָט, וואָס דינט אַלס אַ באַזע פאַר מיליטערישע אָפּעראַציעס, איז די אָנוועזנהייט פון אַ ציווילער רעגירונג אַ שטענדיקע סיבה פאַר איר קאָמפּראָמעטאַציע. זי ווערט ביי אַזעלכע באַדינגונגען פאַרוואַנדלט אין אַ ווערקצייג פון מיליטערישער מאַכט, וואָס איז פרעמד אירע באַשטרעבונגען און אידעאַלן. די אָנהענגער פון דער דאָזיגער מיינונג האָבן נאָך אין מיטן יאַנואַר פאָרגעשלאָגן — אמת, אויף אַ פּריוואַטן אופן — אַז אוקראַיִנע זאָל געטיילט ווערן אויף צוויי גרויסע זאָנעס. דער לינקער ברעג פון דניעפּר מיטן בריקן-קאָפּ קיעוו זאָל בילדן די מיליטערישע זאָנע, וואָס זאָל זיין אין רשות פון דער דירעקטאָריע און וואו פאַר דער אָרדענונג זאָל זיין פאַראַנטוואָרטליך די מיליטערישע אָנפירונג. דער איבעריקער טייל פון אוקראַיִנע זאָל זיין אין רשות פון דער רעגירונג אין וויניציע, וועלכע זאָל תיכף אַריינפירן אָרטיקע זעלבסט-פאַרוואַלטונגען אויף אַרבעטס-פּרינציפּ, פולע פרייהייט פון פּרעסע און וואָרט, דורכפירן גלייך די אַגראַר-רעפאָרם און בילדן אויף אַזאַ אופן אַ מאָראַלישע באַזע פאַרן אוקראַיִנישן סאָציאַליסטישן מלוכה-געדאַנק. כ'בין פערזענליך געווען אַ הייסער אָנהענגער פון דער דאָזיגער אידעע און האָב איר אויך געגעבן אַ קאָנקרעטע פאָרם. כ'בין אפילו ווייטער געגאַנגען, מיינענדיק, אַז דאָס גאַנצע אַריבערפאָרן פון דער רעגירונג קיין קיעוו (מיטע דעצעמבער) איז געווען אַ פעלער. די רעגירונג האָט באַדאַרפט פון אָנהויב אָן אַרבעטן אין אַזאַ אַטמאָספער, וואו איר אויטאָריטעט איז געווען אומבאַשרענקט

און וואו זי האָט זיך געשטיצט אויף אן אמתע פּאָפּולאַריטעט אין פאָלק.

די דאָזיגע מאָטיוון האָבן מיטגעווירקט צו באַשלייניגן די עוואַקואַציע פון דער רעגירונג. די רעגירונג האָט זיך סוף-כל-סוף עוואַקואירט אָהן דער צושטימונג פון דער דירעקטאָריע, וועלכע האָט געהאַלטן די עוואַקואַציע פאַר פאַרפריהט. ס'איז געווען אַ לויפעניש ניט אויף אַזוי פיל פון די באָלשעוויקעס, ווי פון אייגענער מיליטערישער מאַכט, וועלכע האָט געבראַכט די רעגירונג אין אַן אומווירדיגע און לעכערליכע לאַגע.

*   *
*

דעם 29-טן יאנוואר בין איך ארויסגעפאָרן פון קיעוו. צום אונטערשייד פון אייניגע אַנדערע מיניסטעריומס האָב איך מיטגענומען מיט זיך בלויז 3 באאמטע פון יידישן מיניסטעריום — ד. אסארקאן, י. נאַנאפּאלסקי און אינזש. רוסין. איך האָב זיך באַגנוגנט מיט אַזאַ קליינעם שטאַט דערפאַר, ווייל איך האָב געהאַלטן מיין עוואַקואַציע פאַר אַ הקדמה צו דימיסיע און אויך ווייל איך האָב, דער עיקר, געוואָלט אין קיעוו איבערלאָזן אַ גוטן פּארוואלטונגס-אפּאַראַט.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, ערב מיין עוואַקואַציע, האָב איך באַקומען אַ מערקווירדיגן אַנאָנימען בריוו אויף רוסיש, וואו מ'האָט מיך געשראָקן מיט טויט, אַלס „פאַררעטער פון יידישן פאָלק". ווי ס'זעהט אויס, האָבן זיך געפונען אַ פּאָר צעהיצטע יונגע לייט, וואָס האָבן, ניט זיינענדיג אינפאָרמירט וועגן די הינטער-קוליסן פון יידישער פּאַרטיי-פּאָליטיק, אָנגענומען די דעמאַגאָגישע אגיטאציע פון געוויסע בירגערליכע קרייזן אַלס פולן אויסדרוק פון נאַציאָנאַלער אויפרעגונג. אינם יידישן מיניסטעריום און אַפילו ביי די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס זיינען געווען קעגן אונזער פּאָליטיק, האָט די ידיעה וועגן אַזאַ בריוו ארויסגערופן א גרויסע פּאַרביטערונג קעגן דער אומפאַראַנטוואָרטליכער דעמאַגאָגיע, וואָס איז אריינגעטראָגן אין יידישן פּאַרטיי-לעבן. איך פערזענליך האָב ניט צוגעגעבן דעם בריוו קיין שום ערנסטן באַטייט, נאָר פּשוט אים איבערגעגעבן אַלס קוריאָז אין אַרכיוו פון יידישן מיניסטעריום.

אָנקומענדיג קיין ווינניצע, האָבן מיר גלייך אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג פון מיניסטאָרן-קאַבינעט, אויף וועלכער ס'איז איינשטימיג באַשלאָסן

געוואָרן תּיכּף צו דימיסיאָנירן. דער מאָטיוו איז געווען טיילוויז די אומצופרידנקייט מיט דער אויסערליכער פּאָליטיק פון דער דירעקטאָריע און טיילוויז מיט דער אוממעגליכקייט צו שאַפן אַווירקליכע אָרדענונג אין לאַנד און אָפּצוהיטן די באַפעלקערונג פון גוואַלדטאַטן ביי דער הערשאַפט פון דער מיליטערישער מאַכט.

ביי דער דאָזיגער לעצטער אָפיציעלער זיצונג פון טשעכאָווסקיס קאַבינעט זיינען אויך אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַ פּאָר מיינונגען וועגן די סבות, וואָס האָבן געבראַכט צו דער געשאַפענער לאַגע. די אָריגי־נעלסטע מיינונג האָט דערביי אַרויסגעזאָגט דער ס־ר שאַפּאָוואַל:

— וואָלטן מיר, אָנקומענדיג אין דעצעמבער קיין קיעוו, צעשאָסן דאָרט תּיכּף ומיד אַ פּאָר טויזנט אָפיצירן, וואָלטן אי קיין פּאָגראָמען ניט געווען, אי אַלץ וואָלט געווען אין אָרדענונג.

און איך האָב זיך דערמאָנט דאָס עקלהאַפט־שרעקליכע בילד, ווי די באָלשעוויקעס מיט מוראוויאָוון בראש, קומענדיג אין יאַנוואַר 1918 קיין קיעוו, האָבן געשלעפּט אין מאַראינסקי פּאַרק יעדן אָפיציר, וועלכן זיי האָבן נאָר ערגעץ וואו אויסגעזוכט, אומאָפּהענגיג פון זיינע אָנ־שויאונגען און מיינונגען. פונדעסטוועגן האָב איך צושטימענד גע־שאָקלט מיטן קאָפּ...

XXVI. אין צושטאַנד פון דעמיסיע

דער נײַער פּרעמיער. — װאָס װעט זאָגן אַמעריקאַ? — אויף דער פּאַרטײ־באַראַטונג. — די צװײטע עװאַקואַציע. — די אָרדנונג אויף די באַנען. — אַן אומערװאַרטעטער באַזוך. — דער קהלה־„געזעץ“ און זײַן צװעק. — אַן אינטערעסאַנטער שמועס.

פאַר מיר פּערזענליך איז די עװאַקואַציע פאָרגעקומען עטװאָס אומגעװאַרט. איך האָב געהאָפט נאָך צו זײַן אויף דער פּאַרטײ־קאָנפערענץ פון די פּועלי־ציון, װעלכע האָט זיך געדאַרפט אָנהויבן נאָך דעם 25־טן יאַנואַר, איז אָבער צוליב שלעכטע פאַרבינדונגען אָפּגעלענט געװאָרן אויפן 30־טן, ד. ה. פּונקט אויף איין טאָג נאָך מײַן עװאַקואַציע. ס׳איז דעריבער גאַנץ נאַטירליך, אַז איך האָב געהאַלטן פאַר מײַן חוב זיך תּיכּף אומקערן פון װיניצע קיין קיעװ. אין אַן ענליכער לאַגע איז צוליב פאַמיליען־סבּות געװען דער מיניסטער פון אַרבעט מיכאַילאָװ. צו אונז איז צוגעשטאַנען דער פּלאָט־מיניסטער בילינסקי, און מיר זײַנען אין דרײַען אין דער נאַכט גלײַך נאָך דער מיניסטער־זיצונג, װאו ס׳איז באַשלאָסן געװאָרן אונזער דימיסיע, אַװעק אויפן באַן און זיך אַרײַנגעזעצט אינם פּאָסט־װאַגאָן פונם ערשטן צוג, װאָס איז געגאַנגען אין דער ריכטונג קיין קיעװ. מיר זײַנען געפאָרן אינקאָגניטאָ, װײַל פאָרן אלס מיניסטאָרן אָהן מיליטערישער באַװאַכונג איז שוין בײַ יענער צײַט געװען ניט אָהן סכּנה.

אויפן אַנדערן פריהמאָרגן זײַנען מיר דורכגעפאָרן װאַסילקאָװ. דאָרט האָט אונז אָנגעיאָגט דער עקסטראַ־צוג פון דער דעלעגאַציע, װעלכע די דירעקטאָריע האָט אַװעקגעשיקט מיט עטליכע טעג פריהער קיין אָדעס צו דער הויפּט־קאָמאַנדע פון דער אַנטאַנט. מיר האָבן

דאָס מאָל באַניצט אונזערע מיניסטאָרישע לעגיטימאַציעס, כּדי מיט זייער הילף אָפּצושטעלן דעם עקסטראַ־צוג און מאַכן אין אים די ווייטערדיגע נסיעה קיין קיעוו. די דעלעגאַטן, פּראָפ. אָסטאַפּענקאָ און ד"ר נאַזאַרוק, האָבן אונז איבערגענומען זייער פריינטליך און דערציילט וועגן זייערע אַדעסער איינדרוקן. ביידע זיינען געווען שטאַרק אַנטוישט פון דער אומבכבודיגער און אומפריינטליכער באַהאַנדלונג, וועלכע מע האָט ארויסגעוויזן צו זיי, צו די פאָרשטייער פון דער אוקראַינישער פאָלקס־רעפּובליק. זיי האָבן דערציילט, אַז די פראַנצויזישע קאָמאַנדע געפינט זיך אונטער דער אויסשליסליכער השפּעה פון גרויס־רוסישע ראַקציאָנערע קרייזן און קוקט אויף אַלץ מיט זייערע אויגן. נאַטירליך, איז זי דערביי געווען צו פיל רעאַל־פּאָליטיש, כּדי זיך לגמרי אָפּזאָגן פון באַציהונגען מיט אַ מאַכט, וואָס איז געווען גרייט זיך לאָזן גוואַלטיג אויסניצן אין קאַמף קעגן דעם באָלשעוויזם. זיי האָבן אָבער דערביי געשטעלט שווערע דראַקאָנישע באַדינגונגען און האָבן פון זייער זייט ניט געגעבן קיין שום גאַראַנטיעס פאַר דער דורכפירונג פון די אוקראַינישע שטרעבונגען.

פון דעם ווייטערדיגן געשפּרעך האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז אָסטאַפּענקאָ, ניט קוקנדיג אויף אַלע אַנטוישונגען, איז געבליבן אַן איבערגעצייגטער אָנהענגער פון אַ פאַראייניגונג מיט דער אַנטאַנט און האַלט פאַר נייטיג אָננעמען אַלע, אפילו די אַממערסטן אומבכבודינע, באַדינגונגען. ד"ר נאַזאַרוק האָט זיך אָבער שוין אָנגעהויבן שטאַרק צו וואַקלען, ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער זעהט איצט, אַז פיל פון די אַרגומענטן, וועלכע איך האָב אויף דער נאַכט־זיצונג מיט די „סיטשעוויקעס" ארויסגעזאָגט קעגן דער אַנטאַנט־אָריענטאַציע, ווייזן זיך איצט אַרויס פאַר ריכטיג.

מיט דער דעלעגאַציע איז אָנגעקומען קיין קיעוו אַ פראַנצויזישער קאַפּיטאַן, אַלס פאָרשטייער פון דער פראַנצויזישער קאָמאַנדע. ער האָט אין משך פון דעם אַנדערן טאָג געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט וויניטשענקאָן: וויניטשענקאָ, דער קעגנער פון דעם בונד מיט דער אַנטאַנט, איז געווען פון דער דירעקטאָריע דער איינציגער, וואָס האָט באַזעסן אַ פאָר אויסלענדערשע שפּראַכן...

אָנקומענדיג קיין קיעוו, בין איך קודם כּל אַרויף צו דער דירעק־

טאָריע און מיטגעטיילט ווינטשענקאָן סיי וועגן דעם אַלגעמיינעם באַשלוס פונם מיניסטאָרן־ראַט, וועגן וועלכן ער האָט שוין געוואוסט, סיי אויך באַזונדערס וועגן מיין באַשלוס ניט נעמען צוריק די אָנגעגעבענע דימיסיע. פאַרלאָזנדיג דעם פּאַלאַץ פון דער דירעקטאָריע, האָב איך אויף די טרעפּ זיך באַגעגנט מיט אָסטאַפּענקאָ, וואָס האָט שוין אין דעם מאָמענט באַקומען דעם אויפטראָג צו פאַרנעמען טשעכאָווסקיס פּלאַץ אַלס פּרעמיער אינם נייעם קאַבינעט. כ׳האָב אים אָפּגעשטעלט און מיטגעטיילט וועגן מיין ענדגילטיגער דימיסיע. אָסטאַפּענקאָ האָט מיך אָנגעקוקט דורך זיינע פּראָפעסאָרישע ברילן און מיט־אַמאָל אַ זאָג געטאָן מיט אויסדרוק פון טיפן באַדויער:

— יאָ, און וואָס וועט אַמעריקע אויף דעם זאָגן?

ניט קוקנדיג אויפן ערנסט פון דער לאַגע, האָב איך זיך ניט איינגעהאַלטן פון געלעכטער. ס׳איז מערקווירדיג, ווי נאַאיוו איז דעמאָלט געווען סיי די יידישע סיי די ניט־יידישע וועלט. מע האָט געמיינט, אַז יידן באַוועגן באמת מיט דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק און אַז די טראַנס־אַטלאַנטישע רעפּובליק האָט קיין אַנדערע זאָרג ניט, ווי דעם שוץ פון יידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט. ס׳זיינען געווען אפילו גייסטער, וואָס האָבן זיך ניט באַנוגנט מיטן זכות פון אַמעריקע און פעסט געגלויבט, אַז צו אונזער שוץ שטייט גרייט די גאַנצע אַנטאַנט מיט מיליאָנען סאָלדאַטן און צעהנדלינגער טויזנט האַרמאַטן...

כ׳האָב אָבער זיך גלייך באַטראַכט, אַז גראָד ביי אָסטאַפּענקאָ לוינט מיר ניט איננאַנצן אויסצוניכטערן די דאָזיגע אילוזיעס, און כ׳האָב פאָרזיכטיג געענטפערט, אַז אין אַמעריקע אינטערעסירט מען זיך זעהר וועניג מיט דער אָדער יענער פערזאָן פונם יידישן מיניסטער אָדער מיט זיין פּאַרטיי־אָנגעהעריגקייט. וויכטיג איז בלויז, אַז די נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמיע זאָל בלייבן און אַז קיין ווייטערדיגע פּאָגראָמען זאָלן ניט דערלאָזט ווערן.

אָסטאַפּענקאָ האָט זיך אַ ביסל באַרוהיגט...

דערנאָך בין איך אַוועק צו דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ, וועלכע האָט זיך צוליב מאַנגל אין דעלעגאַטן פון לינקן ברעג אוקראַינע קאָנסטיטויִרט אַלס פּאַרטיי־באַראַטונג. איך האָב דערציילט וועגן דער דימיסיע, וואָס מיר האָבן אָנגעגעבן אין ווינִיצע, און די פּאַרטיי־באַראַטונג האָט

מסכּים געווען מיט דעם דאָזיגן שריט. איינינע דעלעגאַטן האָבן באַדויערט, וואָס דער הויפּט־קאָמיטעט האָט דאָס ניט געטאָן מיט אַ וואָך פריהער. אַ פּאָר איינצעלנע שטימען האָבן, פאַרקערט, געטענהט, אַז די דימיסיע איז אויך איצט ניט נויטיג. כמעט איינשטימיג איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, לויט וועלכער אונזער אַריינטריט איז בשעתו געווען באַרעכטיגט, און אין דער זעלבער צייט איז אָבער נויטיג אונזער גיכער אַרויסטריט. אויף דער פראַגע, צי זאָל איך איצט פּערזענליך בלייבן אין קיעוו אָדער עוואַקואירן זיך מיט דער רעגירונג קיין ווינניצע און דאָרט אָנגעבן די ענדגילטיגע דימיסיע, האָט די באַראַטונג באַשלאָסן דאָס צווייטע. לכל הפּחות, ווען כ'האָב אָנגעוויזן אויף די מאָראַלישע מאָמענטן, וואָס מאַכן פאַר אוממעגליך מיין פאַרבלייבן אין קיעוו, כל זמן די דימיסיע איז ניט אַקצעפּטירט פאָרמעל, האָב איך קיין קלענסטע דערווידערונג ניט געהערט. וואָלט עמיצער פון די דעלעגאַטן פאָרגעשלאָגן אַן אַנדער אויסוועג, וואָלט איך אים אפשר אונטערגעשטיצט.

וואָס איז נוגע דער צוקונפט, האָב איך זיך דערקלערט סאָלידאַריש מיט דער מיינונג פונם גרעסטן רוב פון דער קאָנפערענץ, וואָס האָט געהאַלטן פאַר נויטיג אויפן יסוד פון די געמאַכטע ערפאַרונגען צו אָנערקענען די ראַטן־מאַכט אויך אויף אוקראַינע, אַלס די איינציגע איצט מעגליכע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, און מיטצואַרבעטן מיט איר, ניט אָפּזאָגנדיג זיך אין דערזעלבער צייט ניט פון יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, ניט פון פּרינציפּ פון אוקראַינישער מלוכהדיגער זעלבשטענדיגקייט. כ'האָב אפילו פאָרגעשלאָגן די חברים, אַז אויב אונזערע ביזאַהעריגע פּאָליטיק וועט אויסגענוצט ווערן מצד קעגנערישע יידישע עלעמענטן — „בונד“ און „פאַראייניגטע“ צו בלבולים און דעמאַגאָגישע אָנפאַלן קעגן דער פּאַרטיי (אין עצם האָבן מיר זיך מיט דער דאָזיגער פּאָליטיק ניט געהאַט וואָס צו שעמען), טאָ זאָל די פּאַרטיי אַנידערשטעלן אירע אַלגעמיינע קאָלעקטיווע אינטערעסן העכער פון דעם כבוד פון איינצעלנע פּערזאָנען. קאָנקרעט האָב איך פאָרגעשלאָגן אויסצושליסן מיך פון דער פּאַרטיי אין דעם מאָמענט, ווען ס'וועט זיך אַרויסווייזן, אַז מיין נאָמען איז פאַר איר אַ צו שווערער באַלאַסט פאַר דעם אַקטיוון אָנטיילנעמען אין דער ראַטן־מאַכט.

די פאַרטיי אויף אוקראַיִנע האָט זיך אָבער קיין מאָל מיטן ראָטן פאַרשלאַג ניט באַנוצט, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס גלייך נאָך מיין אָפּפאָר האָט זיך מצד געוויסע פריִערדיגע מענשעוויקעס, וואָס האָבן געוואָלט מכפּר זיין די פריִערדיגע חטאים, אָנגעהויבן אַ סדרה פון שמוציגע רכילות סיי קעגן מיך פּערזענלעך, סיי אויך קעגן דער גאַנצער פאַרטיי, און וואָס מאָמענטנווייז — בעת מיין זיין אין ווינִיצע — האָט זיך צוליב דער אָפּגעריסנקייט פון קיעוו באמת דאָרט געקאָנט אַרויסווייזן, אַז כ'פיר אין ווינִיצע אַ פּערזענלעכע פּאָליטיק, וואָס איז ניט בהסכם צו די באַשלוסן פון דער פאַרטיי-באַראַטונג.

* * *

אויפן אַנדערן טאָג אין אָונט האָב איך באַקומען פון ווינִיטשענקאָ אַ מיטטיילונג, אַז די עוואַקואַציע פון קיעוו איז אַן ענין פון עטלעכע שעה, און אַז כ'זאָל נאָך אין דערזעלבער נאַכט אָפּפאָרן צוריק קיין ווינִיצע. כ'האָב אויף גיך אַראַנזשירט די דרינגלעכסטע ענינים פונם מיניסטעריום און איבערגעגעבן זיין פאַרוואַלטונג ביז צום אָנקומען פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט צו די צוויי עלטסטע פאַרבליבענע באַאַמטע — ח' אַוערבוך און ח. פּיאַלקאָוו. כ'האָב זיי געבעטן איבערגעבן אַלע באַאַמטע, אַז כ'וואָלט געוואָלט, אַז אַלע זאָלן בלייבן אויף זייערע פּאָסטנס און אַרבעטן לאָיאַל ביי דער ראַטן-מאַכט. אגב האָבן אייניגע פון מיינע קאָלעגן אויך איבערגעלאָזט אין זייערע מיניסטעריומס ענלעכע אינסטרוקציעס. כ'בין דערנאָך אַריבערגעקומען צו דער פאַרטיי-באַראַטונג, וואָס איז נאָך צו יענעם מאָמענט ניט געווען פאַרענדיגט (זי האָט נעהאַלטן ביים באַטראַכטן פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן), זיך געזעגנט מיט די דעלעגאַטן און איבערגעגעבן וואָהין איך פאָר. מיט מיר איז מיטגעפאָרן דער אָדעסער דעלעגאַט גראַנאָווסקי, אַ מיטגליד פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע, וואָס האָט געוואָלט אויף אַזאַ אופן דערפאָרן אַהיים. ער איז געווען מיט מיר אין ווינִיצע אַ פּאָר טעג און דערנאָך האָב איך אים מיט דער ערשטער זיכערער מעגלעכקייט (סתם צו פאָרן איז דעמאָלט געווען גאַנץ געפערלעך) אַוועקגעשיקט קיין אַדעס. כ'דערמאָן זיך וועגן דעם דאָזיגן יונגן סימפּאַטישן פעהיגן חבר מיט

גרויס האַרץ־ווייטאָג: מיט עטליכע חדשים שפּעטער איז ער געפאַלן
אויפן שלאַכט־פעלד, פאַרטיידיגנדיג אַדעס אין די רייען פון דער רויטער
אַרמיי קעגן אַ „ווייסן" אָנפאַל.

אויפן קיעווער וואָקזאַל האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צו זעהן
מיט מיינע אייגענע אויגן, וואָס פאַר אַ אָרדענונג עס הערשט אויף די
אייזנבאַנען. בעת פאַר די דרינגענטסטע טראַנספּאָרטן האָבן געפעלט
וואַגאָנען און לאָקאָמאָטיוון, זיינען גאַנצע צוגן מיט ערשטקלאַסיגע וואַ=
גאָנען געווען פאַרנומען דורך פאַרשיידענע אַטאַמאַנען. זעהר אַ סך
וואַגאָנען זיינען געווען אויף שטענדיג באַזעצט דורך פאַנטאַסטישע
שטאַבן. בעת מיטגלידער פונם אַרבעטס־קאָנגרעס, וואָס האָבן געזאָלט
אַריבערפאָרן קיין ווינניצע, האָבן ניט געוואוסט, וואוהין זיך אַהינצוטאָן,
זיינען אַוועק עטליכע כמעט ליידיגע צוגן, וואָס זיינען פאַרכאַפּט
געוואָרן אָהן שום געזעצליכע פולמאַכטן דורך פאַרשיידענע קליינטשקע
מיליטערישע אָפּטיילונגען. דערביי האָב איך מיט גראַנאָווסקין אַנט=
דעקט צו אונזער ערשטוינען אויף איינער פון די נעבן־ליניעס אַן אויס=
געפּוצטן כמעט ליידיגן צוג פונם אייזנבאַן־מיניסטער פיליפּטשוק, וועלכער
האָט געהאַט די מערקווירדיגע העזה ניט איינצולאַדן צו זיך אפילו די
פאָר מיניסטאָרן, זייערע קאָלעגן, וועלכע האָבן געוואַרט אין אַ שטאַרקן
פראָסט אויפן צוג פון דער דירעקטאָריע. די זאַך האָט מיר שוין שטאַרק
פאַרדראָסן. כ'האָב דערציילט וועגן דעם בילינסקין (דעם פּלאָט־מיני=
ניסטער), וואָס איז אויך געווען אויף דער באַן, און מיר האָבן איינדרייען
געקענט אונזערע פאָר פעקלעך אין אַריין אין צוג פון אייזנבאַן־מיניסטער,
וועלכער איז געווען שטאַרק איבעראַשט, וואָס מען האָט אַנטדעקט
זיין כוח.

* * *

נאָך דער עוואַקואַציע פון דער דירעקטאָריע זיינען די סיטשעווי=
קעס נאָך דריי טעג געבליבן אין קיעוו ביז צום אָנקומען פון די באָל=
שעוויקעס. במשך דער דאָזיגער איבערגאַנגס צייט בין איך פּלוצלינג
איבעראַשט געוואָרן אין ווינניצע דורך אַ באַזוך פון קיעוו. ס'איז גע=
קומען צו מיר דער סעקרעטאַר פון דער אַל־אוקראַינישער יידישער
„קולטור־ליגע", ה' מעלאַמעד מיט אַ וויכטיגן אויפטראָג פון איר צ.ק.

דער פּאָרזיצער פון איר צ. ק. איז, דוכט זיך, דעמאָלט געווען ליטוואַקאָוו. דער אויפטראָג איז באַשטאַנען אין דעם, אַז היות ווי דער צ. ק. איז מסופּק, צי וועט די ראַטן־מאַכט אונטערשטיצן כּדבעי די יידישע קולטור־אַרבעט, טאָ זאָל איך גלייך אַרויסנעמען פון דער מלוכה־קאַסע דעם אין קיעוו אַסיגנירטן בילדונגס־ביודזשעט פאַר אַ פּאָר חדשים און איבערגעבן אים דורך מעלאַמעד דער „קולטור־ליגע“.

דאָס איבעראַשטרע אין מעלאַמעדס באַזוך איז געווען דער גוואַלטיגער ריסק, מיט וועלכן ער איז געווען פאַרבונדן. אַ נסיעה פון אַ פּריוואַט־מאַן אין די דאָזיגע איבערגאַנגס־טעג איז געווען זעהר אַ געפערליכע אונטערנעמונג. די אריערגאַרדן און אַוואַנגאַרדן פון ביידע צדדים האָבן אין יעדן ציוויל־מענטש חושד געווען אַ שפּיאָן און ס'איז געווען גענוג דער קלענסטער פאַרדאַכט, כּדי אָהן שום חקירה־ודרישה גלייך דערשאָסן ווערן. מען פלעג אמת אין יענער צייט אויף יעדן שריט און טריט איינשטעלן דאָס לעבן צוליב פּאָליטישע צוועקן. ריזיקירן אָבער אַזוי שטאַרק מיטן קאָפּ צוליב שולן און ביבליאָטעקן — דאָס איז אַלנפאַלס געווען אַן אויסערגעוויינליכע ערשיינונג.

ליידער האָט מעלאַמעדס מוטיגע אָפּפערווילינקייט ניט געבראַכט און ניט געקאָנט ברענגען די ערוואַרטעטע רעזולטאַטן. די פּרינציפּיעלע טעמים קעגן דער אַרויסגאַבע פון אַזעלכע באַדייטנדע געלט־סומען אַן אינסטיטוציע, וואָס געפינט זיך ניט אין מאַכט־געביט פון דער רעגירונג, פון וועלכער זיי שטאַמען, וואָלטן מיך אין דעם פאַל ווייניג אָפּגעשרעקט. ס'איז אָבער לחלוטין אוממעגליך געווען צו איבערווינדן די פאָרמעלע און טעכנישע שוועריגקייטן, וואָס האָבן זיך אַנטקעגן דעם אַנידערגעשטעלט. כאָטש די אוקראַאינישע רעגירונג איז געווען אין גלות, פונדערסטוועגן זיינען די ביוראָקראַטישע פאָרמאַליטעטן ביי דער דורכפירונג פון יעדער קליינער זאַך אויף קיין האָר ניט פּשוטער געוואָרן. אָפּטמאָל גאַנץ להיפוך. כּדי דער געזעץ וועגן יידישער בילדונג, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין קיעוו, זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין מזומנים איז נויטיג געווען אַ פּראָצעדור לכל־הפּחות פון צוויי וואָכן, — און אַזוי פיל צייט וואָלט מעלאַמעד ניט געקאָנט וואַרטן. פאַרגיכערן דעם ענין וואָלט איך ניט געקאָנט, ווייל אַלס מיניסטער, וואָס געפינט זיך אין צושטאַנד פון דעמיסיע האָב איך בכלל געשטרעבט וואָס ווייניגער צו האָבן משא ומתן מיט דער דירעק־

טאָריע. אגב בין איך דאָרט נאַטירליך דעמאָלט ניט געווען קיין „פּערזאָנאַ־גראַטאַ“.

מעלאַמעד האָט געמוזט צוריקפּאָרן מיט ליידיקע הענט (אויב ניט רעכענען אַ פּאָר „פּאָסווידטשעניעס“, וואָס האָבן אים באַהאַרפּט כשרער מאַכן פאַר די אוקראַינישע אַריערגאַרדן) — און ערשט אין אַ חודש אַרום האָב איך זיך מיט אַ געוויסער ערלייכטערונג דערוואוסט, אַז ער איז בשלום אָנגעקומען קיין קיעוו.

בכלל האָט זיך פון די סומען, וואָס זיינען אַסיגנירט געוואָרן פאַר בילדונג, איינגעגעבן בעת מיין אַמטס־טעטיקייט צו רעאַליזירן בלויז די ערשטע חודש־סומע פון דעם ערגענצונגס־געזעץ וועגן 300,000 רובל מאָנאַטליך אויף דער אַרויסגאַבע פון יידישע לערנביכער (דעמאָלט איז נאָך דער רובל געווען 8—10 אַמעריקאַנישע סענט). די דאָזיקע סומע איז אין מיין אויפטראַג איבערגעגעבן געוואָרן — שוין נאָך מיין אָפּפאָרן פון ווינניצע — דער פאַרלאַג־געזעלשאַפט „דאָס נייע לעבן“ אין אַדעס, מיט וועמענס פאָרזיצער אַוערבוך־באַשין איז געשלאָסן געוואָרן אַ קאָנטראַקט וועגן דער אַרויסגאַבע פון אַ באַשטימטער צאָל יידישע לערנביכער. קיין שום ווייטערדיקע סומען פאַר בילדונגס־צוועקן זיינען דורכן מיניסטעריום ניט דורכגעגאַנגען.

* * *

אין ווינניצע זיינען קודם־כל אַריבער עטליכע טעג, ביז די דעמיסיע פון טשעכאָווסקיס קאַבינעט איז געווען אָנגענומען און ביז אָסטאַפּענקאָ, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אויף זיין אָרט איז אַריינגעטראָטן אין די אויספירונג פון זיינע פליכטן. כ'האָב אויסגענוצט די דאָזיקע צווישנצייט, כדי דורכצופירן אין מיניסטאָרן־ראַט דעם גרויסן געזעץ וועגן קהלות־פאַרוואַלטונג, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין מיניסטעריום פאַר דער קורצער צייט פון זיין קיעווער עקזיסטענץ. דער געזעץ איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אויף דער גרונדלאַגע פון דעם פּראָעקט, וועלכן איך האָב באַקומען פון יידישן נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט. דער ראָזינער פּראָעקט איז אָבער אין מיניסטעריום גרינדליך איבערגעאַרבעט געוואָרן. קודם־כל איז אין אים דורכגעפירט געוואָרן די אָפּטיילונג פון די ריין־רעליגיעזע פונקציעס פון דער וועלטליכער קהלה. בכלל איז די

קאָמפּעטענץ פֿון דער קהלה פֿאָרמולירט געוואָרן נענויער און קלאָרער. אויפֿסניי זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן די שטייער-רעכט פֿון די קהלות. עס זיינען געשאַפֿן געוואָרן פֿאַר די קהלות דריי קוועלן פֿון הכנסות: 1) אַ דערגענצנדער אָפּצאָל צום אַלגעמיינעם הכנסה-שטייער. 2) אַ ירושה-שטייער. 3) פּראָפּאָרציאָנעלער אָפּצאָל פֿון די זעמסטוועס און שטאָט-פֿאַרוואַלטונגען אויף די פֿונקציעס, וואָס זיינען זיי אָפּגעשפּאָרט געוואָרן דורך דער טעטיקייט פֿון די יידישע קהלות. דער גאַנצער געזעץ איז באַשטאַנען פֿון צוויי טיילן — אַ מאַנטל-געזעץ פֿון 20 פּאַראַגראַפֿן און אַ גענויעם קהלה-סטאַטוט פֿון 84 פּאַראַגראַפֿן.

די לעזונג פֿון געזעץ איז פֿאַרענדיגט געוואָרן אין מיניסטאָרן-ראַט דעם 12-טן פֿעברואַר 1919. פֿון טעאָרעטישן שטאַנדפּונקט האַלט איך אים פֿאַר איינער פֿון די וויכטיגסטע שאַפֿונגען, וואָס זיינען ווען ניט איז דערגרייכט געוואָרן אויפֿן געביט פֿון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

וואָס פֿאַר אַ מאָטיוון האָבן מיך געצוואונגען דורכצופֿירן אַזאַ גרויסן געזעץ, זייענדיג אין אַ צושטאַנד פֿון דעמיסיע? האָב איך נאָך געלייגט וועלכע עס איז האָפֿענונג אויף דער דירעקטאָריע? האָב איך געמיינט, אַז דער געזעץ וועט אין דער נאָהענטסטער צייט באמת קאָנען דורכ-געפֿירט ווערן אין לעבן?

ניין, אַזאַ האָפֿענונג האָב איך ניט געהאַט. נאָך מער: ביי דער פּאָליטישער ריכטונג, וועלכע האָט געהערשט אין דער דירעקטאָריע אין סוף פֿון איר קיעווער פּעריאָד, וואָלט איך איר נצחון גאָר ניט באַגריסט... זי פֿיינטליך בין איך ניט געשטאַנען צום געדאַנק פֿון אַ ראַטן-מאַכט, וועלכע זאָל זיך שטיצן ניט אַזוי פֿיל אויף די אינערליכע כחות פֿון לאַנד, ווי אויף אַן אויסערליכער רויטער אַרמיי, פֿונדעסטוועגן האָב איך אין איר שוין דעמאָלט געזעהן אַ קלענערן בייז אין פֿאַרגלייך מיט דער שאָווי-ניסטישער רעאַקציע און פּאָגראָם-שטימונג, וועלכע וואָלט געוואָרן אומ-פֿאַרמיידליך ביים זיג פֿון פּעטליורעס פּאָליטיק.

פֿונדעסטוועגן האָב איך געהאַלטן פֿאַר נויטיג דורכפֿירן דעם פּראָעקט, ווייל גלויבנדיג אין דער צוקונפֿט פֿון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, האָב איך געהאַלטן פֿאַר וויכטיג, אַז די רעזולטאַטן פֿון שווע-רער מיה, וואָס איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אויפֿן ערשטן אַלזייטיגן מאָ-

דערנעם סטאַטוט פון אַ וועלטליכער יידישער קהלה, זאָלן ניט אַוועקגיין לאיבוד, אַז זיי זאָלן פֿאַרפיקסירט ווערן אין וועלכער ס'איז געזעצגעבונג, אפילו אין אַזעלכער, וועלכער ס'איז ניט באַשערט מקוים ווערן אין לעבן. חוץ דעם בין איך שוין דעמאָלט געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג מיט מיין שפּעטערדיגן נאָכפֿאָלגער פּנחס קראַסני. ווי סקעפּטיש כ'האָב זיך ניט באַצויגן צום מיגליכן ערפֿאָלג פון זיין מיסיע, פונדעסטוועגן האָב איך געוואָלט, אַז פון מיינע הענט זאָל ער איבערנעמען דעם מאַקסימום פון מיגליכקייטן און יורידישע רעכט, און אַז זיין שפּעטערדיגער ניט-ערפֿאָלג זאָל ניט קאָנען דערקלערט ווערן דורך פעלערן פון מיין זייט.

* * *

בערך אין דערזעלבער צייט איז מיר אויסגעקומען צו פירן אַ גאַנץ אינטערעסאַנטן שמועס מיט אַ פּאָר פירנדע גאַליצישע פּאָליטיקער, וועלכע זייענדיג צוליב פאַרשיידענע ענינים אין ווינצע, האָבן מיך באַזוכט, כדי זיך צו אינפאָרמירן וועגן די יסודות פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. איינער פון זיי איז געווען דער יוסטיץ-סעקרעטאַר פון גאַליציישער רעגירונג, ד"ר בוראַטשינסקי. דעם אַנדערנס נאָמען געדענק איך ניט אַזוי פעסט. ס'איז, דוכט זיך, געווען דער וויצע-סעקרעטאַר פון אויסערליכע ענינים ד"ר וויטוויצקי (די מיניסטאָרן פון דער גאַליצישער רעגירונג האָבן געהייסן סעקרעטאַרן). נאָך דעם ווי כ'האָב זיי געענטפערט אויף אַ פּאָר פראַגן וועגן די פאָרמען און אינהאַלט פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין „גרויס-אוקראַינע", האָבן זיי אַליין איבערגעפירט דעם געשפרעך אויף גאַליציען.

קודם-כל האָבן זיי זיך געקלאָגט אויפן נייטראַליזם, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דורכן מזרח-גאַליצישן יידישן נאַציאָנאַל-ראַט אין דעם פויליש-אוקראַינישן שטרייט.

„דער נייטראַליזם איז אומווערדיג. זיי קאָנען דאָך ניט זיין גלייכגילטיג צום גורל פון לאַנד, אין וועלכן זיי וואוינען. זיי ווייסן דאָך אויסגעצייכנט, אַז די אוקראַינער בילדן אין מזרח-גאַליציען דעם גרויסן רוב פון דער באַפעלקערונג און אַז דאָס לאַנד געהערט דעריבער אונז. פאַרוואָס דריקן זיי ניט אויס די דאָזיגע זעלבסטפאַרשטענדליכע מיינונג? ווער

וועט האָבן דאָס מאָראַלישע רעכט זיי דערפאַר צו פאַראורטיילן? איז ניט דער האָזיגער נייטראַליזם דער אויסדרוק פון באַהאַלטענע פוילישע סימפאַטיעס?

כ'האָב דערקלערט מײַנע מיטשמועסער די מאָטיוון פון דער יידישער בירגערליכער פאָליטיק, וואָס וויל ניט אַריינקומען צווישן צוויי פייערן. (כאָטש איך פערזענליך בין מיט איר ניט מסכים געווען).

„דאָס האָט מען אונז אָפט געזאָגט, און פונדעסטוועגן איז דאָס ניט קיין גענוגענדער ענטפער. די מעשה איז די, וואָס דער דאָזיגער „נייטראַליזם“ איז אין אמתן גאָר ניט אַזוי נייטראַל. וואָלטן מיר און די פאָלאַקן געווען פאַרגעשטעלט אין מזרח־גאַליציע אין גלייכן מאָס, וואָלטן מיר און זיי געבילדעט, למשל, צו 40% פון דער באַפעלקערונג, וואָלט דער „נייטראַליזם“ פון די 20% יידן געווען באמת נייטראַל און גערעכט. בעת מיר בילדן אָבער 75% פון דער באַפעלקערונג און די פאָלאַקן 10—12% — איז דער „נייטראַליזם“ פון די 13% יידן דאָך צום גרויסן טייל אַ באַגינסטיגונג פון דער פוילישער פאָזיציע. איר דאַרפט ביי אַזעלכע באַדינגונגען אונז ניט פאַראיבל נעמען, וואָס מיר איילן ניט צו רעאַליזירן די אויך ביי אונז פראָקלאַמירטע יידישע אויטאָנאָמיע. אגב, זיינען אויך די יידן ביי אונז דערצו קאַלטער, ווייל זייער נייטראַליזם לאָזט זיי ניט אויסנוצן די געעפנטע מיגליכקייטן. זיי מיידן למשל אויס אונזער צייטווייליגן פאַרלאַמענט“.

כ'האָב געענטפערט אויף דעם מיטן אָנווייז, אַז נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע דאַרף ניט באַטראַכט ווערן אַלס אַ פרייז פאַר יידישער אָנהענגערשאַפט; דורך אַזאַ פאָליטיק וועלן זיי יידישע סימפאַטיע ניט געווינען.

„נעמען מיר אָן, אַז איר זייט גערעכט“, האָט אויף דעם געענטפערט בוראַטשינסקי. „אָבער כדי די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע זאָל באמת אָנהויבן דורכגעפירט ווערן, מוזן זיך די יידן קודם־כל אַליין צונויפריידן וועגן זייערע שטרייט־פונקטן. מיר אין אַלטן עסטרייך ווייסן גאַנץ גוט, אַז אויטאָנאָמיע באַשטייט קודם־כל פון עפנטליכע שפראַך־רעכט און מינדערהייטס־שולן. קומען אָבער אַ טייל פון די יידן און פאַרלאַנגען די רעכט פאַר אַלט־העברעאיש, די אַנדערע פאַרן געשפראָכענעם יידיש, און די דריטע שטעלן אַרויס נאָר אַ משונהדיקע פאָדערונג, אַז

מיר זאָלן נעמען די דאָזיקע רעכט ביידע שפּראַכן. מיר וועלן אַליין מבלבל און וויסן ניט, וואָס צו טון"...

איך האָב דערקלערט די באַזוכער מיין שטעלונג אין דער דאָזיקע פֿראַגע און געגעבן זיי די עצה וואָס פֿריִער צו שאַפֿן אַ געלעגנהייט פֿון דעמאָקראַטישע וואַלן אין די יידישע קהלות און נאַציאָנאַל־ראַטן, און אַנידערשטעלן דערמיט פֿאַר דער יידישער באַפֿעלקערונג פֿון מלוכה־דיגן שטאַנדפּונקט די שפּראַכן־אַלטערנאַטיוו אין איר גאַנצער ערנסטקייט. וועלן שוין דאַן די סאָציאַליסטישע און דעמאָקראַטישע עלעמענטן אין יידנטום ניט צולאָזן, אַז די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע זאָל בלייבן אַ טויטער בוכשטאַב צוליב איבערגעלעבטע דאָקטרינען.

ביים געזעגענען־זיך האָבן מיינע געסט, וועלכע האָבן, זעהט אויס, שוין געוואוסט וועגן מיין דעמיסיע, מיך איינגעלאַדן צו באַזוכן אַמאָל גאַליציען, וואו איך וועל קאָנען אויפֿן אָרט זיך קלאָר מאַכן די לאַגע.

XXVI. דער לעצטער האָפנונגס־שטראַל

די ראַטן־מאַכט אין קיעוו. — אירע שלום־פאָרשלאָגן. — זייער איינדרוק אויף די אוקראַינער. — ווינישענקאָס שטעלונג. — די דערקלערונג פון פועלי־ציון. — איבערנעריסן די באַציונגען. — די פּראַקטישע שוועריגקייטן. — כ׳וואַרט אויף מיין נאָכפאָלגער.

אין אַ פּאָר טעג נאָכן אָנקומען פון דער דירעקטאָריע קיין ווינניצע איז אין קיעוו אַריין די ראַטן־מאַכט (דעם 6־טן פעברואַר). דעמזעלבן טאָג האָט זי אָנגעהויבן שיקן שלום־פאָרשלאָגן קיין ווינניצע. צי איז דאָס בלויז געווען אַ פּאָליטישער מאַנעווער, וואָס האָט געהאַט דעם צוועק צו געווינען פאַר זיך די נאָך וואַקלענדיגע עלעמענטן, אָדער צי איז דער דאָזיגער שריט דיקטירט געוואָרן דורכן באַוואוסטזיין, אַז די דירעקטאָריע, ניט קוקנדיג אויף איר גאַנצער מיליטערישער שוואַכקייט, שטיצט זיך אויף שטאַרקע פאָלקס־שטימונגען, וואָס קאָנען נאָך אַנידערשטעלן די ראַטן־מאַכט פאַר גרויסע סכנות, — דאָס קאָן איך אויף זיכער ניט זאָגן. עס שיינט אַלנפאַלס, אַז דערביי האָט געשפּילט אַ געוויסע ראָלע דער דרוק פונם מאָסקווער „סאָוונאַרקאָם“, וועלכער האָט געשטרעבט וואָס גיכער אַריינשלאָגן דעם אוקראַיניש־גאַליצישן נאָגל קיין אייראָפּע און האָט ניט געוואָלט, אַז זיין פּאָליטיק זאָל פּאַראַליזירט ווערן צוליב די רוסיפי־קאַטאָרישע תשוקות פון פּיאַטאַקאָוו מיט זיינע אָנהענגער. אַזוי אָדער אַנדערש, אָבער ס׳איז אַ פאַקט, אַז באַלד נאָכן אָנקומען פון די באָל־שעוויקעס קיין קיעוו האָט זייער מיליטערישער קאָמאַנדיר גענעראַל קלעמבאָווסקי אַרויסגערופן אין זייער אויפטראַג פעטלורען צום דירעקטן דראָט און פאָרגעשלאָגן אים צו שליסן שלום אויף פאָלגנדע באַדינגונגען: 1) אָנערקענונג פון דער ראַטן־מאַכט. 2) פולשטענדיגע אַמניסטיע.

3) געמיינזאַמער קאַמף קעגן דער קאָנטר-רעוואָלוציע. אין פאַל פון פרינציפיעלן הסכם צו פאַרהאַנדלונגען אויף דער דאָזיגער גרונדלאַגע, זאָל תיכף באַשטימט ווערן אַ דעמאַרקאַציאָנס-ליניע און אָנגעהויבן ווערן די אונטערהאַנדלונגען. דערנאָך איז דער דאָזיגער פאָרשלאַג איבערגעחזרט געוואָרן אין דער פאָרם פון אַן אָפיציעלער ראַדיאָגראַם.

מען קאָן גאַטירליך אָנווייזן, אַז די אויבן-דערמאָנטע גרונדלאַגן זיינען זעהר ניט קלאָרע, בפרט דער פונקט 1. האָט ער באַדייט, אַז די דירעקטאָריע זאָל אָנערקענען די פיאַטאַקאָוו-רעגירונג אַזוי ווי זי שטייט און גייט אַלס די געזעצליכע מאַכט אויף דער אוקראַאינע אָדער דאָס האָט מען געמיינט, אַז זי זאָל אָנערקענען דעם פ ר י נ צ י פ פון ראַטן-מאַכט און דערנאָך זאָל דער קאָנקרעטער פערסאָנאַלער און פאַרטייאישער באַשטאַנד פון דער ראַטן-רעגירונג באַשטימט ווערן לויטן הסכם פון ביידע פאַרהאַנדלנדע צדדים? איך מיין, אַז די אומקלאָרע פאָרמולירונג איז אויסגעקליבן געוואָרן מיט אַ כונה, כדי צו קאָנען אין לויף פון די פאַרהאַנדלונגען טייטשן זי אין הסכם מיט דער לאַגע, וועלכע וועט צו יענעם מאָמענט עקזיסטירן. פונדעסטוועגן בין איך ניט מסופק אין דעם, אַז וואָלט אויף דער אוקראַאינישער זייט געווען אַ אויפריכטיגער וואונש זיך צופרידן, וואָלט מען געקאָנט אין לויף פון די פאַרהאַנדלונגען צווישען דעם אַנדערן צד אויסטייטשן זיינע תנאים אינם זין פון ווירקליכן הסכם. דער דאָזיגער וואונש האָט אָבער אין וויניצע עקזיסטירט נאָך ווייניגער, ווי אין קיעוו.

אמת, אין די לינקערע אוקראַאינישע קרייזן האָט מען אָנגעהויבן צו שמועסן, אַז דאָס אָפוואַרפן פונם באָלשעוויסטישן פאָרשלאַג אפילו אין פאַל ווען ער ווערט ניט אויפריכטיג געמאַכט און די ניט-אויסנוצונג פון דער מעגליכקייט, אָדער קומען צו אַ שלום אָדער ווייניגסטנס אויפקלערן די באָלשעוויסטישע אַבזיכט, — וואָלט געווען אַ נאַרישע און פאַרברעכערישע טאַקטיק. מען האָט גערעדט מיט פאַרביטערונג וועגן דעם, אַז די מיליטערישע אָנפירונג מיט פעטלורע בראש האָט אין קיעוו פשוט אָפגענאַרט די רעגירונג און דירעקטאָריע מיט אירע „זיכערע“ ידיעות וועגן דעם, אַז אויף אוקראַאינע רוקן זיך אָן כינעזן און לאַטישן בעת אין אמתן זיינען אין קיעוו אַריין בלויז אוקראַאינישע סאָלדאַטן פון באָגון און די טאַראַשטשער דיוויזיע.

„אויב אַזוי, האָט מען געטענהט, איז אונזער גאַנצער קאַמף געווען ניט קעגן אַ פרעמדן אָנגריף, נאָר קעגן אייגענע ברידער. דער קריג איז אויף אַזאַ אופן ניט קיין נאַציאָנאַלער, נאָר אַ בירגער־קריג, און וועלכן דער צד, וואָס קעמפט קעגן די סאָוועטן, מוז ווילנדיג ניט ווילנדיג אַריינקומען אין די הענט פון דער עקסטער רעאַקציע“.

אַלע די שטימונגען זיינען אין די ערשטע טעג פון דער עוואַקואַציע געווען שטאַרק פּאָפּולער ביי געוויסע פּאָליטישע קרייזן, וואָס האָבן זיך צונויפגעקליבן אין וויניצע. אָבער זיי האָט געפעלט אַ שטאַרקע צילבאַוואוסטע פירונג און חוץ דעם האָבן זיי ניט געהאַט קיין מיליטערישע קראַפט אויף וועלכער זיי וואָלטן זיך געקאָנט אָנשפּאַרן. ווינטשענקאָ, וואָס איז סיי לויט זיין פריהערדיגער שטעלונג סיי אויך לויט זיין שפּעטערדיגן „על חטא“ אין דעם בוך וועגן דער „אויפלעבונג פון דער נאַציע“, געווען דער נאַטירליכער פירער פון דער דאָזיגער ריכטונג, איז אין יענע טעג געווען פול מיט וואַקלענישן און ספקות. אין עצם האָט ער שוין ניט געגלויבט אין אַ מעגליכקייט פון וועלכער ס׳איז פאַרשטענדיגונג מיט די באָלשעוויקעס און ניט געקעמפט פאַר איר. איך האָב אפילו ניט דעם איינדרוק, אַז ער איז דעמאָלט אַנטשידן געווען קעגן דעם בונד מיט דער אַנטאַנט; אפשר ער האָט פשוט ניט געוואָלט באַשמוצן זיינע פערזענליכע סאָציאַליסטישע הענט. און חוץ דעם האָט ער קיין ברירה ניט געהאַט: די אַנטאַנט האָט דאָך אַלס ערשטן פּונקט פון אירע באַדינגונגען פאַרלאַנגט, אַז די באָלשעוויקעס ווינטשענקאָ און טשעכאָווסקי זאָלן פאַרשוואונדן ווערן פון אוקראַינישן פּאָליטישן לעבן.

אפילו טשעכאָווסקי, וואָס איז שטענדיג געווען אויסגעהאַלטענער און לינקער פאַר ווינטשענקאָ, איז אין יענע טעג אַרומגעגאַנגען פולשטענדיג פאַריאושט און נידערגעשלאָגן און אָהן וועלכער איז קאָנקרעטער פּאָליטישער פּראָגראַם. איבעריגנס, איז ער ניט געווען דער מאַן פון פעסטן ווילן, וואָס וואָלט געקאָנט ברעכן דעם ווילן פון די אַטאַמאַנען . . .

כ׳האָב אָבער פאָרט דעם איינדרוק, אַז וואָלטן די אוקראַינישע אָנהענגער פון אַ פאַרשטענדיגונג מיט דער ראַטן־מאַכט פאַרמאָגט אַ פעסטע צילבאַוואוסטע פירונג, וואָס וואָלט אָהן ספקות געגאַנגען צו אַ באַשטימטן ציל, וואָלטן זיי גראָד אין די ערשטע טעג פון וויניצע גע־

האָט אַ סך שאַנסן איבערצונעמען די פּאַקטישע מאַכט אין די הענט. די פּאָפּולאַריטעט פון פּעטליורע איז צו יענעם מאָמענט שטאַרק געפאַלן. ביי פילע פון די סיטשעוויקעס האָבן זיך ממש געעפנט די אויגן. דער קריג מיט די פּאָליאַקן אין גאַליציען האָבן געשטופּט פילע פון זיי צו דעם געדאַנק צו אָנערקענען די ראַטן-מאַכט אויב ניט פון סאָציאַליסטישן, טאָ פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט. מיר און ח' אַסאַרקאַן איז אויסגעקומען ניט איין מאָל צו שמועסן וועגן דעם אין ווינניצע מיטן גייסטיקן לידער פון די סיטשעוויקעס, ד"ר נאַזאַרוק, און דאָס מאָל איז דער טאָן פון זיינע רייד געווען גאַנץ אַן אַנדערער ווי אין קיעוו. אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָבן די אָנפירער פון די סיטשעוויקעס — קאָנאָוואַלעץ, מעלניק, נאַזאַרוק אפילו לויט אייגענער איניציאַטיוו פאָרגעשלאָגן דער דירעקטאָריע צו אָנערקענען די ראַטן-מאַכט, אָבער דעמאָלט איז שוין די דירעקטאָריע געווען אידענטיש מיט פּעטליורען, אַלע לינקערע עלעמענטן זיינען שוין פון איר אַוועק, דער פּראָסקוראָווער פּאָגראָם און אַנדערע שרעקלעכע געשעענישן זיינען שוין געווען געשאַפענע טאַטזאַכן, — און כ'בין מסופק, צי וואָלט דעמאָלט די ראַטן-מאַכט איינגעגאַנגען אין פאַרהאַנדלונגען מיט דער פּעטליורע-רעגירונג, אפילו ווען די לעצטע וואָלט דאָס געוואָלט.

כ'האָב דעריבער דעם רושם, אַז וואָלט אַזאַ פּערזאָן ווי וויניטשענקאָ אין די קריטישע טעג פון קלעמבאָווסקיס פאָרשלאַג געקומען צו דער „סטרילעצקאַיאַ ראַדאַ", דערקלערט איר כדבעי די פּאָליטישע לאַגע און פאָרגעשלאָגן איר אַ באַשטימטן וועג פאַר דער פאַרשטענדיקונג מיט דער ראַטן-מאַכט, וואָלט פּעטליורע מיט זיינע אַטאַמאַנען געמוזט אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד און די גרעסטע מניעה פאַר דער פאַרשטענדיקונג וואָלט אַראָפּ. וויניטשענקאָ האָט דאָס אָבער ניט געטאָן, ווייל ער אַליין האָט אין דעם ניט געגלייבט...

* * *

פאַר אונז, פאַר די מיטגלידער פונם פּועלי ציוניסטישן הויפּט-קאָמיטעט, וואָס זיינען צו דעם מאָמענט געווען אין ווינניצע (אַסאַרקאַן, גאָלדעלמאַן, נאַנאָפּאָלסקי און איך), איז קלאָר געווען, אַז דער פאָרשלאָג פון מאָסקווער „סאָוונאַרקאָם" וועגן שלום האָט ביי דער געשאַפענער לאַגע קיין שאַנסן ניט אָנגענומען צו ווערן מצד דער דירעקטאָריע

און אַז ס'איז נישטאָ דעריבער קיין שום יסוד צו ענדערן די פּאָלי־טישע ליניע, וועלכע איז אונז פאָרגעשריבן געוואָרן דורך דער פּאַרטיי־באַראַטונג אין קיעוו. מיר האָבן אָבער געהאַלטן, אַז באַנוגענען זיך מיט דער דימיסיע פון אונזערע פּאַרטיי־פאָרשטייער אין מיניסטעריום איז ווע־ניג, אַז מע מוז דער אוקראַינישער עפענטליכקייט קלאָר מאַכן די מאָ־טיוון פון אונזער אַוועקגיין און געבן, אגב, דערמיט די לינקערע עלע־מענטן צווישן איר די געלעגנהייט אַרויסצווייזן אַן אַקטיוויטעט אויף אַ באַ־שטימטער, פאַר אונז אָננעמבאַרער, פּאָליטישער מינימום־פּראָגראַם. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן אָפּגעבן דער דירעקטאָריע אַן אַלגעמיינע פּאָליטישע דערקלערונג און פאַרעפענטליכן זי דערנאָך אין דער אוקראַי־נישער פּרעסע. צו דעם צוועק האָבן מיר איך דרייען (אסארקאַן, נאָל־דעלמאַן און איך) באַזוכט דעם זעקסטן אָדער זיבעטן פעברואַר די די־רעקטאָריע, וואו מיר זיינען אויפגענומען געוואָרן אין איר נאָמען דורך ווינישענקאָ, און איבערגעגעבן אים פאָלגענדע רעזאָלוציע:

„נעמענדיג אין באַטראַכט, א) אַז ביי דער איצטיגער מיליטער־־שער און פּאָליטישער לאַגע איז די אוקראַינישע פאָלקס־רעפּובליק נים אין שטאַנד אויסצומיידן קיין פאַרשטענדיגונג און בונד מיט איינעם פון די צוויי כּוחות, וואָס רוקן זיך אָן אויף אוקראַינע,

ב) אַז דער בונד מיט דער אימפּעריאַליסטישער אַנטאַנט, וועלכע שטייט אומעטום אויף דער וואַך פון די אינטערעסן פון די פאַרמעגליכע קלאַסן, וועלכע פּראָקלאַמירט אין אַ וועלט־מאַסשטאַב אַ מלחמה דעם סאָציאַליזם און שטעלט מיט זיך פאָר דעם ניי־געשאַפענעם „היילינן בונד“ קענן די אַרבעטענדע מאַסן, וועט אומ־באַדינגט ברענגען צו דער אויפשטעלונג פון אַ רעאַקציאָנערן רעזשים אין אוקראַינע און צום פאַרלוסט פון נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע עראָבע־רונגען פון דער רעוואָלוציע,

ג) אַז די פאַרשטענדיגונג און געמיינזאַמער אָנגריף מיט דער אַנ־טאַנט קעגן די באָלשעוויקעס, וואָס באַטייט די איינלאַדונג פון אויסערליכע כּוחות קעגן אַ טייל פון דער איינענער באַפעלקערונג, וועט אויפהויבן קעגן דער דירעקטאָריע אויך די פאָלקס־מאַסן, וואָס האָבן זי עד היום אונטערגעשטיצט, און וועט אויף לאַנג דיסקרעדיטירן די אידעע פון דער אוקראַינישער מלוכהשאַפט גופא —

—וואָרנט דער הויפּט־קאָמיטעט פון דער ייד. ס. ד. א. פּ. (פּועלי־ציון) די דירעקטאָריע פון אַ בונד מיט דער אַנטאַנט און לעגט איר פאַר ענערגיש שטעלן זיך אויפן וועג פון אַ פאַרשטענדיגונג מיט די באָל־שעוויקעס. דער הויפּט־קאָמיטעט האַלט פאַר נויטיג אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג פונם „סאָוונאַרקאָם“ וועגן דער פאַרמיטלונג אויפן אוקראַי־נישן פראָנט, זייענדיג זיכער, אַז דורך די פאַראייניגטע אָנשטרענגונגען פון אַלע סאָציאַליסטישע כּוחות, וואָס שטייען אויפן יסוד פון פולער נאַציאָנאַלער זעלבסבאַשטימונג, וועט זיך איינגעבן אויך אין די ראַמען פון ראַטן־מאַכט איינהאַלטן די זעלבשטענדיגקייט פון אוקראַינע און אָפּ־שלאָגן אַלע פּרוואון צו רוסיפיצירן אירע פעלקער.

נעמענדיג אין באַטראַכט די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ, דערקלערט דער הויפּט־קאָמיטעט, אַז דער אַרויסטריט פון דער דירעק־טאָריע אויפן וועג פון אַ בונד מיט דער אַנטאַנט קענען די באָלשעוויקעס צווינגען אים זיך אָפּזאָגן אין דער צוקונפט זי צו אונטערשטיצן“.

ווינישענקאָ האָט אויפמערקזאַם דורכגעלייענט די דאָזיגע רעזאָ־לוציע און דערנאָך זיך געווענדעט צו אונז מיט דער פאָלגענדער, עטוואָס איראָנישער, פראַגע:

— גלויבט איר באמת, אַז מיט די באָלשעוויקעס קאָן מען זיך דורכרעדן, אַז זייער וואָרט איז אַ וואָרט, אַז זייערע פאָרשלאָגן זיינען פאָרשלאָגן?

די דאָזיגע פראַגע און איר טאָן האָט אונז עטוואָס איבערראַשט. ווי ס׳זעהט אויס, האָט זיך די פּאָליטישע שטימונג פון ווינישענקאָ אין משך פון די לעצטע טעג שטאַרק געענדערט.

איינער פון אונז (דאַכט זיך, אַסאַרקאַן) האָט אויף דער פראַגע גע־ענטפערט, אַז מיר גלויבן יאָ אין אַ הסכם מיט די באָלשעוויקעס, ווייל די באָלשעוויקעס וועלן ניט האָבן קיין אינטערעס עובר צו זיין אויפן הסכם, אויף וויפיל ער וועט אויך פונם אַנדערן צד געשלאָסן ווערן מיט אויפריכטיגע כּוונות. אגב, וועלן די אוקראַינישע סאָציאַליסטן פאַרשטעלן מיט זיך אין לאַנד אין פאַל פון אַ הסכם אַזאַ פּאָליטישן כּוח, מיט וועלכן מע וועט זיך געווים רעכענען.

ווינישענקאָ האָט ביטער געשמייכלט, אָבער גאָרניט געענטפערט.

דערנאָך האָט ער אונז מיטגעטיילט, אַז ער פּערזענליך טרעט אַרויס פון דער דירעקטאָריע און וועט אין אַ פּאָר טעג אַרום אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד. אונזער רעזאָלוציע וועט ער דער דירעקטאָריע פאָרלעגן. ער מיינט אָבער ניט, אַז זי זאָל זיין בכוח צו ענדערן דעם פּאָליטישן קורס.

מיר האָבן אים ניט געפרעגט, צי וועט ער דערביי, לכל הפּחות, פאַרטיידיגן פּערזענליך אין דער דירעקטאָריע די פּאָזיציע, וואָס ווערט פאָרגעלעגט דורך אונז. זיין ערשטע פראַגע איז פאַר אונז שוין געווען אויף דעם אַ געוונגנדע תּשובה...

מיר זיינען אַוועק.

מיט דער דאָזיגער קורצער אוידיענץ זיינען אונזערע באַציהונגען אַלס פּאַרטיי צו דער דירעקטאָריע ענדגילטיג איבערגעריסן געוואָרן. אויב שפּעטער האָבן איינצעלנע פּערזאָנען און קאָמיטעטן געפּרואווט ווידער אָנקניפּן די אָפּגעריסענע באַציהונגען, איז דאָס ניט געווען אין הסכּם און מיטן וואונש פון דער פּאַרטיי, אַלס גאַנצער...

* * *

מיט אונזער לעצטער אוידיענץ ביים ראש פון דער דירעקטאָריע איז די פּאָליטישע זייט פון מיין העמיסיע ערלייזיגט געוואָרן. די פראַגע איז געווען, ווי טוט מען דאָס פּראַקטיש. סתּם אַוועקגיין פון מיניסטעריום, ניט האָבנדיג וועמען אַוועקצוגעבן די פּאַפּירן, דאָקומענטן און געלט־סו־מען, וואָס זיינען געווען אין מיין רשות, האָב איך ניט געקאָנט. כ׳האָב אויף אַ מאָמענט געטראַכט אָנצושרייבן אַ פאָרמעלן באַפעל, לויט וועלכן צוליב מיין דימיסיע גיב איך איבער די צייטווייליגע אָנפירונג מיט לויפנדע ענינים דעם העכסטן נאָך מיר באַאַמטן פון מיניס־טעריום; אַזעלכער איז געווען דער דירעקטאָר פונם דעפּאַרטאַמענט פאַר אַלגעמיינע ענינים, אַסאַרקאַן. כ׳האָב גערעכנט, אַז ער, אַלס ניט־פאַראַנטוואָרטליכער אָנפירער פון מיניסטעריום, וואָס איז ניט באַשטימט אויף דעם פּאָסטן פון מיניסטאָרן־ראַט, וואָלט שוין רוהיג געקאָנט מיט עטליכע טעג שפּעטער איבערגעבן אַלע ענינים דעם מלוכה־סעקרעטאַר קאָרטשינסקי. אַסאַרקאַן האָט זיך אָבער פון דער קאָמבינאַציע קאַ־

טענאָריש אָפּגעזאָגט, און איך האָב אויך אים קיין פּאַריבל ניט גע־האַט. צווישן אונז האָבן מיר נאָנץ גוט געוואוסט, אַז וואַקואירנדיג זיך מיט מיר צוזאַמען קיין ווינניצע, האָט ער דער עיקר געהאַט דעם צוועק צו דערגרייכן אויפן אומוועג דורך דעם זיין פרוי, וואָס איז געבליבן שטעקן אין ראָסטאָוו...

דער נייער פּרעמיער, אָסטאַפּענקאָ, וואָס איז באַשטימט געוואָרן בערך דעם 5־טן פעברואַר אויף טשעכאָווסקיס אָרט, האָט מיר פאָרגע־לענט נאָכטאָן דעם בייזשפּיל פון אייניגע אוקראַינישע ס״ד (למשל מאַרטאָס), וועלכע זיינען, ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס זייער פּאַרטיי איז אַוועק פון דער רעגירונג, געבליבן אין דעם נייעם קאַבינעט מיט דער צושטימונג פון דער פּאַרטיי אויף פּערסאָנאַלע יסודות. כ׳האָב זיך פון דעם פאָרשלאָג קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט און פאַרלאַנגט פון אָסטאַפּענקאָ, ער זאָל גלייך באַשטימען אַ יידישן מיניסטער, ווען איך זאָל קאָנען איבערגעבן די ענינים. היות, ווי אָסטאַפּענקאָ האָט ניט געהאַט פאַר זיך קיין באַשטימטע פּערזאָן און ווייל ער איז בכלל געווען פאַרנומען מיט כלערליי אַנדערע זאָרגן, האָט ער מיר פאָרגעלענט, איך זאָל ווייטער פאַר־וואַלטן מיטן מיניסטעריום ניט אַלס מיניסטער, נאָר אַלס „אָנפירער מיט די ענינים״. איך האָב אויך פון דעם זיך אָפּגעזאָגט, און מיר האָבן סוף כל סוף זיך צונויפגערעדט, אַז אין משך פון די עטליכע טעג, ביז ער וועט מיט עמעצן באַזעצן דאָס אָרט, וועל איך אָנפירן מיט די לויפנדע ענינים מיטן לאַנגן, פון אַלע פּאָליטישע חשדים געפּאַנצערטן, טיטל: „צייטווייליגער ממלא־מקום פונם אָנפירער מיט די ענינים פון מיניס־טעריום פאַר יידישע אָנגעלעגנהייטן״.

מיט דעם דאָזיגן באַשיידענעם טיטל האָב איך געוואַרט ביז עס וועט קומען דער אומגליקליכער, וואָס וועט פאַרנעמען דאָס לײדיגע אָרט. אין ערגסטן פאַל בין איך אַנטשלאָסן געווען, אויב דאָס וואָלט ניט גע־שעהן אין משך פון עטליכע טעג, איבערגעבן די ענינים און חשבונות דעם מלוכה־סעקרעטאַר.

XXVIII. ענדליך פרײ!

די דעלעגאַציע פון זשיטאָמיר־באַרדיטשעוו. — האַרבע קשיות. — אַנטאַנט, באָלשעוויקעס און יידישע פּאָגראָמען. — פּנחס קראַסני, אַלס מיין נאָכפאָלגער. — זיין נעהיימניספולע פאַרשווינדן. — די אַטמאָספער אין ווינניצע. — די ערשטע קלאַנגען וועגן פּראָסקוראָוו אין מיין שמועס מיט אָסטאַפּענקאָ. — די רייזע־געלעגענהייט. — געקומען קיין אדעס.

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז דער אומגליקליכער קאַנדידאַט זאָל זיך באַלד געפינען. פון באַרדיטשעוו און זשיטאָמיר איז אָנגעקומען אַ דעלעגאַציע פון אָרטיגע טוער, טיילווייז אין אויפטראָג פון דער אָרטיגער זעמסטוואָ צום מיניסטעריום פון אינערליכע ענינים, (וועגן געלט פאַר שפּיטאָלן און שולן), טיילווייז אין אויפטראָג פון די דאָזיגע יידישע קהלות צום יידישן מיניסטעריום וועגן אָפּנעמען ביי אים דאָס געלט, וואָס איז אַסיגנירט געוואָרן פאַר די געליטענע פון די פּאָגראָמען. אין דער דאָזיגער דעלעגאַציע איז אויך געווען פּנחס קראַסני פון דער „פאָלקס־פּאַרטיי“, וואָס האָט געשפּילט אין איר אַ געוויסע ראָלע (ער איז געווען איינער פון די פינף דעלעגאַטן, וועלכע זי האָט דורכגעפירט צו דער צייטווייליגער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג). אין באַרדיטשעוו איז ער געווען אַן אָנגעזעענער כלל־טוער, דאַכט זיך וויצע־פּאָרזיצער פון דער דאָרטיגער זעמסטווע. די איבעריגע מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע זיינען געווען: פּאַניע נירענבערג — אַ באַקאַנטע בונדיסטישע טוערין, סאָלאָדאַר און י. גיטערמאַן. כ'האָב אויפגענומען די דעלעגאַציע מיט באַדייטענדער צופרידנקייט, דער עיקר צוליב דעם, ווייל כ'האָב געוואָלט, אַז די געלט־סומעס, וועלכע איך האָב נאָך גע־האַט פאַר די געליטענע פונם פּאָגראָם, אָנדערטהאַלבן מיליאָן, זאָלן

אָנקומען צו די געליטענע און ניט אָפּגעגעבן ווערן צוריק צו דער מלוכה־קאַסע, וואָס איך וואָלט געמוזט טאָן, ווען איך פאַרלאָז דאָס מיניסטער־יום פאַרן אָנקומען פון דער דאָזיגער דעלעגאַציע. איך האָב געהאַט מיט דער דעלעגאַציע אַ געשפּרעך, אין וועלכן מיר זיינען מושווה געוואָרן וועגן די פאָרמען פון הילף און פון געלט־קאָנטראָל. אַלס פאָרשטייער מצד דעם מיניסטעריום ביי דער פאַרטיילונג פון דער הילף האָב איך באַ־שטימט ה׳ גאַנאָפּאָלסקי, וועלכער איז טאַקע אָפּגעפאָרן אין אַ פּאָר טעג אַרום מיט דער זעלבער דעלעגאַציע קיין זשיטאָמיר. איך האָב איב־דערביי באַאויפטראָגט, אַז אויב די באָלשעוויקעס וועלן זיך דערנעהענ־טערן צו זשיטאָמיר, זאָל ער ניט קומען צוריק קיין וויניצע, נאָר פאָרזעצן זיין וויכטיגע אַרבעט אויך דערנאָך קומען קיין קיעוו און אינפאָרמירן דעם הויפּט־קאָמיטעט וועגן דעם, ווי מיר ערפילן אין וויניצע די באַשלוסן פון דער פאַרטיי־באַראַטונג. אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן.

נאָך דער פאַרענדיגונג פון דעם שמועס מיט דער דעלעגאַציע, האָט קראַסני געזאָגט, אַז ער וואָלט געוואָלט זיך מיט מיר דורכרעדן פּערזענ־ליך.

—כ׳הער, אַז איר פאַרלאָזט דאָס מיניסטעריום. פאַרוואָס טוט איר עס? מיינט איר ניט, אַז די פאַרווירקליכונג פון דער נאַציאָנאַלער אַוטאָ־נאָמיע און דער קאַמף קעגן פּאָגראָמען פאַרלאַנגען, אַז איר זאָלט בלייבן?

דאָס איז געווען קראַסניס פראַגע, ווען מיר זיינען געבליבן אַליין.

כ׳האָב געענטפערט, אַז איך גלויב ניט, אַז מע קאָן ממשותדיג קעמפן קעגן פּאָגראָמען דערמיט, וואָס מע וועט אויסזוכן די שולדיגע אין יעדן איינצעלנעם פּאָגראָם, באַשטראָפן זיי און שאַפן מאַטעריעלע הילף פאַר די משפחות פון די געליטענע, וואָס זיינען געבליבן לעבן. ליידער, איז דאָס אויך נויטיג, אָבער היילן דערמיט די ערשיינונג אַלס גאַנצע איז אַלצאיינס, ווי שמירן מיט אַ זאַלב יעדן איינצעלנעם פלעק ביי אַ מאָזל־קראַנקן. דער ריכטיגער קאַמף באַשטייט אין אויסזוכן די אינעווייניגסטע סיבות פון דער קראַנקהייט און פאַרשטאָפן אירע קוועלן. איך מיין, אַז כל זמן די דירעקטאָריע וועט פירן אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן די באָל־שעוויקעס, זיינען ביי די אוקראַינישע באַדינגונגען די פּאָגראָמען אומפאַר־מיידליך, ווען אפילו די דירעקטאָריע און רעגירונג זאָלן באַשטיין פון

לויטער אוהבֿ־ישׂראל. דערמיט, וואָס די דירעקטאָריע אַקצעפּטירט ניט אינזער פאָדערונג וועגן באַלדיגער פאַרשטענדיגונג מיט די באָלשעוויקעס, זאָגט זי זיך אָפּ פון דעם מיטל, וועלכער וואָלט ביי איצטיגער צייט געווען מער מסוגל, ווי יעדער אַנדערער, צו מאַכן אַ סוף מיט די פּאָגראָמען.

— הייסט דאָס, אַז אייער דימיסיע איז ניט דירעקט פאַרבונדן מיט דער פראַגע וועגן פּאָגראָמען? — האָט מיך איבערגעפרעגט קראַסני.

— מיר קאָנען ניט אָפּטיילן די פראַגע וועגן פּאָגראָמען פון דער פראַגע וועגן אַלגעמיינער פּאָליטיק. וואָלט זיך געהאַנדעלט בלויז וועגן פּאָגראָמען, וואָלט איך געהאַלטן פאַר אוממעגליך צו דימיסיאָנירן, כּל־זמן איך וואָלט געמיינט, אַז די מעטאָדן, וואָס ווערן אָנגעווענדעט קעגן זיי, זיינען ריכטיגע און ווירקזאַמע. להיפּוך, ביי אַזאַ פּאָראויסזעצונג וואָלטן גראָד פּאָגראָמען געווען אַ סיבה, צוליב וועלכער אַ יידישער מיניסטער טאָר ניט פאַרלאָזן זיין פּאָסטן.

כ'האָב דערביי מיט אַ געוויסער ביטערקייט דערציילט וועגן די אילוזיעס וואָס הערשן ביים יידישן עולם בנוגע דער ווירקונג, וואָס אַ יידישער „פּראָטעסט" קענן פּאָגראָמען מאַכט אין דער ציוויליזירטער וועלט. מע קאָן זיך אַליין ניט צוגעוועהנען צום געדאַנק, אַז די צייט פון קעשענעווער פּאָגראָם, ווען די דערמאָרדונג פון 60 יידן האָט באמת אַרויסגערופן אַ שטורעם אין דער גאַנצער געבילדעטער וועלט, זיינען שפורלאָז אַריבער. דער וועלט־קריג האָט געשאַפן אַזאַ פאַרווילדערונג, אַז אפילו אַ טויזנט מאָל גרעסערע צאָל פון קרבנות וועט קיינעם ערנסט ניט אָנרירן. ווען איך, אַלס יידישער מיניסטער, וואָלט פאַרלאָזט מיין אַמט אַלס פּראָטעסט נאָך דעם זשיטאָמירער פּאָגראָם, וואָלט דאָס געווען אַ לעכערליכע און פרוכטלאָזע דעמאָנסטראַציע. איך פאַרלאָז מיין אַמט איצט, וויל איך האָב זיך איבערגעצייגט, אַז דאָס מיטל, וועלכן כ'האַלט פאַר אַ ראַדיקאַלער היילונג פון דער לאַגע, ווערט ניט אָנגעווענדעט. מיין אַוועקגיין איז דעריבער אין עצם פאַרבונדן מיט דער פראַגע וועגן פּאָגראָמען, הגם די דאָזיגע פראַגע ווערט אַריינגעלעגט אין די ראַמען פון דעם אַלגעמיינעם פּראָבלעם וועגן דער אויסערליך־פּאָליטישער אָריענטאַציע.

— און מיינט איר ניט, אַז אַ בונד מיט דער אַנטאַנט וואָלט אויך געווען אין שטאַנד אָפּצושטעלן די פּאָגראָמען?

איך האָב אויף דער פראַגע נעענטפערט נעגאַטיוו. וואָלט ווענינסטענס די אַנטאַנט געשיקט אַ האַלבּ מיליאָן פון אירע אייגענע מערבֿ-אייראָפּעאישע סאָלדאַטן,—וואָלט איך אַזעלכע האָפּענונגען נאָך געקאָנט פאַרשטיין, הגם אויך אין אַזאַ פאַל איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז פּאָגראָמען זאָלן פּאָרקומען אפילו פאַר די אויגן פון דער פראַנצויזישער אַרמיי: די פראַנצויזישע אויבער-קאָמאַנדע איז דאָך פולשטענדיג אונטער דער השפּעה פון די רוסישע רעאַקציאָנערע און אַנטיסעמיטישע קרייזן. אין דעם מאָמענט, ווען מע וועט זי איבערציינגן, אַז די באַקעמפונג פון יידנטום פאַרגרינגערט דעם קאַמף קעגן באָלשעוויזם, וועט זי די פּאָגראָמען אפילו אונטערשטיצן. דער הויפּטצוועק פון דער עקספּעדיציע קיין רוסלאַנד איז דאָך דאָס אויפמאָנען די צאַרישע חובות, און אויב אויף דער וואָגשאָל וועלן שטיין פון איין זייט אַ מיליאָן יידישע לעבנס און פון דער אַנדערער כאָטש איין מיליאַרד גאָלדענע פראַנקן, איז דען אַ ספק, וואָס וועט איבערוועגן אין פּאַריז?

ס'איז אָבער זיכער, — האָב איך פאַרגעזעצט צו אַנטוויקלען מיינע געדאַנקען, — אַז קיין רוסלאַנד וועט די אַנטאַנט קיין אייגענע סאָלדאַטן פון מערבֿ-אייראָפּע ניט שיקן. זי וויל איינגעמען אוקראַינע מיט פּוילישע, רומענישע און גריכישע סאָלדאַטן — אַלין נאַציעס, וועמענס יידנפריינטלעכקייט איז אונז גענוג באַקאַנט. *) אין נאָך אַ גרעסערער מאָס וועט זי זיך שטיצן אויף די רעאַקציאָנערסטע עלעמענטן פון דער רוסישער און אוקראַינישער באַפעלקערונג. קאָנען אָבער די דאָזיגע עלעמענטן זיך באַגיין אָהן אַנטיסימעטיזם? האָבן זיי דען בעסערע אַרגומענטן, כדי אויפצוהעצן די פּויערים ביי דער איצטיגער נאָך רעוואָלוציאָנערער שטימונג פון די מאַסן קעגן די באָלשעוויקעס? און איז דען ביי היינטיגער גרויזאַמער צייט מעגליך אַ שטילער קולטורעלער אַנטיסעמיטיזם, וואָס זאָל זיך ניט אויסדריקן אין יידישע שחיטות?.. דעריבער מיין איך — האָב איך פאַרענדיגט — אַז אומאָפּהענגיג פון אַלע סאָציאַלע מאָמענטן, דאַרפן מיר אפילו פון ריין-נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט פאַרלאַנגען, אַז די אוקראַינישע פּאָליטיק זאָל זיך אָריענטירן אויף די באָלשעוויקעס און בשום אופן ניט אויף דער אַנטאַנט.

*) אין דעם מאָמענט, ווען כ'האָב דאָס גערעדט, זיינען אין אדעס אַרויסגעזעצט געוואָרן צוויי דיוויזיעס גריכישע סאָלדאַטן.

מײַן מיטשמועסער האָט מיר אויף דעם געענטפערט, אַז ער קאָן ניט אָנערקענען מײַן אַרגומענטאַציע פאַר ריכטיג.

— איר רעדט װעגן קאמף קעגן פּאָגראָמען. אָבער די באָלשעװיס־טישע הערשאַפט איז אַלײן און פאַר זיך דער ערנסטער און גרעסטער יידן־פּאָגראָם. נעמט אונזערע ייִדישע קלײנע קלײטניקעס און בעלי־מלאכות, װאָס בילדן דעם רוב פון אונזער באַפעלקערונג. זײ װערן דאָך אינגאַנצן רואינירט און אויסגעהונגערט דורך אומזיניגע נאַציאָנאַ־ליזאַציעס און קאָנפיסקאַציעס. איז דאָס לאַנגזאַמע שטאַרבן פון הונגער בעסער, װי דערהרגעט װערן דורך דער האַידאַמאַקישער קויל? — חוץ דעם איז מעגליך צו קעמפן קעגן די פּאָגראָמען אויך אין די ראַמען פון דער איצטיגער מאַכט. גראָד אַ בונד מיט דער אַנטאַנט װעט צװינגען די דירעקטאָריע אָנשטרענגען אַלע כוחות, כדי ניט צולאָזן די פּאָגראָ־מען. גראָד אַ בונד מיט דער אַנטאַנט װעט ברענגען די ברײטע ייִדישע מאַסן אויף דער זײט פון דער דירעקטאָריע, און דערמיט אַלײן אָפּ־שװאַכן די כװאַליע פון פּאָגראָמען. ייִדן, זײענדיג אויף דער זײט פון דער דירעקטאָריע, װעלן דערמיט אַלײן בילדן אַ קראַפט, װאָס װעט ניט צולאָזן די פּאָגראָמען.

און אויסער דעם אַלעמען, — האָט פאָרגעזעצט קראַסני מיט אַלײן שטײנגנדער היץ, — גלויב איך ניט אין סאָציאַליזם; כ'גלויב אָבער שטאַרק אין דער מאַכט פון דער אַנטאַנט, דאָס איז די גרעסטע קראַפט אין דער װעלט, און איך גלויב אויך שטאַרק אין דער אוקראַינישער באַ־װעגונג, װאָס איז אַ געזונטע לעבנספעהיגע ערשײנונג. איך האַלט, אַז פון אײער זײט איז אַ גרויסע עולה, װאָס איר פאַרלאָזט דאָס מיניסטעריום.

ניט װעלנדיג זיך אַרײנלאָזן אין קײן דיסקוסיע, האָב איך געשװיגן. קראַסני האָט פאָרגעזעצט:

— כ'װײס, אַז פיל זײנען קעגן אײער פּאָליטיק, אַז מע באַשולדיגט אײך, װאָס איר האָט פאַרנומען אײער פּאָסטן, ניט קוקנדיג אויפן זשי־טאָמירער פּאָגראָם. כ'װײס אָבער, אַז גראָד צוליבן פּאָגראָם האָט איר באַדאַרפט נײן אין דער רעגירונג. כ'בין זיכער, אַז אָהן אײך װאָלט דער אומגליק געװען נאָך גרעסער, און אַז צעהנדליגער, הונדערטער ייִדן האָבן אײך צו פאַרדאַנקען זײער לעבן. און אויסער דעם אַלעמען איז די זאַך פון דער נאַציאָנאַלער אױטאָנאָמיע אַזוי װיכטיג און אַנטשײדנד, אַז איר

װאָלט ניט געטאָרט אָפּלאָזן אײער אַרבעט. איך װאָלט אױף אײער אָרט דאָס ניט געטאָן.

מײן תּשובה אױף דעם איז געװען אַ קורצע:

— די דיסקוסיע איבער דער טעמע האָט ניט קײן צװעק. ניט איך װעל אײך איבערצײַגן, ניט איר מיך. אױב אָבער איר מײנט, אַז די פּאָ־גראָמען לאָזן זיך אױסמײַדן אױך בײַ דער איצטיגער פּאָליטיק פון דער דירעקטאָריע, און אַז דער בּונד מיט דער אַנטאַנט איז מעגליך אין די אינטערעסן פון די ײדישע מאַסן, — טאָ קומט און פאַרנעמט מײן אָרט. מײן פּאַרטײ האַלט די דאָזיגע פּלאַטפאָרם פאַר שעדליך און װעט אױף איר יסוד מיט דער דירעקטאָריע ניט אַרבעטן. אָבער דער פּלאַץ איז פרײַ פאַר אַנדערע.

קראַסני האָט אױף דעם תּיכּף געענטפערט:

— גוט, איך בּין מסכּים. כ׳האַלט פאַר מײן חוב צו ראַטעװען די נאַציאָנאַלע אַװטאָנאָמיע. אָבער װי קומט די קאָץ איבערן װאַסער?

— זעהר פּשוט. כ׳װעל אײך באַשטימען פאַר אַ מיטגליד פון מײן ראַט און גלײַך נאָך דעם אַװעקגײן און אײך איבערגעבּן די צײַטװײ־ליגע פאַרװאַלטונג פון דעם מיניסטעריום. דאָס איבעריגע װעט שױן קומען פון זיך אַלײן. די אוקראַינישע טוער קאָנען אײך פון אײער אַר־בּעט אין זעמסטװע; מיט פּעטלורען גופא זײַנט איר בּעסער באַקאַנט װי איך. איז קלאָר, אַז דער װאונק װעט זײַן אינגאַנצן נענוג, כּדי זײ אַלײן זאָלן קומען צו אײך מיטן פאָרשלאָג בּלײַבּן אױף אײער פּאָסטן אַלס שטענדיגער מיניסטער.

— גוט, — האָט געענטפערט מײן מיטשמועסער, — אָבער װאָס װעט װערן מיטן געזעץ־פּראָעקט װעגן ײדישע קהלות?

קראַסני האָט נאָך פריהער בּײַ מיר געזעהן דעם געזעץ־פּראָעקט, אים דורכגעקוקט און געהאַלטן אין אײן לויבּן.

— כ׳װעל פאַרגרינגערן אײער אױפגאַבּע דערמיט, װאָס כ׳װעל אים אַלײן דורכפירן אין מיניסטאָרן־ראַט נאָך פאַר אײער אָנקומען, אָבער דאָס איז אַליך בּתנאי, אַז דאָס זאָל געשעהן װאָס פריער.

אױף דעם האָט קראַסני געענטפערט, אַז ער מוז זיך נאָך אומקערן קײן באַרדיטשעװ, כּדי אײַנאָרדענען זײַנע פאַרשײדענע ענינים און מיט־

ברענגען די נויטיגסטע זאכן, וואס וועט דויערן א וואך, און אין משך פון דער וואך זאל איך אויף אים ווארטן און ניט פארלאזן ווינניצע.

איך האב צוערשט דאס ניט געוואלט צוזאגן, אבער דערנאך זיך געלאזט איבעררעדן; איך האב סוף כל סוף קיין אנדער ברירה ניט געהאט: סיהאט איבערגעגעבן קארטשינסקין די עניינים.

* * *

די „וואך" האט זיך פארצויגן נאך אויף א פאר טעג. לסוף איז אבער קראסני אנגעקומען. אין דער צווישן־צייט האב איך אים דורכגעפירט אלס מיטגליד פון ראט פון יידישן מיניסטער און גלייך נאך זיין אנקומען אפגעגעבן אסטאפענקאן א מעלדונג, שוין ניט אלס מיניסטער, נאר אלס „צייטווייליג אויספירנדער פון די פליכטן פון אן אנפירער", אז איך ליזן פון זיך אראפ די אויספירונג פון די דאזיגע פליכטן און איך גיב זיי איבער דעם מיטגליד פון מיין ראט פנחס קראסני. דאס איבערגינע איז, ווי כ'האב פאראויסגעזעהן, פארגעקומען גאנץ אויטאמאטיש. אין א טאג נאך מיין אפרייזע קיין אדעס איז קראסני באשטימט געווארן אלס יידישער מיניסטער...

איצט בין איך ענדליך פריי. מיין נסיעה האט זיך אבער פארשלעפט נאך א פאר טעג צוליב דעם מאנגל פון א פאסנדער רייזע־געלעגנהייט. כ'האב געוואלט זיך אומקערן קיין אדעס, כדי זיך ווידמען דער ארבעט אינם פארטיי־פארלאג, וועלכע כ'האב געמוזט פארלאזן צוליב מיין אומערווארטעטער מיניסטער־קאריערע. חוץ דעם האב איך געהאט בדעה דערנאך מיטן אומזיג דורך אדעס זיך אומקערן קיין קיעוו, כדי זיך שטעלן אין דינסט פון דער ראטן־רעגירונג. פאר מיר איז שוין דעמאלט געווען קלאר, אז קיין אנדערער אויסוועג איז איצט ניטא.

דאס איז אבער געווען די פליכט פון א מענטשן, וואס איז פאראנטווארטליך פאר זיין פארטיי. איך מוז אבער זיך מודה זיין, אז אין טיפעניש פון דער נשמה האט געלעבט אן אנדערער וואונטש. די עהפארונג פון די לעצטע צוויי חדשים האט בכלל געשאפן א מין מידקייט, א פערזענליכע אפנייגונג קעגן וועלכע ער איז פאליטישע ארבעט אין די אלומיגע באדינגונגען. דער טרוים וועגן א"י, דאס לאנד, וואו עס זיינען דורכגעגאנגען מיינע קינדער־יארן, און מיט וועלכן איך בין פון דער יוגנט פארבונדן לויט אידעאלן און איבערצייגונגען, האט ווידער

שטאַרק אויסגעלעבט אין מיר. אין געשפּרעכן מיט חברים האָב איך דעמאָלט אָפט דערמאָנט וועגן דעם, ווי איך בין שוין ערב דעם קריג געווען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אויף אַ גרויסער מזרח-רייזע, וואָס האָט מיך באַוואָרפט סוף-כּל-סוף ברענגען קיין א״י, און ווי דער אויסבּרוך פון דעם וועלט-קריג האָט מיך געצוואונגען זיך אומקערן צוריק קיין רוסלאַנד.

פאַרן אָפּפאָרן פון וועניציע איז פאָרגעקומען אַן אינצידענט, וואָס האָט שיר ניט געצוואונגען מיך צו בלייבן נאָך אויף אַ פּאָר טעג. קראַסני, וועלכער האָט נאָך ניט איבערגענומען די ענינים פונם מיניסטעריום, איז פלוצים פאַרשוואונדן. ביי דער אומזיכערקייט, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין וועניציע, האָט מען געקאָנט חושד זיין דאָס ערגסטע. עס האָט געקאָנט זעהר געמאָלט זיין, אַז פאַרברעכערישע פּאָגראָם-עלעמענטן, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם אַלמעכטיגן קאָווענקאָ, וואָס האָט צו יענער צייט אָנגעפירט זיין אַרבעט אין וועניציע, האָבן געוואָלט פּטור ווערן פון אַן אומבאַקוועמען עדות פון זייערע צוקונפטיגע העלדנטאַטן. פאַרשטאַרקט איז געווען דער חשד דערמיט, וואָס קראַסני איז געווען איינער אַנוועזנד בעת דער קאָנפראָנטאַציע פון די זשיטאָמירער און באַרדיטשעווער כּלל-טוער מיט פּאַליענקאָ און זיינע חברים.

וואָס פאַר אַן אַטמאָספער האָט דעמאָלט בכלל געהערשט אין וועניציע, באַווייזט דער פאַקט, אַז מיינע נאָהענטסטע מיטאַרבעטער האָבן געדאַלטן אין איין מורא האָבן פאַר מיין לעבן. אין איין פרימאָרגן בין איך ניט אַוועק צו דער באַשטימטער צייט אין מיניסטעריום, נאָר פאַרבראַכט צוערשט איבער אַ שעה ביי אַ שניידער, וואו מען האָט מיר פאַרנייט אַן אַרבל... ווען איך בין געקומען אין מיניסטעריום איז אַסאַחקאַנס פּנים געווען בלייך, ער האָט מיך באַגריסט מיט אויסערגעוויינליכער פרייד:

— וואו זייט איר עפּעס פאַרפאַלן? מיר האָבן אייך שוין געזוכט אין האָטעל און ניט געפונען. מיר זיינען געווען זעהר אומרוהיג.

ווען איך האָב געפרעגט, אויף וואָס פאַר אַ סמך רעכנט ער, אַז מיר דראָהט אַ סכנה, האָט ער געזאָגט, אַז קאָוונקאָס באַהאַלטענע דראָהונג אויף מיין אַדרעס בעת דער אויפקלערונג פון פּאַליענקאָס ראָלע אין זשיטאָמיר, צווינגט אים צו זיין פאָרזיכטיג.

בײַ אַזעלכע באַדינגונגען איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז דאָס פאָליצייליכע פאַרשווייגן פון קראַסני האָט אונז שטאַרק באַזאָרגט. כ'האָב אַפילו צו דעם צוועק ספעציעל באַזוכט אָסטאַפּענקאָ, פאַרלאַנגענדיג, אַז ער זאָל אַנידערשטעלן אויף די פיס דעם גאַנצן פאָליציי־אַפּאַראַט, וועלכן ער האָט נאָר אין זיין רשות. דער נייער מיניסטער פון אינערליכע ענינים טשיזשעווסקי, וואָס איז גראָד אין דעם מאָמענט אויך געווען ביי אָס־טאַפּענקאָ, האָט מיר גלייך אויפן אָרט צוגעזאָגט אָנהויבן תיכף די ענער־גישסטע אויספאָרשונג.

אין דעם מאָמענט זיינען שוין קיין וויניצע דערגאַנגען די ערשטע נאָך אומקלאָרע ידיעות וועגן דער פּראָסקוראָווער שחיטה. הגם מיין דימיסיע איז שוין דעמאָלט געווען אַ פאַרענדיגטער פאַקט — איך בין אפילו קיין „צייטווייליגער ממלא־מקום" מער ניט געווען, — פונדעסט־וועגן האָב איך זיך ניט איינגעהאַלטן, און ביי דערזעלבער געלעגנהייט אויפמערקזאַם געמאַכט אָסטאַפּענקאָן אויף די קאָנסעקווענצן פון דעם דאָזיגן פאַקט.

— איר הויבט אָן די טעטיגקייט פון אייער נייעם מיניסטעריום ביי אַזאַ שרעקליכער שחיטה, וואָס לאָזט איבער ווייט אין שאָטן אַלץ, וואָס איז געווען ביז אַהער. ווייסט איר, ווי אַזוי איר וועט צוליב דער גע־שטעמפּעלט ווערן אין דער געשיכטע?

אָסטאַפּענקאָס געזיכט איז געוואָרן פאַרפינסטערט:

— אָבער וואָס ווילט איר פון אונז? ווייסט איר דען ניט, אַז מיר זיינען מאַכטלאָז? פּעטלורע האָט צוויי מאָל טעלעגראַפיש געהייסן סע־מעסענקאָן גיין מיט זיינע האַידאַמאַקעס אויפן פראָנט, און דער דאָזיגער אַטאַמאַן האָט ניט געפאָלגט, — ער האָט נאָך עקסטרא אינסצענירט אַ באָלשעוויסטישן אויפשטאַנד, כדי צו קאָנען בלייבן אין פּראָסקוראָוו.

— אָבער ווי קאָנט איר זיך באַציהען גלייכגילטיג צו אַזעלכע פאַקטן? וואו איז אייער אוקראַינישע אינטעליגענץ? וואו זיינען אירע רעוואָלוציאָנערע רייד בעת דער צענטראַלער ראַדע? גיט ווענינסטענס אַרויס אַן אויפרוף צום פאָלק, ניט קיין פאָרמעלן אויפרוף, ווי ס'האָט געמאַכט די דירעקטאָריע אין קיעוו, נאָר אַ לעבעדיג וואָרט, אָנגעשריבן מיט האַרץ און פייער, אָהן שום זייטיגע פירושים. שרייבט אונטער אַזאַ אויפרוף ניט סתם אין נאָמען פון דער רעגירונג אָדער דירעקטאָריע, נאָר

שטעלט פשוט אונטער אים אַלע מער וועניג קלינגענדע נעמען פון דער אוקראַינישער באַוועגונג. איך גלויב, אַז ניט קוקנדיג אויף דער ווילדער צייט, וואָלט אַזאַ אויפרוף פאָרט געהאַט אַ געוויסע פעולה. ער וואָלט פאָרט פאַרקלענערט דעם גרויסן אומגליק, וואָס רוקט זיך אָן. ער וואָלט אַלנפאַלס אויך אייער אינטעליגענץ כאָטש אַ ביסעלע אָפּגעוואַשן פאַר דער געשיכטע.

אָסטאַפּענקאָ האָט אויף אַ מאָמענט געשוויגן און דערנאָך קאַלט געענטפערט:

— ניין, מיר וועלן אַזאַ אויפרוף בשום אופן ניט אַרויסגעבן.

— פאַרוואָס?!

מיין פראַגע האָט געקלונגען שטאַרק צערייצט. איך בין געווען שטאַרק אויפגערעגט און איבערראַשט איבער אָסטאַפּענקאָס ענטפער און דער עיקר איבער זיין קאַלטן טאָן.

— ווייל מיר ווילן זיך ניט מאַכן לעכערליך. אַ רעגירונג, וואָס לאָזט אַרויס אויפרופן, האָט ניט קיין זכות הקיום. זי גראָבט אונטער נאָר דערמיט איר עקסיסטענץ. מיר קאָנען אָדער באַ פ ע ל ן אָדער שטיל שווייגן, צוגרייטן דעם באָדן ביז מיר וועלן קאָנען באַפעלן. אַרויסגעבן אויפרופן, וועלכע מע וועט ניט פאָלגן, קאָנען מיר ניט. מיר קאָנען ניט ברענגען דעם אילוסטרירטן באַווייז, אַז אונזער בעסטע אינ־טעליגענץ האָט ניט קיין השפעה איפן פאָלק.

טשיזשעווסקי, וואָס איז געזעסן דערביי, האָט צושטימענד געשאָ־קלט מיטן קאָפּ.

הגם די לעצטע ווערטער זיינען געזאָגט געווען אין אַן אויפגערעגטן טאָן, פונדעסטוועגן האָבן זיי געמאַכט אויף מיר זעהר אַ שלעכטן איינ־דרוק, איך האָב אפילו געצווייפלט אין דער אויפריכטיגקייט פון מיין מיטשמועסער. ענטפערן אויף דעם האָט זיך גאָרניט געוואָלט.

פונדעסטוועגן, כדי ניט שאַפן ביי אָסטאַפּענקאָ דעם איינדרוק, אַז איך האַלט זיין אַרגומענט פאַר ריכטיג, האָב איך אים אָנגעוויזן אויף דער גאַנצער סכנה און פאַלשקייט פון דעם דאָזיגן פלוצימדיגן רעגירונגס־מאַק־סימאַליזם. אַ רעגירונג קאָן ניט באַרעכטיגן איר אומטעטיגקייט בנוגע אַזעלכע שרעקליכע פאַקטן דערמיט, וואָס זי איז שוואַך. זי מוז ווע־ניגסטענס פרואוון אַליין, וואָס איז אין אירע כוחות.

אויף דעם האָט זיך אונזער שמועס פאַרענדיקט. כ'האָב מער אָסטאַפּענקאָ קיינמאָל ניט געזען.

* * *

די כמעט צוויי־טאָגיקע זוכעניש פון קראַסני האָט צו גאָרניט געבראַכט. דערווייל האָט דער צוג, מיט וועלכן כ'האָב געוואָלט אָפּפאָרן קיין אַדעס, שוין געזאָלט אָפּגיין. ס'איז געווען אַן עקסטרא־צוג פון דער שטאָט־דומע, וועלכע האָט פאַרמיטלט אין דעם ענין פון אויסטויש פון קריגס־געפאַנגענע. זיין קאָמאַנדיר איז געווען מיינער אַ לאַנדס־מאַן, פּראַפּאָרשטשיק באָריס ליפּשיץ, וועלכער האָט פאָרגעשלאָגן מיר מיטפאָרן. אַזאַ גוטע געלעגנהייט איז געווען שווער צו קריגן, ווייל סתּם צוגן זיינען דעמאָלט צווישן ווינניצע און אַדעס ניט געגאַנגען. פונדעסטוועגן האָב איך זיך געקווענקלט, צי זאָל איך פאָרן: כ'האָב געפילט זיך מאָראַליש פאַרפליכטעט צו וויסן, וואָס איז מיט קראַסני געשען. דאָ אָבער האָט זיך אויף מיר שטאַרק אָנגעזעצט ח' אַסאַרקאַן, פאַר וועלכן כ'האָב צוזאַמען מיט רוסישן געזיכערט אַ פּלאַץ אין דערמאָנטן צוג:

„אויב איר וועט ניט אָפּפאָרן, וועלן מיר אויך בלייבן. מיר וועלן אייך אַליין אין ווינניצע ניט לאָזן. און אויב איר וועט זיך אָפּהאַלטן צוליב יעדן אומגליקס־פאַל, וועט איר זיך פון דער דירעקטאָריע קיינמאָל ניט אָפּטשעפּען. אויב קראַסני איז באמת געשען אַן אומגליק, וועט איר שוין ניט העלפן, און דער סוף וועט זיין, אַז אין אַ פּאָר טעג שפּעטער וועט מיט אונז פאָרקומען דאָסזעלבע".

כ'האָב איינגעזען, אַז אַסאַרקאַן איז גערעכט. אין אַ שעה אַרום זיינען מיר שוין געווען אין וועג.

פונדעסטוועגן, איז מיר געוואָרן פיל גרינגער אויף דער נשמה, ווען כ'האָב אין אַ פּאָר טעג אַרום, שוין זייענדיק אין אַדעס (כ'בין אַראָפּ אין אַדעס אויף דער סטאַנציע „ראַזדעלנאַיאַ", כדי אויסצומיידן דעם געפערלעכן פאַר מיר „דאָבראָוואָלטשעסקי קאָנטראָל" אויף אָדעסאַ גלאַוונאַיאַ), געלייענט אין בלאַט אַ טעלעגראַם, אַז פּנחס קראַסני איז באַשטימט אַלס מיניסטער פאַר יידישע ענינים. הייסט דאָס, אַז דער מענש לעבט.

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער באַגעגנענדיק קראַסני אין אַדעס האָב איך אים קודם־כּל געפרעגט וועגן דער סיבה פון זיין פּלוצלינגן פאַר־

שווינדן. האָט זיך די זאַך אויפגעקלערט פּשוט: ק. איז אַוועקגעפאָרן
אויף אַ פּאָר שעה אין שכנותדיקן קאַזאַטין, וואו ס'וואוינען, דוכט זיך,
זיינע עלטערן, און גערעכנט זיך אומקערן נאָך אינם זעלבן אָוונט צוריק.
האָט זיך אָבער גראָד בעת זיין אָנוועזנהייט אין קאַזאַטין אָנגעהויבן דאָרט
אַ פּאָגראָם — אמת אָהן מענטשליכע קרבנות. ביי אַזעלכע באַדינגונגען
האָט ער ניט געהאַלטן פאַר מעגליך אַוועקצופאָרן און איז געבליבן אין
שטעטל נאָך אַ פּאָר טעג פרי געמיינזאַם מיט אַ פּאָר אָנשטענדיגערע
ארטיגע באַאַמטע, אָפּשטעלן די רויבערייען, וואָס האָבן געדראָהט זיך
פאַרוואַנדלען אין אַ שחיטה. בעת מעשה האָט ער פאַרגעסן צו טעלע-
גראַפירן וועגן דעם קיין וויניצע...

XXIX. קאָווענקאָ

די ראָליע פון קאָווענקאָ. — אונזער ערשטע באַקאַנטשאַפט. — קאָווענקאָ אַלס קאָמענדאַנט פון קיעוו. — די באַגעגנונג אין וויניצע. — די קאָנפראָנטאַציע מיט יידישע טוער. — פּאַליענקאָ. — אַ דראַמאַטישע סצענע. — דער געפערליכער סוף. — די גוואַלטאַטן אין וויניצע. — די שחיטה־געפאַר. — אַ באַראַטונג וועגן זעלבשוץ. — דאָס פאַרצווייפלטע מיטל. — די לעצטע באַגעגנונג.

אין די פריהערדיגע קאַפּיטלאַך איז מיר עטליכע מאָל אויסגעקומען צו דערמאָנען אין צוזאַמענהאַנג מיט פאַרשיידענע גוואַלדטאַטן דעם נאָמען פון ק אָ וו ע נ ק אָ. צוליב אַ צופאַל האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך גענויער צו באַקענען מיט דער דאָזיגער פערזאָן און איך וואָלט ניט געהאַלטן פאַר מעגליך ענדיגן מיינע זכרונות, ניט ווידמענדיג אים קיין באַזונדער קאַפּיטל. ניט די דאָזיגע פערזאָן אַליין איז וויכטיג, וויכטיג איז, אַז אין צוזאַמענהאַנג דערמיט ווערן אויפגעקלערט אַ רייה בלוטיגע געשעהענישן און אַז מע באַקומט בכלל אַ טיפערן פּסיכאָלאָגישן איינבליק אין דעם, וואָס איז פאָרגעקומען.

צום ערשטן מאָל בין איך באַקענט געוואָרן מיטן דאָזיגן מענטשן אין סעפּטעמבער 1917. כ׳בין מיט דעם פאַרשטאָרבענעם באָראָכאָוו אַרויס פון דעם זאַל פון צענטראַלער ראַדע, וואו ס׳איז דעמאָלט פאָרגעקומען דער „צוזאַמענפאָר פון די פעלקער“. פּלוצלינג לויפט אונז אַנטקעגן אַ גלאַט־געגאָלטער אוקראַאינער, אַ פעסטער, מיטל־וויקסיגער מענטש פון אַ יאָר 30, און וואַרפט זיך אויף באָראָכאָווס האַלז מיטן גרעסטן ענטוזיאַזם:

„כ׳בין גליקלעך אייך ווידער צו זעהן, מיין לערער! וואָס מאַכט איר? ווי גייט עס אייך אין געזונט?

באָראָכאָװ איז קענטיק געװען װעניקער דערפרייט. אָבער מיט זיין שטענדיקער, זעהר דעליקאַטער באַציהונג צו מענשן האָט ער ניט גע־װאָלט דאָס געבן צו פאַרשטיין דעם אַנדערן, און האָט אים אויפגענומען מיט ברייטער הארציקייט. אַלנפאַלס האָט מען געזעהן, אַז ער איז אויך געװער פון דער באַגעגנונג אויפריכטיק צופרידן.

נאָך די פּאָר ערשטע באַגריסונגס־פראַזן האָט מיר באָראָכאָװ פאָר־געשטעלט דעם אומבאַקאַנטן:

„דאָס איז קאָװענקאָ, אַ געװעזענער ליעזשער סטודענט, מיט װעלכן ס'איז מיר אויסגעקומען צונויפקומען זיך בעת מיין בעלגישן גלות". (באָראָכאָװ האָט געװאוינט אַלס פּאָליטישער עמיגראַנט אין ליעזש פון סוף 1907 ביז מיטע 1909).

און דער ניי־פאָרגעשטעלטער האָט צוגעגעבן:

„כ'האָב באָרים מאָיסעיעװיטשן אַסך צו פאַרדאַנקען. דאָס האָט ער מיר געעפנט די אויגן. כ'בין געװען אין ליעזש אַ יונגער סטודענט, װאָס האָט זיך סתם באַגייסטערט פון סאָציאַלע אידעען און ניט געהאַט קיין שום שייכות צום נאַציאָנאַלן פּראָבלעם. ערשט דורך באָראָכאָװ זיינען איך און נאָך עטליכע מיינע קאָלעגן געװאָרן פון סאָציאַליסטן סתם אוקראַינישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן".

מיר זיינען אַװעק אינדרייען אין אַ דערביאיקן רעסטאָראַן, װאו מיר האָבן געגעסן מיטאָג. מיין נייער באַקאַנטער האָט אַסך דערציילט װעגן זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע ערפאָלגן אין טשערניגאָװער גובערניע. דאָס זעלבסטבאַװוסטע „איך" האָט אַ ביסל געשניטן אין די אויערן.

באָראָכאָװ האָט, זעהט אויס, אויך געהאַט דעמזעלבן איינדרוק. לכל־הפחות האָט ער אינמיטן עסן איבערגעפירט דעם געשפרעך אויף אוקראַינישע פילאָלאָגיע. ער האָט געשטעלט קאָװענקאָ אַ רייע פון פראַגן װעגן דעם, װי מען געברויכט דעם אָדער אַנדערן אויסדרוק אין פאַרשיידענע ערטער. אין זיינע ענטפערן האָט קאָװענקאָ אָפט אַרויס־געװיזן אַ באַדייטנדע באַאָבאַכטונגס־פעהיקייט.

רוכט זיך מיר, אַז אין מיטן פונם עסן האָט קאָװענקאָ דערציילט, אַז ער האָט דורכגעמאַכט זייט ליעזש אַ געװיסע פּאָליטישע עװאָלוציע, אַז ער לייגט איצט דעם הויפּט־געװיכט אויפן נאַציאָנאַלן מאָמענט, אַז דער סאָציאַלער איז װייניגער װיכטיג, א. א. װ. זיינע אַנזיכטן האָבן דער־

ביי געטראָגן אַ גאַנץ קאָנפוזן כאַראַקטער. אַריבערגייענדיג צו זיין פּערזענליכן לעבן האָט מיין נייער באַקאַנטער אונז מודיע געווען, אַז ערשט פאַר אַ קורצער צייט איז ביי אים געשטאָרבן זיין פרוי, וואָס איז געווען אַן יידיש קינד, און ער איז איצט אין טרויער נאָך איר.

נאָכן עסן האָט אונז קאָווענקאָ באַגלייט צום האָטעל, וואו באָראָכאָוו האָט געוואוינט, און מיר האָבן זיך געזעגנט.

ווען מיר זיינען געבליבן אַליין, האָב איך באָראָכאָוון געפרעגט מיט אַ געוויסער איראָניע: „איז דער פאַרשוין באמת געווען אין ליצעיש דיינער אַ תלמיד? האָט ער זיך ניט געקאָנט עטוואָס מער אויסלערנען?

באָראָכאָוו האָט גוטמוטיג געשמייכלט:

— „אַ תלמיד איז אַ ביסל איבערטריבן. אָבער אַלנפאַלס איז ער געווען אין אַ קרייז פון אוקראַאינישע סטודענטן, וואָס פלעגן זיך צונויפקומען מיט מיר. ער האָט ניט אַזאַ שלעכטן קאָפּ. ער איז אַ דורכשניטס-מענש. מען דאַרף דאָך ניט צו פיל פון מענשן פאַרלאַנגען".

די לעצטע ווערטער זיינען אפילו געזאָגט געוואָרן אין טאָן פון אַ פאָרוואורף אויף מיין אַדרעס.

דער געשפּרעך איז אַריבער אויף אַנדערע וויכטיגערע טעמען.

נאָך דער דאָזיגער באַגעגנונג איז קאָווענקאָ ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן און ניט איך, ניט באָראָכאָוו האָבן אים מער ניט געטראָפן.

* * *

בעת דער דאָזיגער באַגעגנונג האָב איך מיר, ווי דער שטייגער איז, דעם פאַמיליען-נאָמען פון אונזער מיטשמועסער ניט געהאַט באַמערקט. בכלל האָב איך אַ שלעכטן זכרון אויף נעמען. דעריבער, ווען בעת דער ערשטער באָלשעוויסטישער באַלאַגערונג פון קיעוו, יאַנואַר 1918, איז מיר אויסגעקומען צו הערן וועגן דעם אוקראַאינישן מיליטער-קאָמענדאַנט פון קיעוו, אַ געוויסן קאָווענקאָ, וועמען מען האָט צוגעשריבן אַ רייע פון אכזריותדיגע טאַטן, האָט זיך אין מיין מח קיין שום אַסאָציאַציע צווישן דעם דאָזיגן מענשן און באָראָכאָווס „תלמיד" ניט געשאַפן. וואָלט איך אפילו אויפמערקזאַם געוואָרן, אַז דער קיעווער קאָמענדאַנט טראָגט דעמזעלבן נאָמען, וואָלט איך זיכער געטראַכט, אַז דאָס איז

אַ קרובֿ פֿון אונדזער דערמאָלטיקן באַקאַנטן אָדער סתּם אַ מענטש, וואָס טראָגט דיזעלבע פֿאַמיליע. האָט דאָך אויף אונדז קאָווענקאָ ביי דער ערשטער באַגעגענונג מיט אים געמאַכט, אויב ניט קיין גייסטיק־הויכ־שטייענדן, טאָ יעדנפֿאַלס אָנשטענדיקן איינדרוק. דענקען, אַז דער דאָזיקער מענטש זאָל זיין פֿעיִק אויף אַזעלכע טאַטן, ווי מאַסנהאַפֿטע דער־שיסונג פֿון געפֿאַנגענע באָלשעוויקעס, אָדער אַז אויף זיין געוויסן זאָל זיין דאָס בלוט פֿון גאַנץ אומשולדיקע מענטשן, ווי דער פּאָרזיצנדער פֿון דעם קיִעווער ייִדיש־מיליטערישן פֿאַרבאַנד, נאָגאָל, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן צוליב אַ מיספֿאַרשטענדעניש, וואָלט איך ניט געהאַט קיין גבֿורה.

* *
*

די אידענטיטעט פֿון די בײדע פּערזאָנען איז מיר באַקאַנט געוואָרן ערשט מיט אַ האַלבן יאָר שפּעטער דורך אַ צופֿאַל. אין יולי 1918, שוין בעת דער העטמאַן־צייט, בין איך דעלעגירט געוואָרן מצד דער פּאַרטיי צוזאַמען מיט ח' זרובבֿל קיין מאָסקווע. כ׳בין דערייבער אַריין אין מיניסטעריום פֿאַר אויסערליכע ענינים, כּדי זיך מאַכן אַן אויסלענדישן פּאַס. צווישן די באַזוכער זעה איך אַ מענטשן, וואָס איז מיר אויס־געקומען שטאַרק באַקאַנט. כ׳האָב אָבער בשום אופֿן ניט געקאָנט זיך דערמאָנען, וווּ האָב איך זיך מיט אים באַגעגנט.

פּלוצלינג האָט קאָווענקאָ — דאָס איז געווען ער, — וואָס האָט געקוקט די גאַנצע צייט אויף מיר, צוגעגאַנגען און געזאָגט:

„אייער נאָמען איז דאָך רעוואוצקי, ניט ריכטיק? דערקענט איר מיך ניט?“

כ׳האָב ווידער אים אָנגעקוקט, פֿאַרשעמט מיט מיין שלעכטן זכּרון. אַז כ׳קען דעם מענטשן, איז פֿאַר מיר קיין ספֿק ניט געווען.

„מיט אייך האָט מיך באַקאַנט דער פֿאַרשטאָרבענער באָראָכאָוו. מיין נאָמען איז קאָווענקאָ“.

ווי אַ בליץ איז מיט אַ מאָל דורכגעפֿלויגן דורך מיין מוח. כ׳האָב זיך דערמאָנט אונדזער ערשטע באַגעגענונג און שפּעטער ביז צום לעצטן פּרט. כ׳האָב זיך אַנטשולדיקט פֿאַר מיין שלעכטן זכּרון און מיר האָבן פֿאַרבראַכט אַ שמועס פֿון עטלעכע מינוטן. צוערשט האָט

קאָוועַנקאָ אויסגעדריקט זיין מיטגעפיל איבערן טויט פון באָראָכאָוו און זיך אינפאָרמירט וועגן די סיבות פון זיין שווערער קראַנקהייט. דער־נאָך האָט ער מיר עפּעס דערציילט וועגן דעם ענין, צוליב וועלכן ער איז געקומען אין מיניסטעריום. ער האָט מיר אויך געשטעלט אַ פּאָר פראַגן וועגן מיין פּערזענלעכן לעבן, אויף וועלכע כ'האָב גערן געענטפערט. כ'מוז מודה זיין, אַז ער האָט אויף מיר געמאַכט אַ ניט־אומסימפּאַטישן איינדרוק.

פאַרן געזעגענען־זיך (ס'האָט זיך שוין דערנענטערט מיין רייע) איז מיר פּלוצים אַריינגעפאַלן אַ געדאַנק:

— „אייער נאָמען איז דאָך קאָוועַנקאָ?"

— „יאָ!"

— „זייט איר אַ קרוב פון דעם קאָוועַנקאָ, וואָס איז געווען דער מיליטערישער קאָמענדאַנט פון קיעוו, אָדער איז דאָס סתם אַ מענש, וואָס טראָגט דעמזעלבן פאַמיליע־נאָמען?"

— „דאָס בין איך אַליין".

— „איר?"

מיין ערשטוינונג האָט ניט געהאַט קיין סוף.

— „יאָ, דאָס בין איך", האָט רואיג איבערגעחזרט קאָוועַנקאָ.

— „און זייט איר אויך דערזעלבער קאָוועַנקאָ, וואָס האָט אַרעס־טירט דעמאָלט אין זאַל פון דער צענטראַלער ראַדע די לינקע ס.־ר. און זיי געהאַלטן אפילו ביים דערשיסן?"

— „יאָ, דאָס בין איך געווען".

דער ענטפער האָ געקלונגען אפילו מיט אַ געוויסן שטאָלץ.

— „אָבער מען דערציילט דאָך וועגן אייך שרעקליכע זאַכן? מען באַשולדיקט דאָך אייך אין אומגעהויערער גרויזאַמקייט?"

דער געזיכטס־אויסדרוק פון קאָוועַנקאָ האָט זיך פּלוצים פאַרענדערט. מען האָט געהאַט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט אַראָפּגענומען די מאַסקע, וואָס ער האָט ביז אַהער געטראָגן. צווישן זיינע אויגנבריִמען האָט זיך אויסגעלייגט אַ פאַלט, זיינע מויל־ווינקלען האָבן זיך פאַרשאַרפט, זיין פּנים האָט פּלוצים באַקומען אַ מאַניאַקאַליש־היסטערישן אויסדרוק.

— „מיינט איר, אַז מען קאָן אַלס קאָמענדאַנט פון אַ באַלאַגערטער שטאָט אַרומגיין אין ווידענע הענטשיקעס? צוליב דער אויפבוי פון אוקראַינע מוז מען זיין גרויזאַם“.

— „אָבער דערביי זיינען דאָך געפאַלן פיל אומשולדיגע“.

— „מיט אַ כוונה האָב איך דאָס ניט געטאָן. אָבער אָפטמאָל איז דאָס אומפאַרמיידליך. ווען מען האַקט דעם וואַלד פליען שפּענדלעך“.

אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען מיין רייע און כ'בין געוועזן העכסט צופרידן, וואָס כ'קאָן אָפּהאַקן דעם אומאַנגענעם געוואָרענעם געשפּרעך.

כ'געדענק, אַז כ'האָב במשך די נאָכפאָלגנדע טעג פיל נאָכגעטראַכט איבערן דאָזיגן שמועס. ווי ווערן פאַרוואַנדלט מענשן, דוכט זיך, אַנשטענדיגע, קולטורעלע, אין חיות מיט מענשליכע צורה? זיינען אַזעלכע קאָווענקאָ'ס מאַדיסטן, וואָס האָבן ערשט אין דער צייט פון כאַאָס געקראָגן אַ געלעגנהייט אַרויסצוּווייזן זייערע באַהאַלטענע, אפשר אויך פאַר זיי אומאומבאַוואוסטע אינסטינקטן? אָדער האָב איך דאָ צו טאָן מיט אַ מאַניאַק, מיט אַ מענש פון דער זעלבער פּסיכישער באַשאַפנהייט, ווי די אויפריכטיגערע אינקוויזיטאָרן פונם מיטלאַלטער? אָדער איז דאָס סתם אַ פאַרברעכערישער טיפּ, וואָס האָט עד היום קונציג געטראָגן די מאַסקע?

* * *

אַלנפאַלס האָב איך שוין איצט געוואוסט, אויף וואָס קאָווענקאָ איז פעהיג, און ווען איך האָב זיך אין מיטן יאַנואַר צום ערשטן מאָל דערוואוסט, אַז ער שטייט אָן דער שפּיץ פון אַ באַזונדערער פּאָליטיש-מיליטערישער אָפּטיילונג פונם זעלביגן „טויט-באַטאַליאָן“, וועלכער האָט געמאַכט דעם פּאָגראָם אין זשיטאָמיר, האָב איך אָנגעהויבן זיך מיט דער פראַגע ספּעציעל אינטערעסירן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קאָווענקאָ געפינט זיך אונטערן באַזונדערן שוץ פון מיטגליד פון דער די-רעקטאָריע אַנדרעיעווסקי, אַז ער האַלט זיך פאַרן „שעף פון די זשאַנ-דאַרמען“ אין אוקראַינע און באַטראַכט אַלס הייליגע מיסיע צו אָרגאַני-זירן אַ „דריטע אָפּטיילונג“ לויטן צאַרישן מוסטער, אָבער „אויף מער מאָדערנע יסודות“. אין דער דאָזיגער מיסיע האָט קאָווענקאָ אַריינגע-לעגט ממש אַ מאַניאַקאַלישן גרויסקייטס-שגעון. ער האָט היפּנאָטיזירט

דערמיט געוויסע מיטגלידער פון דער דירעקטאָריע, וועלכע האָבן זיך אָן אים געהאַלטן צוליב מאָטיוון פון זייער פּערזענליכן שורש.

אויף דער זיצונג פון מיניסטאָרן־ראַט האָב איך די פראַגע וועגן קאָווענקאָן אויפגעהויבן עטליכע מאָל, פאַרלאַנגענדיג אַ באַשלוס וועגן זיין אַראָפּזעצונג. שטאַרק אונטערגעשטיצט אין דעם האָט מיך יעדער מאָל טשעכאָווסקי. מיר האָבן טאַקע אַ פּאָר מאָל אָנגענומען אַזעלכע באַשלוסן, אָבער יעדער מאָל פלעגט זיך געפינען אַ שיצנדע האַנט, וואָס האָט ניט געלאָזט אָנרירן קיין האָר אויף זיין קאָפּ. די השפעה פון קאָ־ווענקאָ איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין זיין רשות זיינען אַריבער די גע־פאַנגענע מיניסטאָרן פון העטמאַנישן קאַבינעט מיט גערבעלן בראש. גראָד צו זיי איז קאָווענקאָ געווען ווייך: ער האָט זיי בעת דער עוואַקוי־אַציע פון קיעוו אַוועקגעשיקט קיין גאַליציע, כדי אָפּצוהיטן פון אַ באָל־שעוויסטישער קויל.

חוץ דעם חשד אין באַרדיטשעווער און זשיטאָמירער פּאָגראָם (אַ חשד, וועלכן כ'האָב דעמאָלט ניט געקאָנט דערווייזן) האָט אין די לינקע קרייזן און אויך אין די יידישע קענן קאָווענקאָן געהערשט אַ גוואַלטיגע אויפרעגונג צוליב זיינע הפקרדיגע אַרעסטן און רעפּרעסיעס אין קיעוו. דערביי האָט יעדער קינד געוואוסט, אַז 90 פּראָצענט פון די דאָזיגע אַרעסטן ווערן געמאַכט ניט צוליב פּאָליטישע טעמים, נאָר פשוט מיטן צוועק אַרויספּרעסן געלט. כמעט אויף יעדער זיצונג פון מיניסטאָרן־ראַט בעת אונזערע לעצטע קיעווער טעג פלעגט מען דערציילן אַזעלכע גוט־קאָנטראָלירטע פאַקטן. צי האָט זיך דערביי קאָווענקאָ פּערזענליך באַרייכערט, אָדער האָבן זיך מיט די געלט־ענינים באַשעפטיגט בלויז זיינע מיטאַרבעטער, דאָס קאָן איך באַשטימט ניט זאָגן. כ'האָב אָבער אַ שטאַרק באַגרינדעטן חשד, אַז אויך קאָווענקאָס פּערזענליכע קעשענע פלעגט זיך דערווייל כדבעי אָנפילן.

ביי דער עוואַקואַציע קיין ווינניצע האָט זיך אַריבערגעקליבן אויך דער אומפאַרמיידליכער קאָווענקאָ. נאָך פריהער ווי דער מיניסטאָרן־ראַט איז אָנגעקומען אין שטאָט אַריין, האָט זיך שוין קאָווענקאָ ברייט איינגעאָרדענט מיט זיינע פּאָר עקסטראַ־צוגן אויפן וואָקזאַל און זיך פּראָ־קלאַמירט אַלס באַזונדערער קאָמענדאַנט פון ווינניצע און איר געגנט. די ידיעה וועגן דעם האָט אויף אונז געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז דער באַ־

שלום ווענן דימיסיע פון טשעכאָווסקיס קאַבינעט איז אָנגענומען גע־וואָרן איינשטימיג: „אונטער דער קאָמענדאַנטור פון קאָוועגקאָ קאָנען מיר ניט אַרבעטן“, אַזוי האָבן דערקלערט אויף דער הייסער שעה אפילו די מיטגלידער פון קאַבינעט, וואָס האָבן געהערט צו דער פּאַרטיי פון די „סאַמאָסטיניקעס“.

איינמאָל, דורכגייענדיג איבערן זאַל פון האָטעל „סאַוואָי“, וואו איך האָב דעמאָלט געוואוינט, באַגעגן איך קאָוועגקאָן, וועלכן כ׳האָב זינט יולי ניט געזעהן. ער איז גלייך צוגעגאַנגען צו מיר און געזאָגט:

— כ׳ווייס, הער מיניסטער, אַז איר זיינט מיך חושד אין שייכות צו די געשעהענישן אין בארדיטשעוו און זשיטאָמיר. כ׳ווייס, אַז איר האָט געפּירט קעגן מיר אַ שאַרפן קאַמף אין קאַבינעט פון טשעכאָווסקי. כ׳פאַרזיכער אייך אָבער, אַז איך בין אין דעם ניט שולדיג. איך האָב ניט קיין באַזונדערן האַס קעגן יידן. איך פאַרטיידיג אוקראינע קעגן אַלע אירע שונאים, אויסערליכע און אינערליכע.

די לעצטע ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרן מיט אַ שטאַרקן זעלבס־באַוואוסטזיין און מיט אַ מאָדנער אונטערשטרייכונג: כ׳האָב דערפּיהלט אין זיי אַ דראָהונג. פונדעסטוועגן האָב איך גלייך באַשלאָסן דעם גע־שפּרעך ניט אויסצומיידן: ביי מיין גאַנצן עקל צו דער פּערזאָן פון קאָ־וועגקאָ האָב איך געהאַלטן פאַר נויטיג, אַז איך זאָל קאָנען מיינע באַ־שולדיגונגען באַגרינדן מיט אַ שטרענג פּאַקטישן מאַטעריאַל. כ׳האָב דעריבער געענטפערט:

— אַז איר פּערזענליך זיינט ניט געווען בעת מעשה אין זשיטאָמיר און האָט ניט אָנגעפירט אוממיטלבאַר מיטן „קורין סמערטי“ — ווייס איך סיי־ווי. כ׳ווייס אָבער, אַז דער דאָזיגער באַטאַליאָן האָט גע־מאַכט דעם פּאָגראָם, און אַז ער איז סיי פאַר אים, סיי נאָך אים געשטאַ־נען אונטער אייער באַפעל און שוץ. כ׳ווייס, אַז איר האָט זיך מיט אַלע כוחות געוועהרט קעגן דעם, אַז מ׳זאָל דעם דאָזיגן באַטאַליאָן פונאַנ־דערלאָזן און אַז קיינער פון זיינע אָפיצירן איז דורך אייך ניט באַ־שטראָפט געוואָרן. די דאָזיגע פאַקטן זיינען ניט גענוג צו באַשולדיגן אייך אין דער איניציאַטיוו פון פּאָגראָם, און אין דער פראַגע קאָן איך פון דער גרעניץ פון חשדים ניט אַרויסגיין. זיי זיינען אָבער אינגאַנצן גענוג,

כדי צו באַשולדיגן אייך אין מ י ט ש ו ל ד אינם פּאָגראָם און אין באַ־שיצן זיינע העלדן.

קאָוועגקאָ איז אויפגערעגט געוואָרן:

— דער „קורין סמערטי“ איז איינע פון אוגזערע בעסטע מילי־טערישע אָפּטיילונגען. ער האָט דעם פּאָגראָם ניט געמאַכט. איך קאָן באַווייזן, אַז דער פּאָגראָם איז געמאַכט געוואָרן גראָד דורך אָרטיגע אויפ־געשטאַנענע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך פאַראייניגט צו די באָלשעוויקעס.

— וועט איר, אפשר, אויך אָפּלייקענען די שולד פון פּאָלקאָווניק פּאַליענקאָ אין פּאָגראָם?

— פּאַליענקאָ איז איצט אין וויניצע און קאָן דאָס אַליין באַווייזן. אויב ס'זאָל זיך אַרויסווייזן, אַז ער איז באמת שולדיג אין פּאָגראָם, וועל איך אים ניט שאַנעווען.

די אָנוועזנהייט פון פּאַליענקאָ אין וויניצע במקום דער ראָווגער טורמע איז שוין פאַר מיר ניט געווען קיין איבערראַשונג: כ'האָב זיך דערוואוסט וועגן דעם מיט אַ פּאָר שעה פריהער.

— איך בין נייגיריג, ווי אַזוי וואָלט ער דאָס געקאָנט באַווייזן?..

אויף דעם האָט זיך דער געשפרעך אָפּגעהאַקט.

גראָד אין דעם טאָג איז אָנגעקומען די אויבנדערמאָנטע דעלעגאַציע פון יידישע כלל־טוער פון באַרדיטשעוו און זשיטאָמיר. אַ פּאָר פון זיי — דאַכט זיך קראַסני און פּ. נירנבערג — האָבּ איך דערציילט וועגן מיין געשפּרעך מיט קאָוועגקאָ. איך האָב דערביי געזאָגט, אַז איך צווייפל ניט, נאַטירליך, אין פּאַליענקאָס שולד, נאָר כ'וואָלט זיך אויך ניט אָפּגע־זאָגט אים אויסצוהערן און כ'וואָלט געלעגט דערויף גרויס געוויכט, אַז דערביי זאָלן זיין אויך די אַלע מענשן, וואָס האָבן דירעקט איבערגע־לעבט די דאָזיגע געשעהענישן. אפשר וועט זיך אונז אויף אַזאַ אופן איינגעבן אַרויסרייסן פון דעם דאָזיגן פאַרשוין, אַז ער זאָל זיך מודה זיין און אַנטדעקן די פעדים, וואָס פירן פון אים צו אויבן צו. מיינע מיט־שמועסער האָבן דערקלערט מיין טאַקטיק פאַר ריכטיג. כ'האָב זיי גע־בעטן אויך מיטטיילן וועגן אַזאַ מעגליכער „קאָנפראָנטאַציע“ די איבע־ריגע דעלעגאַטן פון זייער שטאָט. ס'שיינט, אַז זיי האָבן דאָס ניט גע־טאָן, און דעריבער האָט זיך ביי אַ פּאָר מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע געשאַפן אַן איינדרוק פון אַן איבערראַשונג.

אויפֿן אַנדערן טאָג האָט מיך קאָווענקאָ ווידער באַגעגנט און גע־זאָגט:

— כ'האָב מיטגעטיילט די אָפּיצירן און סאָלדאַטן פֿון דעם „קורין סמערטי“ וועגן דער שווערער באַשולדיגונג, וואָס איר וואַרפֿט אויף זיי. זיי זיינען שרעקליך אויפֿגעבראַכט און שיקן צו אייך אַ דעלע־גאַציע, כּדי צו דערווייזן אייך זייער אומשולד.

— גוט, איך מאַך אָבער אייך אויפֿמערקזאַם, אַז איך בין שוין מער קיין מיניסטער ניט, אַז איך האָב דימיסיאָנירט; אַז אין די סיבות פֿון מיין דימיסיע שפּילט אַ ראָלע אויך אייער באַטאַליאָן, ווייסט איר. כ'וועל דעריבער קאָנען אויפֿנעמען די דעלעגאַציע פֿון באַטאַליאָן ניט אין מיניסטעריום, נאָר פּריוואַט, ביי מיר אין האָטעל־צימער. כ'טייל אייך דאָס מיט, ווייל כ'ווייס ניט, צי ס'האָט אַ ווערט פֿאַר דער דאָ־זיגער דעלעגאַציע זיך אויסטענהן מיט מיר, אַלס פּריוואַטער פּערזאָן.

—אַלצאיינס, — האָט געענטפֿערט קאָווענקאָ, — אייער מיינונג איז פֿאַר אונז וויכטיג, אפילו ווען איר האָט שוין דימיסיאָנירט.

— גוט! — האָב איך פֿאַרגעזעצט — איך מאַך אייך אָבער אויך אויפֿמערקזאַם, אַז איך לאָז מיר איבער דאָס רעכט גלייכצייטיג איינצו־לאַדן עטליכע באַרדיטשעווער און זשיטאָמירער כּלל־טוער, וואָס גע־פֿינען זיך איצט גראָד אין ווינניצע. איך טו דאָס, כּדיי אייערע קאָ־זאַקן זאָלן זיך קאָנען פֿאַרענטפֿערן פֿאַר מענשן, וואָס זיינען בעסער אינפֿאָרמירט וועגן אַלע פּרטים, איידער איך...

קאָווענקאָ איז געווען אומאָנגענעם איבעררעשט. פֿונדעסטוועגן האָט ער זיך גלייך געכאַפּט:

— גוט, זאָלן זיין די כּלל־טוער. מיר האָבן פֿאַר קיינעם קיין מורא ניט. ווען זאָלן מיר קומען?

— נאָך מיטאָג, אַזייגער צוויי.

* * *

צו דער באַשטימטער שעה האָבן זיך אין מיין צימער צונויפֿגע־קליבן פֿון איין זייט — פּ. קראַסני, סאָלאָדאַר, פֿאַניע נירנבערג און י. גיטערמאַן, פֿון דער אַנדערער — קאָווענקאָ, פּאַליענקאָ, סעדלעצקי, און נאָך צוויי פֿאָרשטייער פֿון דעם באַטאַליאָן, וועמענס נעמען זיינען

מיר געבליבן אומבאַקאַנט. בײַ זײער פאַרשטעלונג האָט קאָװענקאָ אױסגעמיטן אָנצורופן פאַמיליען־נעמען...

כ׳האָב געעפנט די דאָזיגע מערקווירדיגע זיצונג מיט עטליכע פאַר־זיכטיגע פראַזן. כ׳האָב געוואָלט אַרויסרייסן בײַ קאָװענקאָס מקורבים דעם מאַקסימום גוטיגע אױפקלערונגען און האָב דעריבער בײַ זײ גע־מוזט שאַפן דעם אײַנדרוק, אַז איך בין דער זײטיגער, אומפּאַרטײ־אישער באַאָבאַכטער, װאָס איז װעניג אינפאָרמירט װעגן די אַלע ענינים, און װעט זיך שאַפן זײַן ענדגילטיגע מײנונג ערשט נאָכן רעזולטאַט פון דער דאָזיגער זיצונג. צו דעם צװעק האָב איך, װענדענדיג זיך צו די געקומענע אָפיצירן, געזאָגט, אַז קענן דער אוקראַינישער אַרמײ בכלל און קענן דעם „קורין סמערטי״ בפרט װערן געמאַכט זעהר שװע־רע באַשולדיגונגען, צו װעלכע איך — נאָר װאָס מיטגליד פון קאַבינעט — קאָן בשום אופן ניט זײַן גלײַכגילטיג. דער כבוד פון דער אוקראַי־נישער אַרמײ פאַרלאַנגט, אַז אַזעלכע באַשולדיגונגען זאָלן ניט בלײַבן הענגען אין דער לופטן, אַז זײ זאָלן גרינדליך אױפגעקלערט װערן, אַז די אומשולדיגע זאָלן װערן אָפּגעטײלט פון די שולדיגע, װעלכע זײַנען װערט זײער שטראָף. די איצטיגע זיצונג, װאו עס קומען זיך צונויף צום ערשטן מאָל די פאָרשטײער פון „קורין סמערטי״ מיט די פאָר־שטײער פון דער געליטענער באַפעלקערונג, דאַרף די דאָזיגע קלאָר־קײט שאַפן.

קאָװענקאָ, פון זײַן זײַט, האָט זיך געװענדעט צו די פאַרטרעטער פון די געליטענע שטעט מיט אַ דערקלערונג, אַז ער, פּערזענליך, איז אין דער פראַגע אומפּאַרטײאיש, אים קרענקען אָבער שטאַרק די באַשולדיגונגען, װאָס מע װאַרפט אויף ז ײ ן באַטאַליאָן, און ער װיל דערגײן דעם אמת.

װעגן דעם עצם ענין האָט דער ערשטער גערעדט ס ע ד ל ע צ ק י, אַ מענש פון עטליכע און פערציג, אַ הויכער און דיקער, מיט אַ גרויסער שװאַרצער באָרד, אויף װעלכער ס׳האָבן זיך באַװיזן די ערשטע גראָהע האָר, און מיט אַ פינסטערן, האַרט פאַרשלאָסענעם אויסדרוק פון געזיכט, הינטער װעלכן, װי ס׳האָט זיך געדאַכט, באַהאַלט זיך אַ מין שװערער סוד. מיר איז אַ פאָר מאָל אויסגעקומען דערנאָך צו טרעפן אויף דער גאַס דעם דאָזיגן מענשן, און יעדער מאָל בין איך

אויפסניי איבערראַשט געוואָרן פון דער רוהיגער גרויזאַמקייט פון זיין געזיכט, וואָס איז דערביי געווען מערקווירדיג פאַרבונדן מיט אַן איינגאַרטיקער שענקייט. מע האָט געשמועסט, אַז ער איז די רעכטע האַנט פון קאָווענקאָ, אַז געפאַנגענע ציטערן פאַר אים ווי פאַר אַ מלאך־המות, אַז ער פירט אוים מיט דער אייגענער האַנט די טויט־אורטיילן א. א. וו. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער איז גאָר ניט קיין אוקראַינער, אַז ער איז אַ גאַליציישער פּאָלאַק, וואָס איז צוליב אומבאַקאַנטע סיבות אַריבער אין אוקראַינישן דינסט.

דער זינען פון סעדלעצקיס רייד איז געווען, אַז ער אַליין איז אין באַרדיטשעוו און זשיטאָמיר בעתן פּאָגראָם ניט געווען, איז אָבער נעשיקט געוואָרן אַהין, זעהט אויס מצד קאָווענקאָ, אויסצופאָרשן די געשעהענישן און איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז שולדיג אין דעם זיינען געווען די אָרטיגע באָלשעוויקעס, דער עיקר דער „טשערניאַכיווסקי פּאָלק“, וואָס האָט געמאַכט אַן אויפשטאַנד און דערביי דורכגעפירט אויך דעם פּאָגראָם. בעת דער „קורין סמערטי“ איז אָנגעקומען קיין זשיטאָמיר, איז שוין דער פּאָגראָם געווען אין פולן גאַנג. וואָס איז נוגע די געשעהענישן אין באַרדיטשעוו, איז דאָרט בכלל קיין פּאָגראָם ניט געווען. מע האָט בלויז צעשאָסן אויפן וואָקזאַל עטליכע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן אַגיטירט קעגן דער אוקראַינישער אַרמיי, און וועגן אַזאַ קלייניגקייט איז ניט כדאי אפילו צו רעדן.

דאָס אַלץ איז געווען געזאָגט אין אַ שטילן, רוהיגן, פעסטן טאָן, וואָס האָט גראָד דעריבער דאָפּלט געווירקט אויף די נערוון...

דערנאָך האָט דאָס וואָרט באַקומען דער בעל־דבר אַליין, פּאַליענקאָ, — אַ שלאַנקער, יונגער אָפיציר פון אַ יאָר 25, אין אַ שענעם בלויען זשופּאַן, זעהט אויס, אַ גרויסער פראַנט... ער האָט אָנגעהויבן לאַנג צו דערציילן, ווי דער „קורין סמערטי“ איז געקומען קיין באַרדיטשעוו, ווי ער איז דערנאָך אַריבער קיין זשיטאָמיר, ווי ס׳איז אים אויסגעקומען צו קעמפן קעגן באָלשעוויקעס א. א. וו. אין מיטן פון זיינע רייד, אין וועלכע ס׳האָט זיך געפילט אַ שטאַרקע אומזיכערקייט, האָט ער זיך אָפּט פאַרפּלאָנטערט אין ווידערשפּרוכן. אַ פּאָר צווישענפראַגעס פון די יידישע פאָרשטייער האָבן אים געבראַכט אין פאַר־

לענהייס. בכלל איז די עדות פון פּאַליענקאָ געווען די שטאַרקסטע באַשולדיגונג קעגן אים גופא.

באַזונדערס דראַמאַטיש איז געווען דער מאָמענט, ווען פאַניע נירנבערג, — וועלכע האָט זיך בכלל אויסגעצייכנט בעת דער דאָזיגער גאָר ניט אומגעפערליכער באַגעגעניש מיט גרויס מוט, — האָט אַנידערגע־שטעלט פּאַליענקאָן אַ פּאָר הארבע קשיות: ווען אַ סומע פון עט־ליכע צעהנדליגע טויזנט רובל, וועלכע ער האָט געוואָלט דורך צוואַנג אַראָפּנעמען פון אַ פּריוואַט־דעפּאָזיט אין אַזאָוו־דאָנסקאָי באַנק. פּאַ־ליענקאָ, וואָס האָט זיך, קענטיג, ניט גערוכט אויף דער דאָזיגער פראַגע, האָט זיך צעמישט, איז בלייך געוואָרן און האָט זיך אָפּגע־שטעלט אין זיינע רייד.

דאָ איז אָבער אים צו הילף געקומען דער „אומפּאַרטייאישער" קאָווענקאָ. ער האָט אָנגעהויבן רעדן אין אַ שרייענדיגן היסטערישן טאָן ווענן די אינערליכע שונאים פון אוקראַינע, וואָס מאַכן בלבולים אויף אירע בעסטע סאָלדאַטן כדי ניט לאָזן זיי צו קעמפן קעגן דעם אויסערליכן שונא.

— וואָלט פּאַליענקאָ ניט געווען אַרעסטירט אין ראָוונע, וואָלטן מיר ניט געלאָזט, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן צונעמען קיעוו. איצט מוז פּאַליענקאָ ריינגעוואַשן ווערן, כדי מיר זאָלן קאָנען ווידער איינגעמען די פאַרלוירענע הויפּט־שטאָט. איך בין דער שעף פון אוקראַינער זשאַנדאַרמעריע, כ'וועל קעמפן קעגן די אינערליכע שונאים און וועל זיך פאַר גאָרניט אָפּשטעלן.

ביי די ערשטע פּאָר פראַזעס פון דער דאָזיגער רעדע האָט קאָ־ווענקאָס געזיכטס־אויסדרוק זיך פּלוצים אינגאַנצן געביטן. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט. כ'האָב געהאַט ווידער דעם איינדרוק, אַז דער מענש האָט געביטן זיין מאַסקע... אין מיטן פון זיינע רייד האָט זיך קאָווענקאָ באַרוהיגט. זיין געזיכטס־אויסדרוק איז געוואָרן נאָרמאַלער, און ער האָט פאַרגעזעצט אין שטילערן טאָן:

— דאָס אומגערעכטסטע איז דאָס, וואָס מע באַשולדיגט אין פּאָ־גראָמען גראָד מיך, אַ מענשן, וואָס איז שטענדיג געווען אין די פריינט־ליכסטע באַציהונגען מיט יידן, וואָס האָט חתונה געהאַט אַפילו מיט אַ יידישער פרוי און באַווייזט עד היום איר פריהצייטיגן טויט. כ'האָב

פיל געלערנט פון יידן. ווייסט איר, אַז איך בין אַ תּלמיד פונם פאַר־שטאָרבענעם באָראָכאָוו?

די זשיטאָמיר־באַרדיטשעווער דעלעגאַטן, וואָס זיינען ניט באַ־קאַנט געווען מיט דער דאָזיגער געשיכטע פון קאָווענקאָ, האָבן דער־שטוינט זיך איבערגעקוקט צווישן זיך, הערנדיג פון אַזאַ מין מויל דעם נאָמען פון אַ מענשן, צו וועלכע איך זיינע שאַרפסטע פאַרטיי־אישע קעגנער האָבן זיך באַצויגן מיט דער גרעסטער פאַרעהרונג...

דערנאָך איז קאָווענקאָ ווידער אַריבער אויף אַ הויכן טאָן און אָנ־געהויבן מיט דירעקטע דראָהונגען קעגן מיר פּערזענליך:

— כ׳ווייס, הער מיניסטער, וואָס איר האָט גערעדט אויף מיר אינם קאַבינעט פון טשעכאָווסקי. ווייסט איר, אַז כ׳האָב מיינע אויערן אויך אין מיניסטאָרן־ראַט און ס׳איז ניטאָ קיין וואָרט, וואָס דערגייט ניט צו מיר? איך ווייס, אַז איר פירט די גאַנצע צייט דעם שווערסטן קאַמף קעגן מיר. מיינט ניט, אַז כ׳וועל זיך לאָזן שטענ־דיג באַליידיגן.

די אַטמאָספער אין צימער איז געוואָרן אַף אָנגעשטרענגטע. די יידישע דעלעגאַטן האָבן קוים איינגעהאַלטן זייערע נערוון. איינער פון די אומבאַקאַנטע אָפיצירן, מיט אַ מיאוסן, פון פּאָקן אויסגעפרעסטן פּאַטאָלאָגיש־פאַרברעכערישן פּנים, האָט געהאַלטן די האַנט אויף דער שווערד, שלעפנדיג זי נערוועז הין און צוריק פונם שיידל. כ׳האָב מיט גרויס מיה זיך באַהערשט און געצוואונגען אויך די אַנדערע צו אַ געוויסער רוהיגקייט.

— גוט, הער קאָווענקאָ, — האָב איך געזאָגט מיט אַן אויסער־ליך רוהיגער צוויידייטיגקייט, — דער ענין פון זשיטאָמיר שיינט צו זיין גענוג קלאָר. אַצינד וואָלט איך געוואָלט בלויז אַנידערשטעלן דעם פּאָלקאָווניק פּאַליענקאָ אַ פּאָר פראַגן וועגן באַרדיטשעוו. אין באַר־דיטשעוו איז דאָך קיין באָלשעוויסטישער אויפשטאַנד ניט געווען, — זיינען די 18 יידן, וואָס זיינען דערהרגעט געוואָרן אויפן באַרדיטשעווער וואָקזאַל, אויך אַ קרבן פון די באָלשעוויקעס? וועט איר, אפשר, זאָגן, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ ליגן?

במקום פּאַליענקאָן האָט געענטפערט דער יונגער אָפיציר, וועל־כער האָט נאָר וואָס אזוי אומצוויידייטיג געשפּילט מיט דער שווערד.

— די דאָזיגע אַכטצעהן יידן זיינען דערשאָסן געוואָרן דורכן „קורין סמערטי“ דערפאַר, ווייל זיי האָבן אַגיטירט קעגן דער אוקראַינישער אַרמיי. זיי זיינען אָנגעקומען מיטן צוג פון זשיטאָמיר און ביי יעדן פון זיי האָבן מיר געפונען באָלשעוויסטישע פראָקלאַמאַציעס. דעם גרעסטן טייל פון זיי האָב איך דערשאָסן מיט מיין אייגענער האַנט.

ס'האָט מיר געקאָסט גרויסע מיה איינצוהאַלטן ביי דעם דאָזיגן ציניש'ן ליגן מיין גלייכגעוויכט:

— מיינט איר, אַז די באָלשעוויקעס זיינען אַזעלכע אידיאָטן, אַז זיי וועלן ריזיקירן מיט גאַנצע אַכטצעהן אָנהענגער צוליב עטליכע צעהנדליגג פראָקלאַמאַציעס? וואָלט ניט געווען לאָגישער פון זייער זייט, ווען זיי שיקן אַריבער מיט איין מענש אַ גאַנצן גוט באַהאַלטענעם קאַסטן?.. איר, קאָווענקאָ, האָט דאָך זיכער אַמאָל געהאַט צו טון מיט פראָקלאַמאַציעס און איר פאַרשטייט דאָך, אַז די דאָזיגע דערקלערונג איז אַ פשוטע באָבע-מעשה! און חוץ דעם, ווען ס'וואָלט דאָס אַלץ אַפילו געווען אמת, קומט טאַקע באמת פ אַ ר טראָגן אַ פאָר פראָקלאַמאַציעס צו שיסן אָהן אַ וועלכן ס'איז משפט?

דער אָפיציר מיטן פאַרברעכערישן געזיכט-אויסדרוק, וואָס איז געפאַקט געוואָרן אין אַ פשוטן ליגן, איז מוראדיג אויפגערעגט געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן שרייען אויף אַ קויל, ציהענדיג גלייכצייטיג דעם שווערד פון דעם שיידל. די אַנדערע מקורבים פון קאָווענקאָ, חוץ דעם שטילן סעדלעצקי, האָבן זיך שטאַרק צעקאָכט:

— די יידן באַקעמפן אונז אומעטום. ווען מיר האָבן פאַרטריבן די באָלשעוויקעס פון זשיטאָמיר, האָבן יידן מיט גרויסע בערד געשאָסן אויף אונז פון יעדן פלויט. איך האָב דערשאָסן די פון באַרדיטשעוו, און כ'וועל נאָך שיסן. מיר וועלן זיך פאַר גאָרניט נישט אָפשטעלן! מיר האָבן פאַר קיינעם קיין מורא ניט!

זעהענדיג, אַז די זיצונג נעמט אָן אַ כאַראַקטער, וואָס קאָן ווערן געפערליך ניט נאָר פאַר מיר פערזענליך, נאָר פאַר דער זיכערקייט פון מיינע באַרדיטשעווער געסט, וועלכע איך האָב צו זיך איינגעלאַדן, האָב איך אויף גיך דערקלערט, אַז דער ווייטערדיגער שמועס איז איבעריג און די זיצונג איז געשלאָסן. קאָווענקאָ, וואָס האָט זיך, זעהט אויס, באַטראַכט, אַז אַ סקאַנדאַליעזער אויסגאַנג פון דער זי-

צונג קאָן סוף כּל סוף אויך פֿאַר אים ווערן אַמאָל ניט אָנגענעם, האָט פֿון זיין זייט אַ וואונק געטאָן סעדלעצקין, זיי האָבן זיך אַ הויב געטאָן פֿון אָרט, מיטגענומען זייערע אויפֿגעגנגנטע באַגלייטער און אַוועק.

אויפֿן אַנדערן טאָג, ווען מיר זיינען געקומען אַ ביסל צו זיך, האָט מיך איינער פֿון די דעלעגאַטן, דאַכט זיך י. גיטערמאַן, געפֿרעגט, צו־ליב וואָס כ׳האָב באַדאַרפֿט האָבן די גאַנצע „קאָנפֿראָנטאַציע"; איז פֿאַר מיר דען דער ענין פֿריהער ניט געווען קלאָר? כ׳האָב אויף דעם געענטפֿערט, אַז די שולד פֿון פּאַליענקאָ און פֿונם „קורין סמערטי" איז פֿון אָנהויב אָן געווען קלאָר, וויכטיג אָבער איז געווען פֿעסטצו־שטעלן די שייכות צווישן די אוממיטלבאַרע פּאָגראָמשטשיקעס און די אויבערשטע קאָמאַנדירן און פּראָטעקטאָרן. אין דעם זינען האָט די זיצונג געגעבן אַ ווערטפֿולן מאַטעריאַל, און עס איז כּדאַי געווען צו זיצן צוליב דעם אַ פּאָר שעה מיט פּאַליענקאָ אין איין צימער.

שפּעטער האָב איך זיך אַליין געפֿרעגט, צוליב וואָס האָט דער אַנדערער צד געדאַרפֿט האָבן די דאָזיגע באַגעגעניש. האָבן דען קאָווענקאָ און זיינע מקורבים ניט געוואוסט, אַז דאָס טרעפֿן זיך מיט יידישע געזעלשאַפֿטליכע טוער פֿון באַרדיטשעוו און זשיטאָמיר וועט בלויז באַשטעטיגן די באַווייזן פֿון זייער שולד? געוויס האָבן זיי דאָס געוואוסט. כ׳דערקלער מיר די זאַך אויף פֿאָלגענדן אופֿן: בעת זיי האָבן זיך אָנגעשלאָגן מיט דער דאָזיגער באַגעגעניש האָבן זיי ניט געוואוסט, אַז אויסער מיר וועלן זיין נאָך פֿיר אָרטיגע כּלל־טוער. זיי האָבן גערעכנט צו רעדן מיט מיר פּערזענליך, אָהן עדות, און מיך דערביי אָהן עדות „איבערציינגן", ד. ה. דערשרעקן און אפֿשר אויך אין ערנסטן פֿאַל אַראָפּרוקן פֿונם וועג. די אָנוועזנהייט פֿון עטליכע טוער איז פֿאַר זיי געווען אַן איבעראַשונג, וואָס האָט שווער געמאַכט דעם גאַנצן פּלאַן. קאָווענקאָ איז דעם לעצטן מאָמענט אויף דעם איינגעגאַנגען, ווייל ס׳האָט שוין ניט געפּאַסט גיין צוריק...

* * *

עטליכע טעג נאָך דער מערקווירדיגער זיצונג איז מיר ווידער אויסגעקומען צו רעדן מיט קאָווענקאָן, — דאָס מאָל לויט מיין איי־גענער איניציאַטיוו. צו יענער צייט איז קאָווענקאָ געווען די איינציגע

פּאָקטישע מאַכט איז ווענעציע און איר סביבה. זײַנע 300—400 „אויסגעקליבענע סאָלדאַטן" האָבן זיך מיט יעדן טאָג געפירט אַלס פּראָװאָצירנדער און חוצפּהדיגער. קאָװענקאָ גופא האָט אויך זיך פונאַנדערגעגאַרטלט און אַנטפּלעקט זײַן אמתע נאַטור.

אַ פּאָר אינצידענטן, װאָס זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר יענע טעג, האָבן מיר זיך אַרײַנגעקריצט אין זכּרון.

אײנמאָל אין אַ שײנעם פרימאָרגן האָט קאָװענקאָ, אַלס דער „אָפּיציעלער קאָמענדאַנט פון װיניצע אונם נעגנט" גערופן צו זיך די אָרטיגע לעדער־הענדלער און פאַרלאַנגט, מען זאָל אים גלײַך צושטעלן אַ גרױסע פּאַרטיע לעדער, כּדי מאַכן שטיװל פאַר זײַנע סאָלדאַטן. אויב ניט, — װעט ער שיסן און הענגען. מען האָט אים דאָס לעדער געבראַכט און ער האָט, דוכט זיך, אפילו געצאָלט, אָבער אַ צען מאָל קלענערן פּרײַז, אײדער ס'איז געװען װערט. אויפן אַנדערן טאָג, ערמוטיגט דורך דער האָזיגער געלונגענער אָפּעראַציע, האָט ער אײַנגעלאַדן צו זיך די מאַנופאַקטוריסטן (נאַטירליך, אַלע ייִדן) און פאַרלאַנגט, מען זאָל תּיכּף צושטעלן צען טויזנט אַרשין טונקל־בלויע געװאַנט, פון דעם זעלבן מוסטער, װאָס פלעגן טראָגן די זשאַנדאַרמען אין אַלטן צאַרישן רוסלאַנד. ער װיל אָנטאָן זײַנע קאָזאַקן אַזוי װי ס'פּאַסט פאַר זײער הויכער פונקציע... װען אָבער די אומגליקלעכע מאַנופאַקטוריסטן האָבן אים מיט טרערן אין די אויגן ערקלערט, אַז אין גאַנץ װיניצע איז ניטאָ קײן אײן אַרשין פון דער מאַנופאַקטור, װאָס ער פאַרלאַנגט, און אַז זײ זײַנען גרײט צושטעלן אַנדערע סחורה, האָט ער נאָך אַ מיאוסער סצענע פון דראָאונגען זיך דערבאַרימט אָן זײ און מסכּים געװען צו באַקומען במקום דעם בלויען געװאַנט אַ היבשע קאָנטריבוציע במזומנים, פּשוט געזאָגט, כּאַבאַר.

אַ פיל גרעסערע אויפרעגונג האָט אַרויסגערופן אין שטאָט די דערשיסונג פון אַ געװיסן ייִדישן לעדער (כ'האָב זײַן נאָמען פאַרגעסן) צוזאַמען מיט זײַנער אַ קריסטלעכער קאָלעגין פּאָפּאָװאַ. מען איז געקומען צו דעם האָזיגן לעדער פאַרנאַכט, געטראָפן בײַ אים די אויבן דערמאָנטע לערערין, אַװעקגענומען זײ בײדע אין קאָװענקאָס קאָמאַנדע, און נאָך אין דער זעלבער נאַכט זײַנען זײ טויט געװען. לויט אַן אַנדער װערסיע האָט מען בײדע געטראָפן אויף אַ שפּאַציר־גאַנג און אַװעק־

געפירט. דאָס דאָזיגע ווילדע פאַרברעכן איז באַזונדערס געווען אומפאַרשטענדליך, ווייל אירע קרבנות האָבן געשעמט אין דער שטאָט אַלס לחלוטין אומפּאַרטייאישע מענשן, ווייט פון יעדער פּאָליטיק. אינם מינסטאָרן-ראַט פון אָסטאַפּענקאָ, אין וועלכן כ'פלעג קומען מער אַלס שטילער באַאָבאַכטער, איידער אַלס מיניסטער (מיין אומבאַשטימטע איבערגאַנגס-שטעלונג האָט מיך געצוואונגען צו דער גרעסטער צוריקגעהאַלטנקייט), האָט די דאָזיגע מעשה אַרויסגערופן אַ גוואַלדיגע איפּרעגונג. באַזונדערס האָט זיך געקאָכט דער אַלטער זיבציג-יאָריגער מאַרקאָוויטש, אַ באַקאַנטער אוקראַינישער שריפטשטעלער, וואָס איז דעמאָלט באַשטימט געווען אַלס יוסטיץ-מיניסטער. „אונטער אונזערע אויגן קומען פאָר אַזעלכע שרעקליכע גוואַלד-טאַטן, און מיר זאָלן זיך מאַכן ניט וויסנדיג?“ כּדי אויפצוקלערן דעם ענין, האָט מאַרקאָוויטש צווישן אַנדערן געגעבן גלייך דעם באַפעל ניט באַגראָבן די גופים פון די הערשאָסענע ביז זייער מעדיציניש-געריכטליכער אויספאָרשונג. קאָווענקאָ האָט דעם באַפעל באַקומען, — און קאַלטבלוטיג געהייסן תיכף ומיד די דערשאָסענע באַגראָבן אין אַזאַ אָרט, וואו מען זאָל מער ניט קאָנען געפינען... פון גרויס האַרץ-ווייטאָג איז מאַרקאָוויטש גלייך נאָך דעם אַרויס אין דעמיסיע. קאָווענקאָ איז נאַטירליך געבליבן אויף זיין פּלאַץ.

אָט די אַלע אינצידענטן זיינען אָבער געווען „קלייניגקייטן“ אין פאַרגלייך מיט דער גוואַלטיגער פּאָגראָם-געפאַר, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף דער שטאָט. אין אַ שענעם פרימאָרגן איז אויף די פּלויטן ערשינען אַ מודעה פון קאָווענקאָ, לויט וועלכער מאָרגן אין אַ באַשטימטער שעה וועט פאָרקומען אין אַלע הייזער איבער דער שטאָט אַן אַלגעמיינע אונטערזוכונג פון געווער און מיליטערישער באַקליידונג. ס'איז געגעבן געוואָרן אַ טערמין פון עטליכע שעה אויף אָפּגעבן אַזעלכע זאַכן. דער, ביי וועמען מע וועט בעת דער אונטערזוכונג געפינען געווער, וועט באַשטראָפט ווערן מיטן טויט. ביי דעם באַשטאַנד פון קאָווענקאָס מקורבים און ביי דער שטימונג פון זיינע היידאַמאַקעס איז געווען קלאָר, אַז אַזאַ אַלגעמיינע אונטערזוכונג וועט אומבאַדינגט זיין פאַרבונדן מיט פּראָוואָקאַציע און אַז דער קלענסטער אינצידענט וועט ברענגען צו אַ שחיטה. גראָד אין דעם מאָמענט זיינען אָנגעקומען די ערשטע אומקלאָרע ידיעות וועגן פּראָ-

סקוראָה, און די שטימונג צווישן דער וויניצער יידישער באַפעלקע־
רונג איז געוואָרן אַ פאַרצווייפלטע. גלייך נאָך דעם פונאַנדערקלעפן
קאָוועגקאָס מודעה איז געקומען צו מיר אַ דעלעגאַציע פון די
אָרטיגע יידישע אָרגאַניזאַציעס מיטן פאָרשלאַג קומען אויף אַ באַראַ־
טונג וועגן זעלבסטשוץ און אַנדערע מיטלען קעגן דעם דראָהענדן פאָ־
גראָם. צוליב דער ערנסטער לאַגע האָב איך ניט געהאַלטן פאַר
מעגליך זיך אָפּרוקן פונם ענין און אַ זייט מיטן אויסרייד וועגן מיין
פאָרגעקומענער דימיסיע. כ'בין אַוועק צו דער באַראַטונג, איינלאַדנדיג
מיט מיר מיין נאָכפאָלגער, פ. קראַסני. אויף דער באַראַטונג האָט אַנטייל
גענומען דער עיקר די אָרטיגע יידישע יוגנט.

נאָך דעם, ווי כ'האָב אויסגעהערט אַ פּאָר רעדעס, אין וועלכע
ס'האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די גאַנצע פאַרצווייפלטע לאַגע, האָב איך גע־
בעטן דאָס וואָרט און דערקלערט די פאַרזאַמלטע די אמתע סיטואַציע.
כ'האָב ניט געהאַלטן פאַר מעגליך וואָס ניט איז צו באַהאַלטן און האָב
אָנגעוויזן מיט פולער דייטליכקייט, אַז קאָוועגקאָ מיט די באַנדיטן, וואָס
זיינען אַרום אים, באַהערשן אינגאַנצן די מאַכט, אַז די דירעקטאָריע
מיט דער רעגירונג הענגען אָפּ פון זיי און ניט פאַרקערט. וועגן דער מעג־
ליכקייט פון אַ זעלבסטשוץ האָב איך זיך אָפּגערופן זעהר סקעפּטיש: אַ
קליינע צאָל באַוואָפנטע וועט צעריבן ווערן דורך די היידאַמאַקעס און
ברענגען בלויז דערצו, אַז דער אומפאַרמיידליכער פאָגראָם וועט אָננע־
מען די פאָרם פון אַ שרעקליכער שחיטה. כ'האָב ניט געקאָנט פאָרלעגן
קיין איין ווירקזאַמען מיטל קעגן דער דראָהענדער געפאַר. דאָס איינציגע,
וואָס כ'האָב געהאַלטן פאַר מעגליך צו טון, — איז דורכצורעדן זיך פער־
זענליך אונטער פיר אויגן מיט קאָוועגקאָן...

גלייך נאָך די דאָזיגע דערקלערונגען בין איך אַוועקגעגאַנגען, איבער־
לאָזנדיג קראַסנין אַליין מיט די אָרטיגע כלל־טוער. מע האָט מיר שפּע־
טער דערציילט, אַז קראַסני האָט ביי דער געלעגנהייט גערעדט וועגן דער
נויטינקייט פון גוטע יידיש־אוקראַינישע באַציהונגען און אָנגעוויזן, אַז
בלויז דורך אַקטיוון שטיצן די אוקראַינישע שטרעבונגען וועלן יידן
אויסמיידן די גרויסע געפאַר, פאַר וועלכע זיי שטייען. דער מאָמענט,
וועלכן קראַסני האָט אויסגעקליבן פאַר זיין מוסר־רעדע, שיינט מיר ניט
צו זיין זעהר אַ פּאַסנדער...

ס'איז מיר קיין מאָל ניט אויסגעקומען אַזוי שווער אויסצופירן אַ גע־וויסע שליחות, ווי דאָס דאָזיגע מאָל, גייענדיג צו קאָוועגקאָן. מיין שטאַרקסטער סוביעקטיווער וואונש איז געווען — זיך אָפּרוקן לגמרי אָן אַ זייט, כּדי קיין מאָל מער ניט זעהן די פאַרשוינען, מיט וועלכע ס'איז פאַרקניפּט געווען אַזוי פיל אומגליקן און ליידן...

קאָוועגקאָן האָב איך אין זיין שטאַב ניט געטראָפן. כ'האָב אים איבערגעלאָזט מיין קאַרטע, בעטנדיג אַריינקומען צו מיר אַליין. אין אַ שעה אַרום איז ער געקומען. דער שמועס האָט אָנגענומען אַ העכסט דראַמאַטישן כאַראַקטער.

— זאָגט מיר, קאָוועגקאָ, וואָס מיינט די מאָרגנדיגע אַלגעמיינע אונטערזוכונג? ווייסט איר דען ניט, אַז די באַפעלקערונג האָט ניט קיין געווער, אוּן ווער ס'האָט עס געהאַט, האָט, מסתמא, שוין לאַנג אַזוי באַהאַלטן, אַז איר וועט דאָס ניט געפינען? קאָנט איר גאַראַנטירן, אַז אייערע סאָלדאַטן וועלן דערביי זיך ניט באַשעפטיגן מיט רויבעריי? זיינט איר זיכער, אַז אייערע מקורבים וועלן דערביי ניט מאַכן קיין פּראָוואָקאַציעס? ווייסט איר, אַז די יידישע באַפעלקערונג באַטראַכט די מאָרגנדיגע אונטערזוכונגען, אַלס אַ פּרעלודיע צו אַ פּאָגראָם?

קאָוועגקאָ האָט געשווינן...

— איך בין שוין ניט קיין מיניסטער, — האָב איך פאָרגעזעצט אין נאָך אַ שאַרפערן טאָן, — כ'וויים אָבער אַלנפאַלס, אַז בלויז איר, קאָוועגקאָ, האָט איצט די פּאַקטישע מאַכט אין דער שטאָט, און אויב דאָ אין ווינִיצע וועט פּאָרקומען אַ פּאָגראָם, וועט איר זיך פון אייער אוממיטלבאַרער שולד קיינמאָל ניט אָפּוואַשן. איך אַליין בין דער ערשטער עדות קעגן אייך. נאַטירליך, האָט איר גענוג מאַכט, כּדי אויך מיך צו באַזייטיגן. אויב איר וועט דאָס ניט טון, וועט איר פריהער אָדער שפּעטער זיך פאַר דער דאָזיגער טאַט מוזן פאַרענטפערן.

קאָוועגקאָ האָט אויף אַ מאָמענט אַ טראַכט געטאָן און געענטפערט:

— די אונטערזוכונג האָט בלויז דעם צוועק אויסצוגעפינען די מיליטערישע חפצים, וואָס זיינען פאַראַן ביי דער באַפעלקערונג. אָפּשאַפן זי נאָך דער מודעה קאָן איך ניט: דאָס איז אַ פּרעסטיזש־זאַך. כ'וועל אָבער זיך באַמיהען, אַז פון דעם זאָל קיין פּאָגראָם ניט אַרויסקומען.

און דערנאָך האָט קאָווענקאָ ווידער אָנגעהויבן רעדן וועגן זיין אַמאָליגער פריינטשאַפט צו יידן, וועגן זיין יידישער פרוי א. א. וו.

מיר איז פּלוצים געקומען אַ געדאַנק אין קאָפּ:

— איר רעדט שטענדיג, קאָווענקאָ, וועגן אייער פאַרעהרונג צום פאַרשטאָרבענעם באָראָכאָוו. שווערט מיר ביי זיין אָנדענק, אַז קיין פּאָגראָם וועט ניט פּאָרקומען.

זאָל מיר דער געעהרטער חבר און לערער מוחל זיין אין זיין קאַלטער גרוב, וואָס כ'האָב מיר דערלויבט צו באַניצן זיין ריינעם נאָמען ביי אַזאַ געלעגנהייט...

קאָווענקאָ האָט מיך מאָדנע אָנגעקוקט און געענטפערט מיט אַ פעסטערער שטים:

— כל זמן איך בין אין וויניצע, וועל איך דאָ קיין פּאָגראָם ניט דערלאָזן.

און דערמיט איז ער אַוועק.

מע האָט מיר איבערגעגעבן, אַז שפּעטער מיט אַ פּאָר שעה איז ער געקומען מיט אַ פּאָר „אַדיוטאַנטן" אויף דער זיצונג פון דער שטאָט-דומע און אָנגעהויבן מיט אַ היסטערישן טאָן שרייען, אַז מע טראַכט אויס בלבולים אויף אים און זיינע סאָלדאַטן, און אַז ער וועט דערהרגענען אויפן אָרט יעדן, וואָס וועט זיך דערוועגן צו דענקען, אַז ער אָדער זיינע סאָלדאַטן זיינען פעהיג אויף פּאָגראָמען.

מיט אַ צוויי טעג שפּעטער נאָך מיין אַוועקפאָר איז די אַלגעמיינע אונטערזוכונג טאַקע פאָרגעקומען. אָבער לויט קאָווענקאָס פאַראָרדענונג האָבן זיך אין איר דאָס מאָל באַטייליגט מיטגלידער פון דער שטאָט-דומע. צוויי ראַטמענער האָבן באַגלייט יעדן פּאַטרול, כדי ס'זאָלן ניט פאָרקומען קיין פּראָוואָקאַציעס און רויבערייען. דער שרעקליכער מאָמענט איז אַדורך פולקאָם בשלום. קאָווענקאָ האָט געהאַלטן וואָרט.

* *
*

דאָס לעצטע מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זעהן קאָווענקאָ אין סטאַניסלוו, אין די ערשטע טעג פון אַפּריל 1919. גייענדיג אויף דער גאַס האָב איך באַמערקט, אַז ער גייט מיר פון דער ווייטנס אַנטקעגן. וועלנדיג אויסמיידן די באַגעגעניש, בין איך גלייך אַריבער אויף די אַנדערע זייט פון דער גאַס.

קאָווענקאָ אָבער, זעהט אויס, האָט מיך שוין באַמערקט און צוגעגאַנגען צו מיר, פאַגריסט, געזאָגט, אַז ער פאָרט קיין אויסלאַנד און צוגעגעבן:

— „זעהט, איר, כ'האָב וואָרט געהאַלטן! אומעטום, וואו כ'בין געווען איז קיין פאָגראָם ניט פאָרגעקומען“.

כ'געדענק ניט, וואָס כ'האָב אויף דעם געענטפערט. אַלנפאַלס עטוואָס אויסמיידענדעס.

— „זאָגט, הער מיניסטער, ווייסט איר ניט, וואו מען קאָן דאָ אויסבייטן אוקראַאינישע רובלס אויף אויסלענדישע געלט? כ'דאַרף האָבן אַ גרעסערע סומע“.

— „כ'בין טאַקע געווען אַ מיניסטער פאַר יידישע ענינים“, האָב איך אויף דעם געענטפערט, „אָבער פון דעם איז ניט געדרונגען, אַז איך בין אַ מומחה אין בערזע־אָפּעראַציעס“.

קאָווענקאָ האָט פאַרשטאַנען, אַז כ'וויל ניט פאָרזעצן דעם געשפּרעך און האָט זיך אָפּגערוקט.

XXX. פעטלורע

א פסיכאָלאָגישע רעטעניש. — פעטלורעס כאַראַקטער. — זיין ראָליע בעת דער צענטראַלער ראַדע. — זיין מיינונג וועגן יידישע פאָלקן. — פעטלורע און פּאַליענקאָ. — די גוואַלט־טאַטן אויף די באַנען און דער הויפּט־אַטאַמאַן. — זיין באַציאונג צו פּראָסקוראָוו. — א פּאָר אויסשפּרוכן.

אין די פריהערדיגע קאַפּיטלאַך איז אונז ניט איין מאָל אויסגעקומען צו דערמאָנען דעם נאָמען פון פעטלורען אַליין. ס'וועט אפשר כּדאי זיין געבן אין אַ באַזונדערן קאַפּיטל אַ כאַראַקטעריסטיק פון דער פּערזאָן, וואָס איז געוואָרן אַ לעבעדיגער סימבאָל פון די בלוטיגע געשעהענישן, וועלכע האָבן זיך פונאַנדערגעשפּילט אויפן ברייטן שטח פון אוקראינע. איך טו עס ניט צוליב דעם באַטייט פון דער פּערזאָן, אַלס אַזעלכער, — דער דאָזיגער באַטייט איז אומגעהויער איבערגעטריבן פון אַלע זייטן. ווען מע וואָלט מיך געפרעגט, ווי שאַץ איך אָפּ פעטלורען, אַלס פּערזאָן, וואָלט איך געזאָגט, אַז ער איז אַ מיטלמענש אין אַלע הינזיכטן. מיטעלע יאָרן, מיטעלער שכל, מיטעלע בילדונג, מיטעלע פעהיגקייטן. אויסערגעוויינליך איז אפשר נאָר זיין עקשנותדיגער ווילן. הגם די אוקראינישע באַוועגונג איז ניט רייך אין אינטעליגענץ, פונדעסטוועגן זיינען אין איר פאַראַן פיל פּערזאָנען, וואָס שטייען אין אַלע פּרטים ניט דער ערך העכער פון אים. מען קאָן אים, למשל, בשום אופן ניט פאַרגלייכן מיט גרושעווסקין און וויניטשענקאָ, — מענשן, וואָס באַציהען זיך, אגב, צו אים איצט מיט דער גרעסטער שנאה.

פאַרוואָס גראָד דער מענש האָט אַרויפגעשטעמפּלט זיין נאָמען אויף דער גאַנצער אוקראינישער באַוועגונג — דאָס איז אַ פּסיכאָלאָגישע רעטעניש, וואָס שטעלט זיך אָפּט אַוועק פאַר אונז, ווען מיר קוקן

זיך צו צו פֿאַרשיידענע היסטאָרישע מאַסן־באַוועגונגען. טיילווייז וועלן מיר די דאָזיגע רעטעניש קאָנען פֿאַרענטפֿערן, ווען מיר וועלן זיך דער־מאָנען, אַז פּעטליורע אין זיין יאַגן זיך נאָך דער מאַכט האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פֿאַר קיין שום מיטלען.

כ׳האָב שוין דערמאָנט אין איינעם פֿון די פֿריהערדיגע קאַפּיטלאַך, ווי אַזוי פּעטליורע האָט מיסגעברויכט מיט דער מיליטאַריזירונג פֿון דעם ראַדיאָ־טעלעגראַף, כּדי צו באַהאַלטן פֿון זיינע קאָלעגן אין דער דירעקטאָ־ריע די גינסטיגע שלום־באַדינגונגען, וועלכע זיינען צוגעשיקט געוואָרן פֿון דער רוסישער ראַטן־רעגירונג, אַלס אַן ענטפֿער דער אוקראַינישער דע־לעגאַציע, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע (כ׳האָב זיך, נאַטיר־ליך, דערוואוסט וועגן דעם ערשט מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער). האָבנ־דיג אין פֿאַרטפֿעל אַזאַ טעלעגראַמע, האָט ער אין דער זעלבער צייט גע־רעדט אויף פֿאַרשיידענע זיצונגען און באַראַטונגען וועגן דעם אויפֿגע־צוואונגענעם קאַמף קעגן רוסלאַנד, וואָס וויל ניט אָנערקענען די אוקראַי־נישע זעלבסטשטענדיגקייט... דער דאָזיגער פֿאַקט, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אויפֿן ווייטערדיגן גאַנג פֿון די געשעהענישן, גיט אונז אַ באַגריף וועגן פּעטליורעס נאַטור. דאָס אַליין גיט אונז דעם גרונד צו זאָגן, אַז וואָלט פּעטליורע געהאַלטן יידישע שחיטות אַלס אַ הילפֿס־מיטל צו זיין עיקרדיגן צוועק, וואָלט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט פֿאַר טייכן בלוט, אפילו ניט זיינענדיג קיין אַנטיסעמיט.

כּל זמן די אוקראַינישע באַוועגונג האָט אנטשפּראָכן די באַדערפֿע־נישן פֿון די מאַסן און איז ניט אַריבער אין פֿולן רשות פֿון די „אַטאַמאַ־נען“, איז פּעטליורעס השפּעה גאָר ניט געווען אַזוי באַדייטנד. בעת דער צענטראַלער ראַדע און אפילו אין די ערשטע פּאָר וואָכן פֿון דער דירעק־טאָריע איז פּעטליורע ניט געווען דער „ספּיריטוס רעקטאָר“ פֿון דער אוי־קראַינישער פּאָליטיק. אים געהערט אויך ניט די איניציאַטיווע און פֿאַר־דינסט פֿון דער יידישער אווטאָנאָמיע, מיט וועלכער ער האָט זיך דער־נאָך באַרימט אין וואַרשע. כ׳ווייס בכלל ניט, צי האָט ער געהאַט צו איר אַן אינעווייניגסטע באַציהונג, אַ נעגאַטיווע אָדער פּאָזיטיווע.

* * *

סימאָן פּעטלורע איז אַ מענש פון אַ יאָר 40. ער שטאַמט פון פּאָלטאַווע. אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג האָט ער זיך פאַרנומען מיט זשורנאַליסטיק און איז געווען דער סעקרעטאַר פון דעם חודש־זשורנאַל „אוקראַינסקאַ זשיזן" אין מאָסקווע. ער פלעגט זיך אויך אָפּט באַטייליגן אַלס אַרטיסט אין אוקראַינישע ספּעקטאַקלען, און מע זאָגט, אַז ער האָט אין דעם פּרט אַרויסגעוויזן באַדייטענדע פעהיגקייטן, מסתמא גרעסערע, ווי אויפן פעלד פון פּאָליטיק. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער אוקראַינישער ס"ד פּאַרטיי. ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס פּעטלורע איז אָפּט באַצייכנט געוואָרן דורך זיינע אָנהענגער אין דער אייראָפּעישער פּרעסע, אַלס „גענעראַליסימוס", באַשטייט זיין איינציגע שייכות צו קריגס־וויסנשאַפט נאָר אין דעם, וואָס ער איז בעתן וועלט־קריג געווען אַ „זעמסגאַר"; ער האָט, הייסט עס, געאַרבעט אין „זעמסקי סאָיוז", אום ניט צו גיין אויפן פראָנט. ווען דאָס רוסישע מיליטער האָט זיך נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע אָנגעהויבן פונאַנדערטיילן אויף זיינע נאַציאָנאַלע חלקים, איז ער אויסגעקליבן געוואָרן מצד די אוקראַינישע סאָלדאַטן אויפן מערבדיגן פראָנט צום ערשטן אוקראַינישן מיליטער־צוזאַמענפאָר (זומער 1917 אין קיעוו). צווישן די גרויע שינעלן האָט ער זיך באמת אויסגעצייכנט מיט ענערגיע און אָרגאַניזאַטאָרישע פעהיגקייטן. ער איז אויסגעקליבן געוואָרן אין צענטראַל־קאָמיטעט פון די אוקראַינישע סאָלדאַטן און איז מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער, ביי דער גרינדונג פון ערשטן גענעראַל־סעקרעטאַריאַט, געוואָרן אין אים דער סעקרעטאַר איבער מיליטערישע ענינים. פון יענער צייט אָן האָט זיך דער ביז אַהער אומבאַקאַנטער נאָמען אָנגעהויבן אַלץ מער און מער טראָגן איבערן לאַנד.

וועגן דער דעמאָלטיגער פּערזענליכער שטעלונג פון פּעטלורען צו דער יידן־פראַגע האָב איך ניט קיין פעסטע ידיעות. פּערזענליך מיט אים איז מיר דעמאָלט ניט אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען. דאַכט זיך, אַז דר" מ. זילבערפאַרב וואָלט אין דעם פּרט געדאַרפט האָבן אינטערעסאַנטע אינפאָרמאַציעס.

איין פאַקט דערמאָן איך מיך יאָ.

ס'איז געווען סוף יאָר 1917, ווען די צעפאַלענע רוסישע אַרמיי האָט אין איר גרעסטן רוב געהאַלטן אין דעמאָביליזירן זיך, און דער מעוט

אירער האָט אָנגעהויבן אויסטיילן נאַציאָנאַלע מיליטערישע טיילן. מיטן איבערגאַנג פון גאַנצע פאָלקן אין רשות פון אוקראַינישן גענעראַל־סעקרעטאַריאַט איז אַנטשטאַנען די פראַגע, וואָס זאָל מען טון מיט די יידישע סאָלדאַטן, וואָס זיינען אין זיי געווען. פעטלורע האָט געוואָלט פון זיי שאַפן ספּעציעלע יידישע רעגימענטן. אין דעם „יידישן מיליטער־פאַרבאַנד“, וואָס איז צום טייל געשטאַנען אונטער ציוניסטישער השפּעה, האָט דער דאָזיגער פּלאַן געהאַט אַ סך אָנהענגער, צווישן אַנדערן האָט מען דאָס מאָטיווירט דערמיט, אַז יידישע מיליטער־אָפּטיילונגען וועלן זיין דער בעסטער שוץ קעגן פּאָגראָמען. זעהר שאַרף איז קעגן דעם אַרויסגעטראָטן דער דעמאָלטדיגער גענעראַל־סעקרעטאַר, ד״ר מ. זילבערפאַרב, וואָס האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דעם פּרט אויף דער מיינונג פון „בונד“ און די „פאַראייניגטע“. זיי האָבן געטענהט, פאַרקערט, אַז בנוגע דער סכנה פון פּאָגראָמען איז די שאַפונג פון יידישע מיליטער־אָפּטיילונגען גראָד דאָס געפערליכסטע מיטל. די פּועלי־ציוניסטישע פּאַרטיי האָט אין דעם פּרט ניט געהאַט קיין פעסטע מיינונג. איך פּערזענליך, רעפּרעזענטירנדיג די פּאַרטיי אינם דעמאָלטיגן יידישן מיניסטעריום, האָב זיך מער־וועניגער אידענטיפיצירט מיט זילבערפאַרבס מיינונג. ס׳זיינען אָבער ביי אונז געווען אַ סך אָנגעזעהענע חברים, וואָס האָבן געהאַט וועגן דעם אַן אַנדער מיינונג.

די שטעלונג פון פעטלורען אין דער דאָזיגער פראַגע קאָן אַליין אין פאַר זיך אויסגעטייטשט ווערן אויף פאַרשיידענע אופנים, און איך וואָלט זיך ניט אונטערגענומען צו מאַכן פון איר קיין באַשטימטן פּועל־יוצא. איך דערמאָן אָבער דעם פאַקט, ווייל ער איז בכלל גענוג אינטערעסאַנט.

רעדן מיט פעטלורען איז מיר אויסגעקומען — שוין בעת דער דירעקטאָריע — בסך־הכל דריי־פיר מאָל, און דאָס אויך קיינמאָל ניט אונטער פיר אויגן. זיין באַציהונג צו מיר איז ניט געווען קיין גוטע. ער האָט געוואוסט, אַז איך בין אין מיניסטעריום איינער פון זיינע שאַרפסטע קעגנער. פונדעסטוועגן האָט ער בעתן געשפּרעך ניט געמאַכט קיין רושם פון אַ שלעכטן מענשן. ס׳האָט זיך אויבנאויף אפילו געדאַכט, אַז ער איז אַ ווייכער מענש, אָבער דער ביטערער נסיון האָט שוין באַוויזן, אַז דעם מהות פון אַזעלכע פּערזאָנען קאָן מען ניט דערקענען לויטן אויסערליכן איינדרוק.

* * *

צי האָב איך אין די הענט פאַקטן, וואָס קאָנען וואַרפן אַ ליכט אויף דער פּערזענליכער באַציהונג פון פּעטלורען צו די פּאָגראָמען? עטליכע אַזוינע פאַקטן זיינען פאַראַן.

1) כ'האָב שוין, אגב אורחא, דערמאָנט אין איינעם פון די פריהערדיגע קאַפּיטלאַך די מיטטיילונג פון פּעטלורען, לויט וועלכער פּאָלקאָווניק פּאַליענקאָ, דער הויפּט-העלד פונם זשיטאָמירער פּאָגראָם, איז, לויט זיין באַפעל, אַרעסטירט אין ראָוונע. אָבער מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט מען מיר אין ווינניצע אָנגעוויזן אויף דער גאַס אויפן זעלבן פּאַליענקאָ. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז לויט אַ פּאָדערונג פון קיעוו האָט מען פּאַליענקאָן אַרויסגעלאָזט אויף ע ה ר ע נ - ו ו אָ ר ט און געגעבן אים אין די הענט זיינע אַלע באַשולדיגונגס-דאָקומענטן, אַ גראָבן פּעקל פון איבער 100 אַקטן, כּדי ער זאָל זיך פאָרשטעלן פּעטלורען, אַלס דעם אויבערשטן אַטאַמאַן, און באַווייזן זיין אומשולד. דער דאָזיגער פאַרשוין האָט אפילו געהאַט די חוצפּה, דערזעהענדיג אין דער דירה פון דער דירעקטאָריע מיך מיט טשעכאָווסקין שוין נאָך דעם, ווי מיר האָבן אָנגעגעבן אין דימיסיע (ס'איז געווען מיט אַ טאָג פאַר דער „קאָנפראָנטאַציע", זעה פאָריגן קאַפּיטל), פאָרצולעגן אונז, מיר זאָלן אויך אַריינקוקן אין זיין באַשולדיגונגס-אַקט און באַפרייען אים פונם בלבול, וואָס מע האָט אויף אים אויסגעטראַכט. טשעכאָווסקי האָט אים גלייך געענטפערט מיט ביטערניש, אַז מיר האָבן נישט קיין השק מיט אים צו שמועסן. מיר האָבן דערנאָך, רעדנדיג צווישן זיך, זיך שטאַרק געוואונדערט און געווען אויפגערעגט, ווי אַזוי גיט מען עס אַ מענשן, וואָס איז באַשולדיגט אין אַזאַ שרעקליכן פאַרברעך, די מעגליכקייט האַלטן ביי זיך זיינע באַשולדיגונגס-דאָקומענטן און טון מיט זיי, וואָס ער וויל.

בעת דער ענין איז געקומען צו פּעטלורען, האָט ער, זעהט אויס, נישט געפונען אין אַזאַ האַנדלונג קיין שום סתירה מיט די עלעמענטאַרע פאָרמען פון רעכט. אַלנפאַלס, האָבן ניט פּאַליענקאָ און ניט די אויספאָרשונגס-מאַכט, וואָס האָט אים געגעבן אין די הענט דעם דאָזיגן מאַטעריאַל, נישט באַקומען דערפאַר קיין שום שטראָף פונם „הויפּט-אַטאַמאַן".

2) צווישן די פאגראמען אין זשיטאמיר און אווטוטש (אנהויב יאנואר 1919) און דער גרויסער פראסקוראווער שחיטה (מיטן פעברואר) האט בנוגע פאגראמען געהערשט א בערך'דיגער שטילשטאנד. אמת, די אנארכיע איז געוואקסן פון טאג צו טאג, ס'זיינען פארגעקומען צאלרייכע פאלן פון רויב און קאנטריבוציעס, אבער צו פאגראמען אין פולן זינען פונם ווארט איז ניט געקומען. אפשר האט דער קאמף פון טשעכאווסקים מיניסטעריום פארט א ביסל געווירקט. דערפאר אבער איז אין דעם דאזיגן „שטילשטאנד-פעריאד“ פארגעקומען א גאנצע רייה הריגות פון יידן אויף באן-סטאנציעס: אין קאזאטין, זשמערינקע, בירזולע, ראמאדאן, באברינסקאיא אונד אנד. און אפילו אין דארניצע, דער פארשטאט פון קיעוו, זיינען דערהרגעט געווארן צעהנדלינגער דורכפארנדע יידן. נאך גרעסער איז געווען די צאל פון בארויבטע און געשלאגענע. די באנען זיינען, נאטירליך, געווען מיליטאריזירט און די ציווילע רעגירונג האט אויף זיי נישט געהאט קיין קלענסטע שליטה. מיר האבן אפילו נישט געקאנט קלאר מאכן, פון וואנען ס'נעמען זיך די כמעט סיסטעמאטישע הריגות אויף די באנען.

ערשט מיט צוויי חדשים שפעטער האט זיך דאס רעטעניש פאר מיר אנטדעקט: דורכפארנדיג שפעטער זשמערינקע' אויפן וועג פון אדעס קיין גאליציע, האב איך דארט געפונען א באפעל, דאטירט פון סוף דעצעמבער 1918 און אונטערגעשריבן פון פעטלורען, אלס אויבערשטן מיליטערישן קאמאנדיר. אין דעם דאזיגן באפעל איז קיין ווארט נישט געווען וועגן יידן, און פונדעסטוועגן מיין איך, אז גראד ער האט פאראליזירט אלע אונזערע באמיהונגען בנוגע די עקסצעסן אויף די אייזנבאנען. אין באפעל האט פעטלורע מודיע געווען, אז ער לעגט ארויף אויף אלע מיליטערישע סטאנציע-קאמענדאנטן דעם חוב נאכצוקוקן מיט אפענע אויגן אויף אלע, וואס זיינען פארדעכטיגט אין שפיאנאזש, און פאדערן פון יעדער מער-ווייניגער פארדעכטיגער פערזאן אן אוקראינישע צייגניש. אויב ס'וועט זיך ארויסווייזן, אז ער האט נישט אזא „פאסוויטשעניע“, דארף מען אים באהאנדלען אין הסכם מיט די מיליטערישע געזעצן...

פילע וועלן אין אזא טעקסט נישט געפינען גארניט אזוינס, וואס איז אומדערלאזבאר. מע קאן באהויפטן, אז אזעלכע באפעלן זיינען

אַרויסגעגעבן געוואָרן בעת דער וועלט־מלחמה אויך דורך אַנדערע קאָ־מענדאַנטן. זאָל זיין אַזוי. אָבער אַזעלכע באַפעלן פלעגט מען פאַר־עפנטליכן נישט נאָר אין בלעטער, נאָר אפילו פונאַנדערקלעפן אויף די ווענט, כדי אָרענטליכע מענשן זאָלן זיך היטן און ניט פאָרן אָהן די נוי־טיגע ציינגנישן. פעטלורעס באַפעל איז אָבער ניט פאַרעפנטליכט געוואָרן אין דער פרעסע און אפילו נישט מיטגעטיילט געוואָרן דער ציווילער מאַכט. ס'איז געווען אַ שטרענג געהיימער צירקולאַר...

דערצו מוז מען נאָך גערענקען, אַז די רייזע אויף די באַנען איז דעמאָלט אָפיציעל געווען פריי. קיין באַזונדערן „פראָפוסק“ האָט מען ביים פאַר־קויף פון בילעטן נישט פאַרלאַנגט; קיין אַלגעמיינע פאַספאָרטן־פליכט האָט נישט עקסיסטירט. און וואָלט מען עס איינגעפירט, וואָלט מען דאָך געמוזט צוליב דער קורצער צייט פון דער אוקראַינישער רעגירונג אָנערקענען די פאַספאָרטן פונם אַלטן רעזשים, פון קערענסקין, פון סקאָ־ראָפאַדסקי פונקט אַזוי, ווי די אוקראַינישע. אויב אַזוי, טאָ פון וואַנען האָט געקאָנט דער אומגליקליכער רייזנדער וויסן, אַז ער דאַרף האָבן עפעס אַ ספעציעלע אוקראַינישע „פאָסוויטשעניע“? און האָט דען פע־טלורע נישט געוואוסט, אַז די קאָמענדאַנטן פון סטאַנציעס זיינען דער ערג־סטער עלעמענט אין זיין מיליטער? האָט ער דען נישט פאַרשטאַנען, אַז די אַממערסטן „פאַרדעכטיגע“ וועלן דאָך זיין יידן, וואָס זיינען מער פאַר־האַסט און הילפלאָז, ווי אַנדערע, און וואָס פירן אויך מיט זיך, אַלס סוחרים, גרעסערע סומען געלט (די באַנקן האָבן צו יענער צייט כמעט שוין נישט פונקציאָנירט).

איינס פון די ביידע: אָדער דער דאָזיגער צירקולאַר איז לכתחילה אַרויסגעגעבן געוואָרן מיטן צוועק אַרויסצורופן יידן־הריגות אויף די באַנען, אָדער ער איז אַן אויסדרוק פון אומגעהערטער אומפאַראַנטוואָרט־ליכקייט און ניט־רייפקייט.

3) אין מערץ 1919 אויפן וועג קיין אויסלאַנד בין איך דורכגעפאָרן דורך פראָסקוראָוו און געווען דאָרטן עטליכע שעה. ס'איז געווען אַן ערך אַ חודש נאָך דער שחיטה. כ'האָב גערעדט דאָרט מיטן פאָרזיצער פון דער אָרטיגער קהלה, ד״ר ליסטער, און מיט אַנדערע אירע מיט־גלידער. כ'וועל ניט איבערגעבן דאָ די שוידערליכע פרטים פון דער שחיטה, וועלכע זיי האָבן מיר דערציילט: זיי זיינען באַקאַנט און זיינען

אויך ניט דירעקט נוגע אונזער טעמע. וואָס איז אָבער אונזער טעמע יאָ נוגע, איז דער פאַקט, וואָס בעת מיין דורכפאָרן פּראָסקוראָוו האָבן דאָרט געוואוינט אין אַן אייזנבאַן-צוג דער „הויפּט-אַטאַמאַן" פּעטלורע און זיין נייע רעגירונג. זיי זיינען שוין געווען אויף דער סטאַנציע פּראָסקוראָוו איבער דריי וואָכן, און אין משך פון דער דאָזיגער צייט האָט פּעטלורע ניט געהאַלטן פאַר נויטיג צו קומען אין דער שטאָט און אויסדריקן די פּראָסקוראָווער יידן זיין מיטגעפיהל, הגם איינעגע אָרטיגע אוקראַינישע טוער האָבן אים דורך געוויסע זייטיגע פּערזאָנען דאָס דרינגליך געראַטן. כ'ווייס ניט צי וואָלט אַזאַ אויסדרוק פון מיטגעפיהל באמת געשטאַמט פונם האַרצן, ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז פּעטלורע האָט ניט געפיהלט אויף זיך אפילו דעם פאָרמעלן חוב זיך מאָראַליש אָפּצוגרעניצן פונם אַטאַמאַן סעמעסענקאָ, — אַזאַ זאַך, וואָס אויף זיין אָרט וואָלט געטאָן יעדער, אַפילו אַן אויסגעשפּראָכן-אַנטיסעמיטישער צאַרישער גובערנאַטאָר...

אמת, שפּעטער, שוין זייענדיג אין אויסלאַנד, האָב איך געהערט, אַז פּעטלורע האָט זומער 1919 געמאַכט אַזאַ זשעסט, און דווקא גאַנץ פייערליך — אין דער פאָרם פון אַ שבועה אין פּראָסקוראָווער שול, — אַז ער איז אומשולדיק אינם פּאָגראָם. אָבער דער מאָראַליש-מענשליכער אינהאַלט פונם דאָזיגן זשעסט ווערט בטל דורכן פאַקט, אַז אונטערן פרישן איינדרוק פון די שווערע געשעהענישן האָט פּעטלורע ניט געפיהלט זיך צו גאָרניט פאַרפליכטעט, הגם ס'זיינען שוין דעמאָלט געווען מענשן אַרום אים, וואָס האָבן נעפּרואווט אים צורעדן צו אַזאַ שריט...

4) אין אָקטאָבער 1919, זייענדיג אין בערלין, האָב איך דאָרט געטראָפן דעם געזאַנדטן פון פּעטלורעס רעגירונג מ. פאָרש. בעת אונזער געשפּרעך האָט ער מיך געפרעגט:

— פאַרוואָס זאָלט איר זיך נישט אַריינמישן אין דער צייטונגס-פאָלעמיק צווישן מ. גראָסמאַן און אַדוואָקאַט מ. גאָלדשטיין?*) איר זיינט דאָך

*) אַדוו. מ. גאָלדשטיין, אַ רוסיש-פּאַטריאָטישער יידישער קאַדעט, האָט קומענדיג דעמאָלט פון אוקראַינע אָפּגעדרוקט אין יידישע און רוסישע בלעטער אַ רייה אַרטיקלען וועגן אוקראַינישע פּאָגראָמען, וואָס זיינען געווען פול מיט פאַרשיידענע גוזמאות, בפרט וועגן דעם אָנטייל פון דער אוקראַינישער אינטעליגענץ (פּעטלורע אויף אַ ווייסן פערד, אַלס אומ-

אין דער פראַגע איינער פון די אַממערסטן קאָמפּעטענטע עדות, איר ווייסט דאָך, אַז אונזער רעגירונג קעמפט קעגן פּאָגראָמען?

כ׳האָב אויף דעם געענטפערט:

— כ׳צווייפל ניט אין דעם, אַז די רעגירונג פון מאַזעפּאַ (פּרעמיער) און בפרט דער יידישער מינסטער קראַסני האָבן אין דעם פרט גאַנץ גוטע כוונות. אָבער פאַרמאָגט דען די דאָזיגע רעגירונג וועלכע ס׳איז ממשותדיגע קראַפט, געפינט זיך דען ניט דער פאַקטישער כוח אין די הענט פון פעטלורען, איבער וועמענס באַציהונג צו די פּאָגראָמען זיינען דאָ זעהר שטאַרקע ספקות?..

— איר האָט אַ טעות, מיין הער. אויך פעטלורע איז אַ שטאַרקער קעגנער פון פּאָגראָמען און קעמפט קעגן זיי; איר ווייסט דאָך, אַז גראָד אין דעם שטיקל אוקראַינע, וואָס געפינט זיך אונטער זיין מאַכט, הערשט איצט מער אָרדענונג און יידן זיינען דאָרט מער זיכער מיט זייער לעבן, איידער אין אַנדערע טיילן פון אוקראַינע.

— כ׳האָב געהערט וועגן דעם, אָבער גראָד דער פאַקט איז אַ באַוויז קעגן פעטלורען. ס׳איז אַ באַוויז, אַז ער פאַרמאָגט דאָך אַ גרויסע שליטה איבער זיינע אָנהענגער און ווען ער וויל איז ער בכוח זיי אָפּהאַלטן פון פּאָגראָמען. אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס האָט ער ניט באַנוצט די דאָזיגע קראַפט גלייך נאָך זשיטאָמיר?

— דעמאָלט האָט אין לאַנד געהערשט די אַנאַרכיע.

— איך האַלט ניט דעם דאָזיגן תרוץ פאַר גענוגנד. אַלנפאַלס, פאַרוואָס האָט פעטלורע ניט באַשטראָפט די אַטאַמאַנען, וואָס זיינען שולדיג אין די שחיטות? כל זמן דאָס בלוט פון זשיטאָמיר און פּראָסקוּ־ראָוו איז ניט באַשטראָפט, האָב איך ניט קיין מאָראַלישע רעכט זיך אַריינ־מישן אין צייטונגס־פּאָלעמיק און אפילו אָננעמען דעם צד, וואָס באַשול־דיגט פעטלורען נאָר אין נאכלאָזיגקייט..

— כ׳גלויב, — האָט געענטפערט פאָרש, — אַז די שולדיגע זיי־

מיטלבאַרער אָנטיילנעמער אין די שחיטות א. א. וו.). — אין דער זעלבער צייט האָט ער געוואָרפן אַ הנעוודיגן שלייער אויף די דעניקינשע שחיטות. קעגן דער דאָזיגער באַלויכטונג איז שאַרף אַרויס־געטראָטן מ. גראָסמאַן — און מיט רעכט.

א. ר.

נען באַשטראָפט. אַלנפאַלס בין איך גרייט צושטעלן אייך גענויערע ידיעות. ווער זיינען די, וועגן וועמען איר פרעגט?

כ'האָב אַלס מוסטער, אָנגעשריבן אויף אַ שטיקל פאַפּיר דריי נע־מען: קאָזיר־זירקאָ (אָוורוטש), פּאַליענקאָ (זשיטאָמיר), סעמעסענקאָ (פּראָסקוראָוו) — און צוגעגעבן:

— ווען כ'וועל האָבן אַ קלאָרע ידיעה, וואָס ס'איז געשעהן מיט די דאָזיגע מענשן, וועלן מיר שמועסן ווייטער.

ווען איך בין געקומען אין עטליכע טעג אַרום, באַגעגנט מיך פּאַרש מיט אַ לאַכנדיג געזיכט:

— כ'בין צופרידן אייך צו זעהן, ווייל כ'האָב פאַר אייך גוטע ידיעות.

— אין וואָס באַשטייען זיי?

— סעמעסענקאָ און פּאַליענקאָ זיינען אַרעסטירט!

— אַ ר ע ס ט י ר ט? און ווער גאַראַנטירט אונז, צי זיי וועלן אין אַ פּאָר טעג אַרום ווידער ניט זיין פריי? און צי פּאָדערט נאָך זייער ענין אַ וועלכע ס'איז אויספאָרשונג?

גראָד אין דעם זעלבן טאָג האָב איך באַגעגנט אין בערלין דעם פּראָפ. גרושעווסקי (געוועזענער פּרעזידענט פון דער צענטראַלער ראַדע) און נעם. זשוקאָווסקי (געוועזענער קריגס־מיניסטער פון דער צענטראַלער ראַדע). דער לעצטער איז נאָר וואָס אָנגעקומען פון אוקראַינע. צו ביידע האָב איך געהאַט אַ סך צוטרוי.

— איז ריכטיג, אַז סעמעסענקאָ און פּאַליענקאָ זיינען אַרעסטירט?

— האָב איך געפרעגט זשוקאָווסקין אין דער אָנוועזנהייט פון גרושעוו־סקין.

— ווענן פּאַליענקאָ ווייס איך גאָרנישט, אפשר איז ער אַרעסטירט. סעמעסענקאָ איז באמת אַרעסטירט, אָבער ניט פאַר מעשה־פּראָסקוראָוו. אפשר איז דאָס די א מ ת ע סיבה פון זיין אַרעסט; די אָ פ י צ י ע ל ע באַשולדיגונג איז אָבער אַן אַנדערע.

— און וואָס ווייסט איר וועגן פּעטלורעס באַציהונג צו פּאָגראָמען?

— כ'גלויב, אַז ער איז פון דעם ניט אינגאַנצן ריין. אַלנפאַלס קאָן איך זאָגן עדות, אַז פאַר אַ געוויסער צייט האָט ער דערקלערט אין אַ גע־שפּרעך מיט אָפיצירן:

— ס'איז אַ שאָד אויף די פּאָגראָמען, אָבער זיי האַלטן פּאָרט אין די דיסציפּלין אין דער אַרמיי...

— כ'האָב אויך וועגן דעם געהערט, — האָט צוגעגעבן גרושעווסקי.

5) אין נאָוועמבער 1919, זייענדיג אין ווין, האָב איך באַגעגנט וויניטשענקאָ. ער האָט מיר דערביי דערציילט, אַז אין יאַנואַר 1919 באַלד נאָך די ערשטע פּאָגראָמען האָט ער וועגן זיי גערעדט פּנים אל פּנים מיט פּעטלורען. ער האָט אים אָנגעוויזן:

— זעה נאָר, וואָס פאַר אַ מעשים תעתועים עס מאַכן דיינע אַטאַמאַנען!

אויף דעם האָט פּעטלורע געענטפערט:

— און פאַרוואָס טרעטן ניט אַריין די פאַרשאָלטענע יידן אין אונזער אַרמיי? („אַ טשאָמו קליאַטאַ זשידאָווניאַ וו נאַשע וויסקאַ נע אידע?“)...

* * *

דאָס זיינען די פאַקטן, פאַר וועלכע כ'קאָן גאַראַנטירן. פלערליי קלאַנגען — צו גוטן אָדער שלעכטן — האָב איך דאָ אויסגעמיטן, כ'מאַך אויך ניט קיין אַלגעמיינע אויספירן. זאָלן זיי מאַכן אַנדערע.

XXXI. פון אדעס קיין גאַליציע

אין אדעס. — די באַגעגנונג מיט קראַסני. — זיין פאָרשלאַג. — אויפן וועג קיין פראָסקוראָוו. — שווערע איינדרוקן. — אַ באַראַטונג מיט פראָסקוראָווער כלל-טוער. — דער פלוצליכער אָפּפאָר. — אַריבער דעם זברוטש.

אין אדעס בין איך געווען דריי וואָכן, וואַרטענדיג אויף דער עוואַקואַציע פון דער שטאָט דורכן פאַראייניגטן מיליטער. דערווייל האָב איך געמוזט לעבן אומלעגאַל, זיך ניט מעלדענדיג: די פרייוויליגע „קאָנטר-ראַזוועדקע" האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט איר גרויזאַמקייט און מיט מיר וואָלט זי אויך געהאַט אירע חשבונות. איינמאָל אין אַ שיינעם פריהמאָרגן האָב איך זיך באַגעגנט מיט פנחס קראַסני, וואָס איז גראָד דעמאָלט געקומען קיין אָדעס אינם אויפטראָג פון דער נייער אוקראַאינישער רעגירונג, כדי צו פאַרהאַנדלען, צוזאַמען מיטן מיניסטער פאַר אויסערליכע ענינים מאַציעיעוויטש און זיין געהילף באַטשינסקי, מיט דער אויבערשטער קאָמאַנדע פונם אַנטאַנט-מיליטער אין אדעס. נאָך דעם, ווי ער האָט מיר אויסגעקלערט די סיבה פון זיין פלוצליכן פאַרשווינדן ערב מיין אָפּפאָר פון ווינניצע, האָט ער מיך געפרעגט:

— „זייט איר אין אדעס לעגאַל?"

— „ניין".

— „טאָ וואָס זשע זיצט איר דאָ. די דאָבראָוואָלציעס וועלן אייך אַמאָל פּאַקן און גלייך דערשיסן. ס'איז דאָך אַ שאָד".

אַלס ענטפער אויף דעם, האָב איך אויסגעדריקט די האָפנונג אַז גריגאָריעווס אַרמעע, וואָס האָט אָקאָרשט פאַרנומען ניקאָלאַיעוו, וועט באַלד אַריינגיין אויך קיין אדעס, און איך וועל האָבן אַ געלעגנהייט זיך

אומקערן קײן קיעוו, כּדי צו ערקלערן מײן פּאָליטיק סײ פאַר די חברים, סײ פאַר דער מאַכט.

— „מיר שײנט, אַז איר האָט אַ טעות. די פראַנצויזן װעלן אַזױ גיך אָדעס ניט פאַרלאָזן. ערשט נעכטן האָט מיר פרײדענבערג, דער שעף פון שטאַב, געזאָגט אַז אָדעס איז פאַר זײ „דאָס צװײטע סאַלאָניק“, אַז דאָס איז די באַזע פאַר קומענדיקן אָנפאַל אין דאָס אינערע פון רוסלאַנד, אַז אַהער קומט פרישע מיליטער און עס איז אַבסאָלוט ניט דענקבאַר, אַז די שטאָט זאָל עװאַקואירט װערן“.

כ׳האָב זיך אױף אַ מאָמענט מישב געװען מיט מיר אַלײן:

— „מײנט איר, הײסט עס, אַז די פרײװיליגע װעלן נאָך לאַנג בלײבן אין אָדעס ?“

— „אַלנפאַלס אַזױ לאַנג, אַז זײ װעלן קענען צוקומען צו אײך“.

— „און װאָלט איר מיר געקענט געבן די מעגלעכקײט אַרױסצופאָרן מיט אײך פון אָדעס אין אײער דיפּלאָמאַטן-צוג ?

כ׳האָב געװאוסט, אַז די אוקראַאינישע דעלעגאַציע האָט אױפן װאָקזאַל איר ספּעציעלן צוג, מיט װעלכן זי קלײבט זיך גלײך פאָרן צוריק.

— „יאָ, דאָס מײן איך טאַקע“.

— „און װאָלט איך אױך געקענט מיטנעמען נאָך א פּערזאָן אַלס אַ סעקרעטאַר ?“

— „כ׳װעל זיך סטאַרן אױך דאָס אַראַנזשירן. כ׳װעל זיך דורכרײדן מיט מאַציעװיטש. כ׳גלױב, אַז ס׳װעט גײן“.

— „און װאוהין פאָרט איר איצט ?“

— „מיר פאָרן דירעקט ביז פּראָסקוראָװ, און אפשר אױך ביז טאַרנאָפּאָל. אַלנפאַלס װעט איר פון דאָרטן גיך קאָנען איבערפאָרן איבער דער גרעניץ“.

דער דאָזיגער פאָרשלאַג האָט ענטפלאַמט מײן אַלטן קױם־דערשטיקטן װאונטש זיך דורכצורײסן קײן ארץ ישראל. כ׳האָב ניט געהאַט קײן מוט זיך אָפּזאָגן פון דער גוטער געלעגנהײט.

איך בין גלײך אַװעק אין די פּאַרטײ-רעדאַקציע און געטראָפן דאָרט העם ח׳ ש. סאַגאַן, אַן קראַקאָװער פּועלי-ציון, װאָס איז אַרײנגעקומען

קיין הוסלאַנד אַלס קריגס־געפאַנגענער און האָט פאַרפאַסט די פּריהער־דיקע געלעגנהייט זיך אומצוקוקן: אים האָב איך געדאַט פרעה, ריידנ־דיג מיט קראַסני וועגן מיין „סעקרעטאַר“.

— „הערט, סאַטאַן, ווען איך זאָל האָבן פאַר אייך אַ גיכע און גוטע געלעגנהייט זיך אומצוקוקן קיין עסטרייך, וואָלט איר זיך באַנוצט מיט איר ?“

סאַגאַנס אויגן האָבן זיך ממש אָנגעצונדן פון פרייד.

— „אדרבא ואדרבא !“

כ'האָב דערציילט ס. די גאַנצע מעשה און מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָרן.

אַ פּאָר אַנדערע חברים, וועלכע מיר האָבן דערציילט וועגן דעם ענין, האָבן אונז אויך געראַטן דאָ זעלבע, מאָטיווירנדיק דאָס בעיקר מיט מיין באַדראָטער פערזענליכער זיכערקייט.

נאָך אינם זעלבן אָוונט זיינען מיר געווען אויפן וואָקזאַל און זיך כמעט דורכגעגנב'עט, אויסמיידנדיג די פּריוואַליגע פּאַטרולן, אין דעם אוקראַאינישן דיפּלאָמאַטישן צוג. דאָרט האָבן מיר געלעבט די נאָענטסטע צוויי מעת לעת ביז דער צוג האָט זיך ענדליך אַריר געטאָן פונם פּלאַץ.

בעת די דאָזיגע פּאָר טעג איז מיר אויסגעקומען עטליכע מאָל צו ריידן מיט קראַסני וועגן פּאָליטישע טעמען. זיין גלויבן אין דער אַנטאַנט איז ניט דערשיטערט געוואָרן. און ווען איך האָב אים ווידער געזאָגט, אַז קלעמאַנסאָ וועט שטענדיג זיין גרייט מקריב צו זיין אַ מיליאָן יידן פאַר אַ פּאָר מיליאַרד גאָלד־פראַנק — וויכקליכע אָדער בלומרשטע — האָט ער מיר דערציילט פּרטים וועגן זיין געשפּרעך מיט פּאָלק, פּריי־דענבערגן, וועלכען ער האָט געפירט אין נאָמען פון אוקראַאינישן יידנ־טום. (דאָס איז מן־הסתם אויך געווען דער צוועק פון אַריינגעמען אים אין די דיפּלאָמאַטישע דעלעגאַציע). — פּריידענבערג האָט אין די דאָ־זיגע געשפּרעכן אַרויסגעוויזן אַ געוואַלטיגן אינטערעס פאַרן גורל פון אוקראַאינישן יידנטום און ערקלערט, אַז פראַנקרייך איז גרייט אונז צו נעמען אונטער איר באַהוטערן שוץ. בכלל האָט פּריידענבערג זיך אַרויס־געוויזן פאַר אַזאַ אוהב ישראל, אַז קראַסני איז אים אויף דעם סמך, ווי

אויך צוליב זיין פאמיליען-נאמען, חושד געווען אין באהאלטענער יידישקייט *).

בעת אונזער צוג איז געשטאנען אויפן אדעסער וואקזאל איז א פאר מאל אריינגעקומען צו אונז ארנאלד מ א ר ג א ל י ן, וואס האט אלס געהילף פונם מיניסטער פאר אויסערליכע ענינים זיך אויך באטייליגט אין די אדעסער פארהאנדלונגען. מארגאלין, וועלכן כ'האב ביז א הער געקאנט זעהר אויבערפלעכליך — א פאר מאל געזעהען אין קיעוו און א מאל ק ו ר ץ געשמועסט אין ווינניצע — האט דערביי דערציילט וועגן דעם, אז ער האט נאר וואס אנגעגעבן אין דעמיסיע, אלס „פראטעסט קעגן פאגראמען“. דערביי האט ער אבער זיין בקשה וועגן דעמיסיע צוריקגעשטעלט אזוי, אז זי זאל דינען אלס א פארענטפערונג פאר דער דירעקטאריע. איר גרונדטאן איז געווען, אז ער, מארגאלין, ווייס גאנץ גוט, אז ניט די רעגירונג ניט די דירעקטאריע האבן וועלכע עס איז שולד אין די פאגראמען — ניט דירעקט און ניט אומדירעקט — און אז זיי האבן געטאן אלץ מעגליכע קעגן זיי.

— „גוט“, האב איך אויף דעם באמערקט. „אויב די דירעקטאריע איז אין גארניט שולדיג, טא קעגן וועמען אייגענטלאך פראטעסטירט איר מיט אייער דעמיסיע ? “

— „אין תוך גענומען פראטעסטיר איך גארניט“, האט געענטפערט מארגאלין, „אבער מיין יידיש הארץ טוט וועה, און כ'קאן מער ניט“.

פונם ווייטערדיגן געשפרעך, אין וועלכן כ'האב געפרובט אים באווייזן, זוי אונלאגיש עס קלינגט די באגריטונג פון זיין שריט, האב איך פארשטאנען, אז די אייגענטליכע סיבה פון מ.'ס דעמיסיע איז דער דרוק פון אייגענע זייטע באקאנטע אין אדעס, דערביי אבער האט ער געוואלט יוצא זיין אויך פארן אנדערן צד...

א טשיקאווער שמועס, וועג אויך פון א גאנץ אנדערן מין, איז אויס-

*) ווי כ'האב דערנאך געהערט, איז דאס פאלש. פריידענבערג איז א פראנצויז פון עלזאסישן אורשפרונג, דערצו נאך, דוכט זיך, א שטארקער קאטאליק מיט א האלב-ראיאליסטישן פרצוף, ווי עס זיינען געווען די מערסטע אנפירנדע אפיצערן פון ד'אנסעלמס אקופאציענס-ארמיי. – וועגן זיין באציהונג צו יידן האב איך מצד בעסערע באאבאכטער, ווי פ. קראסני, געהערט וויניגער באגייסטערטע מיינונגען..

געקומען צו האָבן מיט מאַציעוויטשן. בעת מיין אָנוועזנהייט האָט ער זיך איינמאָל געקלאָגט קראַסנען אויף זיין געהילף ד"ר באַטשינסקי:

— „וואָס זאָל איך טוען מיט באַטשינסקי? ער קאָמפּראָמענטירט אונז די גאַנצע זאַך! ער פירט זיך ממש סקאַנדאַלעז: אויף אַ דיפּלאָ־מאַטישער וועטשערע מיט די פראַנצויזן האָט ער... געשניטן פיש מיט אַ מעסער!!"

לויטן ערנסטן אויפגערעגטן טאָן פון מאַציעוויטש האָב איך ער־וואַרט צו הערן עפּעס גאָר שרעקליכערס.

— „כ'בעט אייך, הער מיניסטער", האָב איך זיך אַריינגעמישט אין שמועס. „איז דאָס טאַקע אַזוי געפערליך? קאָן דאָס האָבן אַ וויר־קונג אויף אייערע אונטערהאַנדלונגען?"

מאַציעוויטש איז שיר ניט באַליידיגט געוואָרן פון האַלב־איראָנישן טאָן פון מיין פראַגע.

— „וואָס רעדט איר?! די פראַנצויזן ווייסן דאָך וועגן אונז גאָר־ניט. איז דאָך נאַטירליך, אַז זיי אורטיילן וועגן אונז לויט אונזער אויס־זעהן און מאַנירן. זיי זיינען דאָך אַן אַלט קולטור־פאָלק, ביי וועלכן אַ זעלבע זאַכן שפּילן אַ געוואַלטיגע ראָליע. מען פליסטערט זיי צו פון אַלע זייטן, אַז מיר זיינען באָלשעוויקעס און פּראַים, און ווען זיי זעהען ווי עס האַלטן זיך אונזערע דעלעגאַטן, ווערן זיי פאַרשטאַרקט אין דער דאָזיגער מיינונג"...

ער האָט זיך אויף אַ מאָמענט אָפּגעשטעלט און פאָרטגעזעצט, זיך שוין ווענדענדיג צו קראַסני:

— „כ'האָב בשעת מעשה געפּרובט אים אויף דעם אויפמערקזאַם מאַכן. כ'האָב אים שאַרף אָנגעקוקט און אפילו שטילערהייט אַ טאָרקע געטאָן מיטן פוס אונטערן טיש. ער קוקט אָבער אויף מיר מעשה־גולם און שניידט ווייטער דעם פיש מיטן מעסר! וואָס זאָל איך מיט אים טוען?"

— „נו, טאָ זאָגט אים!" האָט זיך אָפּגערופן קראַסני.

— „ווי קאָן איך אים אַזאַ זאַך זאָגן?" האָט אַרויסגערופן מאַ־ציעוויטש אין גרעסטער פאַרצווייפלונג. „דער מענטש האָט שטודירט אין פּאַריז און אַמעריקאַ, געטראָגט צוויי באַקאַלאַטן, רעדט פּערפעקט ענ־

ליטע שפּראַכן און איז אויך לויט זיינע יאָרן שוין ניט קיין אינגעלע. ווי קום איך אים צו באַלערן, ווי מען האַלט אַ מעסער מיט אַ גאָפּעל"...

ביי די לעצטע ווערטער האָט מאַציעוויטש אַ וואָרף געטאָן אַ זייטן־בליק אויפן מחבר פון די דאָזיגע שורות. ער האָט מיך זיכער בשעת מעשה חושד געווען, אַז כ'בין אויך ניט שטאַרק באַהאַוונט אין דעם, ווי אַן אָנשטענדיגער מענטש האַלט עסן פיש. כ'בין זיך מודה, אַז זיין חשד איז געווען ניט אומבאַגרינדעט, און דערציילנדיג דעם דאָזיגן עפּיזאָד בין איך פון מיין זייט חושד, אַז דער גרעסטער טייל פון די לעזער — זייט מיר מוחל אלף אלפי פּעמים, אָבער מיר יידן זיינען דאָך ניט קיין „אַלטעס קולטור־פאָלק" — האָט אויך פון דער מעשה עפּעס געלערנט...

אָרימע דיפּלאָמאַטן...

* * *

אויפן אַנדערן טאָג נאָך אונזער אַרויספאָרן פון אַדעס זיינען מיר דורכגעפאָרן זשמערינקע. דער וואָקזאַל איז געווען מערקווירדיג־ריין און ליידיג. פון צפון — נישט ווייטער ווי 15 ווערסט — האָבן זיך געהערט קולות פון האַרמאַטן. די באָלשעוויקעס האָבן שוין פאַרנומען ווינניצע און גערוקט זיך ווייטער.

אויפן וועג נאָך זשמערינקע האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ מערקווירדיגע ערשיינונג: אויף אַ לאַנגער שטרעקע זיינען אַלע זייטיגע וועגן ממש אָנגעשטאָפּט געווען מיט „קראַנקע"־וואַגאָנען און לאָקאָמאָטיוון. כ'האָב נאָך קיינמאָל אין מיינע רייזן ניט געזעהן אַזוי פיל לאָקאָמאָטיוון אין איין אָרט. האַלב מיט שניי באַדעקט, האָט אַ געוואַלטיגעס פאָלקס־פאַרמעגן, פאַרהוליעט דורך קריג און רעוואָלוציע, געזשאַווערט אויף דער קאַלטער ווינטער־לופט. ס'איז געווען אַ האַרץ־ווייטאָג צו זעהן די דאָזיגע אייזערנע הרוגים פון בירגער־קריג, וואָס יעדער איינער פון זיי וועט קאָסטן דעם אומגליקליכן לאַנד צענדליגער מענשליכע קרבנות — פון הונגער, פון קרענק, פון אויסשעפּונג...

צו אוונט זיינען מיר אַריינגעפאָרן קיין פּראָסקוראָוו.

אויף אַנדערן טאָג נאָכן איבערנעכטיגן אין וואַגאָן בין איך אַוועק אין די שטאָט. ס'איז געווען פּונקט אַ חודש נאָך דער שרעקליכער שחיטה. קיין אויסערליכע שפּורן פון איר — צושלאָגענע שויבן, פאַר־

קלאַפּטע טירן, שטיקלעך האָלץ און פּעדערן אויף די גאַסן, — אַט די אַלע טראַדיציאָנעלע פּאָגראָם־אַטריבוטן זיינען ניט געווען צו זעהן. דער פּראָסקוראָווער פּאָגראָם איז דאָך געווען אַ באַזונדערער אין זיין מין: ער האָט געדויערט בסך־הכּל דריי שעה און מען האָט בשעת אים ניט גערויבט... קיין מענשן מיט פּאַרבונדענע קעפּ האָט מען אויך ניט געטראָפן: סעמעסענקאָ האָט ניט געוואָלט מטריח זיין די דאָקטוירים...

כ'בין אַריינגעגאַנגען צו מיינעם אַ פּאַרטיי־חבר, אַ ראַטמאַן פון קהלה ד"ר גרינפעלד, ביי וועלכען כ'בין איינגעשטאַנען מיט אַ יאָר פריער, בעת כ'האָב געליינט אין פּראָסקוראָוו אַ רעפעראַט. כ'האָב געקלאַפּט אין די טיר מיט אַ מאָדנע האַרץ־קלאַפּעניש: כ'האָב מורא געהאַט, כ'וועל אים ניט טרעפן... ער האָט אָבער אַליין געעפנט — אַ לעבעדיגער. אָבער ווי האָט זיך געענדערט דער געזיכטס־אויסדרוק פונם מענשן, וואָס פאַר אַ געוואַלטיגע יסורים־שפּורן האָבן איבערגעלאָזט אויף אים די איבערגעלעבטע שרעקליכע טעג... כ'האָב דערנאָך דעמזעלבן געזיכטס־אויסדרוק באַמערקט אויך ביי אַנדערע, מיט וועלכע ס'איז מיר אויסגעקומען צו רעדן אין דער דאָזיגער אומגליקליכער שטאָט. כ'האָב אַליין איבערגעלעבט אַ מאָל אַ שווערן פּאָגראָם, אָבער אַזעלכע שפּורן פון איבערגעלעבטן פיין, בפרט פיר וואָכן נאָך אַ פּאָגראָם, האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזעהן. שוין דאָס אַליין איז אַ באַווייז, אַז אין פּראָסקוראָוו איז פאָרגעקומען עפּעס גאָר שרעקליכעס, עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אפילו אין די דעמאָלסטיגע שוידערליכע טעג...

גרינפעלד איז געווען ניט ווייניגער איבערראַשט פאַר מיר. ס'האָט געדויערט אַ גוטע מינוט, ביז ער איז געקומען אַ ביסל צו זיך:

— „ווי קומט איר אַהער?! ביי אונז האָט מען וועגן אייך פאַרשידענס דערציילט. מען האָט געזאָגט, איר זייט געשטאָרבן; אַנדערע האָבן געזאָגט, איר זייט אַוועקגעפאָרן פון אוקראַינע“.

כ'האָב אין אַ פּאָר ווערטער דערציילט, ווי איך קום קיין פּראָסקוראָוו.

— „און ווייסט איר שוין, וואָס איז ביי אונז געווען?“

— „כ'ווייס“, האָב איך שטיל געענטפערט.

— „ניין, איר ווייסט ניט“, האָט אויסגערופן גרינפעלד. „לאָזט, כ'וועל אייך דערציילן“...

און ער האָט אָנגעהויבן — צוזאַמען מיט זיין יעחוייל צוגעקומענע פּרוי — דערציילן וועגן דער שחיטה. ער האָט דערציילט אַלץ גענוי, מיט אַלע פּרטים, מיטן אויסדרוק פון אַ קראַנקען, וואָס קראַצט מיט שפּיציגע נעגל אין זיינע אייטערנדע וואונדען... כ'וועל ניט איבערגעבן זיין ערציילונג: כ'וואָלט דאָס ניט געווען אימשטאַנד, און ס'וואָלט געווען אויך צו גרויזאַם.

נאָכמיטאָג האָב איך לויטן פאַרשלאַג — אָדער, ריכטיגער, פאַרלאַנג — פונם זעלבען ד״ר גרינפעלד, געהאַט אַן אימפּראָוויזירטע זיצונג אין דער שטוב פון דעם קהלה-פּרעזיצער ד״ר ליסטער, [וועלכן כ'האָב אגב געקאָנט פון מיינער פריהערדיגער אַרבעט אינם קהלה-דעפּאַרטאַמענט פון ווילבערפאַרבס מיניסטעריום, אַלס איינעם פון די פעהיגסטע קהלה-טוער אין גאַנץ אוקראַינא] מיט עטליכע קהלה-ראַטמענער בעיקר מיטגלידער פון די לינקע פראַקציעס. די זיצונג איז געווען אַ קורצע און מען האָט זיך דערביי באַשעפטיגט ניט אויף אַזוי פיל מיטן עבר, ווי מיט דער נאָהענסטער צוקונפט. ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס סעמעסענקאָ גופא האָט מען צוגענומען, האָט די יידישע באַפעלקערונג זיך יעדן מאָמענט גערייכט אויף אַ נייעם פּאָגראָם. מען האָט מיר דערציילט, אַז ווען ניט אַ פּאָר אָרטיגע אוקראַינער מיטן באַצירקס-קאָמיסאַר ווערבאַלאַ, וואָס האָט זיך ממש מוסר נפש געווען פאַר די יידן, וואָלטן סעמעסענקאָס קאָזאַקן אין אַ פּאָר טעג שפּעטער ווידער איבערגעחזרט דעם פּאָגראָם, פיליישט אין אַ נאָך גרעסערן פאַרנעם.

— „בעיקר“, האָט זיך געקלאָגט ד״ר ליסטער, „וואונדערן מיר זיך אויפן פאַרהאַלטן זיך פון דער מאַכט. פעטלורע גופא געפינט זיך שוין כמעט צוויי וואָכן אויף אונזער וואָקזאַל, און ניט ער, ניט ווער עס איז פון זיינע אָנגעזעהענערע מיניסטאָרן האָבן ניט געפונען פאַר נויטיג זיך ווייזן אין דער שטאָט. מיר וואָלטן געוואָלט, אַז פעטלורע אַליין זאָל קומען צו אונז אין שטאָט און אָפּגעבן אַ וועלכע עס איז פייערליכע ערקלערונג, מאַכן אונז וועלכע עס איז באַרוהיגנדע צואָגן. מיר ווילן דערביי גאָרניט אַריינגיין אינם פּ אָ ל י ט י ש ן ווערט פון אַזאַ ערקלערונג און וויל אויך ניט אונטערזוכן איר א ו י פ ר י כ ט י ג ק י י ט. אין דעם מאָמענט האַנדעלט עס זיך אונז בלויז וועגן דעם, וואָס, אויסער די 1700 דערהרגעטע, פאַרמאָגן מיר אין פּראָסקוראָוו ביז 20,000 לעבעדיגע

ייִדן, וואָס וואַרטן פון טאָג צו טאָג, פון שעה צו שעה אויף אַ נייַע שחיטה. שוין די דאָזיקע וואַרטעניש אַליין, וואָס איז אויסגעגאָסן אויף אַלע פּנים'ער, קאָן ווערן פּסיכאָלאָגיש אַ סיבה פון אַ נייעם פּאָגראָם... און חוץ דעם, מיינען מיר טאַקע, אַז בעטלורע איז דער איינציקער מענטש, וועמענס וואָרט עס קאָן ווירקן אויף די דאָזיקע ברואים. לכל הפּחות איבן רוב פון זיי".

— „און וואָס איז אייער מיינונג וועגן דעם?", האָב איך געפרעגט דעם ה' גרינפעלד.

— „כ'וואָלט נאָר אונטערשטיצט דעם פאָרשלאָג פון ד"ר ליסטער. חוץ דעם איז אַ גרויסער טייל פון סעמעסענקאָ'ס סאָלדאַטן נאָך אין דער שטאָט און דאָס פאַרשטאַרקט די אַלגעמיינע אומזיכערקייט. צו מיר אַליין קומען היילן די צוויי סאָלדאַטן, אין וועלכע כ'דערקען אַקטיווע טיילנעמער פון דער שחיטה. כ'זאָג זיי ניט אָפּצוזאָגן, אָבער שטעלט זיך פאָר די ערקייט מיין לאַגע"...

כ'האָב דערקלערט די פאַרזאַמעלטע, אַז כ'האָב איצט ניט קיין שום דירעקטן מגע ומשא מיט וועלכע ס'איז מיטגלידער פון דער דירעקטאָריע. קראַסני וועל איך אָבער זעהן און אים דעם דאָזיקן וואונש איבערגעבן: כ'וועל אפילו פרובן איינווירקן אויף אים, ער זאָל אונטערנעמען אַ וועלכען ס'איז ענערגישן שריט.

אויף דעם האָט זיך די באַראַטונג פאַרענדיגט און כ'בין אַוועק אויפן וואָקזאַל.

אויפן וועג, שוין פאַרן וואָקזאַל, האָט מיך באַגעגענט אַן אומבאַקאַנטער אָפיצער, דוכט זיך אַ גאַליציאַנער. ער, זעהט אויס, האָט מיך יאָ פון ערגיץ וואו געקאָנט און אָפּגערופן ביים נאָמען:

— גייט איר פון דער שטאָט?

— „יאָ".

— „האָט איר דאָרט געזעהן אייערע ייִדן?"

— „יאָ, געזעהן".

מיין ענטפער האָט געקלונגען אומגעדולדיג און אומצופרידן: כ'האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס דער מענש וויל פון מיר.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מאָמענט און דערנאָך שטיל אַרויסגעזאָגט:

— „ווען מען קומט אין דעם פאַרשאָלטענעם פּראָסקוראָוו, שעמט מען זיך ממש צו זיין אַן אוקראַינער!!“

און איז גלייך אַוועק ווייטער. כ'ווייס עד היום ניט, ווער איז דאָס געווען.

אָט דאָס איז געווען דער ריכטיגער אויסדרוק! וואָלטן די גרויסע אוקראַינישע פירער, וואָס שטאָלצירן אַזוי שטאַרק מיט זייער סאָציאַליזם און קולטור, אַזוי געפילט די לאַגע און אַזוי זי אַרויסגעזאָגט, ווי דער דאָזיגער אומבאַקאַנטער פשוטער אָפיצער! פיליכט וואָלט דאָס אומגליק דאַן פיל קלענער געווען!

* * *

מיין צוזאָג צו די פּראָסקוראָווער האַטמענער האָב איך ערפילט בלויז אויף די העלפט. קראַסני האָב איך זייער וואונש איבערגעגעבן, אָבער זעהען ווי אויפן אַנדערן טאָג האָב איך שוין מער ניט געקאָנט.

אין דער נאַכט איז אויפן וואָקזאַל געוואָרן אַ שטיקל סומאַטאָכע. די צוגן וואָס זיינען ביי אים געשטאַנען האָבן זיך פלוצלעך אָנגעהויבן צו באַוועגן. ניט וועלנדיג, שוין אַזוי נאָהענט צו אונזער ציל, בלייבן מיט אַ מאָל אויף אַ פאַרוואָרפענעם וואָקזאַל צווישן צוויי פראָנטן, אין פולן רשות פון די רויבערישע עלעמענטן, וואָס פילן זיך אַזוי גוט אין אַזעלכע איבערבייט-פעריאָדן, — האָבן מיר, אויך אין זאַמאַן, אויף גיך געפּאַקט אונזערע פּאָר קלימעקעס און אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ פלאַטפאָרם פונם אָפגייענדן „רעגירונגס-צוג“, ניט וויסנדיג אפילו, וואוהין ער גייט. ערשט אין צוג האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז מיר פאָרן קיין קאַמענעץ.

אויף מאָרגן אין דער פריה, נאָך אַ דורכגעפרוירענע נאַכט, זיינען מיר אַרויסגעשטיגן אין יאַרמאָלינעץ, פון וואַנען עס צווייגט זיך אָפּ אַ באַן צו דער עסטרייכישער גרעניץ. דאָרט אין דער זייט פון דער הויפּט-באַן, זיינען נאָך געשטאַנען אָרטיגע „ציווילע“ צוגן.

אין צוג צווישן יאַרמאָלינעץ און הוסיאַטין, האָבן מיר ניט געזעהן קיין איין ייד... די מיטפאָרנדע פויערים האָבן זיך אָפּט אויף אונז אַרומגעקוקט, אַביסל קאָסע, אַ ביסל ערשטוינט. ס'איז אָבער אַדורך בשלום.

צו אָוונט, זיך איבערזעצנדיג אין „רוסישן“ הוסיאַטין אויף אַ פלאַטפאָרמע פון אַ מיליטערישן פראָוויאַנט-צוג, זיינען מיר אַריינגעקומען אין „עסטרייכישן“ הוסיאַטין, שוין אויף יענער זייט פון זברוטש.

XXXII. דער פענסטער קיין אייראָפּע

א הרובע שטאָט. — אויפן וועג קיין סטאַניסלאַוו. — מזרח־גאַליציען אונטער אוקראַאינישער מאַכט. — יידישע נייטראַליטעט און אירע פאָלגן. — אונגאַרישע ראַטן־מאַכט און אוקראַאינע. — די איינלאַדונג וועגן איינטרעטן אין מאַרטאָס־קאַבינעט. — מיין אָפּזאָג. — כ'פאָר אָפּ.

הוסיאַטין האָט אין געוויסע פּרטים געמאַכט כּמעט דעם זעלבן ערשטערן רושם, ווי פּראָסקוראָוו. בעת אָבער אין פּראָסקוראָוו האָט געווירקט די האַנט פונעם פּאָגראָמשטשיק, האָט אין הוסיאַטין געבושעוועט דער וועלט־קריג. בעת אין פּראָסקוראָוו זיינען די שפּורן פונעם איבער־געלעבטן קאָשמאַר געלעגן אויף די פּנים'ער, האָבן זיי אין הוסיאַטין זיך אָפּגעשפּיגלט אויף די געביידעס. אויף מיך מאַכט אָפּטמאָל אַ פאַרוואוסטעטע געביידע דעם איינדרוק פון אַ לעבעדיגער באַשעפעניש. און די געביידעס אין הוסיאַטין זיינען געווען, אויב ניט אין גאַנצן חרוב, איז לכל הפּחות — כּמעט אָהן אויסנאַם — טיף פאַרוואוסטעט. האָט, למשל, אַ שווערע גראַנאַטע אַריינגעשלאָגן אין אָרטיקן קלויסטער און דורכגעגאַנגען דורכן טורם. דער טורעם אָבער האָט זיך ניט צעשאָטן (פעסט האָט מען געבויט אין אַמאָליגע צייטן!), נאָר ווייטער געבליבן שטעהן. געהט איר פאַרביי די געביידע פון איין זייט: נישט־קשה, אַ קלויסטער, ווי פון קלויסטערלאַגע. פאַרקערעוועט איר אָבער אויף רעכטס, שטייט ער שוין פאַר אייך מיט אַ גרויסן אָפענעם בויך, דורך וועלכן עס קוקט אַ דורך דער פאַרוויכערטער ווינטער־הימל...

אויף מיינע וואַנדערונגען דורכן שטעטל האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ בערך גרעסערע געביידע, פון וועלכער ס'זיינען געבליבן בלויז טיילן פון די ווענט. — דאָס איז געווען דער אָרטיגער „הויף": הוסיאַטין איז חוץ אייער־האַנדל באַרימט געווען מיט איר חסידישן רבין.

אין הוסיאַטין, וואו פֿאַרן קריג האָבן געוואוינט עטליכע טויזנט ייִדן, זיינען געבליבן פֿון זיי בלויז אַ הונדערט נפֿשות. און אויך די זיינען געקומען ערשט אין די לעצטע חדשים. געוואוינט האָבן זיי, אין אומבאַשרייבליכער ענגשאַפֿט, אין דריי־פֿיר גאַנץ געבליבענע הייזער. אין איינעם פֿון זיי האָב איך מיט זאַטאַנען קוים באַקומען פֿאַר גוטע געלט אַן אָרט צו שלאָפֿן...

געלעבט האָט דאָס ביסל צוריקגעקומענע ייִדן פֿון האַנדל אָדער, בעסער געזאָגט, פֿון שמוגל. ניט קוקנדיק אויף די פֿייערליך פּראָקלאַמירטע פֿאַראייניקונג פֿון ביידע אוקראַינאַ'ס, האָט די גאַליצישע מאַכט געהאַלטן די גרעניץ שאַרף אָפּגעשפּאַרט אין ביידע ריכטונגען. ייִדן האָבן זיך אָבער ווי ניט איז געגעבן אַן עצה. מען האָט געפֿירט טאַבאַק, זאַלץ, שוועבעלאַך, אַ ביסל פֿוך און געהאַנדלט דערצו מיט געלטן מכל המינים. דער האַנדל איז געווען אַ גאַנץ אָרימער, אָנגעקומען איז ער מיט גרויסע כאַבאַרן און אָפֿטמאָל מיט מסירות־נפֿשות. מען האָט אָבער געהאַנדלט: אַ בריה האָט מען געהאַט?!

אַרויסקומען פֿונעם האָיִגן אָרימען נעסט איז געווען ניט אַזוי פּראָסט. קיין רעגעלמעסיגן באַן־פֿאַרקער, ווייטער אויף מערב האָט הוסיאַטין ניט געהאַט. די באַנען האָבן אָנגעהויבן גיין ערשט פֿון קאָפּיטשינצע, וואוהין מען וואָלט געמוזט פֿאָרן אַ היפּשען מעת לעת מיט אַ וואָגן. אויף צו באַנוצן זיך ווייטער מיט דער באַן וואָלט מען געמוזט האָבן ספּעציעלע גאַליצישע „פּערעפּוסקעס", וועלכע מיר האָבן ניט פֿאַרמאָגט.

צום גליק איז אָבער אויפֿן אַנדערן טאָג דורכגעפֿאָרן דורך הוסיאַטין אַ ספּעציעלער צוג מיט אַ פֿינאַנציעלער מיסיע פֿון דער דניעפּר־רעגירונג צו דעם גאַליצישן גענעראַל־סעקרעטאַריאַט אין סטאַניסלוי. אין דער מיסיע האָט זיך באַטייליגט ב. מאַרטאָס, וואָס האָט מיר פֿאַרשאַפֿט די געלעגענהייט אַריינצוקומען צוזאַמען מיט מיין „סעקרעטאַר" אין וואַגאָן.

דער „ספּעציעלער צוג" איז אייגנטליך באַשטאַנען פֿון אַ לאָקאָמאָטיוו מיט איינעם אָדער צוויי קלאַסנע וואַגאָנעס, צו וועלכע די גאַליצישע באַן־פֿאַרוואַלטונג האָט, כּדי אויסנוצן די געלעגנהייט צוגעטשעפּעט אַן אומענדליכן ווידל פֿון אָנגעלאָדענע סחורה־וואַגאָנעס. דערצו איז נאָך אין טשאַרטקאָוו צוגעקומען אַ דעפֿעקט אין לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט אונז געצוואונגען צו בלייבן דאָרט כּמעט אַ גאַנצן מעת־לעת. מיט

איין וואָרט, די נסיעה פון הוסיאַטין קיין סטאַניסלאַוו האָט ביי אונז צונויפגענומען פולע צוויי מעת-לעת: דאָס איז שוין געווען אין „אייראָפּעאישן" גאַליציען, וואָס האָט געשם'ט אויף דער דניעפּר-אוקראַינא אַלס אַ מוסטער פון אָרדנונג און פּינקטליכקייט.

אויפן וועג האָט מען מיך מיט וואַגאָנען אַ פּאָר מאָל געוואָלט אַרעסטירן, ווייל מיר האָבן ניט געהאַט קיין ערלויבעניש פונם אַטאַמאַן פּעטלורע אַריבערצוגיין די גרעניץ. מיר זיינען אָבער שוין ווי ניט איז דערפאָרן.

* * *

אין פאַרגלייך מיט די קאַנטן, וואָס מיר האָבן נאָר וואָס פאַרלאָזן, האָט סטאַניסלאַוו טאַקע געמאַכט דעם רושם פון אַן אמת'ער אייראָפּאַ. דאָ האָט מען לכל הפּחות געקאָנט קריגן פרישע אויסלענדישע בלעטער און זיך מאַכן אַ באַגריף וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אויף דער גרויסער וועלט. חוץ דעם, האָט דאָ געהערשט ניט צו פאַרגלייכן מער אָרדנונג און זיכערקייט. אין פאַרגלייך צו דער גרויס-אוקראַאינישער „פּעטליוראָווטשטשינע", האָט די מזרח-גאַליצישע רעגירונג פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ ווירקליכע מאַכט, וואָס לאָזט זיך פילן אין יעדן ווינקעל.

דער חסרון פון דער דאָזיגער רעגירונג איז געווען, חוץ איר אַלגעמיין-רעאַקציאָנערן מהות, דאָס, וואָס זי האָט זיך שוין צו שטאַרק געלאָזט פילן. אין לאַנד האָט געהערשט שטרענגער קריגס-צושטאַנד. די אָרטיקע קאָמענדאַנטן האָבן געהאַט אַ געוואַלטיגע מאַכט. יעדער שריט פונם תושב איז קאָנטראָלירט און רעגולירט געווען. און חוץ דעם האָט ביז אין די העכערע פענסטער געהערשט אַ גרויסע קאָרופּציע. ס'איז אויך ניט קיין וואונדער: די געהעלטער זיינען געווען אַזעלכע, אַז אפילו העכערע באַאַמטע האָבן פון זיי ניט געקאָנט לעבן...

אַם מערסטען האָבן געליטן פונם דאָזיגן צושטאַנד די אָרטיגע יידן. פאָרן אויף די באַנען האָט מען ניט געטאָרט אָהן ספּעציעלע „פּערעפּוסקעס", וואָס זיינען אָנגעקומען ווי קריעת ים סוף, דער האַנדל איז געבליבן שטעקן אָדער האָט געשלייכט אויף אומלעגאַלע וועגן. בעל מלאכות האָבן אויך כמעט ניט געהאַט, וואָס צו טוען.

ניט גלענצענד איז געווען אויך דער פּאָליטישער צושטאַנד פון אידן. דער „נייטראַליטעט“ אין פויליש-אוקראַיִנישן שטרייט, וואָס האָט זיך פון ערשטן קוק געדוכט אַלס אַ גאַנץ קלוגע און אפשר אויך וויטזיכטיגע פּאָליטיק, האָט פונדעסטוועגן געבראַכט צו זעהר איינגאַרטיקע קאָמפּליקאַציעס. ס'איז זיך צונויפגעקומען אַ „נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג“, דער פּראָוויזאָרישער פאַרלאַמענט פונם לאַנד, און אידן זיינען ניט געווען אין אים פאַרטראַטן. וויכטיגע גרינדונגס-געזעצן זיינען אָנגענומען געוואָרן אָהן אידן — און אָפּט אויך, בכוון אָדער צופעליג, — קעגן אידישע אינטערעסן. געקריוודעטע אידן פון דער פּראָווינץ האָבן ניט געהאַט זיך צו ווענדן. פונם ניי-געשאַפענעם באַאַמטן-אַפּאַראַט זיינען אידן כמעט אומעטום — און ניט אָהן אַ געוויסער באַרעכטיגונג — געווען אויסגעשלאָסן: „איר זייט דאָך נייטראַל, איר אָנערקענט ניט אונזער מאַכט, קאָנט איר אויך ניט פּרעטענדירן אויף אַן אָנטייל אינם בוי פון דער מלוכה“. — אידישע קהלות, שולן, שפּיטאָלן האָבן ניט געקאָנט דערגרייכן קיין קלענסטע מלוכה-אונטערשטיצונג. די גאַליצישע נאַציאָנאַלראַטן זיינען געווען נאָך מער נעבעכדיגע ערשיינונגען, ווי די בשעתו אָהן שטייערן געשאַפענע אוקראַיִנישע קהלות. ועל כולם האָט מען אין פּראָוויזאָרישן פאַרלאַמענט געהאַלטן באַם ערלעדיגן אַ וואַל-געזעץ צו דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, און די וואַלן זיינען געשטאַנען ממש פאַר דער נאָז. וואָס זאָל מען ביי דער דאָזיגער סיטואַציע טוען: באָיקאָטירן די וואַלן? גייט דען דאָס ניט אַרויס פון די ראַמען פון נייטראַליטעט? און וואָס וועט פון דעם דערנאָך אַרויסקומען? פרייוויליגע רעכטלאָזיקייט איז ניט פיל בעסער פון אויפגעצוואונגענער, און חוץ דעם: רעכט, פון וועלכע מען זאָגט זיך איינמאָל אָפּ, קאָן מען שוין אַ צווייטן מאָל ניט דערגרייכן.

אונטער דעם דרוק פון דער דאָזיגער מאָדנע סיטואַציע האָט זיך אין דער מזרח-גאַליצישער פועלי-ציון פאַרטיי, בפרט אונטערן איינפלוס פון גאָלדעלמאַן, וואָס איז געקומען קיין סטאַניסלוי מיט אַ דריי וואָכן פריהער פאַר מיר, געבילדעט אַ שטאַרקע שטימונג קעגן דער נייטראַליטעטס-פּאָליטיק און פאַרן אָנערקענען די מאַכט אינם זעלבן זין, אין וועלכן מיר אנערקענען בירגערליכע רעגירונגען פון יעדן לאַנד. אַן ענליכע שטימונג האָט געהערשט אויך אין אַ באַדייטענדן טייל פון דער ציוניסטישער פאַרטיי, בפרט צווישן אירע מער דעמאָקראַטישע קרייזן. דער אָנגעזעהענ-

סטער רעפּרעזענטאַנט פון דער דאָזיגער פּאָליטישער ריכטונג איז געווען ד״ר ישראל וואַלדמאַן, וועלכער האָט טאַקע מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער אָנגענומען, דורכט זיך אויף אייגענע אחריות (לכל הפּחות — פאָרמעל), דעם פּאָסטן פון יידישן „רעצערגאַט“, וואָס האָט געזאָלט דערנאָך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מין אידישן מיניסטעריום. מיט אים איז מיר אויסגעקומען פיל מאָל צו שמועסן וועגן דעם איבערמאָגטן פּראָבלעם.

ווער ווייס, צו וואָס דער דאָזיגער משונה׳דיגער גאָרדיוס-פּלאָנטער וואָלט געבראַכט, ווען ער וואָלט ניט מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער צוהאַקט געוואָרן דורכן אָנגריף פון האַלערס אַרמיי...

* * *

אין אַ וואָך נאָך מיין אָנקומען קיין סטאַניסלאוו איז דערהאַלטן געווען אַ ידיעה וועגן דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש אין אונגאַרן. די ידיעה האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. נאָך דעם זעלבן אבענד, זיצנדיק מיט נאַזאַרוק׳ן בײַ אַ פּאַרטיע שאַך, האָב איך צו אים אַ זאָג געטאָן:

— אָט איצט האָט איר אַ געלעגנהייט אויסצובעסערן אַ סך פון די פריער געמאַכטע פעלערן!

— ווי אַזוי?

— די איבערקערעניש אין אונגאַרן שאַפט אַ נייע סיטואַציע. די ראַטן-מאַכט קאָן איצט ניט וואַרטן, ביז זי וועט מיליטעריש דורכדרינגען גאַנץ אוקראַינא ביז צו דער אונגאַרישער גרעניץ: עס קאָן ווערן צו שפּעט. פונם לעבן אָדער טויט פון דער אונגאַרישער ראַטן-רעפּובליק הייגנט אָבער איצט אָפּ דער גורל פון דער רעוואָלוציע אין אייראָפּא. מיר שיינט, אַז, כּדי צו האָבן אַ דירעקטע מיליטערישע פאַרבינדונג מיט אונגאַרן, ד. ה. כּדי צו האָבן אַ פּריוויליגירטע פאַרבינדעטע אוקראַינא, וועט איצט די מאָסקווער רעגירונג גיין אויף הנחות, וועלכע זי וואָלט ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק אָפּגעוואָרפן. עס גלויבט זיך, אַז זי וואָלט איצט זיך גערעכנט ניט נאָר מיט אייערע וואונשן, נאָר אויך מיט די סאָציאַל-עקאָנאָמישע אייגנאַרטיגקייטן פון אוקראַינא. און איר מוזט זיך אויך כאַפּן פאַר דער געלעגנהייט אַפילו פון ריין-נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט: סוף כּל סוף וועט איר אויף צוויי פראָנטן ניט קאָנען קעמפן, און וועט איר ניט האָבן די באַל=

שעוויקעס אַלס פֿאַרבינדעטע, ווען די פּאָליאַקן מיט אַ חודש פֿריער אָדער שפּעטער דאָך פֿאַרנעמען מזרח־גאַליציען...

— ס'איז אַ געדאַנק, — האָט געזאָגט נאַזאַרוק. — אָבער קאָנען מיר דען אין מזרח־גאַליציען זיך צונויפֿריידן מיט די באָלשעוויקעס?

— שטעלט זיך פֿאָר, וואָס פֿאַר אַ גראַנדיעזע היסטאָרישע ראָליע וואָלט איר געקאָנט איצט שפּילן! גיט נאָר אַ קוק אויף די קאַרטע. פֿון הינטן דאָס גרויסע רוסלאַנד, שטאַרק מיט איר אומענדליכן רוים און עלע־מענטאַרער ווידערשטאַנדס־קראַפֿט; אין מיטן — אַלס איבערגאַנגס־געביט צו איראָפּא — אוקראַינע מיט איר ברויט און קוילן; און ווייטער — אונ־גאַרן, ווי אַ שפּיציגער קאַמפּס־צאָן, וואָס שניידט זיך אַריין אין האַרץ פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער איראָפּא. גלויבט איר, אַז קעגן אַזאַ קראַפֿט־קאָמבינאַציע וועט רומעניען זיך קענען האַלטן? מיינט איר ניט, אַז די מיליטערישע קראַפֿט פֿון אַזאַ מלוכה־בונד וואָלט געגעבן די מעגליכקייט אויסהאַלטן די שווערע צייט פֿון די ערשטע אומגעלונגענע סאָציאַלע נסיונות?...

נאַזאַרוק האָט געקוקט אויף מיר, זיך אָנצינדענדיג אויף אַ מאָמענט מיט מיין באַגייסטערונג.

איבערגעבענדיג דעם דאָזיקן שמועס מיט פֿיר יאָרן שפּעטער, ריזי־קיר איך אויסצוקוקן אין די אויגן פֿונם לעזער אַלס אַ נאַאיווער, לייכט־זיניגער פֿאַנטאַזיאָר. דאָך טוע איך דאָס... נאָך מער: טראַכט זיך, וואָס איר ווילט, אָבער כ'בין אויך איצט זיכער, אַז ס'איז ד ע מ א ָ ל ט ניט גע־ווען אַ לחלוטין גרונטלאָזע פֿאַנטאַזיע. כ'שפּיל אַ מאָל שאַך, און איך ווייס, אַז איין גוטער צוג פֿון אַ קליינעם פּוער קאָן אַ מאָל ראַדיקאַל ענדערן די גאַנצע סיטואַציע און ברענגען צו אַ גאַנץ אַנדערן אויסגאַנג פֿון דער פּאַרטיי. היסטאָרישע נויטווענדיגקייט? איבערטרייבט ניט! פֿאַרוואַנדעלט ניט היסטאָרישן מאַטעריאַליזם אין בלינדן פֿאַטאַליזם, טרייבט ניט אַרויס דעם מענשליכן ווילן פֿון דער געשיכטע...

איין ערווידערונג אַקצעפּטיר איך. סוף מאַרט 1919 וואָלט דאָס שוין אַלץ געווען צו שפּעט. דעצעמבער 1918 וואָלט אָבער אַ באָלשע־וויסטיש־אוקראַינישער בונד נאָך געווען פּסיכאָלאָגיש־מעגליך. דאַן וואָלט זיך אויך די אידישע לאַגע אַנדערש צונויפֿגעשטעלט. אָט ד א ָ ס איז געווען דער צוג פֿונם פּוער, וואָס איז ניט געטאָן געוואָרן...

אין עטליכע טעג אַרום באַגעגנט מיך נאַזאַרוק און רופט מיך אָפּ אין אַ זייט:

— ס'איז אינטערעסאַנט, וואָס וויניטשענקאָ איז אומאָפּהענגיג פון אייך געקומען צום זעלבן געדאַנק. ער איז איצט אין בודאַפּעסט און פירט פאַרהאַנדלונגען מיטן אונגאַרישן „סאָוונאַרקאָם“ וועגן אַ פאַרמיט־לונג אינם באָלשעוויסטיש־אוקראַינישן שטרייט.

ווי ס'איז באַקאַנט, איז פון די דאָזיגע פאַרהאַנדלונגען, וואָס האָבן געבראַכט אַפילו צו דער נסיעה פונם באַוואוסטן שווייצערישן קאָמוניסט פּ ל אַ ט ע ן קיין רוסלאַנד, סוף כל סוף גאָרניט אַרויסגעקומען. כ'מיין אַז די עיקר'דיגע סיבה פונם דאָזיגן ניט־ערפאָלג איז געווען די, וואָס ווי־ניטשענקאָ און זיין שיטה זיינען צו יענער צייט שוין ניט געווען קיין ממשות'דיגע פּאָליטישע קראַפט. די כאַרקאָווער האַלב־רוסישע ראַטן פון איין זייט, די פּעטלוראָוושטשינע פון דער אַנדערער: די צווישנדיגע כחות זיינען שוין געווען צוריבן...

* * *

אַן אַנדער אָפּוועקסלונג אין די פּאָר גאַנץ איינטאָניגע סטאַניסלויער וואָכן האָט געבראַכט דאָס אָנקומען פונם אוקראַינישן ס. ד. מאַרטשענקאָ, וואָס האָט באַקומען פונם נייעם פּרעמיער מאַרטאָס (ראָוונער פּעריאָד) דעם אויפטראָג איינצולאַדן אין זיין קאַבינעט עטליכע טוער, וואָס זיינען צו יענער צייט געווען אין סטאַניסלוי. צווישן אַנדערע האָט ער מיר פאָרגעשלאָגן אַריינטרעטן אין די רעגירונג אַלס געהילפס־מיניסטער פון פאָלקס־ווירטשאַפט. ס'איז פאַר מיר קיין איין סעקונדע ניט געווען קיין ספק, אַז מען מוז דעם פאָרשלאַג אָפּוואַרפן. ביי דער געלעגנהייט איז אָבער פאָרגעקומען — טיילווייז אין אָנוועזנהייט פון גאָלדעלמאַנען, — אַ טשיקאַווער קליינער שמועס, וועלכן ס'איז כדאי דאָ איבערצוגעבן:

— אין וואָס באַשטייט די עיקרדיגע פּראָגראַם פון דער רעגירונג?

— איר הויפּטבאַשטרעבונג איז צו מאַכן שלום מיט די באָלשע־וויקעס.

— און וועט זי באמת האָבן פולע מאַכט דאָס צו טון? וועלן די אַטאַמאַנען איר פאָלגן? וועט פּעטליורע ניט שטערן?

— פּעטלורע האָט געגעבן דאָס וואָרט זיך באַשרענקען בלויז מיט מיליטערישע ענינים און איבערלאָזן די פּאָליטיק לגמרי דעם מיניסטאָרן-קאַבינעט.

כ׳האָב אַ שמייכל געטאָן.

— און וואָס רעכנט מאַרטאָס צו טון מיטן יידישן מיניסטעריום ? — האָב איך ווייטער געפּרעגט.

— דאָס מיניסטעריום, נאַטירליך, בלייבט. אַלס מיניסטער בלייבט קראַסני : ער איז באַליבט אין דער יידישער קהלה.

וואָס פאַר אַ קהלה האָט מאַרטשענקאָ געמיינט, ווייס איך ניט. מן הסתם, די ראָווגער.

נאָכדעם, ווי כ׳האָב געשטעלט נאָך אַ פּאָר פראַגן, האָב איך ענדליך געזאָגט :

— איינגעטליך איז דער גאַנצער שמועס געווען מער צוליב נייגעריגקייט. ביי דער פּאָזיציע, אויף וועלכער עס שטייט די פּועלי-ציוניסטישע פּאַרטיי, קאָן זי אין די רעגירונג ניט גיין. ס׳איז אָבער האָ אַ פאָדערונג, ביי דער באַפרידיגונג פון וועלכער וואָלטן מיר דעם שלום-ווילן פון דער מאַרטאָס-רעגירונג גענומען ערנסט. אָבער אויך דעמאָלט וואָלט איך פּערזענליך ניט אַריין אין די רעגירונג. כ׳וואָלט דאַן העכסטנס, אויב מען זאָל מיר אויסקלויבן, פאַרנומען אפשר אַן אָרט אין דער שלום-דעלעגאַציע.

— און אין וואָס באַשטייט די דאָזיגע פאָדערונג ? — האָט געפּרעגט מאַרטשענקאָ.

— די דירעקטאָריע, אַלס אינסטיטוט, זאָל בטל ווערן. פּעטלורע זאָל אַוועקגיין, אַוועקגיין לחלוטין פון יעדן פּאָסטן און יעדן אַמט. אַם בעסטן זאָל ער אַרויספאָרן פון אוקראַינאַ. ערשט דעמאָלט וועט מען זיך קאָנען ערנסט רעכענען מיט דער נייער רעגירונג...

מאַרטשענקאָ האָט מיך אָנגעקוקט, ווי אַ מענטש, וואָס קומט פון דער לבנה, און האָבנדיג-לאָז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט : ס׳איז ניטאָ הייסט עס, וועגן וואָס צו רעדן.

דערמיט האָט זיך אונזער שמועס פאַרענדיגט. גאָלדעלמאַן, וואָס איז געזעסן דערביי, האָט מיין האַלטונג פּולשטענדיג געביליגט...

* * *

בערך אין דערזעלבער צייט איז אָנגעקומען אַ ידיעה וועגן דעם, אַז גרינאַריעוויטש אַרמיע איז אַריין אין ארעס, און אַז די שטאָלצע פראַגער צווייטע אַרמיי, וועגן וועלכער פריידענבערג האָט דערציילט מיט אַזאַ זיכערקייט, איז אַרויסגעשטופּט געוואָרן פונם „צווייטן סאַלאָניקי״. בשעת מעשה האָב איך אויף אַ מאָמענט באַדויערט, וואָס כ׳בין אָפּגעפאָרן פון דאָרט, אָבער דערנאָך האָט די שטרעבונג צום ענדציל פון מיין רייזע אויפגעוואַכט מיט אַ נייער קראַפט.

ענדליך איז געקומען די געלעגנהייט צו פאָרן ווייטער. גלייכצייטיג איז געפאָרן דער אַלטער גרושעווסקי מיט דער פרוי און דער געוועזענער קריגס־מיניסטער זשוקאָווסקי. מיר האָבן באַשלאָסן בילדן צוזאַמען אַ קאָמפּאַניע ביז פּראַג.

מיט אַ טאָג פאַרן אָפּפאָר בין איך אַריין צו גאָלדעלמאַנען:

— הערט, גאָלדעלמאַן, און טאָמער וואָלט געווען אַ פּלאַן איר זאָלט דאָך מיטפאָרן?

— וואוהין זאָל איך דען מיטפאָרן?

— קומט צוזאַמען קיין ארץ ישראל! אַלס אַ מענש מיט וויסן און פעהיקייטן, וועט איר דאָרט ברענגען נוצן. און חוץ דעם האָב איך, אָפן גערעדט, מורא אַז איר וועט דאָ אַליין דורך אייער טעמפּעראַמענט און סימפּאַטיען זיך אַריינלאָזן אין אַ פּאָליטיק, וואָס וועט זיין אין סתירה צו אונזערע ביז אַהעריגע האַנדלונגען.

גאָלדעלמאַן האָט אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט:

— איר זייט אפשר גערעכט, אָבער כ׳קאָן גאָרניט מאַכן. קודם כל מוז איך אַרויסנעמען מיין פרוי וואָס איז געבליבן אין וויניצע. איר האָט דאָך געהערט, אַז די סיטשעוויקעס זייגען ווידער צוגענאַגגען אַהין. ווי נאָר זיי וועלן אַריין קיין וויניצע, פאָר איך אַהין נאָך דער פרוי. און דערנאָך וועלן מיר זעהן...

מיר האָבן זיך געזעגנט.

* *
*

אויפן אַנדערן טאָג אַ ויינער סוף נאָכמיטאָג האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג. בייטאָכט איז ארויסגעקומען, — כ׳געדענק שוין ניט, צוליב וואָס — זיך אָפּשטעלן און איבערנעכטיגן אין סטרי. ערשט אויפן אַנ־

דערן טאָג זיינען מיר געפאָרן ווייטער. ניט ווייט פון סאַמבאָר האָבן מיר ווידער געהערט, נאָך אַ לאַנגער צייט, אַ שיסעריי פון האַרמאַטן: דער פוילישער פראָנט האָט זיך דאָ געצויגן פּאַראַלעל מיט דער באַן, בלויז 13—15 קילאָמעטער פון איר.

נאָך מיטער-נאַכט זיינען מיר צוגעפאָרן צום באַרג-פּאַס אוזשאָק, אַ נאָמען, וואָס איז אַזוי באַקאַנט געוואָרן בעת דעם וועלט-קריג. ס'איז געווען אַ ליכטיגע נאַכט, און די פּלאַטשיגע קעפּ פון די קאַרפּאַטן, וואָס זיינען דאָ ניט באַדעקט מיט וואַלד, האָבן זיך געצויגן פאַר אונז, ניט פיל העכער פון אונזער האָריזאָנט. די אַפּריל-זון האָט שוין אַראָפּגענומען דעם שניי פון די בערג, און זייער נאַקעטער אויסזעהן האָט מיר ביים שיין פון דער לבנה פלוצלינג שטאַרק דערמאָנט אַ באַקאַנטע לאַנדשאַפט. כ'האָב זיך שאַרפער אַריינגעקוקט און מיט אַ מאָל איז ווי אַ בליץ דורכגעפלויגן: אַזוי האָבן אויסגעקוקט די בערג פון יהודה, געזעהן פון אַ שפּיץ-באַרג ביי מוצא, אַזוי האָבן זיי זיך אַריינגעקריצט אין מיין קינדערשן מח מיט פילע יאָרן צוריק.

דעם ברענענדן שטערן צום קאַלטן פענסטער-גלאָז צוגעפּרעסט, האָב איך געקוקט אויף די אַרומיגע בערג. די געדאַנקען זיינען אָבער געווען פיל, פיל ווייטער. בילדער, האַלב פאַרגעסענע, האָבן זיך לעבעדיג געשטעלט פאַר די אויגן — איינס נאָך דעם אַנדערן. דער טרוים פון פאַרגאַנגענהייט איז מיר ערשינען אַלס ווירקליכקייט, די נאָר וואָס איבער-געלעבטע ווירקליכקייט אַלס אַ בייזער פאַרגאַנגענער טרוים...

אונזער צוג איז צוגעפאָרן צו דער טשעכישער גרענעץ...

בײַלאַגע

א׳ פּועלי־ציון װעגן דער אוקראַיִנישער מלוכה־פּאָליטיק *)

I אױסערליכע פּאָליטיק.

אַלגעמײנער ציל. די אױסערליכע פּאָליטיק פֿון אוקראַיִנע דאַרף שטרעבן צו פֿרידליכע און גוט־שכנותדיגע באַציהונגען מיט אַלע שכנותדיגע פֿעלקער און צו אַ פֿרײנטליכן קאָנטאַקט מיט די מלוכות װאו די מאַכט איז אין די הענט פֿון דער אַרבעטס־דעמאָקראַטיע.

זעלבשטענדיגקײט. אין איצטיגן מאָמענט האָט ניט די אוקראַיִנישע מלוכה קײן אַנדער אױסװעג, אױסער אַ זעלבשטענדיגער מלוכה־בױאונג. בײַ דער ענדערונג אָבער פֿון די אױסערליך־פּאָליטישע באַציהונגען, ד. ה. בײַ דעם איבערגאַנג פֿון דער מאַכט אין די שכנותדיגע מלוכות אין די הענט פֿון דער אַרבעטס־דעמאָקראַטיע, װעלן מיר האַלטן פֿאַר געװאונשן צו שאַפֿן מיט זײ אַ קאָנפֿעדעראַציע, װאָס זאָל אַרומנעמען אַ װאָס גרעסערע צאָל פֿון זעלבשטענדיגע מלוכות.

*) די דאָזיגע טעזיסן שטעלן פֿאָר מיט זיך די אַלגעמײנע פּאָליטישע ליניען, אױף גרונד פֿון װעלכע די פּועלי־ציוניסטישע פּאַרטײ איז אַרײַנגעטראָטן אין טשעכאָװסקיס רעגירונג. זײ זײנען צונױפֿגעשטעלט געװאָרן אַלס אַן ענטפֿער אױף אַן אָנפֿראַגע פֿונם פּרעמיער צו פֿאַרשײדענע פּאָליטישע פּאַרטײען (זעה קאַפּ. 9). בײַ מיר איז געבליבן בלױז דער ערשטער (שװאַרצער) עקזעמפּלאַר פֿון די דאָזיגע התחלטות, װעלכע זײנען איבערגעגעבן געװאָרן דער רעגירונג ניט אין שריפֿטליכער, נאָר אין מינדליכער פֿאָרם. כ׳דרוק זײ איבער אין פֿולשטענדיגן טעקסט, אַלס אַ דאָקומענט, װאָס כאַראַקטעריזירט בולט די דעמאָלסטיגע פּאָליטישע לאַגע און אונזער שטעלונג צו איר.

סאָוועט-רוסלאַנד. אַ פאַרשטענדיגונג אויפן יסוד פון נאָרמאַלן סחורה-אויסטויש און אויפשטעלונג פון פריינטליכע דיפּלאָמאַטישע באַציהונגען. אוקראַינע דאַרף ניט דערלאָזן, אַז איר טעריטאָריע זאָל באַנוצט ווערן אַלס אַ באַזע פאַר אָפּעראַציע קעגן סאָוועט-רוסלאַנד.

איבעריגע טיילן פונם געוועזענעם רוסלאַנד — דאָן, קובאַן, סיביר א. א. וו. — אויפשטעלונג פון האַנדלס-באַציהונגען. עס טאָרן ניט געמאַכט ווערן מיט זיי קיין שום אָפּמאַכן, וואָס זאָלן געריכטעט זיין קעגן אַנדערע מלוכות.

פּוילן. אוקראַינע פאַרלאַנגט, אַז דער גורל פון די שטרייטיגע טעריטאָריעס זאָל אַנטשיידן ווערן לויטן פּרינציפּ פון זעלבסט-באַשטימונג פון זייער באַפעלקערונג — מיט דער הילף פון אַ רעפערענדום. בעת דעם רעפערענדום דאַרפן די דאָזיגע טעריטאָריעס עוואַקואירט זיין פונם מיליטער פון ביידע צדדים.

מזרח-גאַליציען. אויב די מערהייט פון דער באַפעלקערונג אין מזרח-גאַליציען וועט אויסדריקן דעם ווּנש פאַראייניגט צו זיין צו אוקראַינע, דאַרף אַזאַ פאַראייניגונג באַטראַכט ווערן אַלס זעהר געוואונשן.

אַנטאַנט. אוקראַינע פאַרלאַנגט פון דער אַנטאַנט די צולאָזונג פון אַ נאָרמאַלן סחורה-אויסטויש סיי מיט אירע לענדער, סיי מיט אַלע אַנדערע מלוכות. מיט אַלע כחות און מיטלען מוז געשטרעבט ווערן דערצו, אַז אוקראַינע זאָל ניט באַנוצט ווערן מצד דער אַנטאַנט, אַלס אַ באַזע פאַר מיליטערישע אָפּעראַציעס קעגן וועלכן עס איז אַנדערן לאַנד.

II אינערליכע פּאָליטיק.

די קוועלע פון מאַכט. אַלס נאָרמאַלע און שטענדיגע קוועלע פון מאַכט באַטראַכטן מיר אַ פּאַרלאַמענט וואָס ווערט אויסגעקליבן אויפן יסוד פון דעמאָקראַטישן וואַלרעכט. אינם איבערגאַנגס-פּעריאָד איז די קוועלע פון מאַכט דער אַרבעטס-קאָנגרעס, וואָס ווערט אויסגעקליבן דורך פאָרשטייער פון אַרבעטער און פּויערים. די סאָלדאַטן, אַלס אַן עלעמענט, וואָס בילדעט ניט קיין באַזונדער קלאַס באַטייליגן זיך אין די וואַלן אין זייערע גאַרניזאָנען — מיט די אַרבעטער אָדער די פּויערים.

פאָרם און כאַראַקטער פון דער מאַכט. ביז צו דעם צונויפקומען זיך פונם אַרבעטס-קאָנגרעס ווערט דאָס לאַנד אָנגעפירט דורכן קאַבינעט פון פאָלקס-מיניסטאָרן, וואָס איז צונויפגעבונדן דורך אַן איינהייטליכער פּראָגראַם. די מאַכט דאַרף זיין אַ סאָציאַליסטישע און אַ שטאַרקע. חוץ אוקראַינער דאַרפן אין קאַבינעט זיך באַטייליגן אויך סאָציאַליסטן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אויפן יסוד פון אַ געמיינזאַמער פּלאַטפאָרם.

פּראָגראַם פון דער מאַכט. די רעגירונג דאַרף אין דער ערשטער ריי דורכפירן סאָציאַלע רעפאָרמען, סיי אין דאָרף, סיי אין שטאָט:

נאַציאָנאַליזאַציע. מען דאַרף תיכּף=ומיד צוטרעטן צו דער נאַציאָנאַליזאַציע פון די ווירטשאַפטס=צווייגן, וואָס זיינען שוין דערצו אנגערייפט, דאָס הייסט, באַנקן, בערג=בוי, צוקער=אינדוסטריע און צו דער מוניציפּאַליזאַציע פון גרויסע שטאָטישע אונטערנעמונגען, וואָס געהערן איצט צו אַקציען=געזעלשאַפטן. גלייכצייטיג דאַרף די מלאכה צוטרעטן אין ברייטסטען מאַסשטאַב צו זעלבשטענדיגער אויפבויטעטיקייט, אויפן יסוד פון מלוכה=קאַפּיטאַליזם, וואָס זאָל האָבן דעם צוועק אויפצושטעלן די פּראָדוקטיווע כּחות פונם לאַנד די מערסטע אויפמערקזאַמקייט דאַרף געלייגט ווערן אויפן בוי פון לאַנדווירטשאַפטליכע מאַשינען, לאָקאָמאָטיוון, אינדוסטריעלע געביידעס און וואוין=הייזער.

סאָציאַליזאַציע. אויף וויפיל אונטער סאָציאַליזאַציע ווערט פאַרשטאַנען דער איבערגאַנג פון אונטערנעמונגען און אויסשליסליכן רשות פון זייער איצטיגער אַרבעטערשאַפט — האַלטן מיר זי פאַר פריצייטיג.

קאָנטראָל. אַלע אונטערנעמונגען וואָס ווערן ניט נאַציאָנאַליזירט, געפינען זיך אונטער אַ שטרענגן מלוכה=קאָנטראָל, וואָס זאָל אין דער ערשטער ריי זאָרגן פאַרן וואוקס פון דער אַרבעטס=פּראָדוקטיוויטעט, דער הויבונג פון זייער טעכנישער זייט און דער באַשרענקונג פון די רווחים. אינם מלוכה=קאָנטראָל דאַרפן באַטייליגט ווערן פאָרשטייער פון די באַשעפטיגטע אין די באַטרעפנדע ווירטשאַפטס=צווייגן.

אונטער דעמזעלבן קאָנטראָל דאַרף זיך אויך געפינען דער אויסערליכער האַנדל (מלוכה=מאָנאָפּאָליע).

נאַציאָנאַלע פּאָליטיק. די פאַרווירקליכונג פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע מיט דער הילף פון מלוכה=מיטלען. די אויפשטעלונג פון אַלע נאַציאָנאַלע מיניסטעריומס. אַנטשפּרעכענדע באַטייליגונג פון פאָרשטייער פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין דער אַדמיניסטראַציעס פון די געגנטן און שטעט, וואו זיי בילדן אַ באַדייטנדן טייל פון דער באַפעלקערונג.

ב׳ פּראָגראַם־אויפֿרוף פֿון יידישן מיניסטעריום

די כוואַליעס פֿונעם שטורמישן פֿאָלקס־צאָרן האָבן אַראָפּגעשווענקט די רעגירונג פֿונעם העטמאַן און אַ סוף געמאַכט צו דער רעאַקציאָנערער שליטה פֿון פּריצים און קאַפּיטאַליסטן. די אַרבעטנדע קלאַסן פֿון אוקראַיִנע האָבן ווידער די מאַכט אין די הענט. זיי וועלן זי אויסנוצן, כּדי צו שאַפֿן אַ נייע געזעלשאַפֿט, כּדי ענדגילטיג צערייסן די קייטן, וואָס פֿאַרקנעכטן די אַרבעטנדע מענשהייט.

צוזאַמען מיט דער אוקראַיִנישער רעוואָלוציע איז געקומען צו מאַכט די יידישע רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע. די נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע וואָס איז אָפּגעשאַפֿט געוואָרן דורכן העטמאַן איז צוריק אויפֿגעשטעלט. דאָס מיניסטעריום פֿאַר יידישע ענינים לעבט ווידער. פֿון איצט אָן האָט דאָס יידישע פֿאָלק אויף אוקראַיִנע די מיגליכקייט צו פֿאַרווירקליכן דאָס פֿולע רעכט אויף זיין שפּראַך און קולטור, אויף אַן אויטאָנאָמער איינאָרדענונג פֿון זיין אינעווייניגסטן לעבן.

איבערנעמענדיג אויף זיך דעם שווערן אחריותדיגן חוב אויפֿצושטעלן דעם בנין פֿון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, דערקלערט דערמיט דאָס מיניסטעריום פֿאַר יידישע ענינים דעם יידישן פֿאָלק אויף אוקראַיִנע, אַז אין זיין טעטיגקייט וועט עס זיך קודם־כּל רעכענען מיט די אינטערעסן פֿון די ברייטע יידישע מאַסן און מיט די אידעאַלן פֿון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע.

האַלטנדיג, אַז די יידישע אויטאָנאָמיע קאָן געבויט און באַפֿעסטיגט ווערן בלויז אויפֿן דעמאָקראַטישן וועג, דערקלערן מיר, אַז די העכסטע אַנשטאַלט פֿון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע איז די יידישע גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג. זי וועט פֿון אונז צונויפֿרופֿן גלייך נאָך דעם, ווי ס׳וועט צונויפֿגעשטעלט ווערן דער נאַציאָנאַלער קאַדאַסטער.

אַלס אָרטיגע אָרגאַנען פֿון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע באַטראַכטן מיר די דעמאָקראַטיש אויסגעוויילטע קהלות. מיר וועלן אָננעמען מיטלען, כּדי דורכצופֿירן אין דער נאָהענטסטער צייט געזעצן, וואָס זאָלן באַפֿעסטיגן זייער יורידישן באָדן און שאַפֿן אונטער זיי אַ זיכערן פֿינאַנציעלן יסוד. היות אָבער ווי די איצטיגע קהלה־ראַטן, וואָס זיינען אויס־

געקליבן געוואָרן בײַ אַנדערע פּאָליטישע באַדינגונגען אַנטשפּרעכן שוין מער ניט די שטימונגען פֿון די ברייטע מאַסן, וועלן במשך די נאָהענסטע חדשים באַשטימט ווערן נײַע וואַלן אויפֿן יסוד פֿונעם דעמאָקראַטישן וואַל-רעכט.

כּל-זמן די גרינדונגס-פֿאַרזאַמלונג וועט זיך ניט צונויפֿקומען, וועט דאָס מיניסטעריום בויען הײַנט דעם גרויסן בנין פֿון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אויף די יסודות פֿון וועלטלעכקייט און יידישער שפּראַך.

קודם-כּל וועלן מיר שאַפֿן אַ ברייטע נעץ פֿון יידישע פֿאָלקס-שולן און מיטל-שולן, קינדער-גערטנער, אָוונט-קורסן, טעכנישע שולן און פּראָ-פֿעסיאָנעלע קורסן, פֿרעבל-שולן און לערער-סעמינאַרן און באַזאָרגן די אַלע שולן, ווי אויך די ברייטע יידישע מאַסן מיט לערן-ביכער און ליטע-ראַטור.

גלײַכצײַטיק שטעלן מיר אונדז די אויפֿגאַבע צו קרוינען די געבײַדע פֿון דער יידישער פֿאָלקס-בילדונג דורך דער גרינדונג פֿון אַן יידישן אוני-ווערסיטעט.

מיר וועלן אויפֿשטעלן די יידישע אַנשטאַלטן, וואָס געפֿינען זיך אינעם ערגסטן צושטאַנד און אַרײַנגעבן אין זיי אַ נײַעם דעמאָקראַטישן גייסט.

מיר וועלן העלפֿן צו אַנטוויקלען אַ ברייטע טעטיקייט אויף די גע-ביטן פֿון סאָציאַלער פֿאַרזאָרגונג און מעדיציניש-סאַניטאַרישער הילף. מיר וועלן אויך שטיצן אַלע אײַנריכטונגען, וואָס וועלן זיך שטעלן דעם צוועק צו רעגולירן די יידישע עמיגראַציע און ריכטן זי אויף געזונטערע וועגן.

מיר שטייען אויף דער וואַך פֿון פֿולער יידישער גלײַכבאַרעכטיגונג און שטרעבן דערצו, אַז זי זאָל שטרענג פֿאַרווירקלעכט ווערן אין אַלע מדרגות פֿון מלוכהדיקן לעבן. מיר וועלן אונדז באַמיען צו באַוואָרענען די עפֿנטלעכע רעכט פֿון דער יידישער שפּראַך און זיכערן דער יידישער דעמאָקראַטיע דעם געהעריקן אָנטייל אין דער אַדמיניסטראַציע פֿון יענע פּונקטן, וואו יידן בילדן אַ באַדײַטנדן טייל פֿון דער אַלגעמיינער באַ-פֿעלקערונג.

מיר וועלן פֿעסט באַשטייען אויף דעם, אַז קיין שום אַמט און קיין שום עפֿנטלעכע אַנשטאַלטן זאָלן ניט פֿאַרמאַכט ווערן פֿאַר יידן אַלס אַזעלכע. מיר וועלן שטרעבן דערצו, אַז בײַ דער דורכפֿירונג פֿון די ברייטע סאָציאַלע רעפֿאָרמען, וואָס זײַנען איצט אַ נויטווענדיקייט פֿאַר דער אוקראַינישער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, זאָל פֿאַר די יידישע אָרימע מאַסן דערלײַכטערט ווערן דער איבערגאַנג צו געזונטערע און מער פּראָדוקטיווע באַשעפֿטיקונגען. מיר וועלן אויך ענערגיש פֿאַרטיידיקן די פֿולע און ווירקלעכע רעליגיעזע פֿרײַהייט פֿון דער פֿרומער יידישער באַפֿעלקערונג.

צוטרעטנדיג צו דערפילן די גרויסע היסטאָרישע מיסיע, וואָס איז אויף איס צוגעטיילט, רופט דאָס מיניסטעריום די יידישע דעמאָ־קראַטיע צו שטיצן מיט אַלע כחות דעם קאַמף פון די אוקראַינישע פויערים און אַרבעטער פאַר זייער פּאָליטישער, סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און העלפן דער אוקראַינישער פאָלקס־רעפובליק צו באַקעמפן די שוואַרצע כחות, וואָס באַדראָהען איר קיום פון אויסוועניג און פון אינעווייניג.

מיר רופן די ברייטע יידישע מאַסן צו שטיצן דאָס מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים אין דעם אויפבוי פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און ניט דערלאָזן די בורזשואַזיע קלאַסן פונם יידישן פאָלק ווידער צו פאַר־כאַפּן די מאַכט אין זייערע הענט.

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע איז די יידישע פאָלקס־מאַסן געגעבן געוואָרן די מעגליכקייט צו בויען אויף פרייע און דעמאָקראַטישע יסודות דאָס יידישע אויטאָנאָמע לעבן. נוצט זשע אויס די שעת הכושר און שאַפט אַזאַ מעכטיגן בנין, וועלכן קיין שום שטורעמס פון אויסער־ליכער און אינערליכער רעאַקציע זאָלן ניט קאָנען אומוואַרפן.

מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים

פון דער אוקראַינישער פאָלקס־רעפובליק.

א. רעוואוצקי.

קיעוו, יאַנואַר 1919.

אינהאלט

I	דער אויפשטאנד קעגן העטמאן און יידישע שטימונגען	5
II	מיין ערשטע באקאנטשאפט מיט דער אוקראינישער פראגע	12
III	דער אנהויב פון יידיש-אוקראינישער דערנעהענטערונג	20
IV	וועגן דער אידעאלאגיע פון דער אוקראינישער באוועגונג	26
V	די איינלאדונג קיין וויניצע	32
VI	ביים פארזיצער פון דער דירעקטאריע	39
VII	דער טריאומף-צוג קיין קיעוו	50
VIII	אונטערן דרוק פון באלאגערונגס-צושטאנד	57
IX	די בילדונג פון טשעכאווסקי'ס קאבינעט	65
X	די פארהאנדלונגען וועגן יידישן מיניסטעריום . . .	73
XI	די שווערע אנטשיידונג	81
XII	די פועלי-ציון און דער נאציאנאלער סעקרעטאריאט . .	91
XIII	מיניסטער אדער שטאט-סעקרעטאר?	99
XIV	דער לעצטער פרוב פון אן איינהייטס-פראנט	107
XV	אויפן שוועל פונם נייעם יאר	115
XVI	די שווערע כמארעס אויפן פאליטישן הימל	126
XVII	די דעקלעראציע פון דער דירעקטאריע	137
XVIII	אויף די שפורן פון די זשיטאמירער פאגראמשטשיקעס	148
XIX	די ארגאניזירונג פונם יידישן מיניסטעריום	161
XX	דער קאנטאקט מיט די סאציאליסטישע פארטייען . .	173
XXI	אינם מיניסטארן-ראט	182
XXII	האפנונגען און ווירקליכקייט	191
XXIII	די דראמאטישע נאכט-זיצונג	201
XXIV	די שווימענדיגע שפענדלאך	211
XXV	ערב דער עוואקואציע	219
XXVI	אין צושטאנד פון דעמיסיע	227
XXVII	דער לעצטער האפנונגס-שטראל	239
XXVIII	ענדליך פריי!	247
XXIX	קאווענקא	259
XXX	פעטלורע	281
XXXI	פון אדעס קיין גאליציע	292
XXXII	דער פענסטער קיין אייראפא	302

ביילאגע:

א. פועלי-ציון וועגן דער אוקראינישער פאליטיק . . .	313
ב. פראגראם-אויפרוף פונם יידישן מיניסטעריום . . .	316